STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06147

*Copyright in this work is held by Fundación IWO Buenos Aires, Argentina. The Yiddish Book Center is grateful to the copyright holders for permission to include this work in the Steven Spielberg Digital Yiddish Library.*

# DER FREMDER

Menahem Boraisha

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-06147-6

D:\YIDDISH\Titles\9780657061470T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

מנחם באַריישאָ

# דער פרעמדער
# און
# זאַוול רימער

*

יוסף ליפשיץ-פאָנד
פון דער ליטעראַטור-געזעלשאַפט ביים ייוואָ

**Menachem Boreisho — Der Fremder — Zawl Rimer**

**Menajem Boreisho — El Ajeno — Zavl el Talabartero**

Copyright 1968, by
ATENEO LITERARIO EN EL IWO
Pasteur 633
Buenos Aires

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723

Este libro se terminó de imprimir el día 24 de mayo de 1968, en en los Talleres Gráficos "Zlotopioro Hnos.", S. Luis 3149, Bs. Aires.

מנחם באָריישאָ

# דער פרעמדער און זאוול רימער

פראַגמענטן פון פאַרשאַרבעטן
צו דער כאַראַקטעריסטיק
און זכרונות

ארײַנפיר און רעדאַקציע
פון
שמואל ראָזשאַנסקי

PARA USO PERSONAL

34סטער באַנד פֿון ציקל

# מוסטערווערק פֿון דער יידישער ליטעראַטור

אַרויסגעגעבן פֿון

**יוסף ליפֿשיץ־פֿאָנד**

פֿון דער

**ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט בײַם ייִוואָ**
**אין אַרגענטינע**

אונטער דער רעדאַקציע
פֿון

שמואל ראָזשאַנסקי

קאָרעקטור

יעקבֿ יהושע לערמאַן

טיראַזש: 1.400 עקז׳

יאָר: ה׳תשכ״ח — 1968

**ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט ביים ייוואָ אין אַרגענטינע**

# תוכן


זײַט

בילד: מנחם באָריישאָ ........ 7

ביאָגראַפישע שטריכן ........ 8

שמואל ראָזשאַנסקי — אַוו איז דערגאַנגען מנחם און באָריישאָ? ........ 11

דער פרעמדער (מאָמענטן פון אַ הערצל־ביאָגראַפיע) .... 23

זאַוול רימער (אַ כראָניק אין 16 קאַפּיטלען) ........ 69

צו דער כאַראַקטעריסטיק

אַדאַ באָריישאָ־פאָגעל — איך דערמאָן זיך ........ 298

ש. ניגער — מיט וואָס איז דער גייער אַנדערש? ........ 305

יעפים ישורין — מנחם באָריישאָ־ביבליאָגראַפיע ........ 310

ש. ד. — נאָכבאַמערקונגען ........ 316



מנחם באָריישאָ אין 1925

# ביאָגראַפישע שטריכן

מנחם גאָלדבערג, וועלכער האָט ווי אַ שרײַבער פיגורירט צו ערשט אונטער זײַן ערשטן נאָמען, מנחם, און שפּעטער אונטער זײַן מאַמעס פאַמיליע־נאָמען, באָריישאַ, איז געבוירן געוואָרן דעם 26סטן יאַנואַר 1888 אין בריסק דליטא.

דער טאַטע, נח גאָלדבערג, איז געווען אַזאַ מין העברעיִשער לערער, וואָס האָט די זין זײַנע דערצויגן מיט ליבשאַפט צום ספר און בוך, מיט אינטערעס פאַר יידישע כלל־אינטערעסן און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. און אַלע זײַנען זיי טאַקע אַוועק אויף די דאָזיקע וועגן, הגם אין פאַרשיידענע ריכטונגען: ווער צו יידישיזם, ווער צו ציוניזם און ווער צום קאָמוניזם. דער ברודער אַברהם גאָלדבערג, רעדאַקטאָר פון וואַרשעווער הײַנט, איז אַוועק קיין נאָרד־אַמעריקע און געוואָרן דער וואָרטזאָגער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דער יידישער פּרעסע.

מנחם, הגם ער איז געוואָרן מיטאַרבעטער אין הײַנט, איז שרײַבעריש נישט געגאַנגען צו זײַן ברודער אין חדר, נאָר צו י. ל. פּרצן, וועלכער איז געוואָרן זײַן רבי, זײַן אמתער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר, זײַן באַשיצער און דערמוטיקער.

*

מנחם באָריישאַ, וועלכער איז אין דער יידישער ליטעראַטור אָנגענומען ווי אַ לומדישער שרײַבער, איז גאָר קיין מאָל אין קיין חדר נישט געגאַנגען. ער איז געווען קרענקלעך — האָבן טאַטע־מאַמע מורא געהאַט אים אַוועקצושיקן פון דער היים. נאָר דער טאַטע האָט מיט אים געלערנט און זיך געזאָרגט, ער זאָל קענען.

דערפאַר אָבער איז ער יאָ געגאַנגען, מנחם, אין דער רוסישער שטאָטשול, ווען ר'איז געווען שוין אַ ביסל אונטערגעוואַקסן. נאָר ווי ער איז צוגעקומען צו די 16 יאָר, האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו פּאַרטיי־אַרבעט, געוואָרן אַ מיטגליד פון פּועלי־ציון. ר'איז אָבער נישט געבליבן בײַ איין פּאַרטיי.

ער האָט געהאַלטן אין איין רעווידירן זײַנע אייגענע פּאָליטישע אידייען און שטענדיק אויסגעפונען, אין וואָס ער איז מחולק.

פון די פריִע יאָרן שוין געווען גענייגט צו זעלבסטקריטיק.

*

מנחם האָט פרי אָנגעהויבן שרײַבן. אין יידיש און אויך רוסיש געשריבן לידער. און אַזוי ווי זײַן היימשטאָט האָט קיין ליטעראַרישע סביבה נישט געהאַט, האָט אים געצויגן קיין וואַרשע, ווו י. ל. פּרץ, גלײַך נאָכן באַזעצן זיך, האָט אָנגעהויבן קריגן דעם שם פון אַ מדריך פאַר יונגע שרײַבערס.

און עס האָט אים שוין איין מאָל געלוינט צו קומען אין וואַרשע און קר־

מען צו פּרצן! ער האָט אים מקרב געווען, פּרץ. בעת אַנדערע, דער עיקר יונגע שרײַבערס, האָבן פֿון זײַן שרײַבן ווייניק געהאַלטן, האָט אים פּרץ געמונטערט און מיט פֿאַרגעניגן אים אַרײַנגענומען אין די זאַמלביכער און זשורנאַלן, וואָס ער האָט רעדאַקטירט.

דער וועג איז געווען די אויסגאַבע, וווּ ער האָט דעבוטירט: פּרץ האָט דאָרטן פֿאַרעפֿנטלעכט מנחמס ערשטע לידער אין 1907. „קדוש" האָט געהייסן ס'ערשטע ליד, ווי מ. גיט אַליין אָן.

ער האָט הצלחה צו צײַטונגען, און דווקא נישט מיט לידער, נאָר מיט אַרטיקלען און פֿעליעטאָנען. און אַזוי ווי ס'איז אין וואַרשע אין יענער צײַט, אין 1908, די טעמע פֿון טאָג ייִדיש טעאַטער, שרײַבט ער וועגן טעאַטער.

צו טעאַטער האָט ער זיך נאָך דעם אַ סך מאָל אומגעקערט, דער עיקר צו טעאַטער־פּראָבלעמען.

*

דער קרענקלעכער מנחם איז גראָד אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז ס'איז קיין מניעה נישט געווען, ער זאָל גיין דינען. און ער האָט אַ 3 יאָר אָפּגעדינט, 1909—1911. די דאָזיקע איבערלעבונגען און דערפֿאַרונגען האָט ער געשילדערט אין פּראָזע, אין אַ גרויסער צאָל קאַפּיטלען, אין הײַנט און דאָס ייִדישע וואָכנבלאַט.

אין פּוילן האָט דעמאָלט געבושעוועט אַנטיסעמיטיזם. אין דער זעלביקער צײַט האָבן פּוילישע פּאַרטייען געזוכט אויסצוניצן די ייִדישע שטימען בײַ די וואַלן. וועגן דעם זײַנען פֿאָרגעקומען צווישן ייִדן גופֿא שאַרפֿע מחלוקתן. שרײַבט מנחם אָן אין 1914 די פּאָעמע פּוילן, אין וועלכער ער שטעלט־פֿאָר די ייִדיש־פּוילישע באַציִונגען, צוזאַמענשטויסן און דראַמאַטישע סיטואַציעס.

די 1טע וועלט־מלחמה ברעכט־אויס. מנחמען איז געלונגען אָנצוקומען אין שווייץ און פֿאָרצוזעצן דעם וועג קיין נאָרד־אַמעריקע. זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק און — 35 יאָר האָט ער דאָרטן געלעבט און געשאַפֿן.

*

אין ניו־יאָרק ווערט מנחם גאָר גיך אַקטיוו צווישן ליטעראַרישן יונגוואַרג. און כאָטש עס פֿעלן דאָרטן נישט אַזעלכע וואָס צווייפֿלען אין זײַן טאַלאַנט, ווערט ער צוזאַמען מיט משה־לייב האַלפּערן דער רעדאַקטאָר פֿון דעם זאַמלבוך איסט־בראָדוויי, וואָס איז דער עיקר אַ טריבונע פֿאַר יונגע ליטעראַטן.

אין דער זעלביקער צײַט, וואָס ער אַרבעט־מיט אין עטלעכע צײַטונגען ווי אַ זשורנאַליסט, גייט ער אָן מיטן שרײַבן לידער, און ער שרײַבט זיי אַזוי, אַז זיי זאָלן שפּעטער זײַן טיילן פֿון פּאָעמעס און גאַנצע ביכער. דאָס באַמערקט מען ערשט אין יאָרן אַרום. זײַן ערשטע לידער־זאַמלונג הייסט טאַקע אַ רינג אין דער קייט, דערשינען אין 1916. אין 1920 דערשײַנט אין בוכפֿאָרעם זײַן פּאָעמע זאַמד.

אַזוי ווי ער איז דורכגעדרונגען מיט די געשעענישן פֿון ייִדישן לעבן אין

מזרח־אייראָפּע, ווערט ער אַרײַנגעצויגן אין דער הילף־אָרגאַניזאַציע דזשוינט, ווו ער איז דער שעף פון דער פּרעסע־אָפּטיילונג ביז 1929.

אין 1923 דערשײַנט זײַן זאַוול רימער, אַ ראָמאַן אין פּערזן, ווו עס ווערט אויך געשילדערט די ייִדישע לאַגע אין דער 1טער וועלט־מלחמה.

מ. באַזוכט אין 1926 פּוילן און ראַטן־פֿאַרבאַנד. ער פֿאַרעפֿנטלעכט רײַזע־בילדער, וואָס מאָלן די סאָציאַלע ענדערונגען און קאָנפליקטן אינעם ייִדישן לעבן. ער איז אַ מיטאַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער מאָרגן־פֿרײַהייט. אין דעם זעלביקן יאָר פֿאַרעפֿנטלעכט ער די דראַמאַטישע פּאָעמע דער גילגול, ווו ער שטעלט־פֿאָר די צוזאַמענשטויסן און באַציִונגען צווישן ייִדן און פּאָליאַקן. די אידייען און שטימונגען, וואָס באַהערשן ביידע פֿעלקער, ווען זיי באַגעגענען זיך אין טעג פֿון שפּאַנונג און קאָנפליקטן.

*

מנחם, וועלכער איז צוזאַמען מיט אַ גרופּע פֿון די פּראָמינענטסטע שרײַבערס אין ניו־יאָרק געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין מאָרגן־פֿרײַהייט, איז צוזאַמען מיט די זעלביקע אַרויסגעטראָטן אין יאָר 1929 פֿון דער קאָמוניסטישער צײַטונג, ווען זי האָט באַרעכטיקט די אַראַבישע פּאָגראָמען אין ארץ־ישראל און געוואָרפֿן די שולד אויפֿן ציוניזם. ער העלפֿט דעמאָלט אויפֿבויען דאָס ייִדישיסטישע וואָכנבלאַט וואָך און שפּעטער ייִדיש, וואָס איז די טריבונע פֿון די אַרויסגעטראָטענע שרײַבערס.

*

אין דעם לעצטן פּעריאָד פֿון זײַן לעבן ווענדט זיך מ. צו תּנכישע מאָטיוון און צו דער לומדישער וועלט.

דאָס ערשטע ווערק פֿון דעם מין איז זײַן טעאַטער־שפּיל דער פּאַסטעך דוד.

פֿון 1933 אַרבעט מ. אַ גאַנצן יאָרצענדלינג אויף זײַן גרעסטן ווערק דער גייער. דאָס דאָזיקע ווערק האָט אים געמאַכט אַ גרויסן שם און אַוועקגעשטעלט צווישן די וויכטיקסטע שאַפֿערס פֿון ייִדישן וואָרט אין זײַן דור.

געזעלשאַפֿטלעך אַקטיוו בײַ פֿאַרשיידענע איניציאַטיוון פֿון צענטראַלע קולטור־אינסטיטוציעס, ווערט ער אַ וועגווײַזער אין די ייִדישיסטישע קרײַזן. אין דער בראָשור די געשיכטע פֿון ייִדיש (1946) הייבט ער אַרויס די נאַציאָנאַלע באַדײַטונג פֿון ייִדישן לשון אין זײַן היסטאָרישן גאַנג.

אין 1947 דערשײַנט אַ זאַמלונג פֿון מ. באָריישאָס אויסגעקליבענע לידער און פּאָעמעס פֿון 1907—1933 א״נ אַ דור. זײַן שאַפֿן ציט די אויפֿמערקזאַמקייט אַלץ מער און מערער. ער ווערט אָבער פּריצײַטיק אַרויסגעריסן פֿון פּרוכטיקן לעבן. זײַן טויט, דעם 12טן פֿעברואַר 1949, רופֿט אומעטום אַרויס צער און ווייטיק. ס׳איז געבליבן דער אײַנדרוק, אַז ער האָט זײַן ליד נאָך נישט דערזונגען.

*

אין 1950 זײַנען אין אַ בוך דורך דורות דערשינען מ. באָריישאָס נישט־פֿאַרענדיקטע שאַפֿונגען, „משה" און „חשבון אויפֿן אַש".

## אַווו איז דערגאַנגען מנחם און באָריישאָ?

### אַרומזוכנדיק זיך אַליין אַ גאַנץ לעבן

זייער לאַנג און זייער שווער איז מנחם באָריישאָן באַשערט געווען צו ראַנגלען זיך ביז ער האָט דערגרייכט די פּראָמינענטע פּאָזיציע אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

נישט איין קריטיקער האָט אים פֿאַר דער צײַט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. „מנחמס תּפילות זײַנען אָנגעשריבן — מיינט אונדזער ערשטער שאַרפֿזיניקער עסטעטישער אַנאַליטיקער אין 1908 נישט מער ווי — קאַליגראַפֿיש קלאָר... ער האָט, מיר דוכט זיך, קיין מאָל נישט געפֿילט דעם טעם פֿון וועלן און נישט קענען... זיצט זיך מנחם מיט אַ פֿאַרטיקן ליטעראַרישן ווערטערבוך, מיט אַ פֿאַרטיקע, ווי ערגעץ גענומענע, ליטעראַרישע פֿאָרעם, מיט אַ פֿאַרטיקן, קלאָרן פּראָגראַם, קלאָר ווי אַ געאָמעטרישע פֿיגור, און שרײַבט זיך געלאַסן, רויִק דאָס, וואָס ער וויל. מנחם — גיט דער קריטיקער צו סאַרקאַסטיש — איז געוויס זייער אַ באַגאַבטער מענטש, אָבער אים פֿעלט די הויפּטזאַכע — טאַלענט... ער געהערט צו דעם טיפּ שרײַבערס, וואָס... מען קען זיי פֿאַרגלײַכן מיט די סאַרווערס אויף אַ חתונה, וואָס קענען פֿײַן דעקאָרירן די טישן און אויסשטעלן אויף זיי די שענסטע ווײַנען און פֿרוכטן. טרינקען אָבער דעם ווײַן טוען טרינקען אַנדערע, און די סאַרווערס, נעבעך, ווייסן נישט דעם טעם זייערן"[1]... אַפֿילו אין 1919 דערגייט אַ פֿײַנשמעקער מנחמען די יאָרן. „וואָרום — פֿרעגט ער מיט איראָניע — האָט ער נישט איבערגעלאָזן וואַרשע אין וואַרשע און פוילן — אין פוילן?"[2] און ער אַליין האָט אויך צו זיך נישט

---

[1] בעל־מחשבות — אין קונסט און לעבן נ׳ 2, רעדאַקטירט פון אַברהם רייזען.

[2] משה נאַדיר — מײַנע הענט האָבן פֿאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט, ניו־יאָרק 1919, ז׳ 62.

קיין קלענערע טענות. „עס איז מיט מיר פֿאָרגעקומען — זאָגט ער — אַ פֿאַטאַלער טעות: איך האָב באַדאַרפֿט זײַן מײַן טאַטנס זיידע און נישט זײַן זון״ [3]...

מנחם גאָלדבערג, וועלכער איז אַרײַן אין דער יידישער ליטע־ראַטור צו ערשט אונטערן נאָמען מנחם און דערנאָך ווי מ. באָריישאָ, האָט אַ גאַנץ לעבן זיך אַליין אַרומגעזוכט.

קודם־כּל האָט אין אים זיך געראַנגלט דער ליטעראַט מיטן זשורנאַליסט. אין סטיל, ווי אין דער טעמאַטיק.

פּונקט ווי עס האָט זיך אין אים געראַנגלט דער סענטימענטאַ־לער איך־זאָגער מיטן זינגער פֿון כּלל־ישׂראל.

ווי עס האָט זיך אין אים געראַנגלט דער שרײַבער, וואָס רעאַ־גירט אויף ברענענדיקע אַקטועלע יידישע פֿראַגעס, מיטן מעדיטי־רער איבער אייביקייט־מאָטיוון.

וואָרן עס איז פֿאַראַן בײַ מנחם באָריישאָ גאַנץ אָפֿט אַזאַ זאַכלעכקייט אין זײַנע פּערזן, ווי מ׳טרעפֿט דאָס בײַ אַ פּובליציסט. אַפֿילו ווען ער פֿאַלט־אַרײַן אין עקזאַלטאַציע, איז ער זאַכלעך. אַפֿילו ווען ער איז מטושטש אין דער לירישער מעדיטאַציע, איז בײַ אים דאָ היפּש אינפֿאָרמאַציע, געבונדן מיט אַקטואַליע.

און ס׳איז קיין נײַס נישט, אַז מ׳האָט ווייניק צוטרוי צו פּאָעטן, וועלכע מעדיטירן אַ סך...

און מנחם באָריישאָ איז גלײַך פֿון אָנהייב אָן אַרײַן אין דער לי־טעראַטור ווי אַ פּאָעט וואָס האָט ליב זיך צו חקרענען. נישט בלויז איבערן אייגענעם גורל, נאָר דער עיקר איבערן גורל פֿון זײַן דור.

## „פֿאַר מײַן היימלאָזער נשמה״

נאָך מיט 35 יאָר פֿאַר זײַן טויט האָט מנחם געזאָגט אין זײַן פּאָעמע וואָגלוועג: ער וואָלט בײַם לעבן געוואָלט „דאָס רעכט פֿון מתים האָבן״ צו „קענען אָנזאָגן מײַן ווילן / דורכן חלום״, דעמאָלט —

---

[3] מ. באָריישאָ — „מיט דעם דור״, אין אַ דור, נ״י 1947, ז׳ 289.

„וואָלט איך צו דעם טאַטן קומען,
אים אַזוי צו זאָגן:
— טאַטע מייַנער!
גיי־אַוועק אין יענעם שטעטל,
ווּ דו האָסט דײַן שטילע יוגנט
אָפּגעוואָגלט,
טאָג אויף טאָג בײַם האַרטן שטענדער
און די נעכט אויף בענקלעך האַרטע.
גיי אין קלויז אַרײַן,
ווּ די ווענט, געקרימט פון עלטער,
וועלן נאָך דײַן קול דערקענען,
און זאָלסט בעטן:
ס׳האָט מײַן זון אַ ווירבל־שטורעם
פון זײַן היים אין ווײַטער פרעמדקייט
אָפּגעריסן
פרעמדע לענדער, פרעמדע פעלקער
קענען נאָר דעם קאָפּ, דעם מידן,
אָפּרו געבן.

אָבער ס׳איז נישטאָ קיין ווינקל
אין דער פרעמד פאַר אַ נשמה,
אַ פאַרבענקטער
נאָכן קוואַל פון איר חיונה.
כאָטש איר האָט זײַן שטימע קיין מאָל
נישט פאַרנומען,
דאָך פון ווײַטענישן אייביק
האָט צו אײַך מײַן זון גערופן.
ווענט, איר אַלטע,
וואָס איר האָט אַזוי פיל דורות
שטילע, ציט׳ריקע נשמות
שוין באַשירעמט.
נעמט־אַרײַן אויך די נשמה
פון מײַן זון, אין פרעמד פאַרוואָגלט,
און באַשיצט זי...
זאָלסט אַזוי זיי, טאַטע, בעטן.
און אין ווינקל, ווּ מײַן יוגנט
איז פאַרגאַנגען
אין אַ פרומען אומעט־ניגון,
זאָלסטו אָנצינדן אַ ליכטל,
אַ נר־תמיד
פאַר מײַן היימלאָזער נשמה — —
זאָל כאָטש דאָרט אַ פלעמל צאַנקען
פאַר מײַן לעבן
אינעם אומעטיקן ווינקל,
וואָס וועט שוין מײַן שטימע קיין מאָל
נישט דערהערן״.

פאַר דעם יונגן מנחם איז שוין קלאָר געווען — בײַ זײַן גאַנצן אַרומבלאָנדזשען אַ גאַנץ לעבן — וואָס ער דאַרף זוכן: אַ נר־תמיד פאַר מײַן היימלאָזער נשמה. נאָר ווי און ווּ דאָס געפינען?

שוין אין זײַן ערשטן ליד, קדוש, געדרוקט אין 1907, איז געווען דער קערן פון זײַנע שפּעטערדיקע אידייען, אַפילו פון זײַן לעצטן אַרטיקל... „איך? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט, וואָס ער איז, און תיכף ומיד אַליין אָפּגעענטפערט — איך בין קראַנק, איך בין שיכּור פון גלויבן״...

ער רעדט אַזוי, אין פערזן, ביז ער דעררעדט זיך:

„גאָט וויל אַזוי, דער אַלמעכטיקער הייסט —
אָטעמט און לעבט מיט זײַן ווילן די וועלט.
ער האָט אַ בענקשאַפט פאַרזייט אין דער וועלט
— — — — — — — — — — — — —
אָטעמט די וועלט מיט זײַן ווילן און בענקשאַפט".

צווישן די דאָזיקע פערזן געפינט זיך אַ שורה, וואָס קלינגט אונדז זייער היימיש. „ציטערסטו!? — פרעגט מנחם — צאַפּלסטו!? צאַפּל און ציטער!" אָט די ווערטער זײַנען אין יענער צײַט אויסגעזונגען געוואָרן דורך י. ל. פרצן אין זײַן דראַמע דער נסיון, וואָס איז צום ערשטן מאָל געשפּילט געוואָרן אין 1906 דורך די קאַמינסקיס אין וואַרשע און וואָס פרץ האָט שפּעטער אָנגערופן די גאָלדענע קייט. דאָס זײַנען ר' שלמהס רייד — די נשמה צאַפּלט און ציטערט, ווײַל זי שוועבט אין די עולמות העליונים... דאָס זײַנען פּרצעס ווערטער — די דאָזיקע ווערטער האָבן דעם צווייפלענדיקן מנחם פאַרכישופט.

מנחם און באָריישאָ — בײַ דער גאַנצער אינטעלעקטועלקייט — איז אָפט נישט בלויז סענטימענטאַל, נאָר ער פאַלט אויך אַרײַן אין עקסטאַז.

מנחם און באָריישאָ איז געגאַנגען צו פּרצן — זײַן רבין.

„ער האָט אַ בענקשאַפט פאַרזייט אין דער וועלט".

און די דאָזיקע בענקשאַפט איז בײַ אים דרײַ מאָל הייליק:

„קדוש, קדוש, קדוש"...

די דאָזיקע פערזן זײַנען ווי פּאָעזיע זיכער ווייניק מוזיקאַליש און צו פיל באַריידעווודיק, צו פיל כוללדיק, צו פיל סינטעטיש, ממש אונטערצי, אַלץ אייגנשאַפטן וועלכע העלפן נישט צו שאַפן שטימונג, נאָר — שטערן. דערפאַר אָבער זײַנען די דאָזיקע פערזן זייער אַ וויכטיקער דאָקומענט, וואָס כאַראַקטעריזירט די פּערזענלעכקייט פון דיכטער. אין פאַרשיידענע שפּעטערדיקע שאַפונגען, הן מנחמס, הן באָריישאָס, זעט מען די פּערזענלעכקייט, וואָס ווי זי איז געשלאָגן געוואָרן דורך ספקות, איז זי שיכור פון גלויבן.

## מיט די פֿיס אין אַמעריקע, מיטן האַרצן אין מזרח־אייראָפּע

מנחם, צעטרייסלט פֿון טיפֿן קריזיס אינעם יידישן רעליגיעזן לעבן בײַם אָנהייב פֿון 20סטן יאָרהונדערט, האָט מיטן איבערוואַנדערן פֿון וואַרשע קיין ניו־יאָרק נישט געפֿונען קיין מקום מנוחה. אויב דער קאָסמאָפּאָליטיזם און די סאָציאַליסטישע אַפּיקורסות פֿון דער ניו־יאָרקער גאַס פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דערפֿירט צו שאַבלאָנען, צו רוטינערייד, האָבן אָבער די טרויעריקע געשעענישן אין אייראָפּע געצווּנגען צו פֿאַרטראַכטן זיך איבער דעם נײַעם גורל פֿון די מזרח־אייראָפּעישע יידן. זיי פֿאַרכאַפּן גאָר באַזונדער מנחמען. די נײַע פּײַנען פֿון די יידן אין פּוילן צערודערן טיף די סענסיטיווע נאַטור פֿון דעם מעדיטירנדיקן דיכטער. פֿאַר דעם טאַלאַנטפֿולן קיבעצער, וואָס פֿאָדערט פֿון דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור לאָקאַליזם, קען זײַן רעכט צו פֿרעגן: „וואָרום האָט ער נישט איבערגעלאָזט וואַרשע אין וואַרשע און פּוילן — אין פּוילן?", אָבער פֿאַרן זוכער פֿון עטישע ווערטן אין דער ליטעראַטור איז קלאָר, אַז עס טאָר נישט איגנאָרירט ווערן די ביטערע ווירקלעכקייט דאָרטן...

דער זאָ טאָר נישט באַעוולהן דעם דאָרטן.

דווקא די יונגע האָבן געוויזן, אַז די „אַלטע" פּראָבלעמען טאָרן נישט איגנאָרירט ווערן, בפֿרט נאָך ווען זיי ווערן שטאַרק פֿאַראַקטואַליזירט. יוסף אָפּאַטאָשו ווערט דעריבער אין אַמעריקע דער דערציילער פֿון יידן אין פּוילן און ער הייבט־אַרויס גאַנץ באַזונדער אין פּוילישע וועלדער, סײַ דעם יידישן דרך אין די וואָכעדיקע טעג, סײַ אין שבת און יום־טובֿ. אין דער דאָזיקער פּראָבלעמאַטיק דרינגט אַרײַן נאָך טיפֿער מנחם. אין זאַוול רימער ווערט געשילדערט דאָס חרובֿע יידישע לעבן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת אין דער פֿאָעמע פּוילן ווי אין דער דראַמע גילגול ווערט געוויזן דער קאָנפֿליקט, צוזאַמענשטויס און ברוטאַלער נאָנסענס פֿון דער שׂנאה מצד די פּאָליאַקן צו די יידן, ווו זיי זײַנען שכנים און שותּפֿים הונדערטער יאָרן. דער ייד וויקטאָר בעקער, אין גילגול, וויל צווינגען זײַן

נישט־ייִדישן חבֿר, ער זאָל ווערן זײַן תּליון, אָבער יענער וויל נישט: אַז מ׳גיט נאָר אַ טראַכט, זעט מען דעם אַבסורד פֿון אָט דער שׂנאה... וואָס טוט מען אָבער, אַז מענטשן זאָלן טראַכטן — איידער זיי טוען?

מנחם גלייבט אין מענטשן. וויפֿל ספֿקות ער האָט, וויפֿל אַנטוי־שונגען ער לײַדט, איז אָבער נאָך שטאַרקער אין אים די אמונה, אַז דער מענטש איז פֿעיִק צו באַקעמפֿן אין זיך די רשעות. און די דאָזיקע געפֿילן באַהערשן אים איבער הויפּט, ווען ער ווײַזט גראָד, ווי מענטשן, אויף דעם גליטשיקן באָדן פֿון מזרח־איראָפּע, הייבן זיך אַליין אויף, נאָך דעם ווי זיי ווערן געשטרויכלט. ספּעציעל ווײַזט ער דאָס אין זײַן גרעסטן ווערק. „ער זאָגט אונדז, אַז דער מענטש קאָן זיך אַליין דערלייזן, זוכנדיק און געפֿינענדיק אין זיך די ליכ־טיקסטע פֿון אַלע שיינקייטן — די שיינקייט פֿון קדושה״ [4].

צו דעם איז מנחם געגאַנגען דורך טונקלקייטן אינעם ערשטן פּעריאָד פֿון זײַן שאַפֿן און צו דעם איז מ. באָריישאָ דערגאַנגען אינעם צווייטן פּעריאָד פֿון זײַן שאַפֿן, ווען דער וועג איז שוין פֿאַר אים געוואָרן אויסגעליכטיקט.

אינעם ערשטן פּעריאָד האָט מנחם געזוכט אַרויסצופֿירן דער עיקר געשטאַלטן, אין וועלכע די אידיי פֿון קדושה זאָל שטיין אי־נעם צענטער — זײַנען די געשטאַלטן אים גיכער געראָטן ווי די אידייען.

אינעם צווייטן פּעריאָד האָט מ. באָריישאָ געזוכט דער עיקר די אידייען — זײַנען די אידייען מערער געראָטן ווי די געשטאַלטן.

שילדערנדיק די געשטאַלטן, איז מנחם מער דערציילעריש — שרײַבט ער אָפֿט פּראָזע אין פֿערזן.

עקספּאָנירנדיק אידייען, גראָד ווען ער עקספּאָנירט די גרויסע אידייען פֿון ייִדישע באַוועגונגען אין זײַן יאָרהונדערט, איז מ. באָ־ריישאָ פּאָעטיש שטאַרק באַפֿליגלט.

זעלטן איז ייִדישע דיכטערס אַזוי געלונגען צו זײַן פּאָעטיש

---

[4] ש. ניגער — „דער גייער״, די צוקונפֿט, נ״י 1943, ז׳ 176.

ביַים שילדערן אידייען, ווי דאָס געלינגט זייער אָפּט מ. באָרײשאָן.

דאָס, וואָס ער איז וווינענדיק אין אַמעריקע געבליבן טיף פאַר־וואָרצלט אין מזרח־אייראָפּע און געהאַלטן פאַר זיַין לעבנס־חוב צו שילדערן די גיַיסטיקע יערונגען אינעם ייִדישן לעבן, האָט אים גע־פירט צו ווערן איינער פון די אינטעלעקטועלסטע ייִדישע דיכטערס.

## דער מאָלער פון פערזענלעכקייטן

מנחם און באָרײשאָ האָט מער ווי אַלץ ליב צו וויַיזן, ווי דער מענטש געפינט זיך כמעט שטענדיק צווישןביידע עקסטרעמען, צווישן גוטס און שלעכטס — און מערסטנס קען ער זיך קיין עצה נישט געבן. און ער האָט ליב צו וויַיזן אין אַזעלכע סיטואַציעס דווקא מענטשן מיט פערזענלעכקייט — אויך זיי קענען זיך קיין עצה נישט געבן... „ווער פירט מיך? — פרעגט דער פרעמדער — ווער פירט מיך: דער שׂטן צי גאָט?“

אין דער לויז געבונדענער פּאָעמע „דער פרעמדער“ פּרובירט מנחם שילדערן „מאָמענטן פון אַ הערצל־ביאָגראַפיע“ און ער מאָלט די גראַנדיאָזע געשטאַלט פון סוף 19טן יאָרהונדערט, אָבער אין זיבעצן האָט ער נישט בלויז דעם 19טן י״ה. ער זוכט די פאַראַלגעמיינערונג. די שותּפותדיקע אידיי פון אַלע ציַיטן. ער זוכט די אייביקייט אין היַינט... וויַיל די אייביקייט חזרט זיך איבער... וואָרן „ס׳ווערט פרי־לינג פון ווינטער און מאָרגן פון נאַכט“. וואָרן דאָס איז שוין דער דרך פון דער גרויסער פערזענלעכקייט: „געלעבט און געטראַכט מיטן גאָר לעצטן דור, / געבוירן דאָך איז ער שוין טויזנטער יאָר“... אַזוי איז טעאָדאָר הערצל אין פאַרשיידענע מאָמענטן ענלעך צו משה רבינו. ווען משה רבינו וויַיזט דעם „פרעמדן“, הערצלען, דאָס הייליקע לאַנד — צע־ווײנט ער זיך. פרעגט אים דער פרעמדער: „מיַין רבי, דיַין וויינען אַצינד וואָס באַטיַיט?“ ענטפערט אים משה רבינו: „אויך איך האָב אַמאָל זיי פון קנעכטשאַפט באַפריַיט“. מיר האָבן דאָ דעם אייביקן קאָנפליקט צווישן פירער און געפירטע, די אייביקע טיפע דראַמע צווישן דער פערזענלעכקייט מיט הויכן שווונג און דער מאַסע, וואָס

ווײל די גאולה ווי „אַ בולקע מיט פּוטער״... און הגם מנחמס פֿרעמדער לײַדט פֿון פֿראַגמענטאַרישקײט, מ׳זעט ווי די עפּיזאָדן זײַנען מערסטנס אָפּגעריסן אײנע פֿון די אַנדערע, דאָך איז פֿאַראַן דער עיקר: אומרו. מ׳פֿילט אין יעדן עפּיזאָד, אַז הערצלס גרויסע דראַמע איז, וואָס ער איז נאָך אַלע זײַנע נצחונות — אומעטום אַ פֿרעמדער. ער האָט אין קײן אײנער פֿון די ייִדישע וועלטן נישט געקענט זיך אַרײַנפּאַסן!

אַ צווייטער מוסטערטיפּ פֿון דעם מין איז זאַוול רימער. הגם ער האָט נישט קײן שום אַמביציע אַ דעה צו זאָגן — פּונקט פֿאַרקערט ווי דער פֿרעמדער — איז ער אין אַ סך פּרטים אַ צווייטער וואַריאַנט. דער גרונטיקער חילוק איז נאָר, וואָס הערצל איז אַן אַריסטאָקראַט, בעת זאַוול רימער איז צופֿרידן, אַז מ׳לאָזט אים זײַן פֿאַררוקט אין אַ ווינקל. דער פֿרעמדער שטראַלט כּסדר אַרויס פֿון זיך, וואָרן ער שטייט העכער פֿון אַלעמען, בעת זאַוול רימער שטראַלט־אַרײַן אין זיך און וויל כּסדר פֿאַרבלײַבן אַ נסתּר. זאַוול נייטיקט זיך אין דער אינטעליגענץ, אָבער ווען ער קומט אין איר באַלעבאַטישער סבֿיבֿה פֿילט ער זיך דערנידעריקט. ווי קומט אַ בעל־מלאכה זיך צו פֿאַרליבן אין גבֿירישע טעכטערלעך? אין דער כּאַטישקייט פֿון סענטימענטן פֿאַרלירט זיך זאַוול אויף אַ ווײַלע און ווערט אַפֿילו דער טאַטע פֿון אַ קינד, וואָס ער האָט קײן מאָל נישט געוואָלט האָבן. ער האָט אָבער אי געענוג באַוווסטזײַן אי געענוג געוויסן, אַז ער זאָל בלײַבן — ער. ס׳איז שווער, דאָך באַהערשט ער זײַנע מאָראַלישע פּרינציפּן, כאָטש ער מײַדט־אויס וועגן זיי צו ריידן. זאַוול היט זיך פֿאַר רייד ווי פֿאַר שונאים... ער יאָגט זיך אויך נישט נאָך פֿרייד. וואָרן דאָס לעבן האָט אים געלערנט:

„דו זאָלסט נישט גיין אַהין צוריק,
ווו ס׳איז געוועזן פֿרייד און גליק,
נאָר אין דער בענקעניש זיך קערן,
ווו ס׳איז געוועזן לייד און טרערן״.

ווי האַרב עס איז צו אים דער גורל, באַקלאָגט ער זיך נישט

אויף זײַן דאָליע. די ליידן לערנען אים מער ווי די פֿריידן. דערפֿאַר האָט ער אויף זיך נישט קיין רחמנות. דער גייער זאָגט: „כ׳וויל נישט זײַן קיין יתומל, כ׳וויל מע זאָל מיך שלאָגן!“

מנחם, פּונקט ווי באָריישאָ, פֿירט־אַרויס שטאַרקע מענטשן־פּערזענלעכקייטן. זיי גייען קעגן שטורעמווינט. זיי שווימען קעגן שטראָם. נח מאַרקאָן אין גייער זאָגט: „בײַ אונדז... ווערט די תּורה געפּלאַנצט מיט די צווײַגן אַרונטער“. ער זאָגט צו זײַנע יונגע חבֿרים: „ס׳איז גוט, וואָס איר זײַט זאַמד אין די אויגן / פֿון אַלע וואָס האָבן מאַכט. / ס׳איז גוט, וואָס דער מינדסטער אָנדײַט אויף נס, אויף משיח, האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון אײַך. / ס׳איז גוט, וואָס איר וועט זיך דאַרפֿן ברעכן / דורך די נעצן פֿון שטאָל און אײַזן. / ס׳איז גוט. דאָס איז גאַנג“.

דאָס איז דער אויספֿיר, צו וועלכן עס איז דערגאַנגען מנחם באָריישאָ: גיין. „ס׳איז נישט קיין גאַנג אויף צוריק — זאָגט דער גייער בײַם סאַמע סוף — דו גייסט אַלץ ווײַטער, ווו, אין וועלכער זײַט דו זאָלסט זיך נישט קערן“.

מנחמס און באָריישאָס געשטאַלטן גייען אָן אויפֿהער — צי עס גייט זיי גוט, צי עס גייט זיי שלעכט — פּאַסיוו זײַנען זיי קיין מאָל נישט. וואָרן אַז מ׳גייט, האָט מען שאַנסן צו געפֿינען, אַפֿילו ווען מ׳זוכט נישט... בפֿרט נאָך ווען מ׳זוכט.

גייען זיי, גייען, גייען.

## דער צוזאָגער וואָס האָט געהאַלטן וואָרט

אַזוי איז מנחם באָריישאָ — גייענדיק אָן אויפֿהער, נישט מאַכנדיק זיך קיין ווערן פֿון דער קריטיק, וואָס איז עלול געווען אים איבערצוהאַקן דעם וועג — דערגאַנגען צו די העכסטע פּאָזיציעס אין דער נײַער יידישער ליטעראַטור. „דער גייער איז אַזוי ווי אַן אָפּשלוס פֿון אַ לאַנגן, מאַטערנדיקן וועג, פֿול מיט דענקערישן זוכן און דיכטערישן זעלבסט־אַנאַליז — אַ וועג וואָס האָט זיך געצויגן פֿון תּפֿילות אין פּוילן, דורך זאַמד, ביז דעם גייערס, נח מאַרקאָנס,

וואַנדערונגען״ [5]. דורך אָט דעם „דיכטערישן זעלבסט־אַנאַליז״ זעען מיר די וויכטיקסטע ייִדישע באַוועגונגען פֿון די לעצטע אָנדערט־האַלבן הונדערט יאָר, דער עיקר חסידיזם, השׂכּלה, סאָציאַליזם, וואָס זיי זייַנען די רויערד, פֿון וועלכער ס׳איז אַרויסגעוואַקסן דער פּאָלי־טישער ציוניזם און די מאָדערנע ייִדישע קולטור־פּאָליטיק.

מנחם באָריישאָ, וועלכער האָט אַ צייַט געהערט צום ראַדיקאַל־סטן לאַגער, האָט נישט מורא געהאַט זיך אַליין צו באַטראַכטן פֿאַר אַ שרייַבער פֿון מוסר־ספֿרים. זייַן בוך זאַמד האָט ער אַליין אָנגע־רופֿן מוסר־בוך, כאָטש בייַ די פֿייַנשמעקערס איז שוין געוואָרן אָנ־גענומען, אַז ווו מוסר — דאָרט הינקט־אונטער די קונסט... דאָס האָט אים קיין מאָל ניט אָפּגעהאַלטן פֿון זוכן צו פֿאַרשותּפֿן עסטע־טיק מיט מוסר. דער העכסטער אויסדרוק דערפֿון איז דער גייער. און סוף־כּל־סוף איז דער אָפּט פֿאַרשריִענער באָריישאָ פֿון אַלע־מען־אַלעמען אָנערקענט געוואָרן פֿאַר אַ גרויסמייַסטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור. „זאַוול רימער איז אַ ווערק פֿון פֿולשטענדי־קער שלימות, פֿון ביז גאָר וויכטיקן באַטייַט פֿאַר אונדזער דיכ־טונג״ [6]. דאָרטן איז „דעם דיכטער געלונגען, נאָך אין אַ גרעסערער מאָס ווי אין דער פּאָעמע זאַמד, צו באַהערשן זייַן סענטימענטאַלי־טעט און פּובליציסטיק, און געבן אין אַ רויִקן, געלאַסענעם טאָן, דאָ אַ לירישן, דאָ אַן עפּישן, אין אַ קלאָרן און געלייַטערטן סטיל, אַ שילדערונג פֿון די מלחמה־יאָרן, ווי זיי ווערן אָפּגעשפּיגלט און איי־בערגעלעבט דורך דעם הויפּטהעלד פֿון דער כראָניק — זאַוול רימער — איינע פֿון די אָריגינעלסטע געשטאַלטן אין דער יונגער ייִדישער ליטעראַטור, אַ פֿייַנער דיכטערגייַסט אין דעם מגושמדיקן גוף פֿון אַ פּראָסטן פֿאָלקסמענטש״, און חוץ לזה „איז דאָס ווערק אויך רייַך

[5] י. כאַרלאַש — לעקסיקאָן פֿון דער נייַער ייִדישער ליטעראַטור, ב׳ 1, נ״י 1956, קאָלום 248.

[6] ז. ווייַנפּער — ייִדישע שריפֿטשטעלער, ב׳ 2, נ״י 1936, ז׳ 45.

אין פּלאַסטיש געמאָלטע נעבן־פּיגורן, סצענעס און בילדער" [7]. און „דער גייער איז די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג און דער סך־הכּל פֿון דעם חשבון הנפֿש, וואָס באָריישאָ האָט געפּרוווט מאַכן אין אַלע זײַנע פֿריִערדיקע ווערק, דער עיקר אין זאַוול רימער. חוץ דעם, וואָס עס איז אַ המשך, ערשטנס, פֿון דער אַלטער מוסר־ספֿרים־טראַדיציע און, צווייטנס, פֿון דעם עטיש־דיכטערישן פּרץ־גאַנג פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור" [8].

וואָרן אויב אין זאַוול רימער איז דאָ — וואָס ס'איז „פֿאַראַן בײַ מנחמען אין אַלע ביכער — דער מאָטיוו פֿון קליין בין איך, די קלייניקייט פֿון מענטש לגבי דעם קאָסמאָס, דער גאָטהייט... דאָס שולד־געפֿיל, וואָס אַז מען וויל, איז עס מוסרדיק ייִדיש, און אַז מען וויל, איז עס שעקספּיריש, צי בײַראָניש, צי גאָר אַ מאָטיוו פֿון דאָסטאָיעווסקי־צירקל" [9], ווערט „אין גייער סימבאָליזירט דאָס ייִדישע געוויסן, די ייִדישע מאָראַל" [10].

דעם גורל פֿון ייִדישן לעבן, אָפּהענגיק קודם־כּל פֿון די טראַנספֿאָרמאַציעס אין אונדזער דור, האָט מנחם באָריישאָ כּסדר פֿאַרבונדן מיט ייִדיש געוויסן. „די טראַכטענישן וועגן דור האָבן מנחם באָריישאָן נישט צו רו געלאָזט", און דערפֿאַר, „ווען עמעצן זאָל אײַנפֿאַלן צו מאַכן אַן אויספֿאָרשונג, ווער פֿון די שרײַבערס פֿון אונדזער צײַט האָט צום מייַנסטן געניצט דאָס וואָרט דור... וואָלט דער אויספֿאָרשער, דוכט מיר, גיך געקומען צום אויספֿיר, אַז דער שרײַבער נומער איינס איז אין דעם פּרט געווען מנחם באָריישאָ" [11]. ער אַליין

---

[7] זלמן רייזען — לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פֿילאָלאָגיע, ווילנע 1927, ב' 1, ק' 440 און 441.

[8] ש. ניגער — באָריישאָ, אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, ב' 5 נ"י 1944, קאָלום 231.

[9] ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — חלום און וואָר, נ"י 1956, ז' 340.

[10] א. מוקדוני — ייִדיש געוויסן אין אַ כּאַאָטישער צײַט, די ייִדישע עסיי, זאַמלבוך, רעד' שלמה ביקל, נ"י 1946, ז' 109.

[11] מ. באָריישאָ — „מיט דעם דור", פֿון אַ דור, נ"י 1947, ז' 291, 293.

האָט דאָס קלאָר דעפֿינירט. „איך בין אַרײַנגעקומען אין דור — זאָגט ער — אין דער צײַט, ווען אַ גרויסער טייל פֿון אים איז געווען פֿריש פֿאַרשיכורט פֿון דער רעוואָלוציע, וואָס אייראָפּע האָט דורכגעמאַכט מיט דורות צוריק: די באַפֿרײַונג פֿון אונטערן גאָטהייטיאָך... איך האָב דאָס אַוועקגיין איבערגעלעבט ווי אַ ריס און דעם ריס נישט אויפֿגעהערט צו פֿילן... די צווייטע מחיצה צווישן מיר און דעם דור איז געווען דער קולט פֿון קונסט... דער סיכסוך צווישן ייִדישקייט און העלעניזם... לא תעשׂה לך פסל האָט געוואָרנט, אַז די געשטאַלטן, וואָס די קונסט שאַפֿט, זאָלן נישט ווערן קיין געטער און די קונסט אַליין — קיין עבֿודה זרה".

י. ל. פּרץ, װעלכער איז בײַ זײַן גאַנצן אוניווערסאַליזם, דער ייִדישסטער דיכטער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט אַזוי אַרום זיך גאָר נישט טועה געווען מיט זײַן סטימולירן אומאויפֿהערלעך מנחמען, אים באַשיצן קעגן „ראַפֿינירטן ליטעראַרישן מאָרד", וואָרן ער האָט געהאַט די וווּנדערלעכע ווײַטזעעוודיקייט, ווען ער האָט געזאָגט אַפֿילו בײַם אָפּוואַרפֿן זײַנס אַ ליד: „דאָס ליד טויג נישט, אָבער איר טויגט" [12]. און ס'קען זײַן, אַז נאָר אַ דאַנק י. ל. פּרצן האָט די ייִדישע ליטעראַטור געוווּנען מנחם באָריישאָן.

שמואל ראָזשאַנסקי

---

[12] ד"ז, 288.

# דער פרעמדער

## מאָמענטן פון א הערצל - ביאָגראַפיע

# אויף די קאַלטע בוידעמער

אויף די קאַלטע בוידעמער
וווינען יונגע לײַט,
בלייכע, אָפּגעטראָגענע,
גרויע פֿאַר דער צײַט.

פֿון פֿרימאָרגן ביז בײַ נאַכט
גייען זיי אַרום,
זוכן זיי משיחן
אויף די גאַסן אום.

ווו אַ טומל אויף דער גאַס —
כאַפּן זיי אַ וואָרט.
זאַמלט זיך אַן עולם ווו —
אפֿשר איז ער דאָרט.

טרעפֿט מען זיך: — באַגעגנט אים?
זאָגט אַ צווייטער: ניין!
רײַבן זיי די זוילן אָפּ
פֿונעם גיין און גיין.

אויף די קאַלטע בוידעמער
יעדער מורמל שרעקט:
טאָמער שלאָפֿט מען אײַן אַ מאָל,
און דער שופֿר וועקט.

הערט מען ווי אַ בלעטל רוישט,
ווי אַ פֿליגל קלאַפּט.
מיטן ערשטן קריי פֿון האָן
שוין זיך אויפֿגעכאַפּט.

לאָזט מען זיך אין גאַס אַרײַן
בלאָנדזשען אויף דאָס נײַ —
אין דער שטילער זוכעניש
גייט אַ טאָג פֿאַרבײַ.

שטייען ערגעץ אַלטע לײַט
אין אַ קאַלטער שול,
בעטן אויף משיחן
יעדן טאָג דרײַ מאָל.

און אויף קאַלטע בוידעמער
וווינען יונגע לײַט,
וואַרטן טאָג און נאַכט אויף זײַן
קומען פֿון דער ווײַט.

1918

# דער פרעמדער

— 1 —

אין לאַנד פֿון אַמאָלן, פֿון צויבער און רום
שפּאַנט עלנט אַ לעבעדיק ייִנגל אַרום.

דורך בערגיקע שטעגן, דורך שימער און שײַן,
אים טראָגט פֿון אַמאָל אין אַמאָלן אַרײַן

און ס'איז יעדער איינער פֿאָרויס אים באַקאַנט
פֿון די וואָס באַוווינען דאָס בערגיקע לאַנד.

ער קען דעם וואָס דונערט און בליצט מיט זײַן פֿלאַם
און יענעם וואָס שפּאַלט מיטן שטעקן דעם ים,

דעם זוניקן רײַטער אין פֿײַער־גאַלאָפּ
און פּאַסטעך מיט האַרפֿע און קרוין אויפֿן קאָפּ.

די יעגערין קען ער, וואָס יאָגט מיטן ווינט,
און די וואָס גיט־איבער דעם נילוס איר קינד,

און יענע וואָס שוימט פֿון די כוואַליעס אַרויס
און יענע וואָס טאַנצט מיט די טאַצן פֿאָרויס

אַנטקעגן דעם פֿאָלק, וואָס דערזען האָט די פֿרײַ
נאָך דורות פֿון פֿינצטערער שקלאַפֿערײַ.

ער קען יעדן איינעם פֿון זיי און געדענקט
דאָס וואָרט און די טוונג פֿון יעדן, עס ברענגט

דער ווינט אַ געמורמל פֿון ווערטער אויך איצט,
ער שפּאַנט מיטן אויער צום מורמל פֿאַרשפּיצט,

נאָר ווערטער פֿאַרשווימען, צעשווימען אין רוים
ווי פֿעדעם פֿון חלום, ווי בלעזלעך פֿון שוים

און זאָל ער אַפֿילו זיי פֿאַנגען, די רייד,
אַלץ איינס וועט אים טונקל זײַן זייער באַשייד.

נישט איצט נאָך, נישט איצט! עס וועט קומען אַ שעה
און ער וועט אַליין זײַן אַ היימישער דאָ,

און אַלץ וואָס אין געטערשן ווילן און וואָרט
וועט זײַן ווי די האַנט, ווי די פֿינגער אים קלאָר.

ער ווייס, אַז מיט פּײַן קויפֿט אַ שטערבלעכער אײַן
די געטלעכע זכיה דאָ היימיש צו זײַן,

ער גאַרט נאָך דעם פּײַן און דערוואַרט זי מיט שרעק,
און גאַרונג און שרעק פֿולן־אָן זײַנע טעג.

*

ס׳האָט קיינער די מעשׂה נישט אויסגעטראַכט, ניין!
זי איז זיך פֿאַרלאָפֿן אין איצטיקן דור.
געווען אַזאַ ייִנגל, אַ ייִדיש, אין ווין,
וואָס האָט אין חלומות געלעבט אויף דער וואָר.
אַ ייִדיש?... אָט דאָ הייבט די מעשׂה זיך אָן.
עס זײַנען נאָך זיידעס געזעסן פֿאַרטיפֿט
אין גרויסע גמרות, און ווי מען דערציילט
דעם נס פֿון מצרים, דערציילט פֿון דער שיף,
וואָס האָט פֿון די פֿלאַמען פֿון שפּאַנישן קרײַץ
די אָבֿות געפֿירט צו דער פֿרײַער טערקײַ,
און ווי ס׳האָבן דורות געוואָנדערט דערנאָך

אַרויף קעגן שטראָם פֿונעם ברייטן דונײַ,
און סחורות געלאָדן און מסחר געפֿירט,
און תּורה געפֿלאַנצט אינעם לאַנד פֿון מאַדיאַר [1].
עס האָט נאָך דער פֿאָטער די מעשׂיות געדענקט,
נאָר פֿלאַנצן אין ייִנגל דעם טרויער און צער
פֿון לאַנג שוין פֿאַרגאַנגענע זאַכן — צו וואָס?
די וועלט איז איצט פֿרײַנדלעך — וואָס מער מע פֿאַרגעסט
די קריוודעס [2] און פּלאָגן פֿון בייזן אַמאָל,
אַלץ זיסער דאָס וועלטישע ברויט וואָס מען עסט.
יאָ, אמת — עס זײַנען נאָך לענדער פֿאַראַן,
ווו ס'ווערן די ייִדן אויך איצט — — — נאָר צו וואָס
פֿאַרסמען דעם מוח און האַרץ פֿון אַ קינד
מיט ליידן אומזיסטע און טעמפּן פֿאַרדראָס?
דער נאָמען פֿון זון איז בנימין — איז וואָס?
פֿאַר זיידעס און אורזיידעס האָט עס געפּאַסט.
ס'איז בעסער דאָך טעאָדאָר — טעדי — צו זײַן
פֿאַר אַם און פֿאַר דינסט און פֿאַר שול און פֿאַר גאַס.
איז — גייט נישט דאָס ייִנגל אין חדר אַרײַן
און ווייס נישט קיין צורה פֿון אַלף און בית,
און ווייל איז דעם טאַטן צו זען ווי עס וואַקסט
אַ זון אַ באַשיצטער פֿון טרויער און בייז.
נאָר ווער קען פֿאַרצאַמען אַ מאַמען די רייד
פֿון אוראַלטן יחוס, פֿון אײדעלן שטאַם,
פֿון מעשׂיות וואָס טראָגן אַ ייִנגל אַוועק
צו שימער און שײַן פֿון אַ זוניקן ים?
און ווער קען פֿאַרמעקן אין הייליקן בוך
דאָס פֿאָלק וואָס האָט גאָט דורך די וואָלקנס געהערט?
און ווער קען פֿון רעמבראַנדטס פּאָרטרעטן אַראָפּ

---

[1] פֿון אונגערישן פֿאָלקשטאַם. — [2] עוולות.

אַוועקגגנבֿענען די רבנישע בערד?
און ס׳מאָנען דאָס בלוט פֿון געקרײַציקטן גאָט
בײַם ייִדישן ייִנגל די ייִנגלעך פֿון גאַס,
און שײַלאָק אין עלנט די הענט לאָזט־אַראָפּ
און פֿרעגט, פֿאַר וואָס קומט אים דער אייביקער האַס?
מען קען נישט באַהאַלטן פֿון אָפּשטאַם דעם סוד.
מען קען בלויז פֿאַרשווײַגן, פֿאַרשטיקן אין זיך,
ווי ס׳טוט מיט די דינסטן די מאַמע אין קיך.
איז טוט אויך דאָס ייִנגל אַזוי און טראָגט־אום
אַן אומעטיק שטילע און שטײַפֿע געשטאַלט
פֿון איינעם וואָס שטיקט זײַנע צערן אין זיך,
נאָר אויגן פֿאַרחלומטע, קינדערש און אַלט,
דערציילן ווי ס׳ראַנגלט זיך ווייטיק און שטאָלץ,
ווי ס׳זוכט אַ נשמה נאָך ערבֿ צעבלי
דערלייזונג פֿון סודות, פֿון שטומקייט און קלעם,
אין צויבער פֿון חלום, אין נס פֿון נישט־היִ.
די וועלט האָט צדיקים, אַפֿילו אין סדום,
און צדקות ווי רשעות פֿאַרפֿירט און שלעפּט־מיט:
די רשעות — דאָס בייזע, פֿאַרביסענע בלוט,
די צדקות — די מענטשן פֿון איידעלן שניט.
ס׳איז שיין זיך צו פּוצן אין יושר און רעכט
און אויפֿנעמען פֿרײַנדלעך דעם איזראַעליט,
בפֿרט נאָך ווען יענער האָט גרינטלעך פֿון זיך
פֿאַרווישט אַלע צייכנס פֿון געטאָשן[3] ייִד.
נישט אַלע... מען קען נישט פֿאַרווישן פֿון הויט
די זונען וואָס האָבן די זיידעס באַבריט,
מען קען נישט פֿאַרשווענקען פֿון אויגן דעם צער
און אומעט פֿון לײַכטן, צעשפּילטן געמיט.

---

[3] פֿון געטאָ־טיפּ.

באַפּלייצט עס מיט צויבער פֿון אָריענטאַל,
דעם דזשענטלמען, דענדי און מענטש פֿון דער פען,
עס לאָקט אין אים חכמה, צעשמייכלטער צער
און זשאַר פֿון געצאַמטן, געמעסיקטן ברען.
אַ מענטש פֿון דער וועלט, און ס׳איז זײַנע די וועלט
אין אַלע גילגולים פֿון מענטשלעכן מין —
אין שלאַכטן און רשעות, אין שיינקייט און גוטס,
אין תּאַווה און חכמה, אין אומזין און זין.
עס שמייכלט זײַן שורה פֿון צײַטונג אַרויס,
עס שמייכלט פֿון בינע אַרונטער זײַן וואָרט,
און ס׳קענען סאַלאָנען, קאַפּייען און גאַס
דעם מענטשן פֿון וואָרט מיט דער פעך שוואַרצער באָרד.
און ליבשאַפֿט איז דאָ אין צעשמייכלטן ווין
און שפּיל פֿון מחשבֿה און שפּיל פֿון געפֿיל,
נאָר עפּעס נישט לײַכט איז דער טראָט פֿון דעם מענטש,
און שמייכל פֿון צער איז ניט שמייכל פֿון שפּיל.
ניין, מענטש פֿון דער וועלט האָט נאָך אַלץ נישט די וועלט
כּל־זמן אין געהירן פֿאַרבאָרגענערהייט
דער סוד פֿון די זיידעס, פֿון ברידער און שטאַם
אַלץ בויערט און בויערט און מאָנט אַ באַשייד.
פֿאַר וואָס שטאָט די פּרויען פֿון רינג אַרום אים,
באַשיידן און לוסטיק, פֿאַרשעמט און פֿאַרשײַט,
געזוכט זיך אַ כּלה פֿון אייגענעם שטאַם,
ווי עפּעס זאָל וואָרענען: אַנטלויף נישט צו ווײַט!
און אָפּט ווערט דאָס אויג פֿאַרן שפּיגל געפּלעפּט:
עס דאַכט זיך — אַ מענטש פֿון דער ביבל אַרויס
האָט זיך פֿאַר אַ שרײַבער אַ ווינער פֿאַרשטעלט
און בינדט אַ קראַוואַט, אַ געבלימלטן, אויס.
צי נאַרט ער די וועלט אָדער נאָר זיך אַליין?
און אפֿשר איז קיינער פֿון זיי נישט גענאַרט.

מען וואַרט בלויז אויף עפּעס, און וועט עס געשען,
איז גרייט די אַנטפּלעקונג צו וועלכער ער גאַרט.
און אַט ברעכט זיך איבער דער גאַנג פֿון די טעג.
עס פֿירט דער באַרוף אים פֿון היימישן ווין
אַוועק אין צעברויזטן און פֿרעמדן פּאַריז —
איז בלויז די פּראָפֿעסיע וואָס פֿירט אים אַהין?
צי פֿירט אויך דער גורל, כּדי דאָרט אין דער פֿרעמד
צערײַסן דעם היימישן שקר־געוועב,
וואָס האָט אַרום אים זיך פֿון וויגל געוועבט,
און ווײַזן אַ לייטער מיט אַנדערע טרעפּ?

*

אַ סוחרישער זון מיט אַן אײַזערנעם קאָפּ,
פֿון זיידעשן פּילפּול און מסחר געשאַרפֿט,
האָט צאַמען געבראָכן און טירן צעשפּאַרט,
און זיך, צו זײַן אומגליק, דערדינען באַדאַרפֿט

צו זיצן אין הויפּטשטאַב פֿון פֿראַנקרײַכס אַרמיי —
אַ ריינער פֿראַנצייזישער אַריסטאָקראַט...
איצט זיצט ער אין תּפֿיסה און איבער זײַן קאָפּ
אַ וויסטער געוואָי און געשטורעם: פֿאַרראַט!

ווער וועט דען אַרויסגעבן סודות פֿון שטאַב,
ווער וועט דען פֿאַרקויפֿן צום שונא דאָס לאַנד,
ווען נישט דער געשעפֿטסמאַן, דער סוחר, דער ייִד,
דער הענדלער מיט אַלץ וואָס אים קומט אין דער האַנט?

אַזוי איז דאָס גאַנצע געזינדל! און זעט —
אַט וואַרפֿט מען שוין הויפֿנס מיט שמוציקן געלד.
דערלאָזט זיי נישט אויסקויפֿן זייער פֿאַרראַט!
זאָל קריגן דער ייִד דאָס פֿאַרדינטע געצעלט!

גלחים אין קלויסטער, שיכּורים אין שענק,
דער יחוס פֿון שטאָב און דאָס זנות פֿון סאַלאָן,
די טינט פֿון דער צײַטונג, דער שטיין פֿון דער גאַס —
אַלץ ברילט נאָך נקמה: אַ טויט דעם שפּיאָן!

און דאָ, אין דער מיט, אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער מענטש,
אַ שרײַבער פֿון ווין וואָס דאַרף שטיין אין אַ זײַט,
אַ שרײַבער פֿון ווין וואָס דאַרף קוקן און זען,
און שמייכלען און וויקלען די ווערטער אין זײַד.

גיי, שמייכל, ווען ס׳ווירבלט דיך אײַן אין אַ ראָד
פֿון בלוטיקער שׂנאה, און ווערסט נישט אַרויס.
עס ברעכט זיך פֿון גאַס צו דײַן טיש, צו דײַן בעט,
און ס׳גריזשעט דאָס בעט אין דער נאַכט ווי אַ מויז.

גיי זאָג זיי, די שׂונאים: דאָס מיינט מען נישט דיך
ווען פֿון דער פֿאַרבאָרגנסטער צעל אין דײַן זײַן
די שׂנאה דעם ייִדן פֿון דיר שלעפּט אַרויס
און ס׳רינט פֿון דײַן פּנים די אימה און פּײַן.

גיי, שמייכל, גיי, וויקל די ווערטער אין זײַד,
ווען מ׳האָט דיר דעם גאָרגל מיט דערנער פֿאַרשטאָפּט,
און וואָרגסט זיך און שפּירסט, ווי עס טריפֿט דיר אין האַלדז
דאָס בלוט פֿון דײַן אָטעם אַ טראָפּ נאָך אַ טראָפּ.

*

עס וואַנדערט אויף קראַנקן געלעגער דער זין.
אין פֿיבער פֿון דרימל פֿאַרפּלאָנטערט אַ קנויל
און וויקלט־אַרום אַזוי קלעפּיק און שטײַף,
דערנאָך לאָזט עס אָפּ און עס שווידערט אַ גרויל,
ווי אײַזיקע מוראָשקעס איבערן לײַב.
ווי גליווערדיק ווערט! און אָט נעצט גאָר אַ שוויס,

די זון באַקט אין קאָפּ, עס פֿאַרבלענדט מיט איר טיף
די גליִיקע בלויקייט, און ס׳ווערט אַזוי הייס
פֿון עולם, וואָס שטופּט דיך און טראָגט דיך מיט זיך.
געזיכטער פֿאַרברוינטע און פֿאַרביקע זײַד
מיט פּרענדזלעך באַהאָנגען די לײַבער שטײַפֿט־אײַן,
און ענגער, געדיכטער פֿון יעטוועדער זײַט
באַטומלען, באַאָטעמען זיי. נאָר דײַן אויג
מיט אַלעמענס אויגן צו גלײַך איז געווענדט
אַהין, ווו בײַם קלאָץ מיט צעלאָזענע האָר
אַ פֿרוי שטייט, אויף הינטן פֿאַרבונדן די הענט,
און רויט איז דאָס אָנטאָן, און פּנים און אויג
פֿון תּליון וואָס שטייט מיטן צינדפֿאַקל גרייט
און וואַרט אויף זײַן האַר אין אַ קאַפּל פֿון רויט
און פֿאַלדיקן בלוטרויטן מאַנטל געקליידט.
און אָט נעמען ליאַרעמען טאַצן און פּויק,
עס ברומט אַ טרומייט און דער בלאָזהאָרן שאַלט,
ס׳פֿאַרשווינדלט די בליקן — — — און אָט מיט אַ מאָל
ווערט שטיל און דער פֿאָרהאַנג פּאַמעלעכן פֿאַלט...
ס׳איז נאַכט, און ער גייט פֿון טעאַטער אַרויס
אין דרויסן, אין קילן. די פֿרוי בײַ דער האַנט.
מען קומט ערגעץ אָן, און עס שוידערט פֿון קעלט
און נעפּלדיק פֿײַכט איז אַזוי... ווי באַקאַנט
עס איז אים אין קלעפּיקן נעפּל די גאַס!
ווו האָט ער געזען אָט די הײַזער, דעם מאַרק?
עס רוקן זיך גאָרנס פֿון הײַזער אַרויס
ווי איינער דעם צווייטן זאָל שטיין אויפֿן קאַרק,
און דאָ גייען מענטשן... עס קומט־אָן אַ פֿרוי,
פֿאַרוויקלט אין קליידער פֿון שווערן געוואַנט,
און פֿאַלדיק אַ טוך אויפֿן קאָפּ, נאָר דאָס קינד
איז שײַנענדיק נאַקעט בײַ איר אויף דער האַנט.

אַ צווייטע, אַ דריטע אַזוי. ביי דער זייט,
פֿון שווערע טורבאַנען און מאַנטלען באַשווערט,
באַגלייטן זיי מענער. די ברעמען געדיכט,
און ברייטלעך צעפּלאַטערט די גרוילעכע בערד,
פֿאַראומערטע שלעפּן זיי לאַנגזאַמע טריט...
רבנים! רבנים! דאָס ווייס ער געוויס.
און יענעם, דעם ערשטן, אים קען ער פֿון לאַנג,
פֿון גאָר אַזוי לאַנג... דאָך ווי אַנדערש ער איז!
די אויגן פֿאַרשוואומען, דאָס פּנים צעראַצט,
און דאַכט זיך, אין גאַנצן אין נעפּל פֿאַרטושט.
דאָס האָט דאָך די פֿאַרב אויפֿן לייוונט געפּלאַצט!
ווי אַלט איז דאָס בילד!... און פֿון לייוונט אַרויס
די אויגן באַטראַכטן זיך טרויעריק מילד
און נעמען זיך דורך מיטן טרויער. שאַ, שטיל...
דער טרויער פֿאַרוויגט, און דו הערסט — עמעץ שפּילט
פֿון ווייטן אַ הייליק און ציטעריק ליד.
ניין, שפּיל נישט, פֿאַרלעץ נישט די לידער צו גאָט
ביי פֿיינטלעכע טייכן!... נאָר ס'הילכט אין דער לופֿט
אַן אויפֿרייס פֿון בייזן געלעכטער און שפּאָט.
עס שטעכן דיך אויגן און ס'חוזקן ציין.
און עפּעס צעברעכט זיך אין גאָרגל און ס'שטיקט
אין קישן אַריין אַ פֿאַרשטיקטער געוויין.

*

דאָס קראַנקע געלעגער פֿון פּיינען דערלייזט,
און אַלץ וואָס פֿאַרגעסן און אַלץ וואָס דו ווייסט
קומט ווידער צו ברענגען דערלייזונג און טרייסט.

עס פֿירט דיך אַדורך דורך אַ פֿלאַמיקן רינג,
וואָס לייטערט און רייניקט, און ס'ווערט אַזוי גרינג
און קלאָר, און באַנומען דער סוד פֿון אַלצדינג.

האָסטו ווען אַ גאָט אין די הימלען פֿאַרמאָגט
און האָסט אים פֿאַרלוירן — צוריק אַ מאָל טאָגט
זײַן ליכט אין די צווייפֿלען וואָס האָבן געפּלאָגט.

און ביסטו צעוואָרפֿן ווי שטויב אויפֿן ווינט —
דאָס קראַנקע געלעגער די שטויבלעך געפֿינט
און איינס מיטן צווייטן אין גאַנצקייט פֿאַרבינדט.

ס׳ווערט פֿרילינג פֿון ווינטער און מאָרגן פֿון נאַכט,
און פֿריש פֿון די לויטערע הימלען געבראַכט
אַ ווילן צו שפּאַלטן די הימלען דערוואַכט.

*

און ווען ס׳איז פֿון קראַנקן געלעגער אַראָפּ
אַ מענטש אַ באַנײַטער, פֿון אומרו נאָך קראַנק,
האָט ויסן און גאַנג ווי באַגינען אַ שליאַך
אַרויסגעטאָגט העל פֿון דערלייזטן געדאַנק:
די וועלט האָט נישט ליב דעם וואָס האָט נישט קיין היים.
אַ פֿאָלק אַ צעוואָגלטס מוז האָבן אַ היים.
אַ פֿאָלק האָט געהאַט אַ פֿאַרהייליקטע היים.
דאָס פֿאָלק מוז זיך אומקערן ווידער אַהיים.

*

שוין גרייט איז דאָס וואָרט, וואָס דאַרף פֿירן צו וואָר
דאָס וואַרטן און האָפֿן פֿון צוויי טויזנט יאָר,
נאָר ווער וועט אַרויס מיטן וואָרט צונעם פֿאָלק
און פֿירן די האָפֿענונג אויף וועגן פֿון וואָר?

אַ פֿרעמדער געוואָקסן, אַ פֿרעמדער געלעבט —
פֿאַר וואָס זאָל אים שענקען אַ פֿאָלק דאָס געהער?
און וואָס וועט מען זאָגן ווען עמעצער פֿרעגט:
ווער איז דער דערלייזער, דער פּלוצלינגער, ווער?

עס זײַנען מאַגנאַטן און װוּלטוערס דאָ,
מיט צדקה באַקרוינטע, פֿאַרערט און געפֿאָלגט —
צו זיי װעט זיך צוהערן גינציק די װעלט,
צו זיי װעט זיך צוהערן פֿאַרכטיק דאָס פֿאָלק.

צו זיי װעט ער ריידן: נישט טראָפּעלער גוטס,
נישט בינדן די װוּנדן און היילן די קלעפּ,
נאָר זיכערער באָדן זאָל שטאַרקן די פֿיס
און זיכערער הימל זאָל הייבן די קעפּ.

צו זיי װעט ער ריידן, ער שענקט זיי אַװעק
זײַן אמת און װילן, זײַן מי און געדאַנק,
נאָר אויפֿגיין מיט לעבן אויף הייליקער ערד
זאָל האָפֿענונג, װאָס דורות דערשלאָגענע צאַנקט.

*

אַ שמייכלדיק רויִקער האָט דער מאַגנאַט
פֿאַרנומען די רייד און צעשמייכלט געזאָגט:
—אַ דאַנק פֿאַרן כּבֿוד! עס איז נישט פֿאַר מיר.
און װילט איר פֿאַרשטיין, װאָס צום ביטערסטן פּלאָגט
פֿון אייביקע יאָרן דאָס װאַנדערער־פֿאָלק?
עס איז נישט דאָס װאָגלען פֿון זיי. ס׳איז גענוג
נאָך װינקלען פֿאַראַנען און רו אויף דער ערד.
נאָר אונדזערע ברידער — זיי זײַנען צו־קלוג,
און ס׳קען נישט פֿאַרטראָגן די קלוגשאַפֿט די װעלט.
אומזיסט אײַער טרחה — זיי װעלן נישט גיין.
און שליסלעך — זאָל זײַן, אַז זיי גייען מיט אײַך —
צי װעט איר אַרויסשלאָגן װאַסער פֿון שטיין?
װער װעט די מיליאָנען אײַך צוטראָגן, װער?
— מאַגנאַטן! — מאַגנאַטן? — און ס׳האָט דער מאַגנאַט
זיך הילכיק צעלאַכט: — איר װעט קריגן פֿון זיי

נישט מער ווי דעם ווערט פֿון צעריבענעם בלאַט
בײַ אײַך אין די פֿינגער. — דאַן רוף איך צום פֿאָלק
און ס׳וועט מיר מיט פּרוטות באַלייגן דעם וועג...
דער ווירט האָט געשמייכלט: — קען זײַן... אָבער דאָך
זײַט פֿאָרזיכטיק, נייט נישט בײַ צײַטנס קיין זעק...

— 2 —

אַ זעונג בײַ טאָג אָדער חלום בײַ נאַכט
האָט ווידער דעם פֿרעמדן אַהינצו געבראַכט,

ווו וואַנדערן גיין פֿלעגט דאָס ייִנגל אַמאָל.
ער שטייט אויף אַ באַרג און פֿון אונטן, פֿון טאָל,

צו אים זײַנען אויסגעשטרעקט טויזנטער הענט,
נאָר אויגן פֿאַרבענקטע, צו אים ווי געווענדט,

זיי קוקן־אַריבער אין ווײַטעניש ווו
און פֿרעגן: ווער ברענגט אונדז אַהין, אויב נישט דו?

אויך ער קוקט אַהין און דערזעט אַ רויִז
פֿון פֿעלדזיקע שטיינער, פֿאַרוואָקסן און גרין,

און פֿון דער רויִז גליט אַ בלימל אַרויס,
עס וואַקסט זיך פֿונאַנדער אַ גליִיקע רויז.

אַ גליִיקע רויז ווערט פֿון יעדן שטיק שטיין.
און אָט איז די גאַנצע רויִנע אַליין

אַ פֿלאַמיקע, ריזיקע בלום, און איר דופֿט
אין היציקן זונשײַן מאַכט שיכּור די לופֿט.

און פּלוצלינג אַ האַנט אים דעם אַקסל באַרירט,
און שטיל, ווי עס וואָלט אים בײַם אָרעם געפֿירט,

אַ קול רעדט צו אים: — ס'איז אַ צייכן פֿאַר דיר,
אַזוי ווי אַמאָל איז געווען פֿאַר מיר

דער ברעניקער דאָרן וואָס ווערט נישט פֿאַרברענט.
צי האָסטו דעם רוף אין דעם פֿלאַם נישט דערקענט?

ער הערט בלויז דאָס קול, וואָס פֿאַרשמידט אים צום אָרט.
און ווייס ווער עס רעדט. און עס ציטערט זײַן וואָרט:

— ווי קען איך אַן אויסלייזער ווערן פֿאַר זיי,
ווען כ'ווייס נישט די שפּראַך ווי צוריידן צו זיי?

און ס'ענטפֿערט דאָס קול: מיט אַ ברעניקער קויל
האָב איך מיר דעם גומען פֿאַרברענט אין מײַן מויל,

אַ שטאַמלער געווען, דאָך האָב איך גערעדט!...
אים דאַכט זיך — ער הערט נאָך דאָס שטאַמלען און בעט:

— איך בין דאָך פֿון אייביק אַ פֿרעמדער געווען —
ווי וועל איך, ווי זאָל איך זיי קענען פֿאַרשטיין?

— אַ פֿרעמדער געקומען צו זיי בין איך אויך.
נאָר פֿרעמדע וואָס קוקן אַראָפּ פֿון דער הויך

דערזעען דעם וועג, וואָס פֿון טאָל אַרויס ציט.
אין טונקעלער ענגשאַפֿט דערזעט מען עס ניט.

— און וואָס זאָל איך טאָן מיט זיי איינער אַליין?
און ווער וועט מיט מיר אין דער וועלט אַרײַן גיין?

— גיי זאַמל־צוזאַמען די עלטסטע פֿון זיי
און ברענג זיי מײַן וואָרט, און פֿון זיי באַגלייט גיי

באַטרעטן פֿון פּרעה, דעם קעניג, די שוועל,
אַזוי איז געווען פֿון גאָט דער באַפֿעל.

— און וואָס איז דער צייכן פֿון מיר פֿאַר דער וועלט,
אַז איך בין צום פֿאָלק פֿאַר אַ פֿירער געשטעלט?

— די טײַכן פֿון וואַסער פֿאַרוואַנדלט אין בלוט!...
געזאָגט און פֿאַרשוווּנדן... און שטיל אַ מינוט.

עס ברענט פֿאַר די אויגן די ריזיקע בלום,
עס ציִען זיך אָרעמס אים בעטנדיק שטום,

און פֿײַנלעך די בליקן, וואָס קומען פֿון זיי.
ער קערט זיך צום טאָל מיט אַן ענטפֿער: איך גיי.

*

וואָס מאַכט עס דען אויס, וואָס ער פֿאָרט מיט דער באַן
אַנשטאָט אויף אַ קעמל אין זאַמד־קאַראַוואַן?
וואָס מאַכט עס דען אויס, וואָס דעם רוף און געבאָט
צעטראָגט איבער לענדער אַ שטאָלענער דראָט?
געלעבט און געטראַכט מיטן גאָר לעצטן דור,
געבוירן דאָך איז ער שוין טויזנטער יאָר.

אַ לעבן פֿון טויזנטער יאָר אין אים גליט,
און פֿילט ער אַ בענקשאַפֿט אים ציִען — דאָס ציט
דער וואָרצל פֿון טויזנטער יאָריקן שטאַם,
וואָס האָט זיך צעצווײַגט איבער לענדער און ים
און ציט פֿון דער וועלט יעדעס צווײַגל און בלאַט
צוריק צו דעם באָדן, וואָס נערט אים צו זאַט.

עס ציט יעדעס בלעטל פֿון ווײַטסטער ווײַט —
און ווער וועט זיך שטעלן דערהערן די צײַט —
צי יאָגט זיך אַ באַן, צי אַ קעמל־געשפּאַן,
צי שטיין צי אַ דראָט ברענגט די בשׂורה פֿון גאָט?

ס׳פֿאַרלויפֿן די יאָרן און דורות אין רוים,
דאָך אייביק דערנערט זיך פֿון וואָרצל דער בוים.

*

זיי זײַנען געקומען, די „עלטסטע פֿון זיי״,
פֿון ווו נאָר אַ ווינקל, מיט באַן און אָקרענט,
געקומען דערלאַנגען זיך ברידערשע הענט.
דאָ האָבן זיך פֿאַרבן פֿון זײַד־אָריענט
געקווייטלט אויף מאַנטלען, און שטראַליקער שטיין
אויף בראָנדזיקע פֿינגער האָט העלער געהעלט.
דאָ האָבן זיך מענטשן, שוואַרצבערדיק און ווײַס,
אין קרויזיקע היטלען פֿון שעפּסענער פֿעל,
געחבֿרט מיט די וואָס פֿון איבערן ים
געבראַכט האָבן פּנימער בייניק און הויל.
עס האָבן דאָ אויגן, פֿון צפֿון־ליכט בלוי,
געשמייכלט צו בליקן פֿון גליִיקן קויל.
עס האָבן פֿאַרבלייכטע קליינשטעטלשע לײַט
געשפּרײַזט מיט מאַגנאַטן פֿון עלפֿנטביין־לאַנד,
און פֿראַקן און הויכע שוואַרץ־גלאַנציקע היט
געפֿירט האָבן שטרײַמלען און גאַרטלען בײַם האַנט.
אַ ווירבל פֿון לענדער, פֿון דורות און שטאַנד,
פֿון הויך און געפֿאַלן, פֿון יוגנט און גרוי,
איז דאָ צו אַ שטילשטאַנד געקומען, און האַנט
אין האַנט צוזאַמענגענומען, פֿאַרבונדן זיך דאָ.

אַ זאַל. און ס׳איז שטיל. צו די טרעפּ אויבן אָן
געצויגן איז יעדערנס בליק און ס׳פֿאַרהאַלט
דעם אָטעם דאָס וואַרטן. און אָט אויף די טרעפּ
שטײַגט לאַנגזאַם אַרויף די געשטײַפּטע געשטאַלט
פֿון פֿרעמדן. דאָס איז ער — דער איינער, דאָס קול,

וואָס האָט זיי דאָ אַלע צוזאַמענגעפֿירט,
צו ווערן דאָ איינס. ער אַליין איז דאָס איינס.
דער ווילן. די גאַנצקייט פֿון אַלע. מע שפּירט,
ווי ס'ציטערט זײַן טראָט. און אַ שטורעם פֿון פֿרייד
צעטרייסלט דעם זאַל. ווי אַ ברומיקער וואַל
דערקײַקלט זיך ביז דער עסטראַדע און דאָרט
צעשטויסן געוואָרן. און שטיל איז אין זאַל.
טויטשטיל. און ער רעדט:
— מײַנע ברידער אין לייד!
מיר זײַנען געקומען צו מעלדן דער וועלט,
אַז מיר אַלע דאָ, פֿון דער נאָענט און ווײַט —
מיר זײַנען איין פֿאָלק. אַז דער ווייטיק, וואָס פּלאָגט
אונדז אַלע אין יעטוועדער ווינקל פֿון דער ערד,
איז נישט נאָר אין אונדז: ס'איז אויך שולדיק די וועלט,
און זי גלײַך מיט אונדז אַ דערלייזונג באַגערט.
מיר קומען אַהער צו פֿאַרווישן פֿון זיך
דעם פּלאַסטער פֿון הונדערטער יאָרן, פֿון שטויב,
וואָס האָט זיך אין ענגשאַפֿט געזאַמלט, און אונדז
פֿון זיך און פֿון פֿרעמדע פֿאַרהוילן. און אויב
עס פֿוילט אין אונדז עפּעס — אַרויס צו דער שײַן.
און דאָ איז דער משפּט פֿאַר אונדז פֿון הײַנט אָן.
מיר קומען אַהער, כּדי אָט דאָ, פֿון דעם אָרט,
פֿון אונדזער דערלייזונג צו הייבן די פֿאָן.
מיר קומען — — — נאָר ס'האָט זיך שוין מער נישט געקענט
פֿאַרהאַלטן דער שטורעם אין שטאָל פֿון זײַן בליק
און האָט זיך צעשמעטערט אויף שויבן און ווענט
אין שוימיקע כוואַליעס פֿון פֿײַנלעכן גליק.

*

ס'איז נאַכט און עס שלאָפֿט שוין דאָס קינד אין זײַן בעט.
ער גנבֿעט זיך אונטער צום קינדערשן בעט
און פֿאַלט אויף די קני, און מיט ציט'ריקע הענט
אים גלעט ער און ציטערט, און ציטערט און גלעט.

ער וויגט זיך און מורמלט. און ס'קינד פֿונעם שלאָף
צעעפֿנט דערשראָקן די אויגן פֿאַרגלייזט:
— דו, טאַטע? — און ציט זיך צו אים מיט די הענט.
— יאָ, איך בין עס, קינד מײַנס... ווייסט, זונעלע, ווייסט?...

— וואָס, טאַטע? — מיר זײַנען דאָך ייִדן, דו ווייסט?
— יאָ, טאַטע, איך ווייס עס... — אַוודאי, געוויס...
דו ווייסט עס אַליין שוין... גוט, זונעלע, גוט...
און גלעט אים די אָרעמס, די לאָקן, די פֿיס...

— מיר אַלע, דײַן מאַמע, דײַן שוועסטערל, איך —
מיר אַלע דאָ זײַנען מיר ייִדן, פֿאַרשטייסט?
— יאָ, טאַטע! — יאָ, זון! — און עס שטיקט זיך אין אים,
און ס'ברעכט זיך אין אָטעם: גוט, גוט, וואָס דו ווייסט...

— 3 —

עס גייט צווישן פֿעלקער אַ מעשׂה אַרום:
— די ייִדן — זיי האָבן אַ מלך געקרוינט.
— די ייִדן — אַ מלך? און ווו איז זײַן לאַנד?
— דאָס לאַנד וואָס זיי האָבן פֿאַר צײַטנס באַוווינט.
— דאָס לאַנד פֿון פֿאַר צײַטן? דאָרט הערשט דאָך דער טערק.
— אָט טאָקע דערפֿאַר! ער איז אָרעם, דער טערק,
און פֿאַר אַ פּאָר פּעסעלעך ייִדישן גאָלד
פֿאַרקויפֿט ער די הייליקע טאָלן און בערג
און שענקט נאָך אַ צולייג — אַ האַלבן 'האַרעם...
— און קריסטלעכע הערשערס וואָס זאָגן דערויף?

— אָט דאָס איז די מעשׂה, אַז ווו נאַר ער קומט,
דער יידישער מלך, ווערט פּאַלאַץ און הויף
מיט כּבֿוד און גינציקייט אָפּן פֿאַר אים.
ס'איז דאָ בײַ די הערשערס אַ חשבון געוויס.
ווער דאַרף מיט אַן אמת די יידעלעך, די,
זיי זאָלן זיך פּלאָנטערן אונטער די פּיס?
דער טערק וויל זיי נעמען? געזונטינקערהייט!
וואָס אַרט עס ווו יידעלעך וועלן אַוועק,
אַבי מען ווערט פּטור פֿון זיי און אַ סוף.
— אַוודאי אַ שׂכל! אַוועק און אַן עק.
און ווען וועט עס ווערן? — מען זאָגט, אַז אָט־אָט!
דער דײַטשישער קייסער אַליין האָט אַ האַנט
אין מאַכן ס'געשעפֿט מיטן טערק, און אָט באַלד
באַזוכט ער אַליין דאָס געדונגענע לאַנד
און שטעלט־אײַן דעם פּרײַז... איז דעריבער, ווער ס'האָט
אַן אויג אויף אַ יידיש פֿאַרמעגן, קען גרינג
איצט כאַפּן מציאות: אַ קראָם, אַ פֿאַבריק,
אַ הויז, אַ מאַיאָנטעק — זיי וועלן אַלצדינג
פֿאַרקויפֿן איצט ביליק — און אפֿשר איז גאָר
די גאַנצענע זאַך אויפֿן דאַך אַ יאַריד?
— גיי, רייד מיט אַ נאַר: אויפֿן דאַך אַ יאַריד...
עס קלינגען דאַך אַלע גאַזעטן דערמיט!

*

ס'איז טאָג. אויף די הײַזער און גערטנער פֿון דאָרף
די זון אין אַ האַרבסטיקער לויטערקייט שײַנט,
און מענטשן פֿאַרפּוצטע פֿאַרפֿלייצן די גאַס —
דער קייסער דאַרף קומען, און יום־טובֿ איז הײַנט.
שוין יאָגט־אָן אַ רײַטער פֿון ווײַטן. עס שלאָגט
אַ שטויב אויפֿן וועג און דער קייסער איז נאָנט.

עס קנאַלן די ביקסן, עס הילכט אַ טרומייט
און ווײַט פֿונעם טויער, באַקראַנצט און באַפּאָנט,
אַראָפּ צו די הינטערשטע הײַזער פֿון דאָרף,
צעשטעלט זיך אין רייען דאָס פֿאָלק, און פֿאָרויס
שטייט ער, ערשט פֿון נעכטן אַ גאַסט דאָ אַליין,
אַזוי ווי דער ווירט פֿונעם אוראַלטן הויז.
צי האָבן נישט זיי, זײַנע ברידער אַרום,
באַזייט און באַפּלאַנצט און באַפּרוכפּערט די ערד?
אַ שטויב יאָגט פֿון ווײַטן. עס הילכן־אָפּ טריט.
און אָט האָט דער רײַטער, דער קייסער אַליין,
פֿאַרהאַלטן די צוים און ס׳בלײַבט שטיין הינטער אים
די מחנה וואָס פֿינקלט אין גאָלד און אין שטאָל.
צום ווירט רײַט דער קייסער. ער בייגט זיך אַראָפּ
די האַנט צו דערלאַנגען. און הויך קלינגט זײַן קול,
אין ווונטש און באַגריסונג צום פֿרײַנדלעכן ווירט.
אַן ענטפֿער פֿון הונדערטער הילכט דורכן רוים:
— דער קייסער זאָל לעבן! — און ס׳ציטערט דאָס פֿערד
און בײַסט אומגעדולדיק דאָס זילבער פֿון צוים.
אויף מאָרגן בײַם קייסער אַ גאַסט איז דער ווירט.
שוין נייגט זיך דער פֿרײַנדלעכער שמועס צו ענד:
— עס קוקן די דערפֿער דאָ בליִענדיק אויס.
— דער הימישער באָדן טוט שטאַרקן די הענט
פֿון אונדזערע ברידער. און ווען ס׳וועט פֿאַר זיי
פֿון מעכטיקע הערשערס די גנעדיקע שוץ
דעם באָדן באַוואַכן, וועט לעבן און בלוט
נישט ווערן געשוינט פֿאַרן הייליקן גוטס.
— ס׳איז שווער... ס׳איז דאָס לאַנד שוין פֿון הונדערטער יאָרן
פֿאַרוויסט און פֿאַרלאָזן — ... עס ווערן נישט מיד
די הענט וואָס אין גראָבן דערגראָבן צו זיך,
צו שפּורן פֿון זיידעס אויף יעטוועדער טריט.

*

די שפּורן פֿון זיידעס אויף יעטוועדער טריט.
פֿאַר וואָס אָבער פֿאַלט ער נישט צו צו דער ערד
און קושט נישט איר גראָז און איר שטויב און איר שטיין,
ווי יענער, דער הייליקער דיכטער אַמאָל,
וואָס האָט אויך ווי ער זי פֿון מערבֿ באַגערט?

ווײַל ער האָט אַהער נישט צו חורבֿות געבענקט
און אויך נישט צו גערטנער, וואָס זײַנען פֿאַרזייט
פֿון אַנדערע, פֿרעמדע, כאָטש ברידערשע הענט.
דאָס לאַנד וויל ער זען באַבויט און באַגרינט
פֿון זײַנע, פֿון זײַנע, פֿון אייגענע הענט.

עס בליִען די גערטנער און ס׳גרינען די בערג.
פֿון ברידער געפֿלאַנצט, דאָך נישט דײַנס איז דאָס ווערק.
פֿאַרמאַך דײַנע אויגן און קוק נישט דערויף,
ביז וואַנען עס ברענגט דיך דאָס וויסן צוריק,
אַז דו ביסט דער בויער און דײַנס איז דער זיג.

*

די שיף טראָגט־אַוועק און דערווײַטערט פֿון ברעג.
צי איז נישט געבליבן אַליין אויפֿן ברעג
אַ כּלה, וואָס קוקט פֿון דער אָפֿענער טיר
און וואַרט, מען זאָל אויסלייזונג ברענגען צו איר
און שליסן אַ בונד שוין אויף אייביקע טעג?...

מײַן קיניגין־כּלה! איך האָב דאָך אַליין
די אויגן פֿאַרשטעלט, אַז איך זאָל דיך נישט זען.
איך בין ווי אַ פֿרעמדער אַנטלאָפֿן פֿון דיר,
איך זאָל נישט דערקענען דײַן שיינקייט, וואָס ברענט,
אַ משכּון געפֿאַנגען אין פֿײַנדלעכע הענט.

די ערד, ווו מיט הייליקייט ווייט יעדער שפּאַן,
געפֿאַנגען האָט איין מאָל אַ בייזער סולטאַן
און האַלט אויך די כלה אַ משכּון בײַ זיך.
נאָך ווײַט איז דער פּאַלאַץ פֿון בייזן קאַליף —
אוי, שיפֿער, יאָג שנעלער, טרײַב שנעלער די שיף!

*

באַלד רופֿט מען פֿון טורעם צום אָוונט־געבעט,
דאָך בלײַבט דער סולטאַן מיטן פֿרעמדן פֿאַרמאַכט.
און האַרן און דינערס און קנעכט פֿון דער קרוין,
וואָס וואַרטן צו הערן פֿון הערשער אַ וואָרט —
זיי שלייפֿן די צינגער: — ווער איז ער, דער ייִד?
מיט וואָס פֿאַר אַ כּישוף באַוועבט ער אים דאָרט?
נישט אַנדערש — דער פֿוקס איז געפֿאַנגען אין נעץ!
דער ביטערער, בייזער און כיטרער סולטאַן
זאָל איינעם באַזעצן בײַ זיך אין פּאַלאַץ,
אים געבן אַ קאָטש מיט זײַן אייגן געשפּאַן —
נישט אַנדערש, ס'האָט עפּעס פּאַסירט מיטן פֿוקס!...
שוין טונקלט... עס לאָזן זיך שאָטנס אַראָפּ,
און ערשט מיט די שאָטנס דערשײַנען די צוויי:
דער הערשער און, העכער פֿון אים מיט אַ קאָפּ,
דער פֿרעמדער — דער אמתער האַר פֿון די צוויי.
אַוועק. עס פֿאַלט־צו צו זײַן האַר דער וויזיר:
— דײַן הייליקע גרויסקייט!... — אָ, לאָז מיך געמאַך!
דו זעסט נישט, עס איז הײַנט אַ יום־טובֿ בײַ מיר?
איך האָב הײַנט נאָך יאָרן און יאָרן צו ערשט
אַ מענטשן געזען, אַ מענטשן געהערט.
אָ, וואָלט מיר שטאָט אַלעמען, אַלעמען אײַך,
נאָר איינער אַזאַ ווי דער ייִד זײַן באַשערט!...
טרעט־אָפּ דער געשײַטער וויזיר אויף צוריק,

דעם רוקן געבויגן נאָך טיפֿער ווי טיף,
און יענער וואָס האָט די צעצאָרנטע רייד
געבראַכט אויף דער צונג פֿון צעקרענקטן כאַליף,
שוין טראָגט זיך פֿאָרויס, פֿון געוואָרגענער פֿרייד
אַזוי ווי פֿון פֿלאַמען פֿאַרשטיקטע באַשטראַלט:
באַלד וועט שוין די בשׂורה אַרויס צו דער וועלט
און אָנזאָג פֿון גאולה וועט אויפֿשײַנען באַלד.

*

ס'איז אמת — דער שטאָלענער דראָט איז געשווינד
און יאָגט מיט דער בשׂורה נאָך שנעלער פֿון ווינט.
דאָך וואָלט זיך אַנשטאָט דעם שליח פֿון דראָט
געוואָלט, אַז אַ רײַטער פֿון שטאָט איבער שטאָט
זאָל בלאָזן אין שופֿר, גאַס־אײַן און גאַס־אויס,
און זאָל פֿון געוויקלטן פֿאַרמעט אַרויס
דערגרייכן צו טויער און טירן די פֿרייד:
די שעה פֿון דער גאולה — זי קומט שוין, זי גייט.

דער שטאָלענער דראָט איז געשווינדער פֿון ווינט.
געשווינדער און אפֿשר שוין צו פֿיל געשווינד
פֿאַר אָפּשטאָם פֿון דור מיטן האַרטן געניק,
וואָס האָט לאַנגע דורות מדבריות געשולט
די רוקנס און הערצער צו שטומער געדולד
און איבער די תּהומען פֿון רשעות צעוויגט
אַ ווינטיקע, לויזע, פּאַפּירענע בריק.
דאָך וועלן זיי מוזן די בשׂורה פֿון גאָט
דערהערן אין ברום אויך פֿון שטאָלענעם דראָט.

— 4 —

יאָ, רבי און פֿירער! איך האָב דיך געפֿאָלגט.
און אָט אַ צעווייטיקטער קום איך אַצינד

און פֿרעג דיך: וווהין זאָל איך טראָגן מײַן צער,
דעם איינציקן שׂכר, וואָס איך האָב זיך דערדינט?

איך ווייס, האָסט נישט איין מאָל דאָס זעלבע געפֿרעגט.
דאָך איז דען דער ווייטיק אין צײַנער פֿאַרשטיקט,
דאָס איינציקע וואָס דו האָסט צוגעטיילט מיר,
ווען האָסט מיך דײַן וועג צו באַטרעטן געשיקט?

יאָ, דו ביסט געגאַנגען און דו האָסט דערלייזט.
און האָט פֿאַר דערלייזונג דיר גלויבן געפֿעלט,
האָט הימל מיט ניסים באַרעגנט דײַן וועג
און ניסים ווי מײַלשטיינער דיר אויסגעשטעלט.

מען האָט דיך געשיקט צו אַ מתנה, פֿאַרשקלאַפֿט
בײַ שטיינערנע קבֿרים מיט קעלונע און ליים,
פֿאַרגיטיקט זיי גלײַך מיטן רויב פֿונעם לאַנד
און צוזאָג פֿון האָניק און מילך אין דער היים,

דעם שׂונא צעשלאָגן, דעם זודיקן ים
פֿאַר זייערע פֿוסטריט געשפּאָלטן אויף האַלב —
און דאָך האָט געצויגן צוריק צו די פֿיש
און מ׳האָט זיך געבויגן צום גאָלדענעם קאַלב.

און איך — צו די מתנות פֿון בעטלערס צעזייט
און קרעמערס פֿאַרשקלאַפֿטע צו קעלבער פֿון גאָלד —
מיט וואָס פֿאַר אַ צייכנס האָסטו מיך געשיקט,
מיט וואָס פֿאַר אַ נס האָב איך קומען געזאָלט?

קיין ימען צו שפּאַלטן, קיין וואַסער פֿון שטיין.
און אויב ס׳איז אַ צייכן געווען דאָס בלוט,
איז דאָס דאָך פֿון זייערע בכורים אַליין,
פֿון אייגענע קינדער, פֿון אונטער דער רוט.

און אויב ס׳איז דער חושך אַ צייכן געווען,
און קראַנקייט און הונגער און אומגליק און פּלאָג —
איז דאָס דאָך אין זייערע הײַזער אַליין,
איז דאָס דאָך די אייגענע, פֿינצטערע קלאָג.

יאָ, רבי, איך האָב דיך געהערט און געפֿאָלגט.
און אָט אַ דערשלאָגענער קום איך און פֿרעג:
ווו זאָל איך זיך ווענדן אַצינד מיט מײַן צער
און ווו וועט מיך ווײַטער באַקערן דײַן וועג?

*

צו וועמען זיך קערן? און דאָ, אַרום זיך,
נאָר טענות און פֿאָרוווּרף: — דו האָסט אונדז גענאַרט!
דו האָסט אונדז פֿון גאולה אַ בשׂורה געבראַכט
און איצט — קומט מאָנען בײַ אונדז, און מע וואַרט.
וואָס ווילט איר? צי האָב איך מײַן לעבן געשווינט
דעם נאָמען פֿון פֿירער פֿאַר פֿרעמדע פֿאַרשעמט?
איך האָב אײַך די טירן געעפֿנט און גרייט
פֿאַר אײַך זײַנען באָדן און פֿרײַהייט. גייט, נעמט!
איר קענט עס נישט נעמען? און איך מיט מײַן רוף
האָב אײַערע גאולה־כּוונות אַנטפּלעקט,
האָב אײַער באַהאַלטענע פּלאַנצן פֿאַרטײַטשט
און אָפֿן צו אָפֿענעם לעבן געוועקט?
איך בין נישט קיין גנבֿ! איך שלעפּ נישט געהיים
די ברעקלעך פֿון דעם, וואָס איז מײַנס ביזן ביין.
איך בין נישט קיין בעטלער. איך וועל אין מײַן היים
נישט בעטלען בײַ קיינעם צוקאָפּנס קיין שטיין.
גענוג, זאָל מען וויסן! איך, אָרעמער מענטש,
פֿון פֿרעמדקייט אַ פֿירער געקרוינט איבער נאַכט,
איך האָב עס צו מעכטיקע הערשערס דערגרייכט,

אַ פֿאָלק ביז צו שוועל פֿון באַפֿרײַונג געבראַכט,
און איצט, ווען מען דאַרף נאָר באַטרעטן די שוועל,
וויל קיינער נישט הערן און וויסן קיין זאַך...
גענוג! כ׳וועל אַוועק אין מײַן ווינקל צוריק,
פֿאַרגעסן, פֿאַרשווינדן — און לאָזט מיך געמאַך!

*

נײַן, ברודער, מען קען שוין פֿון דעם נישט אַוועק!
פֿאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ בעטלעריש בלוט,
וואָס בייגט דיך אין דרײַען און וואַרפֿט אויף די קני
און בייגנדיק ברענט עס דיך יעדע מינוט
מיט יחוס און גלויבן, מיט וויסן און שטאָלץ,
ביז וואַנען ס׳צעפֿרעסט דיר דעם מאַרך פֿון געביין,
נאָר האָסטו זיך איין מאָל באַהאָפֿטן מיט אים —
פֿאַרפֿאַלן, דו וועסט שוין צוריק מער נישט גיין...
וועסט וויטיקן שטום און זיך וואַרגן אין קלעם,
וועסט יאָכן און זוכן מיט ליבשאַפֿט דעם יאָך,
וועסט קריכן דורך פֿינצטער צום טראָפּעלע ליכט
און שטרויכלען און פֿאַלן און ווידער און נאָך
זיך הייבן און פֿאַלן און בעטן: שײַן־אויף!
און ביז עס וועט ווען עס איז אויפֿגיין דער נס,
קריך וואָרעמדיק ווײַטער אין שטויב פֿון דער ערד
און דאַנק פֿאַרן איבערגעלעבטן מעת־לעת,
און וואַרט בײַ דער טיר פֿון באַדריקער און בעט
אַ שאָטן פֿון אײַנזען, אַ שטויבעלע זכות,
און דאַנק אים און דאַנק, אויב ער וועט אין זײַן גנאָד
נישט אָפּשטויסן דיך פֿון זײַן שוועל מיטן פֿוס.
שאַ, שטיל און געדולדיק! און זעסט סאַראַ פֿרייד,
און זעסט ווי דו וואָלטסט אויף אַ קיניגס אַ קרוין

שוין מער נישט פֿאַרביטן דײַן אומגליק אַצינד ?
זײַ שטילער אין יאָך, זײַ געדולדיק און שוין...

*

אַמאָל, ווען איך האָב נאָך מײַן בלוט נישט געקענט,
האָב איך בײַ געקרוינטע געמאָנט אונדזער חובֿ.
הײַנט בין איך אַ ייִד און איך ווייס ווער איך בין —
הײַנט וואַרט איך אויף חסד בײַם תּליון אין הויף.

כ׳בין נעכטן געווען בײַם תּליון צו גאַסט.
זײַן העפֿלעכקייט האָט זיך געגאָסן ווי ווײַן
און האָניקדיק האָט ער גענומען מײַן האַנט
אין זײַנע פֿאַרבלוטיקטע פֿינגער אַרײַן.

דאָס בלוט אויף די פֿינגער געווען איז מײַנס.
איך האָב זיך פֿאַרנייגט אין געהאָרכזאַמען דאַנק
און האָב פֿון די פֿליישיקע ליפּן אַראָפּ
געהערט ווי עס צישעט מיט נחת די שלאַנג.

און זאָגן געזאָגט האָט דער תּליון אַזוי:
— אויב ס׳וויל נישט דײַן פֿאָלק זײַן געוואָרפֿן פֿון מיר,
בײַ אים איז די ברירה צו גיין וווּ עס וויל
און איך וועל אים לאָזן אַן אָפֿענע טיר.

נאָר גיין, אויב עס וויל, זאָל עס גיין ווי אַ מויז,
מען זאָל נישט דערהערן קיין פּיפּס פֿון זײַן מויל.
און הער איך אַ וואָרט, בין איך דאָ אויפֿן אָרט,
אויב נישט מיט די פֿינגער, וועט טרעפֿן אַ קויל.

אַזוי האָט דער תּליון גערעדט צו מיר זיס,
און שלאַנגיש מיט פּײַערלעך גרינע באַגליט.
איך האָב זיך פֿאַרנייגט און אויף הינטן אַרום
נאָך אַלץ אַ פֿאַרנייגטער געוואַקלט די טריט.

איצט קענט איר מיך נעמען און פֿירן צום פֿאָלק —
איך בין דאָך שוין מער נישט קיין פֿרעמדער פֿאַר אײַך.
איך האָב פֿאַרן תּליון געבויגן דעם קאַרק,
איך בין דאָך אַ ייִד שוין, מיט אַלעמען גלײַך.

*

די גאַס, די פֿאַרהאַוועטע, וואַכיקע גאַס,
אַ בלייכע, צעטומלטע, לויפֿט צו דער שול.
שוין פֿול איז די שול און דער הויף און אַרום,
די געסלעך, די דעכער און פֿענצטערס שוין פֿול.
מען וואַרט. פֿון די טירן פֿון שול קומט־אַרויס
אין קיטל און טלית דער פּרוש, דער גרײַז[4],
וואָס האָט שוין זינט יאָרן די גאַס נישט געזען,
און ווײַס איז דאָס פּנים, די זאָקן, און ווײַס
דאָס מענטל פֿון ספֿר אין זילבער געשטיקט.
עס הערן זיך רעדער. אַ טומל. און באַלד
פֿון קאַטש קומט אַ הויכער, אַ בלייכער אַרויס,
פֿאַרהאַלט זיך אין אָנבליק פֿון ווײַסער געשטאַלט
און ציטערט. און ס'הערט זיך פֿון אַלטן דאָס קול:

— געבענטשט ביסטו, גאָט, וואָס דו האָסט אין דײַן גנאָד
דעם מענטש מיט דײַן כּבֿוד און שיינקייט באַטיילט.
זיי גייען. ער שטעלט נאָכן אַלטן דעם טראָט,
אין ענגשאַפֿט און שטילקייט אַרײַן אין דער שול.
אַרויף ביז צום אָרון. עס שורשעט דאָס זײַד
פֿון ווײַסן פּרוכת. עס עפֿענען זיך ברייט
די טירלעך. און בלייך, מיט אַ בלייכקייט פֿון קרײַד,
די ליפּן פֿון זקן:

---

[4] זקן, אין טיפֿער עלטער.

— גאָט פֿון אַבֿרהם,
פֿון יצחק און יעקבֿ! אין ציטערניש דאָ
פֿאַר דיר שטייט דײַן קינד און מיר אַלע מיט אים
וואָס האָפֿן צו דיר. אין דער שרעקלעכער שעה,
ווען טויט האָט געלויערט אויף אונדז אין דער נאַכט
און ס׳האָט פֿון באַגינען געיאָגט אונדז דער גרויל,
ווען ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָבן פֿאַר אונדז
די תּהומען צעעפֿנט דאָס פֿינצטערע מויל
צו שלינגען דעם רויב — אין דער שרעקלעכער שעה
האָט אויפֿגעהעלט ווידער אַן אָנזאָג פֿון ליכט
אין זון, וואָס פֿאַר דיר, און דו האָסט זײַנע טריט
צו מעכטיקע הערשערס און האַרן געריכט,
כּדי לײַטזעליקייט צו דערוועקן פֿאַר אונדז
אין האַרץ פֿון די מעכטיקע... גאָט פֿון אַבֿרהם!
דו האָסט פֿון דײַן אָרעם געגאָסן אויף אים
דײַן שיינקייט און חן ווי אַ גאָלדענעם שטראָם,
אַז ער זאָל אין אויגן פֿון הערשערס און פֿאָלק
באַליבט און באַחנט זײַן ווי דוד דײַן קנעכט.
און אויב ס׳איז די מאָס פֿון יסורים פֿאַרפֿולט,
און ס׳איז פֿאַר דײַן הייליקן ווילן שוין רעכט,
דער טאָג פֿון נחמה זאָל אויפֿגיין פֿאַר אונדז,
פֿאַרלאָז אים נישט, פֿאָטער! באַשירעם, באַהיט
און שיק אים דײַן מלאך, עס זאָלן אים נישט
פֿאַרבלאָנדזשען פֿון ריכטיקן וועג זײַנע טריט.
און איצט, ווען איך לייג מײַנע הענט אויף זײַן קאָפּ
און גיב אים מײַן ברכה — זאָל זײַן אַז פֿון דיר
געשיקט איז די ברכה, און קומען מיט אים
זאָל אונדזער נחמה. זאָל יעדער מיט מיר
דאָס נאָכזאָגן: אָמן!
אין טרערן געווייקט

צעטראָגט זיך דער אָמן אַזוי ווי אַ ווינט.
דעם ספר דערהויבן צום בלייכן וואָס שטומט.
פּאָרטרויט אים דער אַלטער: זאָג אָמן, מײַן קינד!
ער זאָגט. און מיט ליפּן, מיט בלייכע, באַרירט
דאָס זײַדענע מענטל און פּילט — אַלץ אין אים
ווערט ענג און דערשטיקט פֿון די בליקן אַרום.
עס ציטערט זײַן אָטעם און ס׳ברעכט זיך די שטים:
— מײַן פֿאָלק! זעט, איך רייד נישט צו אײַך אײַער שפּראַך.
אַ פֿרעמדער געוועזן... געבלאָנדזשעט פֿאַרבענקט...
פֿאַרריסן דעם קאָפּ, און ס׳איז ליידיק און פּוסט
געוועזן מיר אין האַרצן... איך האָב נישט געדענקט,
אַז כ׳האָב ערגעץ ברידער, דאָס בלוט פֿון מײַן בלוט,
און מײַנס איז דער ווייטיק מיט אַלעמען גלײַך.
האָט גאָט זיך דערמאָנט, זיך דערבאַרעמט אויף מיר
און האָט מיך געשיקט אונדזער היילקן יאָך
מיט אַלעמען טראָגן. און בין איך נאָך בלינד
צו אײַערע ליידן — מאַכט אָפֿן דעם קוואַל
און איך וועל אים טרינקען מיט אײַך ביזן גרונט.
און איז מיר די זכיה באַשערט כאָטש אַ שטראַל
אַן אײנציקן ברענגען — כ׳בין גרייט מיטן פּרײַז.
און אויב דו פֿאַרלאַנגסט פֿון באַפֿרײַער דעם טויט
נאָך איידער דײַן אויג האָט דערזען דאָס לאַנד,
איז האָב איך דאָך דיר מײַנע אַנגסטן פֿאַרטרויט
און ווייסט, אַז איך האָב נישט געזען דאָס לאַנד.
און אויב ס׳איז אַ שײַן פֿון זײַן חרובֿער פּראַכט
פֿאַרבליבן אין מיר — מעק עס אויס, וויש עס אָפּ!
צעשפּרייט אין מײַן מוח אַ פֿינצטערע נאַכט
און שענק מיר די זכיה פֿון קרבן, פֿון טויט,
פֿאַר זייער באַפֿרײַונג. נאָר זאָלן זיי מער

נישט וואָגלען צעבלאָנדזשעטע איבער דער וועלט
ווי שעפּסן פֿאַר יעדערנס חלף און שער!...

אַנטשוויגן, פֿאַרשטומט און געלאָזן זיך גיין.
ער פֿילט קוים דעם באָדן, אויף וועלכן ער טרעט.
ער זעט נישט די פֿינגער וואָס רירן אים אָן,
און עמעצער דריקט אים, און עמעצער גלעט,
און אַלטינקע באָבעס אים קושן די הענט.
און אָט בלײַבט ער שטיין פֿאַרצאָמט בײַ דער טיר —
דאָס טראָגט אים אַ מאַמע אַנטקעגן אַ קינד
און בעט: — לאָז אים איין מאָל אַ קוק טאָן אויף דיר!...

*

עס טראָגט אים. נאָר ווען ער אַמטלויפֿט פֿון דער שול,
פֿאַרהאַלט אים אין דרויסן אַ מחנה, וואָס זידט
און שטויסט זיך צו אים. ווו ער וואַרפֿט מיט אַן אויג —
צעפּילדערטע יונגען, וואָס פֿאָכען מיט היט,
און באָרוועסע ייִנגלעך, און אַלטע פֿאַרבליפֿט,
און ווײַבער מיט קינדער בײַ אָפֿענע בריסט,
און קליידער אין לאַטעס — — — און ברוינשוואַרצע הענט
פֿאַרנעמען אים, טראָגן — און רײַסן דיך אומזיסט!
שוין איז ער אין קאָטש, נאָר עס בריקען די פֿערד
צעשראָקן און ווילד אין דער מחנה, וואָס שטויסט
און ליאַרעמט. ער שטייט און ער בייגט זיך און גריסט
און שמייכלט צעמישט... נאָר אַלץ הילכיקער ברויזט
אין רופֿן די מחנה... און אָט מיט אַ מאָל
דערנענטערט זיך עמעצער, איינער פֿון זיי,
ס׳פֿאַרהאַלט זיך דאָס ראָד אין זײַן אָרעם, און פֿלינק
אַרויף איז דער קאָטש און עס הילכט זײַן געשריי:
— עס לעבט קעניג דוד אויף איביקע יאָר!...

פֿון ווײַטן ביז ווײַטן צעטראָגט זיך דער שאַל
און ס'דונערט אַן ענטפֿער און קײַקלט זיך ברייט,
אַזוי ווי אין שטורעם אַ הילכיקער וואַל:
— עס לעבט קעניג דוד אויף אייביקע יאָר!...
און פּלוצלינג — אַ גרילציקער אויפֿשרײַ אין פּײַן
רײַסט־איבער די כוואַליע, און ווידער, און נאָך,
עס שנײַדן זיך ווייען אין הילכן אַרײַן,
עס הילכן געקאָוועטע פּיס אויפֿן שטיין,
עס טרעטן אויף מענטשן צעיושעטע פֿערד.
עס קנאַקט מיט אַ פֿײַף אין דער לופֿטן אַ קנוט.
עס בלאַנקט אין דער זון אַ צעפֿאָכעטע שווערד.
עס גרילצן געשרייען, מען שטויסט זיך, מען יאָגט
צו טירן, צו פּלויטן אין טויטלעכער שרעק.
און פּוסט ווערט אין גאַס... בלויז דער פֿערדנפֿוס בראָקט
די שטילקייט אויף שטיינער מיט רויטן באַפֿלעקט.
און ערגעץ ווו ווײנט אויף די שטיינער אַ קינד,
און ס'וואַלגערט זיך ערגעץ אַ היטל, און ס'הייבט
אַ טיכל אין קווייטן אויף שטיינער דער ווינט.
און ס'יאָגט זיך, פֿאַרנומען פֿון רײַטערס אַרום,
די קאָטש מיטן קעניג דורך גאַסן געשווינד.

*

עס יאָגט זיך די באַן דורך דער אימה פֿון נאַכט.
זיצט איינער אין ווינקל מיט אויגן פֿאַרמאַכט.
עס פֿאַלט אין דער באָרד אויפֿן בוזעם דער קאָפּ,
עס הענגען די הענט, ווי ניט זײַנע, אַראָפּ.
און ווען נישט דער אָטעם און ציינער פֿאַרקריצט,
איז וואָלט זיך געדאַכט — אַ געשטאָרבענער זיצט.

עס טרייסלט די באַן אין געיעג, אין דער ווײַט,
אַ טרייסל די הענט און דעם קאָפּ אין אַ זײַט,

אוּן ווידער, און ווידער — אַ שעה נאָך אַ שעה.
דער הימל ווערט גרוי און דער הימל ווערט בלוי.
ער בלײַבט אין זײַן ווינקל פֿאַרגליווערט, ווי טויט,
ביז אויגן דערשפּירן דאָס וואַרעמע רויט.

אין רויט פֿון דער זון אויף די פּיס זיך געשטעלט.
ער זעט, ווי ס׳צעשווימען די נעפּלען אין פֿעלד.
ער זעט, ווי עס פֿינקלט אויף גראָזן דער טוי
און ס׳שטאַמלען די ליפּן אַרויס: ווי אַזוי?
מײַן גאָט, ווי אַזוי זאָל איך בעטן בײַ דיר,
אַז דו זאָלסט דײַן צײַכן באַווײַזן פֿאַר מיר?

*

און פּלוצלינג דערמאָנט ער זיך עפּעס און זוכט,
ער זוכט און געפֿינט — און אָט האַלט ער אַ בריוו.
און ס׳לויפֿן די אויגן פֿון וואָרט איבער וואָרט,
און האַסטיק דאָס האַרץ, און דאָס אָטעמען טיף,
נאָך טיפֿער, געהאַקטער, עס טרייסלען די קני.
און אָט מיט אַ מאָל רײַסט זיך אַרויס אַ געשריי
פֿון ווייטיק און פֿרייד, און צוריק אויף זײַן פּלאַץ
פֿאַרצאַפּלט ער פֿאַלט און זיפֿצט־אָפּ: — איך פֿאַרשטיי.
עס בלאָנדזשען די אויגן פֿון פֿענצטער אַרויס.
ער זעט, ווי דאָס פֿעלד אין פֿרימאָרגן־שײַן ליגט;
ס׳באַווײַזט זיך אַ פּויער, אַ פֿויגל פֿליט־אָן;
און פּונקט ווי עס האָט זיך זײַן זיידע געוויגט,
צעשאָקלט ער זיך, און ער זאָגט: — איך פֿאַרשטיי...
דאָס האָט מיך אַהערצו פֿאַרטראָגן דײַן האַנט,
צו ווײַזן דאָס אומגליק... און איצט, ווען איך ווייס,
האָסטו מיר געשיקט פֿון אַ הערשאַפֿט אַ לאַנד
אין ערגעץ אַ מדבר, פֿאַרוואָרפֿן און וויסט,
און שטעלסט מיר דאָס האַרץ און דעם ווילן צו פּרווו...

יאָ, כ׳בין שוין אַ ייִד און איך נעם וואָס מען גיט.
און אויב ס׳איז געווען פּריצישטיק מײַן רוף,
און האָסט אונדז ווי דעמאָלט אַ מדבר פֿאַרגרייט,
דורך אים צו דערגרייכן צו דער הייליקער ערד —
דער דור פֿונעם מדבר — דאָס זאָלן מיר זײַן,
אויב דאָס האָט דײַן הייליקער ווילן באַשערט.

*

געשרייען, געוויינען, און צאָרן און שרעק:
— מיר ווילן נישט הערן און וויסן דערפֿון!
— מיר זײַנען באַשווינדלט! מיר זײַנען פֿאַרפֿירט!
— וואָס וועלן מיר איצטער, פֿאַרלוירענע, טאָן?
— ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן צו וואָר ברענגען דאָס,
וואָס קיינער פֿאַר אים האָט צו וואָר נישט געבראַכט!
— ער האָט זיך נאָך כּבֿוד און הערשאַפֿט געיאָגט!
— ער האָט זיך אַליין פֿאַר אַ הערשער געמאַכט!
— מיט אונדזער פֿאַרטרויען מיט קייסאָרים גערעדט!
— אַ וואַך זיך געמאַכט! אין פּאַלאַצן געוווינט!
— געגאַנגען צום פֿאָלק און ער האָט זיך אַליין
פֿאַר זייער דערלייזער און רעטער געקרוינט.
— און איצט, ווען די וואָר איז ווי בוימל אַרויס,
באַהעלטעניש זוכט ער זיך הינטער אַ וואַנט!
— ער וויל אונדז פֿאַרבלענדן די אויגן אויף ס׳נײַ
מיט עפּעס אַ פֿינצטערן ווילדעריש־לאַנד.
— ער וויל אונדז פֿאַרפֿירן אין מדבר צוריק!
— מיר האָבן גענוג שוין מדבריות געהאַט!
— אַ פֿאַלשער משיח! אַ וויסטער גענאַר!
— דעם שׂטנס שליח! ס׳איז פֿעלשונג, פֿאַרראַט!
געטומל, געשרייען, און פֿויסט, און געוויין.
און דאָרטן, פֿון וואַגנען מיט יאָרן צוריק

ער האָט זייער שטורעם פֿון הילכיקער פֿרייד
ווי כוואַליעס פֿאַרהאַלטן צוריק מיט זײַן בליק,
דאָרט איז ער מיט איינצעלנע טרײַע אַרום,
געבליבן אַזוי ווי אַ חתן פֿאַרבלײַבט,
ווען ס'איז פֿון דער חופּה די כּלה אַוועק
און אומגליק דעם חתונה־עולם צעטרײַבט.

*

און ווען ער האָט איינער אַליין אין דער נאַכט
גענומען זיך פֿרעגן: — וואָס האָב איך געטאָן? —
אַרײַן איז אין צימער דער פּרוש פֿון שול
און האָט אים געזאָגט: — ביסט נישט מער אונדזער זון,
דו האָסט אונדז געפֿעלשט און אַוועק מיטן ווינט,
אַז אונדזערע קעפּ זאָלן טראָגן דײַן זינד.

געוויינט האָט זײַן ענטפֿער: — ווי האָב איך געפֿעלשט,
ווי קען מען דען פֿעלשן אין אייגענעם בלוט?
איך האָב נאָר אַ צייכן געלייענט — אַ וועג,
ווי רוען צו קענען פֿון תּליון און קנוט.
— אַ צייכן פֿון שׂטן, וואָס לאָקערט אויף אונדז
נאָך וויסטער צו מאַכן דעם גלות פֿאַר אונדז.

— עס האָט מיך די גאַס און די ענגשאַפֿט געדריקט
און דלות געקוקט האָט פֿון לעכער אַרויס.
— אין דלות באַגראָבן, אין לעכער פֿאַרשטיקט,
פֿון דורות אויף דורות אַלץ קוקן מיר אויס
דעם אָנזאָג פֿון רחמים צו ברעכן די נויט,
און ס'האָט נאָך די נויט אונדזער טרייסט נישט געטויט.

— עס איז אין דער לופֿטן געהאַנגען אַ שווערד,
געפֿאַלן איז טראָפּנווײַז בלוט אויף דער ערד
און קינדער געוויינט האָבן אונטער די פֿערד.

— גיי, פֿרעג בײַ דעם ווינט, אויב ער האָט ווען געהערט,
אַז מיר זאָלן ערגעץ באַטרעטן אַן אָרט
און ס׳זאָל אונדזער בלוט נישט פֿאַרטריקנט זײַן דאָרט.

— עס האָט נאָר געזאָלט זײַן אַן אומוועג אין וועג
און ברענגען דורך פֿרײַערע שטעגן אַרום.
— מיר האָבן גענוג שוין געבלאָנדזשעט ביז דיר
מיט הינטערשטע וועגן, געבויגן און קרום.
משיח וועט גיין מיט אַן אָפֿענעם וועג
און פֿירן אַנטקעגן צום ליכטיקן ברעג.

— איר האָט מיך געלאָזן אַליין בײַ דער שוועל
זיך שלאָגן אַזוי ווי אַן וואַסער אַ פֿיש — — —
קיין ענטפֿער... פֿאַרשווונדן... אַוועק אין דער נאַכט.
עס קילט פֿונעם פֿענצטער אַ מאָרגנווינט פֿריש
און ערגעץ פֿון ווײַטן אַ ליכטיקייט גרויט,
און לייגט זיך אַריבער די דעכער פֿון שטאָט.

*

— ווער פֿירט מיך, ווער פֿירט מיך; דער שׂטן צי גאָט?

געגאַנגען בין איך ווי אַ בלינדער נאָך ליכט
און ס׳האָט מיך, אַ בלינדן, אַהינצו געריכט,
ווו גאָט האָט אויף אייביק זײַן זיגל געלייגט —
און האָב נישט באַגריפֿן נאָך, וואָס מיך באַוועגט.

ביז ס׳האָבן מיך קולות פֿון דרויסן געוועקט:
— זײַן טראָט ווערט פֿון געטלעכן פֿײַער באַוועגט!
געזוכט און דערשפּירט פֿון די ווערטער דעם זין,
און פּלוצלינג דערזען, ווי איינזאַם איך בין.

דאַן האָב איך בײַם גאָט, וואָס איך האָב שוין דערקענט
אַ צייכן געבעטן צו שטאַרקן די הענט

אוּן, ווען ס׳האָט מיך גנעדיק זײַן פֿינגער באַרירט,
איצט הער איך דעם אורטייל: — דער שׂטן דיך פֿירט!

— דער שׂטן דיך פֿירט און מיר ווײַכן פֿון דיר!
געוווּנטשט אויך, ווען גאָט איז געווען מיט מיר.
צי גאָט, צי דער שׂטן — אַלץ בלײַב איך אַליין.
און ווער איז אין מיר? און וווּהין זאָל איך גיין?

ווער פֿירט מיך, ווער פֿירט מיך: דער שׂטן צי גאָט?

*

זיי זײַנען געקומען פֿאַרבלייכטע צוריק
און ס׳האָט זייער מידקייט געקוקט אַזוי מילד,
אַזוי ווי די נאַכט וואָלט פֿאַרשלונגען דעם כּעס
און קיל מיט איר אָטעם דעם ווייטיק פֿאַרשטילט.
און ווען ער איז ווידער דערשינען פֿאַר זיי,
פֿאַרגעביקע, שטילע, דאַן האָט אים געדאַכט,
ער האָט זײַן נשמה געפֿונען צוריק
אין פּײַן פֿון אַ שמאַרצלעך פֿאַרכּישופֿטער נאַכט.
ער האָט זיך געזויבערט אין שמאַרץ — און אַצינד,
ווען ס׳וועט זיך פֿאַרהיילן בײַביידן די ווונד,
וועט ערגער פֿאַרבינדן דער ווייטיק אין פֿרייד
און ס׳וועט זיך פֿאַרקניפּן אויף אייביק דער בונד.
גערעדט און גערעדט, ווי פֿון עפּעס באַפֿרײַט,
אַ הימל אַ נײַעם געפֿונען אין זיך
און שטאַרקייט אַנטדעקט, איבערמענטשלעכע מאַכט,
וואָס קען זיך נישט בייגן... ווער צווייפֿלט דען? איך
בין ערבֿ פֿאַר אײַך, אַז דער וועג וועט זײַן גלײַך!
זיי האָבן געהערט, ווי צום גלויבן געדאָרשט.
און ווען ער האָט פּלוצלינג די האַנט אויסגעשטרעקט
און פֿײַערלעך־שמאַרצלעך דעם נדר באַלייגט:

— פֿאַרטריקנט זאָל ווערן דער ביין פֿון מײַן האַנט
און צודאַרן זאָל מיר צום גומען די צונג,
אויב איך וועל פֿאַרגעסן דאָס הייליקע לאַנד! —
האָט מער שוין דאָס שווײַגן נישט האַלטן געקענט
דעם שטורעם אין הערצער, פֿון טרערן געדרענגט,
און ס'האָבן געשרייען און קושן און פֿרייד
אין טרערן דעם נעכטיקן וויטיק פֿאַרשווענקט.

*

זיי זײַנען אין אויסבראָך פֿון טרערן אַוועק.
נאָר שפּעטער, ווען ער איז געבליבן אַליין,
איז עפּעס צעפּאַלן, און ער האָט אין שרעק
און פּלאָנטער געבעטן:
— מײַן גאָט, כ'וויל פֿאַרשטיין,
און אויב נישט פֿאַרשטיין, ווײַז ווּהין זאָל איך גיין!
עס האָט מיך אין זייערע ליידן פֿאַרשמידט
אויף לעבן און שטאַרבן — דאָך בלײַב איך אַלץ פֿרעמד
און ציטער פֿון מורא צו שטעלן אַ טריט.
זיי ווייסן אַליין נישט, ווו ס'טראָגט זיי דער שטראָם,
און ווי זאָל עס קענען דער פֿרעמדער פֿאַרשטיין?
און וואָלט איך אַוועקגיין — מיט וואָס זאָל איך גיין,
ווען אַלץ, פֿונעם בלוט ביזן מאַרך פֿונעם ביין,
איז בלויז אַ פּקדון, און זייערס איז אַלץ.
איך וואָלט ווי אַ גנבֿ אַוועק מיט מײַן זעל,
באַהאַלטן זיך ווו אויף אַ רגעלע רו —
פֿון ווײַטסטן באַרג און פֿאַרבאָרגנסטער הייל,
די גנבֿה אַליין וועט מיך ברענגען צוריק.
מײַן גאָט!... ווײַז מיר ווו מײַן מזבח זאָל זײַן!
די טעג וואָס איך לעב און די נעכט וואָס איך וואַך,
מײַן בענקען אין לייד און מײַן אָטעם אין פּײַן —

װוּ זאָל איך עס טראָגן פֿאַרברענען פֿאַר זיי,
אַז ליב זאָל דער קרבן און אָנגעלייגט זײַן?

— 5 —

עס קלאָגט זיך די מאַמע: — דו ביסט אַזוי יונג,
און זע, וויפֿל זילבער שוין דאָ אין די האָר!
— מען קען דאָך נישט, מאַמע, זײַן יונג מיט אַ פֿאָלק,
וואָס ציילט שוין אַן עלטער פֿון טויזנטער יאָר.

עס קלאָגט זיך די פֿרוי: — זע דעם שטערן בײַ דיר
אין קנייטשן צעגראָבן! און מיד ווי דו ביסט!
— דאָס שנײַדט זיך דאָס גליק אויף מײַן שטערן אַ וועג,
און ווייסט דאָך, אַז גליק וויל נישט קומען אומזיסט.

עס קלאָגן זיך קינדער: — מיר בענקען אַזוי,
און ווילסט גאָר נישט וויסן און זען אונדזער צער.
— איך אויך, מײַנע קינדער, פֿון בענקשאַפֿט גיי־אויס —
וועט גאָט אונדז שוין אַלעמען טרייסטן דערפֿאַר.

*

עס רײַסן די באַנען די פֿליגלען פֿון ווינט
פֿון גרוילעכן נאָרד ביז צום זוניקן זיד.
עס שווינדן די טעג, ווי פֿון באַנען געיאָגט,
און ס׳ווייס נישט די נאַכט, ווען דער אָוונט פֿאַרפֿליט.
אָט נאָר וואָס דעם פּאַלאַץ פֿון קעניג פֿאַרלאָזט
און מאָרגן שוין ערגעץ פֿאַר הונדערטער מײַל
געקלאַפּט אין דער טיר פֿון אַ האַרטן מאַגנאַט,
און ווידער זיך ערגעץ געיאָגט אין געאײַל.
וואָס מידקייט? ווער אָפּרו? עס פֿיבערט דאָס אויג,
נאָר טונקעלער גראָבט זיך דאָס בלייכע געזיכט

און שווערלעכער פֿאַלט אויפֿן באָדן דער טראָט.
צי דאַכט דיר נישט, ברודער, אַז דאָס האָט אַ ליכט,
אַ וואַקסענע ליכט, ווי צו נעילה פֿאַר נאַכט,
פֿונאַנדערגעברענט זיך און גליט אַזוי העל,
ווײַל קורץ איז דער טאָג און געציילט די מינוט
און ס׳יאָגט שוין מיט קילקייט פֿון טונקעלער שווער?
דאָס ווייס נאָר דער אָוונט, וואָס בייגט זיך צו נאַכט,
דאָס ווייסן די שאָטנס וואָס פֿאַלן אַרום —
דער פֿלאַם אָבער פֿלאַקערט און ראַנגלט זיך העל
ביז וואַנען דער פֿינצטער פֿאַרגליווערט אים שטום.

*

עס ווייס נישט דער פֿלאַם און עס ווייסן נישט די
וואָס באָדן די זינדיקע קעפּ אין זײַן ליכט
ביז וואַנען עס טרעפֿן זיך אויגן מיט אים
און ס׳קומט די אַנטפּלעקונג פֿאַר זיי אומגעריכט,
אַז גרייט איז דער שאָטן שוין הינטערן ליכט.

נאָך איין מאָל דאַרף טרעפֿן דער פֿרעמדער זײַן פֿאָלק.
נישט ברען אַזוי, פֿרעמדער, נישט פֿלאַקער צו העל!
עס ליגט נאָך דײַן נעכטיקע זינד פֿאַר דער שוועל
און ס׳איז נישט די טבֿע פֿון ביטערן פֿאָלק
צו זען דעם בעל־תּשובֿה אַן זינד אַזוי שנעל.

זיי זײַנען געקומען אויף אַלע מאָל שוין,
מיט גאַליקע רייד און באַהאַלטענעם פֿויסט,
אַרונטערצורײַסן פֿון פֿרעמדן די קרוין —
און זאָל ער, מיט זייער פֿאַרטרויען געגרויסט,
נישט האַלטן זיי מער ווי אַ מלך אין פֿויסט.

און אָט איז דער פֿרעמדער, צום אורטייל באַרייט[5].
פֿאַר וואָס אָבער קומט נישט די גאַליקע שטראָף?
וואָס טוליען זיי זיך, ווי פֿאַרלאָזענע שאָף
און דריקן זיך איינער צום צווייטן געפּלעפּט,
ווי זינדיקע קינדער אין שרעק פֿאַר דער שטראָף?

ער שטייט, ווי געקומען פֿון ערגעץ אַ וועלט,
וואָס טונקט זיך אין אייביקן טויטלעכן צער.
דאָס פּנים פֿאַרשרומפּן אין גרויקייט פֿון אַש,
און ס׳קוקן די אויגן אויף זיי אַזוי שטאַר,
ווי ס׳וואָלט זיי פֿאַרשלונגען דער טויטלעכער צער.

און פּלוצלינג דערזעט מען אַ שאָטן־געשטאַלט,
וואָס הינטערן רוקן בײַ אים זיך באַהאַלט,
און שאָקלט און שאָקלט אויף זיי מיטן קאָפּ,
מיט גרימיקן שמייכל באַגיסנדיק קאַלט,
און ס׳בייגט זיך דער פֿרעמדער און ציטערט און פֿאַלט.

זיי קאָרטשען זיך אײַן, ווי אין אײַזיקן צוואַנג,
און ס׳ברעכן זיך קנײַען אין שטומען פֿאַרלאַנג,
צו פֿאַלן און בעטן פֿאַרגעבן בײַ אים,
און אפֿשר בײַ יענעם וואָס שטייט הינטער אים,
און אפֿשר בײַ יענעם וואָס שטייט הינטער אים...

*

שוין פֿרידן געשלאָסן אויף שטענדיק אַצינד.
און מוז מען דערפֿאַר אויפֿן שמאַרצלעכן בעט
מיט אָפּרו באַצאָלן — וואָס קען מען דען טאָן?
מען מוז זיך דאָך אויסרוען, פֿרי אָדער שפּעט.

---

[5] גרייט.

באַהאַלט זיך ניט, שאָטן, איך הער און בין גרייט.
ס׳איז וואָר, ביסט געקומען אַ ביסל צו פרי
און כ׳צווייפל אויב כ׳האָב שוין באמת פאַרדינט
אַ פרידלעכן אָפּרו ביי דיר מיט מיין מי.
נו, וועל איך זיך דינגען אַ ביסל מיט דיר.
דו וועסט עס מיר מוחל זיין, ווייסט דאָך — אַ ייִד...
אָט בין איך אין גאַנצן שוין דיינער. דו ווילסט —
פאַרנעמסטו מיין אָטעם און כ׳גיי מיט דיר מיט.
איז קענסטו דאָך גוט זיין צו מיר. הער מיך אויס:
פאַר צייטנס געווען איז שוין איינער אַ תּם,
וואָס האָט זיינע ברידער פון קנעכטשאַפט אַרויס
מיט ניסים געפירט דורך אַ טרוקענעם ים,
און ס׳איז אים, ווי מיר, נישט געווען באַשערט
אַ גאַנצער צו קומען מיט זיי ביזן סוף.
און האָט ער זיין חלום צו זען באַגערט,
האָט גאָט אויף אַ באַרג אים גענומען אַרויף
און דאָרטן געוויזן, וואָס ער האָט געוואָלט.
ס׳איז יענעם אין אַלעם געגאַנגען ניט שלעכט.
און איך — איך זאָל בעטן דעם זעלביקן גנאָד —
ביי ווען צו בעטן עס ווייס איך נישט רעכט.
זיי האָבן מיין בידנע נשמה אַזוי
געשליידערט אַרום צווישן שׂטן און גאָט,
אַז כ׳ווייס נישט מער ווירקלעך, צו וועמען כ׳געהער.
חוץ דיר, וואָס דו קענסט מיר נאָך טאָן דאָס גענאָד.
דו וועסט דאָך דערפילן מיין לעצטן באַגער
און לאָזן פון ווייטן כאָטש זען דעם ציל.
געדענקסט דאָך דעם אָפּמאַך: וואָס נענטער אַהין —
אַלץ נענטער צו דיר, און עס איז שוין נישט פיל.
און ווען עס וועט קומען די רעכטע מינוט,
פאַרהאַלט מיך ביים אָרעם און וואָרן: — שוין צייט!

דאַן האָב איך נאָך אפֿשר צו זאָגן אַ וואָרט,
און שפּעטער שוין פֿרײַ זײַן פֿאַר דיר און דער וועלט.

*

דורך טאָלן און בערג אין אייביקן לאַנד
דער שטאַמלער פֿון סיני פֿירט איינעם בײַם האַנט.

פֿרעגט יענער: — מײַן רבי, ווּ פֿירט אונדזער גאַנג?
— צום באַרג פֿון דער צוקונפֿט, ווּ ס׳לעבט דײַן פֿאַרלאַנג.

— מײַן רבי, איז ווײַט נאָך אַהינצו דער וועג?
— די אייביקייט ציילט נישט קיין שעהען און טעג.

— עס איז נישט פֿאַר מיר, נאָר פֿאַר די אויף דער ערד,
און ס׳הענגט איבער זיי יעדע ווײַלע די שווערד.

— דעם בונד, וואָס די שווערד אין לעבן צערײַסט,
פֿאַרוועבט מיט זײַן אָטעם דער אייביקער גײַסט.

— און ווי קענסטו צוזען דאָס אייגענע בלוט,
ווי שקלאַפֿן געטריבענע אונטער דער רוט?

— פֿאַרשקלאַפֿט און באַפֿרײַט זיך, באַפֿרײַט און פֿאַרשקלאַפֿט —
ס׳האָט שקלאַפֿן און פֿרײַ זײַן דעם זעלביקן האַפֿט[6].

— איך האָב פֿון דיר אַנדערע ווערטער געהערט,
ווען דו האָסט צום פֿאָלק מיך געשיקט אויף דער ערד.

— עס דרייט זיך דאָס אייביקע ראָד אָן אַ סוף,
דאַרף זײַן אויך אַ שעה, ווען אַ מאָרגן טאָגט־אויף.

דורך בערגיקע שטעגן געקומען צום באַרג
און ס׳שטייען שוין בײדע בײַ אים אויפֿן קאַרק.

---

[6] כוח אויסצוהאַלטן, שטאַרקייט אַריבערצוטראָגן.

שטרעקט־אויס אין דער ווײַטן דער שטאַמלער זײַן האַנט:
— צי קענסטו פֿון דאַנען דערזען דאָס לאַנד?

צעגלי‎ִען בײַם פֿרעמדן די שוואַרצאַפּלען ברייט,
ער קוקט אין דער ווײַט נאָך דער האַנט און ער זעט...
— — — — — — — — — — — — — — — —
ער קוקט אין דער ווײַטקייט, פֿאַרשלונגען פֿון זען,
און פּלוצלינג, אים דאַכט זיך, ער הערט אַ געוויין.

— מײַן רבי, דײַן וויינען אַצינד וואָס באַטײַט?
— אויך איך האָב אַמאָל זיי פֿון קנעכטשאַפֿט באַפֿרײַט...

1918

# זאוול רימער

א כראָניק
אין 16 קאַפּיטלען

# 1

**ער** איז געווען ברייט און נידעריק, אויף שווערע פּיס,
און האָט געהאַט אַ קאָפּ געדיכטע קרויזן ווי אַ נעגער.
די נעגל פֿון די קורצע פֿינגער זײַנען שוואַרץ געווען
פֿון אַרבעט בײַ די כאָמוטעס [1] אין טאַטנס רימערײַ.
און פֿאַר די אַרבעט האָט ער, אויסער עסן און אַ שטוב
צוזאַמען מיטן ברודער משה, אויך געקראָגן
פֿון אָנהייב דרײַ און שפּעטער פֿיר רובל אַ וואָך.
פֿאַר אָט דאָס געלט האָט זאַוול צווישן מענטשן
געקאָנט אַרויסגיין אָנגעטאָן אין שוואַרצן הוט און ראָק,
אַ קאָלנער אַ פּאַפּירענעם און רויטן שניפּס.
און פֿאַר דאָס געלט האָט ער זיך אויך געקויפֿט אַ פֿידל,
אויף וועלכער ער פֿלעגט אָונטצײַט, ווען משה איז אַוועק
אין גאַס צו זײַנע שנײַדער־יונגען, נעמען גרימפּלען
אַ מאָל געכאַפּטע פֿרעמדע שטיקלעך, און אַ מאָל —
אויך זײַנע אייגענע. דערהערנדיק דאָס גרימפּלען,
פֿלעגט זיך דער טאַטע, אַ באַוועקסענער ביז אין די אויגן,
אַוועקגעלאָזן אַ מגיד זוכן אין די בתּי־מדרשים.
די קליינע מאַמע אָבער איז געבליבן פֿאַר דער טיר,
מיט איין קינד אויף דער האַנט, אַ צווייטס נעבן זיך,

---

[1] (רוסיש) האַלדזגעשפּאַן פֿאַר פֿערד: אָוואַלער גרויסער רינג פֿון האָלץ, געדעקט מיט ווייכן לעדער, דורך וועלכן עס ווערן דורכגעצויגן עטלעכע פּאַסן פֿון געשפּאַן אויפֿן פֿערד.

און ריידנדיק מיט שכנות, צולייגן אַן אויער.
און אַז די קינדער זײַנען אײַנגעשלאָפֿן נעבן איר,
און זי האָט זיי אין שטוב אַרײַנגעטראָגן,
פֿלעגט זי אַ טאַפּ טאָן די געדראָטעוועטע באַנקע טיי,
אַרײַנשטעלן אין אַש, אין זשאַר אַרײַן, אַן עפֿן טאָן
די טיר צום זון און פֿרעגן: — ווילסט אפֿשר אַ גלעזל טיי?
דערנאָך, ווען ער האָט זיך פֿאַר פֿערציק קאָפּיקעס אַ שעה
בײַם בעסטן קלעזמער אויסגעלערנט נאָטן,
און ס'האָבן זיך באַוויזן אויפֿן טיש די גרויסע בויגנס
מיט פּינטעלעך און קײַקעלעך און שטעקעלעך,
האָט שוין דער טאַטע אויך נישט מער געברומט,
און זאַוול האָט געקאָנט פֿאַרמאַכן זיך אין קאַמער,
אַוועקגיין שפּעט און טאָן וואָס אים געפֿעלט.
מען האָט שוין אויף דער גאַנצער גאַס געוווּסט,
אַז שלום רימערס זון, וואָס נעבן פּישמאַרק,
מאַכט לידער מיט ניגונים און ער שפּילט זיי אויס אַליין.
פֿאַר נאַכט פֿלעגן זיך שכנות קלײַבן פֿאַרן הויז,
און מיידלעך־שנײַדערקעס, וואָס האָבן זיך מיט אים געקענט
פֿון לייענען געהיימע ביכלעך אין דעם שמאָלן אַלקער,
וואָס הינטער דער אַפּטייקער־קראָם — זיי האָבן זײַנע לידער
צעטראָגן איבער הײַזער, און עס איז אַוועק פֿון זיי
צו דינסטמיידלעך אין קיכן און צו טעכטער באַלעבאַטישע.
און ווער עס האָט געטראָגן אויפֿן האַרצן עפּעס, צי געוואָלט
זיך פּוצן כלומרשט מיט אַ האַרץ אַ שווערס, פֿלעגט זינגען:

עס ליגט אַ וואָלקן אויף מײַן האַרץ
און ווערט גאָר נישט פֿאַרשוווּנדן.
און קיינער זעט נישט, ווי עס פֿליסט
דאָס בלוט פֿון מײַנע ווונדן.

עס ליגט אַ וואָלקן אויף מײַן האַרץ,
פֿאַרשטעלט די זונען־שטראַלן,
און קיינער זעט נישט אין דער נאַכט,
ווי מײַנע טרערן פֿאַלן.

עס ליגט אַ וואָלקן אויף מײַן האַרץ
און וואַרפֿט אַ שווערן שאָטן.
דאָרט ליגן מײַנע יונגע טעג
צעריסן און צעטראָטן.

**נאָך מערער האָבן יונגע לײַט פֿאַרליבטע,**
**די מיידלעך פֿירנדיק אין סאָד בײַ נאַכט,**
**צי לאָזנדיק זיך פֿאַרלעכווײַז הינטער שטאָט**
**אין וואַלד אַרײַן, געזונגען אָט אַזוי:**

קום־אַרויס צו מיר אין גאָרטן,
וואַרטן וועל איך אויף דיר דאָרטן.
ווען די נאַכט קומט־אָן אַ שוואַרצע,
וועל איך דריקן דיך צום האַרצן.

דו נאָר איינע, דו זאָלסט וויסן,
ווי די טרערן מײַנע פֿליסן,
און דו וועסט מיר אַלץ פֿאַרגעבן,
ווײַל כ׳האָב קיינעם נישט אין לעבן.

כ׳האָב נאָר וואָלקנס שוואַרצע טריבע —
קום, צעטרײַב זיי מיט דײַן ליבע.
ווען די נאַכט קומט־אָן אין שוואַרצן
ברענג די זונשײַן אין מײַן האַרצן.

**ס׳האָט יעדערער געוווּסט, אַז זאָוול האָט קיין גאָרטן נישט בײַם טאַטנס הויף, הינטערן פֿישמאַרק; אַז בײַ נאַכט קומט קיינער נישט צו אים; און ווען ס׳וואָלט עמעצער**

פֿאַרטראַכט זיך וועגן ליד, וואָלט אַ געלעכטער אָנגעכאַפּט
שוין בײַם געדאַנק אַליין, וואָס קאָן דאָס זײַן אַזוינס,
וואָס אָט דער זאַוול דאַרף מען זאָל עס אים פֿאַרגעבן.
נאָר קיינער האָט זיך נישט פֿאַרטראַכט אויף דעם. און ער אַליין,
ווען אויגן האָבן זיך געצונדן, פּנימער געררויטלט
און הענט האָבן די ליבע הענט געזוכט — אַליין פֿלעגט ער
פֿון ווײַטן זיצן, צוהערן — און וואָס דען נאָך ?
עס האָט זיך אויסגעדאַכט אַ מאָל, אַז שטאָט דעם יונגן מאַן,
וואָס זיצט נעבן דעם מיידל, זיצט עס ער אַליין —
און צערטלעך האָט ער זיך די אייגענע, די שווערע האַנט געגלעט,
ביז ער האָט זיך געכאַפּט פֿאַרשעמט. נאָר אָפֿטער דאָך
איז שוין די פֿרייד געווען אין הערן בלויז די ווערטער זײַנע,
און מיט פֿאַרשעמטן שטאָלץ פֿלעגט ער אַראָפּלאָזן די אויגן,
וואָס דאָס איז אויך אַריבער אומבאַמערקט. פֿאַר נאַכט, אויפֿן בולוואַר,
פֿלעגט ער זיך צושאַרן צו צוויי, דרײַ בחורים, זיך צוהערן
און שווײַגן. און אַ מאָל, ווען ס׳איז אַן אויסגעלאָזטע מיידל
פֿון לעצטער ברירה שוין מיט אים געגאַנגען,
האָט ער גערעדט געציילטע ווערטער און געציטערט,
אַזוי ווי ער זאָל האַלטן אין דער האַנט אַ דינע, דינע גלאָז,
וואָס אָט אָ גיט זי זיך אַ צאַפּל אין די פֿינגער —
און שוין! איז נישט אַזוי די אומגעלומפּערטקייט פֿון אים,
דעם ניד׳ריקן און שוואַרצן, נאָר זײַן פֿינצטער שווײַגן
האָט זיי פֿון אים געטריבן. און אַז ס׳האָבן מיידלעך יאָ
געהאַט אַ מאָל אַ וואָרט צו זאָגן אים, איז דאָס געווען:
„זאָל זאַוול שפּילן! זאָל זאַוול זינגען!"
און ער האָט זיך געשעמט, און עפּעס האָט געקרענקט,
און דאָך האָט ער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און האָט געפֿאָלגט.

**וואָלט** זאַוול בלויז געווען זײַן טאַטנס קינד,
וואָס איז פֿאַרפֿרעמדט געוואָרן פֿון זײַן טאַטנס וועג,

פֿון מגיד און עין יעקבֿ[2] — וואָלט ער אויך גענומען חלומען
פֿון זיצן הינטער קראַטעס, ווו עס זאָל די מאַמע קומען
אַ טעפּעלע געקעכטס אים ברענגען אָדער אין די נעכט
געזען זיך אין די וויסטע וועלדער פֿון סיביר,
די שווערע פּיס אין שניי און אויפֿן קאַרק — אַ פּאַק.
איז אָבער אויך דאָס נײַע, וואָס ער האָט געהערט
און דאָ זיך אײַנגעחזרט, באַלד געוואָרן אַזוי אַלט
און ווײַט גלײַכגילטיק, ווי דעם טאַטנס אַשרי[3],
וואָס ער האָט יעדן אין דער פֿרי געזאָגט נישט ווילנדיק.
און אַז ער האָט געהערט דערציילן וועגן יענע אין סיביר,
האָט ער געפֿילט אַן אָפּשײַ, אָבער אויך אַ קעלט,
און איז געוועזן זיכער, אַז דאָס מיינט נישט אים.
פֿאַר וואָס אַזוי? דאָס וואָלט ער נישט געוווּסט.
נאָר ס'איז דאָס האַרץ נישט דאָרט געווען, און אויב עס האָט זיך יאָ
געחלומט פֿון אַן אַנדער לאַנד, איז עס געווען
נישט ווײַט און גליווערדיק, נאָר נאָנט ערגעץ דאָ,
מיט הימלען היימישע און אַלץ אַזוי באַקאַנט,
און ס'האָט די היימישע, די זומערדיקע זון געלויכטן,
נאָר זאַוול איז געווען אַן אַנדערער און אַרום אים
די מענטשן אַנדערש. אָדער אפֿשר גאָר נישט אַזוי אַנדערש?
קאָן זײַן, עס זײַנען בלויז געווען די שיינע, אויסגעפּוצטע
און יום־טובֿדיקע לײַט, וואָס גייען־אום אין גאַס,
וואָס יעדן פֿון זיי קען ער און דאָך בלײַבן זיי
אַזעלכע פֿרעמדע, נישט־דערגרייכטע, אייביק אַנדערע.
פֿלעגט ער זיי נאָכקוקן, און אָפֿט האָט אים

---

[2] ספר פון יעקב חביב (געב׳ 1460 אין שפּאַניע, געשט׳ 1516 אין טערקײַ), אַ זאַמלונג פון די אַגדות פון תלמוד בבלי מיט פירושים, איבערגעזעצט אין יידיש, פּאָפּולער אין מזרח־אייראָפּע. — [3] די תפילה, וואָס מ'קען אויף אויס־ווייניק, ווײַל זי ווערט געזאָגט 3 מאָל אין טאָג: „אַשרי יושבי ביתך" (תהילים פ״ד).

אַזאַ געפּיל אַרומגעכאַפּט, אַז וואָס ער דאַרף,
איז נאָר זיך אומקערן און ס׳וועט אים עמעצער, אַ פרעמדער,
אַנטקעגנקומען, אָנגעמען בײַ דער האַנט און זאָגן:
— קומט, זאַוול, לאָמיר גיין! — און ער וועט גיין.
און עפּעס וועט זיך אָנהייבן. אַז נישט פלעגט ער פאַרקוקן זיך
אויף אַזאַ מענטש און נישט אַראָפּנעמען די אויגן,
אין זיכערער דערוואַרטונג, ביז עס פלעגט אַ חבר
אים אָפּשטעלן און אָנקוקן פאַרוווּנדערט,
פון וואָס דער זאַוול איז אַזוי צעמישט געוואָרן.

דער איינציקער פון יענע יום־טובֿדיקע מענטשן,
וואָס ער האָט יאָ געקענט פון נאָנט, איז געווען מישאַ,
דער זון פון גבֿיר ר׳ חיים־לייב, וואָס קומענדיק אַהיים
אויף זומער פלעגט ער מיטברענגען די דינע ביכלעך,
געדרוקט אויף פאַפּיראָס־פּאַפּיר, און אויך אַליין אַ מאָל
זיי לייענען און אויסטײַטשן אין זאַוולס קרײַז.
ער איז געווען הויך, מיט שוואַרצע מאַטע אויגן.
און אַז ער פלעגט אַרויס אויפן בולוואַר, אין ווײַסן רעקל
מיט געלע קנעפּ און בלויע הויזן, ווי אַן אָפיציר,
אַרומגערינגלט פון אַ חבֿרה יונגע לײַט און טעכטער גבֿירישע —
האָט זאַוול אויסגעמיטן אים צו קומען פאַר די אויגן.
ער איז געווען אַ רעטעניש פאַר אים — אָט דער בן־יחיד,
וואָס פּאָרט זיך דאָ מיט קינדער גבֿירישע און דאָ מיט זיי...
און חלומענדיק שעהען וועגן אים, פלעגט זאַוול
אַליין באַליידיקט ווערן פאַר זײַן העלד, וואָס גיט זיך אָפּ
ווער ווייס מיט וועמען. מיט אַ שטילן קוק פון שטאָלץ,
וואָס וויל די קנאה נישט באַווײַזן, פלעגט ער צוזען,
ווי מישאַ רעדט מיט דעם און יענעם, און פאַררוקן זיך,
און ווערן שטילער נאָך. אַוודאי האָט ער מיט אַ ווינקל אויג
פאַרגנבֿעט זיך — קאָן זײַן, מען רעדט עס וועגן אים.

אוּן סוף־כּל־סוף האָט ער קיין טעות נישט געמאַכט,
ווײַל אַז מען האָט געדאַרפֿט זיך אויספֿײַנען מיט עפּעס
אוּן נישט געהאַט מיט וואָס — במילא האָט מען זיך געכאַפּט
פֿאַר זאַוולס לידער. אוּן אַז ער אַליין האָט נישט גערעדט,
האָט דער סטודענט געמוזט דער ערשטער צו אים צוגיין.
פֿאַרשטייט זיך, זאַוול האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון לייענען.
דאָס האָבן שוין די אַנדערע געטאָן פֿון זײַנעט וועגן,
אוּן ער האָט בלויז דעם קאָפּ פֿאַרנויגט. נאָר מישאַ האָט געבעטן.
אוּן זאַוול, נישט געפֿינענדיק קיין כּוח צו דערשטיקן
דעם שמייכל, וואָס איז אויפֿגעקומען מיטן האַרצגעקלאַפּ,
האָט אָנגעהויבן מיט אַ טרוקן קול אוּן מיט אַ מינע,
ווי ער וואָלט עס אַליין באַטראַכט פֿאַר קינדערײַען,
מיט וועלכע איינער דאָרט, אַ בטלן, מאַכט זיך נאַריש,
אוּן ער, ס׳הייסט זאַוול, קאָן נאָר שמייכלען איבער דעם...
וואָס ווײַטער אָבער האָט דער שמייכל זיך צערונען,
דאָס פּנים איז געוואָרן פֿײַערלעך אוּן אָנגעשטרענגט,
אוּן מישאַ, קוקנדיק אויף אים, האָט נישט אַזוי געהערט
די ווערטער פֿון זײַן מויל, ווי צוגעזען דאָס פּנים,
די אויגן אוּן דעם קאָפּ, אוּן האָט געפֿילט,
אַז עפּעס טוט זיך אין דעם מאָדנעם מענטשן.
געפּרוּווט דערנאָך מיט אים אַ שמועס טאָן — אַ וואַנט.
עס האָט זיך נישט געבונדן, נישט געקאָנט אַרויסקריגן
קיין צענדליק גלײַכע ווערטער, אוּן אים אָפּגעלאָזט.
נאָר ווען ס׳איז אויסגעקומען שפּעטער־צו, אַ מאָל,
צו הערן זאַוולען שפּילן, האָט עס ווידער אים
אַ קלאַפּ געטאָן מיט אָט דעם טעמפּן, אוּמפֿאַרשטענדלעכן
אוּן שווערן ערנסט. האָט ער נאָך אַ מאָל געפּרוּווט
פֿאַרפֿירן אַ גערייד, האָט ווידער אָפּגעלאָזט,
אוּן ס׳איז פֿאַרבליבן אַ משונהדיק געפֿיל צו אָט דעם מענטשן:
ער איז אי ניד׳ריקער, אי אוּמפֿאַרשטענדלעכער,

און ס׳גלוסט זיך אים צו האָבן נעבן זיך און ס׳פּילט זיך,
אַז עפּעס איז מען זיכערער מיט זיך, ווען ער איז נאָנט.

עס איז געווען אַ געפּיל אַזאַ ביי מישאַן, אַז מען דאַרף
דעם זאַוולען צובינדן. און ווייל ער האָט נישט איינגעזען
פון וואַנען ס׳קומט אַזאַ געפּיל, האָט ער געטראַכט פון זיך,
אַז דאָס איז גלאַט אַ מין קאַפּריז פון רייכן בחור,
וואָס אים איז נודנע אין דער היים די פּאָר חדשים
און ס׳ווילט זיך שפּילן אין ווילטעטיקייט פון ווילטאָג.
און נאָך באַוואָרענישן אין דער היים איז ער אַ מאָל
אַוועק אויפן בולוואַר, געפונען זאַוולען, צוגעזעצט זיך,
גענומען ריידן גלאַט אַזוי און מיט אַ מאָל געפרעגט:
— וואָס טוט איר מאָרגן אָוונט, זאַוול? — גאָר נישט.
— וואָלט איר געוואָלט אַריינקומען צו אונדז?
— וואָס מיינט איר? — האָט אים זאַוול נישט פאַרשטאַנען.
— איך מיין, איר זאָלט אַריינקומען צו אונדז אין הויז.
— צו אייך? — צו אונדז. — נאָך וואָס? — אָט גלאַט אַזוי.
פאַרברענגען, זיך באַקאַנט מאַכן מיט אונדזערע,
און ס׳וועלן זיין נאָך יונגע לייט און מיידלעך. גוט?
— איך ווייס נישט — האָט געשטאַמלט זאַוול — ניין.
— פאַר וואָס? — און מישאַ האָט דערזען אַ שווער צעטומלעניש
אויף זאַוולס פּנים און דערפילט, אַז ער געטרויט אים נישט.
אַז ערגעץ האָט דער מענטש דערשפּירט דעם שפּאָס,
מיט וועלכן ער, דער קלוגער, וויל עפּעס פאַרדעקן.
ער האָט אַ זאָג געטאָן: — איך מיין עס זייער ערנסט, זאַוול.
איר דאַרפט נישט מורא האָבן פאַר אַ נייעם מענטשן.
— איך האָב קיין מורא נישט — הייבט זאַוול אויף די אויגן,
קוקט־אָן דעם בחור און ווערט ווידער שטום.
— נו, וועט איר קומען? — גוט. — און מיטברענגען די פידל?
— צו וואָס? — שוין ווידער ס׳זעלביקע. וואָס האָט איר מורא?

— כ׳וועל קומען — ענדיקט זאַוול און דערלעבט קוים די מינוט,
ער זאָל זיך קאָנען אָפּטראָגן מיט זײַן צעטומלעניש.

אַזוי האָט זיך עס פּלוצלינג אָנגעיאָגט אויף אים,
כאָטש נישט אין גאַנצן אומגעריכט, און ער האָט נישט געגלויבט,
אַז אָט־אָ איז דאָס שוין. אַ גאַנצע נאַכט געלעגן,
געשראָקן זיך אַ דריי צו טאָן, נישט אויפֿצוּוועקן משהן,
וואָס איז מיט אים געשלאָפֿן אויף דער שלאָפֿבאַנק.
און ליגנדיק אַן אויסגעצויגענער זיך פֿאָרגעשטעלט
דאָס ווײַס געפֿאַרבטע ציגלהויז פֿון גביר ר׳ חיים־לייב
מיט ווײַסע פֿאָרהאַנגען און גלעקל בײַ דער טיר.
דערמאָנט זיך, אַז דאָרט דינט אַ קרובֿה זייערע,
וואָס קומט אַ מאָל צו גאַסט און רופֿט די מאַמע — מומע.
געביסן זיך די ליפּן פֿון חרפּה אויפֿן צוזאָג.
און ווידער זיך געזען צווישן די מענטשן פֿון דעם הויז,
דאָס קומען דאָרט, זײַן זיצן, זײַנע רייד,
און האַלב געחלומט, האַלב געשלאָפֿן, דורך דער נאַכט.
און ווען ער האָט פֿאַר נאַכט גענומען באַרשטן זיך די פּלודערן[4]
און זיך געבראַכט אַ פֿרישן קאָלנער, אַ פּאַפּירענעם,
האָט שוין די מאַמע און מיט איר די שכנות פֿון אַרום,
געוווּסט וווּהין ער גייט. און ס׳האָבן צען פּאָר אויגן
געשטאָכן אים אין רוקן, ווען אַ שוואַרצער, מיטן שוואַרצן שאַכטל,
האָט ער גענומען שפּרײַזן דורכן פּישמאַרק.
עס זײַנען צווישן אַלע נאָכקוקנדיקע אויגן
געווען אויך משהס. און בשעת דער ברודער איז אַוועק,
האָט איין אויג זיך צונויפֿגעדריקט, געטאָן אַ פּינטל,
און ס׳האָט אַ ווינקלמויל אַ שפּרונג געטאָן אַרויף,
ווי עמעצער זאָל קוקן און פֿאַרשטיין דערפֿון,
וואָס משה טראַכט זיך פֿון זײַן טאַטנס בכור.

---

[4] הויזן.

**ביז** וואַנען זאַוול האָט דערנאָך אויפֿן געלעגער
גענומען ביסלעכווײַז פֿונאַנדערקלײַבן זיך אין דעם,
וואָס איז געשען דעם אָוונט, האָט זיך אַלץ פֿאַר אים געמישט.
עס האָט איבערן ווײַסן טיש מיט פּירות אַלערליי און טאָרט
געברענט אַ בליצלאָמפּ מיט קרישטאָלעכלעך באַהאָנגען.
ס'האָט מישאַ אים אונטער דער האַנט געפֿירט צום פֿאָטער,
און בײַ אים האָבן די הענט געשוויצט — — און בחורים,
און מיידלעך האָבן צוגעקוקט פֿון אַלע זײַטן...
און איינער, דאַכט זיך, האָט געטאָן אַ ווונק צו עמעצן.
ר' חיים-לייב אין יאַרמלקע און שלאָפֿראָק האָט געפֿרעגט
ווי ס'הייסט זײַן טאַטע און אין וועלכן בית-המדרש דאַוונען זיי.
דערנאָך האָט ער געקראָגן טיי און איבער זיך דערהערט
זײַן שוועסטערקינד, די דינסטמויד, פֿרעגן:
— וואָס מאַכט די מאַמע, זאַוול? — און געבריט זיך
מיט טרערן אין די אויגן. דאַן האָט ער געשפּילט.
און ס'האָט אַ מיידעלע אַ בלאָנדס געפּרוווט די סטרונעס.
און שפּעטער איז דער גבֿיר שוין נישט געווען.
בלויז יונגע לײַט און מיידלעך האָבן אים אַרומגערינגלט.
און מישאַ איז געשטאַנען הינטער אים בײַם לייענען
און דורכגערעדט זיך מיט די אַנדערע איבער זײַן קאָפּ.
דערנאָך האָט מישאַס שוועסטער (מיט אַ מאָדנעם נאָמען)
געזאָגט, ער זאָל אַרײַנקומען צוויי מאָל אַ וואָך
און זי וועט מיט אים לערנען. און שוין אויפֿן וועג אַהיים
האָט אים באַגלייט אַ בחור מיט צוויי מיידלעך.
האָט ער זיך אַלץ געקליגט צו זאָגן עפּעס. נישט געקאָנט.
און נאָך אַנאַנד געריבן זיך די רעכטע האַנט אין רעקל.
אין שטוב איז ער אַרײַן אויף שפּיצן פֿינגער,
נאָר פֿונעם סקריפּען מיט דער טיר האָט מען זיך אויפֿגעכאַפּט
און ס'האָט דער טאַטע אָנגעהויבן בורטשען אין דער נאַכט.
זיך אויסגעצויגן, נישט אַ ריר צו טאָן דעם ברודער.

באַפּרײַט דעם אָטעם ביסלעכווײַז און אָנגעהויבן פּילן,
אַז ס׳ברענט דער קאָפּ און פֿאַר די אויגן שטייט אַ נעפּל
פֿון ראָזן ליכט, אין וועלכן אַלץ מישט זיך צונויף.
נאָר אָט אַ שיילן זיך פֿון נעפּל רויטע פֿלעמלעך,
וואָס בריִען שטעכיק. און עס ווערט דאָס גאַנצע פּנים
מיט בלוט פֿאַרגאָסן: פֿריִער זײַנע הענט, די שוויציקע:
דערנאָך די דינסטמויד חיה־ריווע מיט איר קול:
דערנאָך די שמייכלען פֿון די בחורים: זײַן אייגן האַרץ,
וואָס האָט געקלאַפּט אַזוי... די פֿלעמלעך בריִען
מיט שאַנד און כּעס אויף זיך. עס מישט זיך אויס
די זיסע שיכּורקייט מיט אָט דער שאַנד. זיי שלאָגן זיך.
און ס׳האַמערן פֿון היץ די שלייפֿן. שעהען גייען,
צעגייט די שיכּרות און אַ ניכטערע באַהערשונג קומט,
און הייבט־אָן איבערוועגן, איבערמעסטן אַלץ.
ווערט איינציקווײַז צענומען יעדער שטעל און ריר.
און אין דער דורכלעבונג אויף ס׳נײַ, אַליין אויפֿן געלעגער,
קריגט אַלץ, וואָס איז געשען, אַן אַנדער פּנים:
עס קלאַפּט נישט מער דאָס האַרץ אַנטקעגן גבֿיר
און רויִק קומט דער ענטפֿער, ס׳בינדט זיך אויף די צונג.
ס׳איז דאָ אַ וואָרט פֿאַר יעדערן, אַ שמייכל.
און זאָל שפּרײַזט־אַרום אין ווײַסן, רײַכן הויז,
אַ זיכערער און גלײַכער צווישן אַלע לײַט.
און ס׳ווערט ווי דורך אַ נס די האַנט אַפֿילו טרוקן.

**דער** מאָרגן קומט. עס נעמט זיך רודערן אין שטוב.
דער טאַטע גייט־אַוועק צום דאַווענען. די מאַמע קומט
און וועקט: די בנים שלאָפֿן נאָך! מען הייבט זיך אויף.
און אין דעם ליכט פֿון טאָג ווערט אויסגעמישט דאָס אמתע
מיט דעם, וואָס האָט געזאָלט זײַן אמת. טומלט זיך אין קאָפּ.
נאָר הינטער דעם גייט־אום אַ בלינד געפֿיל,

אַ וואָרענונג אויף דערנאָך: מען דאַרף זיך היטן, היטן!
טוט זאַוול אָן די תּפֿילין, שטייט אין מיטן שטוב,
קיין ליפּ נישט רירנדיק. און אַז די מאַמע פֿרעגט:
— נו, וואָס איז דאָרט געווען? — באַטראַכט ער זי
און ענטפֿערט: — מ׳עט מיך דאָרטן לערנען.
— וואָס רעדסטו? דער סטודענט אַליין? — איז נײַגעריק די מאַמע.
נאָר זאַוול קאָן שוין מער נישט ענטפֿערן: ער עסט
און ס׳בלײַבט אים מיט אַ מאָל דער ביסן שטיין אין האַלדז.
דאָס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ כּעס. און ס׳ווילט זיך, ווי דער טאַטע,
אַ מרוקע טאָן און זאָגן: — חיה־ריווע לאָזט דיך גריסן!
נאָר ס׳וואַקסט דער כּעס אַזוי, אַז ס׳ווילט זיך גאָר
דעם נאָמען נישט דערמאָנען. קוקט ער בלויז און שווײַגט.
און מיט ביסן, נישט צעקײַט, הייבט ער זיך אויף
און לאָזט זיך גיין אין טאַטנס רימערײַ.

# 2

דער טאַטע איז געווען אין כּעס: וואָס איז דאָס פֿאַר אַ חגא
אין מיטן מיטוואָך גאָר אַוועקגיין פֿון דער אַרבעט?
די מאַמע אָבער איז געווען אויף זאַוולס צד
און האָט געטענהט: — לאָז אים קומען צווישן מענטשן!
און זאַוול, אַז עס איז געוואָרן מאָנטיק פֿינף אַ זייגער,
האָט אָנגעטאָן דעם ווײַסן קאָלנער מיטן קאַפּעליוש און איז אַוועק.
די קני האָבן געציטערט, מער ווי אַלץ פֿון שרעק,
אַז אויפֿן קלונג פֿון גלעקל זאָל נישט אָנקומען די דינסט.
איז ער געבליבן וואַרטן פֿאַר די טרעפּ צו דער טיר,
זיך צוגעהערט, ווי ס׳קלאַפּט אין אים, ביז מיט אַ מאָל

צונויפֿגענומען זיך, אַ שפּרײַז געטאָן אַרויף
און אָנגעקלונגען. נייך, ס׳איז נישט געווען די דינסט.
אַליין די גבֿירטע האָט די טיר געעפֿנט. דורכגעפֿירט
די גרויסע שטוב מיט טעפּעכער און בלומען,
און אָנגעזאָגט: — די קינדער וואַרטן שוין אויף אײַך.
פֿאַר וואָס — די קינדער? בלויז אַן אויגנבליק.
און ווען עס עפֿנט זיך די טיר אין צווייטן צימער,
און ס׳גיט אַ שימער פֿאַר די אויגן זון און ווײַסקייט,
און צווייגן, וועלכע שלאָגן זיך אין פֿענצטער,
פֿאַרשטייט שוין זאַוול. צווישן גרין און ווײַס,
פֿון בוים אויף יענער זײַט, און פֿאָרהאַנג דאָ זיצט מישאַ.
די פֿיס פֿאַרוואָרפֿן, מעשׂה עלטערער אין הויז.
און איידער זאַוול טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ צו אים,
שפּרינגט־אָן זײַן שוועסטער — זון אין אירע קאַשטאַנהאָר,
די ברוינע אויגן לויכטנדיקע, און פֿון דער ווײַסער בליוזע —
אַ ווײַסער האַלדז און ווײַסע ציין אין העלן שמייכל...
און זאַוולס קאַפּעליוש איז שוין נישטאָ. און זאַוול פֿילט
אַ קליינע ווייכע האַנט אין זײַנער. און ער זיצט,
און ווייסט נישט ווי אַזוי. זאָגט מישאַ צו דער שוועסטער:
— איך וועל דאָך אײַך ניט שטערן, בעקאַ? — קלינגט עס מאָדנע
אַזאַ מין נאָמען: בעקאַ... — און זי שטייט פֿאַר זײַנע אויגן
און פֿרעגט אים קשיות: וואָס ער האָט געלערנט
און וואָס ער קען? און זאַוול קירעוועט די צונג און ווייסט,
אַז וואָס ער ענטפֿערט איז נישט איר, נאָר אים,
דעם ברודער אירן... און ער פֿילט — ער איז געפּלעפֿט:
דאָרט ערגעץ אויף דער גאַס צי צווישן מענטשן
וואָלט יענער נישט געפֿרעגט און ער וואָלט נישט געענטפֿערט,
און דאָ איז ער אַרײַנגעפֿאַלן. רעדט ער האַלבע ווערטער,
און מישאַ זיצט, ווי ער וואָלט נישט געווען דערבײַ,
און קוקט־אַרויס פֿון פֿענצטער. אויסגעפֿרעגט און אָפּגעענטפֿערט.

ווערט אויפֿגעמישט אַ ביכל. בעקאַס קליינער פֿינגער
נעמט אומגיין פֿאַר די אויגן אויף די שורות.
און זאַוול זעט אַ פֿאַסמע זון, וואָס לייגט זיך אין דער קרום,
און פֿון דעם פֿינגער פֿאַלט אַ שאָטן, און ער גייט אים נאָך
און זאָגט עפּעס. מסתּמא איז נישט גוט אַזוי.
ווײַל ער דערשפּירט איר אָרעם אויפֿן ווענטל פֿון דער שטול,
איר קאָפּ אַריבער זײַנעם, און איר קול איז ווייך,
פֿאַרריכטנדיק זײַן טעות. דאַכט זיך אָן אַ סוף אַזוי.
דערנאָך הייבט זי אָן פֿרעגן עפּעס אויפֿן פֿרעמדן לשון.
ער פּרוווט זיך ענטפֿערן און זעט די מאַמע זײַנע
זיך דינגען מיט אַ גוי אין מאַרק איבער אַ פֿורל האָלץ,
און הערט איר נאָכרוף: — טשויעש[5]! וואַרגט ער זיך.
און בעקאַ קאָן נישט אײַנהאַלטן דאָס לאַכן, שעמט זיך
און שטילערהייט, אַ שולדיקע, פֿאַרטײַטשט זי זיך.
ביז דאָס גייט אויך אַריבער. ענדלעך שטייט זי אויף
און גיט אים אָפּ דאָס ביכל, טראָגט אים צו
דעם קאַפּעליוש צו דער האַנט און הייסט אים קומען דאָנערשטיק.
שוין באַלד וועט מען דעם אָטעם קאָנען כאַפּן. אָבער דאָ
גיט מישאַ זיך אַ הייב און זאָגט: — וואַרט, איך גיי אויך.
מען גייט־אַרויס צוזאַמען. מישאַ רופֿט זיך אָן:
— זי איז אַ ווויל מיידל, בעקאַ, נאָר אַ קינד אַ ביסל.
איר דאַרפֿט נישט נעמען ערנס ווען זי לאַכט.
— מיך אַרט נישט... — ענטפֿערט זאַוול. האָט געמיינט,
אַז יענער וועט אים ווערן כאַפּן ערשט בײַ עפּעס
און דאָ וועט ער אים ווײַזן, ווער ער איז.
נאָר מישאַ נעמט זיך אָן פֿאַר אים. און זאַוול,
אויב ער האָט, זיצנדיק בײַם טיש, באַשלאָסן אַ מינוט,
אַז ער וועט מער נישט קומען, פֿילט אַצינד,

---

[5] (ווײַסרוסיש) הערסט?

אַז דאָס איז אויס. בײַם ראָג צעשיידט מען זיך.
ער גייט אַליין. און ערשט דערמאָנט ער זיך,
אַז אינעם ווינקל צימער, אויפֿן ווײַסן בעט,
איז פֿריש געפּרעסט געלעגן אויסגעשפּרייט
אַ ווײַס באַטיסטן קלייד מיט גרינע שפּרענקעלעך
און אַרבל אויסגעשטרעקט איןביידע זײַטן — און ער זעט,
ווי שפּעטער אין אַ שעה ווערט בעקאַ אין דעם קלייד
שפּאַצירן גיין אין סאָד, און ווייסט בײַ זיך,
אַז הײַנט ווערט ער שוין ערגעץ נישט אַרויסגיין.

**דער** ברודער איז נאָך איין מאָל בײַגעווען דאָס לערנען,
נאָר אויף דער גאַס האָט ער שוין זאַוולען נישט געטראָפֿן
ביז וואַנען ער איז אָפּגעפֿאָרן. זאַוול ווידער
האָט נישט נאָר זיצנדיק מיט בעקאַן, נאָר נאָך מער,
אַליין איבער די ביכלעך יעדן אָוונט אָפּגעמאַכט בײַ זיך,
אַז ער ווערט בלויז נאָך איין מאָל גיין, באַדאַנקען און אַן עק.
פֿאַרפֿאַלן — טויג ער נישט און אויס! אָט זיצט ער דאָ,
אַ יונג פֿון פֿינף און צוואַנציק יאָר, און מאַטערט זיך
אַרײַנקלאַפּן אין קאָפּ די פֿרעמדע ווערטער, שוויצט
זיי אויסצושרײַבן ריין און ווייסט, אַז ס'איז אומזיסט.
וואָס קאָן ער טאָן? ער חזרט מיט עקשנות, אָטעמט־אָפּ,
פֿאַרקוקט זיך אויפֿן לאָמפּ, פֿאַרחלומט זיך, דערמאָנט זיך —
און נאָך אַ מאָל דאָס זעלבע. אָוונטן און וואָכן
די גאַס נישט אָנגעזען, נישט אָנגערירט די פֿידל.
און אַז ער קלאַפּט שוין יאָ עפּעס אַרײַן אין קאָפּ,
איז שפּעטער, ווען ער דאַרף עס אויסריידן, ווערט אים די צונג
ווי בלײַ אין מויל און ס'קלינגט אַזוי משונה־אומגעלומפּערט,
אַז צײַטנווײַז, פֿון שאַנד, הייבט ער אַליין אָן לאַכן.
נו, טויג ער נישט, פֿאַרפֿאַלן! אָבער ווען ער קומט אַהין
און זעט, ווי בעקאַ ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין,

באַשליסט ער נאָך אַ מאָל, אַז ער וועט מוזן בײַקומען
די טעמפּקייט, וועלכע זיצט אין אָט דער חיה — זאַוול —
אַז נישט, איז ער נישט ווערט די ערד וואָס טראָגט אים.
און זי איז אַזוי גוט. האָט מורא, טאָמער דאָך
האָט זי אים וויי געטאָן — ער זעט עס קלאָר —
און בעט אים נאָכן לערנען טרינקען טיי מיט זיי,
מיט איר און מיט דער מאַמען און דעם קליינעם שוועסטערל.
און ער — ווי שלעכט עס זאָל ניט זײַן דאָס זיצן דאָ בײַם טיש —
ווערט דאָך אַזוי צענומען אינעווייניק. דערפֿאַר אָבער
איז ביטערער דאָס קומען נאָך אַ מאָל. ער גייט־אַרויס
בײַ צײַטנס פֿון דער היים און שפּרײַזנדיק פּאַמעלעך
פּרובירט ער אויפֿן וועג זיך איבערזאָגן אַלץ.
אין מוח אָבער ליגט אַ קנויל פֿון ווערטער, ווענדונגען און כּללים.
און אַז ער וויל דעם פֿאָדעם אָנכאַפּן פֿון קנויל,
דערשרעקט ער זיך און בלײַבט אין מיטן גאַס צעטומלט
מיט אויגן אין דער ערד, אַזוי ווי ער זאָל זוכן עפּעס,
וואָס ער האָט אָקערשט דאָ פֿאַרלוירן. ניין, נישטאָ.
דערמאָנט ער זיך, אַז ער מוז ווײַטער גיין,
און גייט. און ס'קלאַפּט אין קאָפּ, אַז בעסער זאָל ער
באַהאַלטן זיך, אַנטלויפֿן, זיך נישט ווײַזן מער.
דאָך ציט עס אים צו דעם באַגרעבעניש — — און אָט
שוין זיצט ער קעגנאיבער בעקאַן, זאָגט מעכאַניש נאָך
דאָס אײַנגעחזרטע און — — דאַכט זיך — עס איז גוט.
באָדאַי [6] וואָלט זי אים גאָרנישט נישט געפֿרעגט! נאָר ניין — — —
און ער בלײַבט זיצן ווי אַ גולם — שטיל און שטום.
זי רעדט נישט מער. שטייט־אויף, נעמט אומשפּרײַזן
אין צימער הין־און־הער און יעדער טריט אירער
קלאַפּט־אָן ווי מיט אַ דינעם העמערל אין שפּיץ פֿון האַרץ,

---

[6] בעסער (וואָלט געווען), הלוואַי

אין יענעם שפּיץ, ווּ ס׳ליגט צונויפֿגעקנוילט און שטום<br>
די אָרעמע נשמה זײַנע. זאָל עס קלאַפּן, זאָל עס!<br>
און זי רעדט אַלץ נישט. בלײַבט אין מיטן שטוב,<br>
פֿאַרקוקט זיך אויף אַ בלום פֿון די טאַפּעטן אויף דער וואַנט<br>
און קוקט. דאַן טוט זי זיך אַ קער צו אים און זאָגט<br>
מיט איין מאָל אַזוי שטיל און פּשוט: — מאָדנע בלומען.<br>
וואָס ברענגט איר מיר נישט ווײַזן וואָס איר שרײַבט?<br>
ער גלאָצט די אויגן אויס, דאַן כאַפּט ער זיך:<br>
— — איך שרײַב נישט גאָר נישט. זינט איך לערן זיך בײַ אײַך,<br>
איז שרײַב איך גאָר נישט מער... — אַזוי פֿיל צער<br>
און אונטערטעניקייט אין קול זײַנעם. זי בײַסט די ליפּ:<br>
— פֿאַר וואָס? איר דאַרפֿט עס נישט פֿאַרוואַרפֿן.<br>
שרײַבט־אָן עפּעס און ברענגט. איר וועט עס טאָן, אַ יאָ?<br>
ער ענטפֿערט: — יאָ! — און זי מיט בײדע הענט<br>
נעמט איינע זײַנע און זי האַלט זי שווײַגעדיק.<br>
דאַן פֿירט זי אים אַליין ביז צו דער טיר,<br>
אַליין ביז צו דער טיר אין דרויסן, עפֿנט זי פֿאַר אים<br>
און זאָגט: — אַ גוטן טאָג אײַך, זאַוול, קומט צו גיין!

**דעם** זעלבן אָוונט האָט זיך ווידער אויפֿן פֿישמאַרק<br>
צעטראָגן פֿידלשפּיל פֿון שלום רימערס הויז.<br>
און אין דער אלול־נאַכט האָבן זיך ווײַבער אויפֿגעקליבן<br>
און פֿרום זיך צוגעהערט. דאָס האָט זיך זאַוול<br>
זײַן אומעט אָנגעשטעלט, עס זאָל אַרויסזינגען פֿון אים,<br>
און שפּעט בײַ נאַכט, ווען משה איז געשלאָפֿן,<br>
האָט ער דאָס לעמפּל אָנגעצונדן, זיך אַוועקגעזעצט<br>
און אָנגעהויבן אײַנהערן אין זיך. עס איז אָבער אין קאָפּ<br>
אַ ווירוואַר אומגעגאַנגען פֿון אַרײַנגעקלאַפּטע ווערטער.<br>
און ס׳האָט געפּרעסט די שווערקייט פֿון דער טעמפּער שאַנד.<br>
און ס׳האָבן זיך געקלעפּט די אויגן — איז ער נאָך געזעסן

ביז וואַנען ס׳איז דער קאָפּ געפֿאַלן אויפֿן טיש
און דאַן דאָס לעמפּל אויסגעלאָשן. מאָרגן נאָך אַ מאָל.
שוין קוקן פֿון פּאַפּיר אַראָפּ די שורות:

ביַי דיר אין די ריַיכע פּאַלאַצן
איז לוסטיק און ליכטיק און שיין,
און איך אין מיַין אָרעמען צימער,
איך זיץ און איך טרויער אַליין.

נאָר ווען ער זעט זיך זיצן קעגנאיבער בעקאַן
און פּרוּווט עס לייענען, פֿאַרשעמט ער זיך,
פֿאַרמעקט עס, מעקט עס לאַנג, עס זאָל קיין אות
נישט לאָזן זיך דערקענען, און נאָך שווערער מי
באַקומט ער אַנדערע פֿיר שורות:

אַ שיינע רויז אין גאָרטן בליט,
עס שיַינט אויף איר די זון.
איך זינג צו איר מיַין האַרצנס ליד,
זי ווייס גאָר נישט דערפֿון.

און ווידער זעט ער בעקאַן שמייכלענדיק,
און ס׳דאַכט זיך — באַלד וועט זי אַוועקדרייען דעם קאָפּ
און זיך פֿונאַנדערלאַכן. ריַיסט ער דאָס פּאַפּיר
און ביַיסט די פֿינגער. ניין, ער טויג שוין מער צו גאָר נישט.
אַן אָנגעשפּאַרטער אויף די עלנבויגנס וואָרט ער
ביז וואַנען ער וועט אײַנשלאָפֿן דאָ זיצנדיק.
נאָר ווען ער הייבט שוין אויף אַן אמת אָן צו דרימלען,
ווערט העל אין אים, ער ריַיסט די אויגן אויף און שריַיבט:

כ׳בין אַ בעטלער אויף די וועגן
און איך וואַנדער אייביק אום.
מיַינע ליפּן גאָרנישט פֿרעגן,
נאָר די אויגן בעטן שטום.

איך האָב נאָך בײַ קיינעמס טירן
נישט געבעטן קיין געשאַנק,
נאָר די שטומע אויגן פֿירן
ווו ס'איז פֿריידן און געזאַנג.

ס'האָט מיך קיינער נישט געזען,
איך זאָל אויסשטרעקן אַ האַנט.
נאָר דאָס האַרץ אַליין אין וויי‏ען
בענקט און בעט זיך נאָך אַנאַנד.

ווען די טרערן מײַנע פֿליסן,
און עס שטיקט זיך מײַן געוויין,
וועלן נאָך די שטערן וויסן
און די נאַכט וועט עס פֿאַרשטיין.

נאַכטן און שטערן וועלן הערן
וואָס איך וויין און וואָס איך וויל.
ביז מײַן האַרץ וועט שטום אויך ווערן
און וועט אויסגיין אין דער שטיל.

**עס** איז געווען אַ שווײַגן גלײַך נאָך דעם ווי זאַוול האָט
מיט אַ פֿאַרדומפּטן קול דאָס ליד פֿאַר בעקאַן אָפּגעזופּט.
די אויגן אָפּגעווענדט פֿון איר, האָט ער געפֿילט
די בליקן אירע, דאַן דערשפּירט איר האַנט
אויף זײַנער און דערהערט איר בעטן: — לייענט נאָך אַ מאָל.
ערשט דעמאָלט האָט ער אָנגעטראָפֿן אירע אויגן,
פֿאַרחידושטע און ווייכע, און זײַן קול איז קלאָר געוואָרן.
זי האָט זיך צוגערוקט, אַרײַנגעקוקט אין בלאַט,
גענומען עס אין האַנט און מיט זײַן אונטערזאָגן
אַליין געלייענט. איצט איז ער געווען דער לערער,
כאָטש ער האָט עס געטאָן אַזוי ווי אומגערן, נישט מיינענדיק,
און זי האָט נאָכגעזאָגט די רייד פֿון זײַנע ליפּן.

זי האָט געבעטן: — גיט עס מיר, איר ווילט?
האָט ער נישט אָפּגעזאָגט. און זי האָט עס צונויפֿגעלייגט,
באַהאַלטן אין אַ בוך און זיך געווענדט צו אים:
— איר זײַט נישט בייז אויף מיר? — פֿאַר וואָס?
— איך ווייס נישט. גוט. נו, האָב איך נישט געפֿרעגט.
איצט לאָמיר לערנען. — האָט זי זיך אַרומגעקוקט,
אַז זאַוול האָט קיין ביכער נישט געבראַכט,
און זיך פֿאַרוווּנדערט: — ווו זײַנען די ביכער?
האָט ער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און ווערטערווײַז געזאָגט:
— מען דאַרף נישט. כ׳זע דאָך, אַז עס גייט מיר נישט.
און אײַך איז שווער. איך וועל זיך גאָר נישט אויסלערנען.
איז וועל איך בעסער שוין נישט קומען —. אָפּגעזאָגט
דאָס אײַנגעחזרטע און אין זיך דאָך געוואַרט אויף עפּעס.
איז בעקאַ רויט געוואָרן, פֿון צעמישטקייט צוגעגאַנגען,
אים אָנגענומען בײַ אַן אַקסל און גערעדט אַזוי,
ווי ס׳רעדט אַ קינד מיט גרייטע טרערן:
— דאָס זײַט איר נישט גערעכט. נישט אמת, זאַוול.
אָט וועט איר זען. מיר וועלן זיך אַ נעם טאָן
און איר וועט מוזן, מוזן קענען. איר׳ט שוין זען.
און ער האָט צוגעהערט און בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ.

דערווייל האָבן זיך אָנגערוקט די ימים־טובֿים.
דאָס לערנען איז אַראָפּ פֿון וועג. און באַלד נאָך סוכּות
האָט זיך אויף זאַוולען אָנגעיאָגט אַ נײַע שרעק.
אין דרויסן האָט גערעגנט. ס׳האָבן לוזשעס [7] וואַסער
פֿאַרפֿלייצט דעם פֿישמאַרק. און די גרויסע שטיוול,
ווי לײַכט מען זאָל די טריט ניט שטעלן,
פֿאַרכליאַפּען זיך אין בלאָטע, און דערנאָך קומט־אויס

---

[7] ריטשקעס.

צו רײַבן זיך אַ האַלבע שעה די פּיס
אין שטרוימאַט פֿאַר דער טיר. און ווען די האַנט
רירט־אָן דעם גלאָק, ערשט דעמאָלט קלאַפּט דאָס האַרץ,
אַז טאָמער בלײַבן פֿלעקן אויפֿן טעפּעך אין דער סאַליע.
וואָלט זאַוול שוין אַוועק און געקויפּט קאַלאָשן,
האָט ער דערזען אָבער דעם טאַטן ווי ער כאַפּט אַ קוק
פֿון אים אויף די קאַלאָשן און צוריק, און זיך געטראַכט:
— זאָל זײַן וואָס וויל זיך! — און באַשלאָסן ווײַטער
געדולדיק רײַבן זיך די פּיס אין שטרוימאַט[8].
עס איז אים נישט אַריבער גלאַט. אויב נישט די באַלעבאָסטע,
האָט אים די דינסט אַ מאָל בײַ דער טיר געכאַפּט
און אויסגעשאָסן: — זע נאָר, ווי עס קריכט מיט די שטיוואַליעס!
דאָס איז געווען אַ צוגאָב צו איר ערשטן ברוך־הבאָ.
און ס׳האָט אים טעג דערנאָך געקלונגען אין די אויערן.
נאָר מיטן לערנען איז דערפֿאַר געגאַנגען בעסער:
מען האָט געלאָזט די לערן־ביכער, זיך גענומען לייענען,
און בעקאַ, זעענדיק ווי זאַוולס פּנים לײַכט,
ווען ער דערפֿילט דעם טראָפּ פֿון לידער, גיט אים נאָך
און ווערט באַלוינט דערפֿאַר: ער כאַפּט עס און באַנעמט.
נאָך מער: דורך זאַוולס פֿרייד הייבט בעקאַ אָן צו זען
אַ נײַעם זין אין יענע לידער, וואָס זי האָט אַמאָל
אין שול געחזרט. עפֿנט זי די אויגן
און ס׳קוועלט־אַרויס פֿון זיי. צעגלי׳ען זאַוולס אויך אַזוי,
אַז מיט אַ מאָל באַקומט ער לשון און שיסט־אויס:
— איך האָב צו דעם אַ ניגון. — קוקט אים בעקאַ אָן:
— ווו האָט איר עס גענומען? — כ׳האָב אַליין געמאַכט.
ווערט בעקאַ גאָר אַנטציקט און וויל עס הערן גלײַך.
און זאַוול האָט חרטה. נאָר ער קאָן נישט העלפֿן

[8] טרעטער.

און זינגט עס שטילערהייט. ערשט דאָ, אין זינגען,
פֿילט בעקאַ נאָך אַ מאָל, ווי הילצערן עס קומען
בײַ אים פֿון מויל אַרויס די פֿרעמדע ווערטער — לאַכט זי,
און ס'טוט אים מער נישט ווײ. פֿאַרקערט:
ער לאַכט מיט איר צוזאַמען און צום סוף באַשליסט מען,
אַז ער וועט ברענגען ווען עס איז די פֿידל
און אויסשפּילן דעם ניגון.

**מאַכט** זיך איין מאָל,
אַז זאַוול קומט צו גיין און בעקאַ איז נישטאָ.
גייט־אָן די באַלעבאָסטע און פֿאַרהאַלט אים:
— וואָס אײַלט ער זיך? מסתמא ט'ריוועטשע[9] קומען באַלד.
און זאַוול זיצט מיט איר בײַם טיש, טרינקט טיי,
פֿאַרנעמט איר שטילן קול און קוקט זיך צו,
ווי ס'לויפֿן דינע קנייטשלעך פֿון די אויגן אירע,
און ווי די הויט אויף אירע ווײַסע הענט איז לויז,
און פֿון דעם אַלעם, פֿון די אויגן, הענט און קול,
צעגייט זיך אַזאַ וואַרעמקייט און ס'איז אים לײַכט.
וואָס רעדט מען? גאָר נישט. ווי זײַן מאַמע הייסט
און וויפֿל קינדער קיין עין־הרע ס'איז פֿאַראַן,
און צי דער טאַטע האָט גענוג פּרנסה — זאַוול ענטפֿערט
און שעמט זיך נישט, ווײַל ער דערפֿילט אין ריידן
אַ מאַמישקייט אַזאַ. און ווען ער גייט אַוועק
און ס'הייבט אים אָן צו מאַטערן דער צווייפֿל,
צי ער האָט נישט גערעדט שוין צו פֿיל פֿאַרן ערשטן מאָל,
געפֿינט ער אַ באַרויִקונג אין שײַן פֿון אירע אויגן,
וואָס גייט אים נאָך, און טראַכט: אָט איז אַ מאַמע. מאָדנע!
ער האָט דאָך אויך אַ מאַמע, האָט זי ליב, יאָ, האָט זי ליב.

---

[9] (פֿאַרקירצונג) וועט ריוועטשע.

כאָטש ער האָט קיין מאָל נישט געטראַכט דערפֿון,
און דאָך וואָלט ער מיט זײַנע, מיט דער אייגענער,
זיך נישט אַוועקגעזעצט אַזוי אַ גאַנצע שעה... פֿאַר וואָס?
דערמאָנט ער זיך די מאַמע מיט די ביינערדיקע הענט
און שפּיצן פֿינגער ווי אַ ריבאײַזן פֿון נייען.
דערזעט זי מיט די ברילן אויף דער נאָז, בײַם לעמפּל,
און די האָלאָבליעס [10] פֿון די ברילן אין דער שוואַרצער קופּקע,
פֿון וועלכער ס׳האָט דאָס טיכל זיך אַראָפּגערוקט —
אָט זיצט אַזוי די מאַמע זײַנע, צערעוועט [11] און לייגט
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, און זי רעדט צו זיך אַליין:
— אַזוי פֿיל לאַטעס, אַז קיין העמד איז שוין נישטאָ.
דער מאַמעס קליינע אויגן ווערן אויך אַזוי
אַרומגערינגלט מיט אַ נעץ פֿון קנייטשן, ווען זי שמייכלט,
און אין איר קול, דעם אײַנגעבראָכענעם און האַרטן,
קלינגט־אָפּ דער זעלבער אומעט, וואָס בײַ יענער.
זײַן מאַמע! די פֿון אַלע פֿינף און צוואַנציק יאָר!
און גייענדיק אַזוי פּאַמעלעך, מאַכט ער בײַ זיך אָפּ,
אַז ווען ער וועט אַרײַנקומען אין שטוב און זי דערזען,
וועט ער זי אָננעמען בײַ דער האַנט און זאָגן עפּעס.
בײַ דער שוועל פֿון שטוב פֿאַרשעמט ער זיך פֿאַר דעם
און טראַכט, אַז ווײַל ער שעמט זיך, וועט ער דווקא טאָן אַזוי.
נאָר אַז ער עפֿנט־אויף די טיר, באַגעגנט אים
דעם טאַטנס קול: — אָט גייט דאָך דער סטודענט דײַנער!
און שטייענדיק בײַ דער פּליטע [12] מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט,
הערט־אויס די מאַמע און האָט מורא זיך אַרומקוקן.

---

[10] (שפּאַס־לשון) ווי די פלאָקנס פון אַ וואָגן, פאַר אַ פערד. — [11] ריטשעט (ווי אַ בהמה). — [12] קיכפלאַט.

**דערנאָך** האָט נאָך אַ מאָל פּאַסירט: אַוועקגעגאַנגען בעקאַ,
און זאַוול וואַרט אויף איר, און נעבן אים
די קליינע ליזע דרייט זיך, רייבט זיך ביי זיין שויס
און ס׳רעדט די גבירטע אומעטיקער נאָך: — נו, וואָס?
אָט ווערט שוין מישאַ באַלד אַ דאָקטער מיט גאָטס הילף
און וועט אַוועק פֿאַר זיך. און ריווטשע — זאָל געזונט זיין! —
ווי לאַנג נאָך וועט זי וועלן זיצן ביי דער מאַמען?
און באַלד גייט ליזינקע שוין אויך אין שול — וועט אַוועק
אויף האַלבע טעג... און זאַוול הערט זיך איין.
און אַז דאָס מיידעלע שפּאַרט־אָן אויף אים דאָס קעפּל,
פּרובירט ער אָנצורירן אירע בלאָנדע קרויזן,
און זי, זיך אומגעדרייט, פֿאַרקוקט אים אין די אויגן,
צעשמייכלט זיך אַנטקעגן אים און זאָגט:
— פֿאַר וואָס קומסטו ניט שפּילן? איך האָב ליב
צו הערן, אַז דו שפּילסט. — ווערט זאַוול רויט
און פֿריידע שמייכלט: — כ׳לעבן, ליזע איז גערעכט.
און דו... — נעמט זי די קליינע טאָכטער מוסרן —
מען אירצט אַן עלטערן! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ דו?
זאָגט זאַוול: — ס׳מאַכט נישט אויס! — און איז איר דאַנקבאַר
פֿאַר אָט דעם דו, דעם קינדערשן, וואָס מאַכט אים אַזוי היימיש.

**און** זי פֿירט־אויס ביי אים. זי הערט אים שפּילן.
און ס׳הערט ר׳ חיים־לייב און פֿריידע און די באַלעבאַטים,
און בעקאַ הערט, און ס׳הערט דאָס גאַנצע יונגוואַרג,
וואָס איז געקומען צו די לאַטקעס חנוכּה. די לאָמפּן ברענען.
די טיר פֿון סאַליע אין דעם עסצימער איז אָפֿן.
דער קאַכל־אויוון גליט. און אַלע פּנימער
צעפֿלאַמטע, שיינענדיקע, לייכטן קעגן אים.
און ס׳איז אים גוט. עס איז אים אַזוי גוט,
ווי ס׳איז נאָך קיין מאָל נישט געווען. און ווען די קליינע ליזע

גײט־צו צו אים, נעמט ער אַלײן איר פֿינגערל
און פֿירט מיט דעם איבער די סטרונעס, און ער לאַכט,
און ליזע לאַכט צוריק. און זאַוול זעט אַפֿילו נישט,
ווי ס׳שטײט ר׳ חיים־לײב און רעדט צו אים:
— איר האָט אַ שײן געפֿיל אין שפּילן, יונגער מאַן!
אַ שאָד! אַ שאָד! — און זאַוול װײס נישט װאָס אַ שאָד...
װײַל ס׳האָט דאָס יונגװאַרג זיך שױן אָפּגעטײלט אין סאַליע.
מען רופֿט אים דאָרט. און װען ער קומט־אַרײַן,
שטײט בעקאַ און זי דעקלאַמירט. אַ שטײגער װאָס?
דאָס בעטלערליד. זײַן אײגן בעטלערליד קלינגט העל
אין בעקאַס קול. און זאַוול הערט און שעמט זיך נישט.
די אויגן פֿלאַמען. און ער הערט די קלאַפּערײַ פֿון הענט
און גיט זיך נישט אַ ריר אַפֿילו. בעקאַ גײט צו אים
און בעט אים לײענען — איז לײענט ער און פֿילט
איר אָרעם נעבן זײַנעם, און די פּיס — װי גאָר נישט.
זײ שטײען גלײַך און גיבן נישט קײן ציטער,
װי ס׳װאָלטן אַלע מאָל אַזעלכע בעקאַס טוליען זיך צו אים.
און אַז זי בעט אים זינגען — זינגט ער און ער הערט,
װי ס׳װערט דער ניגון אױפֿגעכאַפּט פֿון איר און אַנדערע.
און אָט אָ שטײט ער, ער אין מיטן, און די יונגע לײַט
און מײדלעך — אַלע זינגען נאָך דעם ניגון זײַנעם,
זײַן, זאַוולס, ניגון — גלײַך װי ער װאָלט אַלע מאָל
געװען דער פֿאָרזינגער, דער אָנפֿירער פֿון זײ.
אַהײם באַגלײט מען אים אַ גאַס און צװײ. און האַרטער שנײ
זינגט־אונטער בלאַנקענדיק. דערנאָך לױפֿט ער אַלײן.
און ס׳צופּט די אױערן. און ס׳איז אים שװער צו כאַפּן,
צי ס׳איז די היץ אַזױ, װאָס ברענט זײַן פּנים,
צי ס׳איז דער פֿראָסט. ער גנבֿעט זיך אַרײַן אין שטוב.
און אין דער שװערער לופֿט פֿון שלאָפֿעדיקײט פֿאַלט ער
אױף דעם בשותּפֿותדיקן שטרױזאַק. און ס׳איז אַלץ אין אים

אַזוי משונה וואַך, אַז ס׳ווילט זיך שרײַען אויף אַ קול.
און מיט אַן אָפֿן מויל אין קישן שטיקט ער זיך אַרײַן,
ווי דאָרט אַרײַנצושרײַען זײַן געשריי, דאָס ניִשט־געשריִענע.

**און** איבער מאָרגן שפּרײַזט ער מיטן בוך אין האַנט
אין אָוונטיקער גאַס. און קומט ער צו דער טיר פֿון הויז
און דאַרף אין גלעקל קלינגען, בלײַבט ער שטיין אַ ווײַל
און וואַרט. ס׳איז מער שוין נישט קיין שרעק.
פֿאַרקערט. אַ וואַרעמע, אַ מילדע היימלעכקייט
פֿליסט־צו צום האַרצן. און ס׳איז גוט צו שטיין אַזוי
און וויסן, אַז באַלד עפֿנט זיך די טיר, און דאָרט —
איז היים, זײַן אָפּגעהיטע, יום־טובֿדיקע היים.
נאָר מענטשן גייען אויף דער גאַס. ער קלינגט און קומט־אַרײַן.
שטייט בעקאַ אין איר צימער, פּאַקט אַ טשעמאָדאַן,
די מוטער נעבן איר. פֿאַרשטייט ניט זאַוול,
און בעקאַ בעט אים איבער: — גאָר אַרויס פֿון זינען
צו זאָגן אייערנעכטן, אַז זי קלײַבט זיך צו אַ טאַנטע
אויף צוויי, דרײַ וואָכן. אָבער באַלד נאָך די חגאות
האָט ער זי ווידער דאָ — און מען וועט ווײַטער לערנען.
געזעגנט זיך, און זאַוול גייט אין גאַס און ציילט די טריט.
וואָס דען? ער האָט געמעגט זיך ריכטן אויף אַזוינס.
געמיינט, אַז גאָר די וועלט איז זײַנע מיט אַ מאָל.
אַ נײַע היים... אַ יום־טובֿדיקע... גולם איינער!
און רעכט אַזוי! אַ מצווה אויף דיר, זאַוול! נאַ און וויס...
די מאַמע טוט אַ פֿרעג: — וואָס עפּעס אַזוי גיך?
ער ענטפֿערט־אָפּ: זי איז אַוועקגעפֿאָרן צו אַ מומען.
און אַז זי קוקט אים אָן: — אויף לאַנג אַוועקגעפֿאָרן?
פֿאַרנעמט ער זיך שוין גלײַך צו זיך אין קאַמער
און מרוקעט גייענדיק: — בלויז איבער די חגאות.

# 3

**אַריבער** די חגאות — האָט נאָך זאַוול אָפּגעוואָרט אַ וואָך
און מאָנטיק ווידער אָנגעקלונגען בײַ דער טיר.
געעפֿנט האָט אים דאָס מאָל חיה־ריווע
און אָפּגעשניטן: — קײנער אין דער הײם נישטאָ.
נאָר זעענדיק, אַז ער איז שטײן געבליבן אַ צעמישטער,
האָט זי געזאָגט: — וואָס איז? דו גלײבסט מיר נישט?
נו, קאָנסטו גײן זײ זוכן, אַז דו ווילסט.
און גלײַך צוריקגעכאַפּט מיט אַ געענדערט קול:
— כ׳מײן טאַקע, זאַוול, קום־אַרײַן אין הויז אַ ווײַל.
קאָן זײַן די באַלעבאָסטע וועט באַלד אָנקומען.
ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר אַזוי, אַז פֿון זײַן קוק
האָט זיך די רוגזה ווידער אָנגעצונדן אין איר פּנים:
— וואָס איז? די כּלה דאַרפֿסטו? נאָך נישטאָ די כּלה.
און האָב קײן מורא נישט — זי וועט נישט קומען אַזוי גיך.
ערשט דאַן האָט ער זיך שנעל אַ קער געטאָן צום גאַס
און ס׳האָט די טיר, וואָס האָט זיך הינטער אים פֿאַרהאַקט,
אַ זעץ געטאָן מיט כּעס איבערן קאַרק.

**דעם** שבת, נאָך דעם, איז צו גאַסט געקומען חיה־ריווע.
בײַם טיש, פֿון וועלכן מ׳האָט די ברעקלעך נאָך נישט אָפּגעשאַרט,
האָט זאַוול כּלומרשט ווי געלײענט אַ ראָמאַנען־ביכל,
נאָר אין דעם טאַטנס שנאָרכען און דער מאַמעס צוברומען
האָט יעדע ווײַלע אים דער קאָפּ גענויגט אַרונטער.
און ס׳איז געווען גוט אַזוי צו זיצן און צו פֿילן,
ווי ס׳פֿאַלט דער דרימל אויף דעם נאָגעניש אין האַרץ.
האָט פּלוצלינג זיך די טיר אַ ריס געטאָן. אַ כוואַליע קעלט

האָט זיך אַרײַנגעיאָגט אין דער נאָך־טשאָלנטיקער לופּט.
ס׳האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער: — גוט־שבת, מומע! —
און חיה־ריווע אין אַ ברוינעם פלושענעם זשאַקעט,
אַ שאַל איבערן קאָפּ און מופּקע [13] אין דער האַנט;
איז אויסגעוואַקסן פאַר דער שוועל. מען האָט זיך אויפגעכאַפּט.
און באַלד האָט זי זיך פון זשאַקעט אַרויסגעשיילט,
באַווײַזנדיק אַ געלן אונטערשלאַק, און אין אַ סאַמעט קאַפּטל
פון אַ משונהדיקער פאַרב (אַוודאי פון דער באַלעבאָסטע
אַן אַלטע זאַך איבערגעניצעוועט [14]), זיך צוגעזעצט בײַם טיש.
די מאַמע האָט אַרויסגעוויקלט פון די שמאַטעס אויפן אויוון
די הייסע באַנקע טיי, דערלאַנגט די סיראָפּ [15]־קיכלעך,
דער טאַטע האָט זיך אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער
און אײדער מ׳האָט נאָך צײַט געהאַט אַ וואָרט אַרויסצורײדן,
האָט חיה־ריווע שוין געטענהט: יאָ, זי קלײַבט זיך לאַנג
אַרײַנגיין צו דער מומען... נאָר ווער האָט עס צײַט,
אַז מ׳איז אַזוי פאַרהאָרעוועט. אויך אַ לעבן,
מישטיינס געזאָגט! קיין חיי־שעה נישט אָנצוזען בײַ זיי.
נישקשה, חיה־ריווע קען דעם יחוס. אפשר דאַכט זיך זאַוולען,
אַז זיי זײַנען דאָס איבערשטע פון שטויסל. אָבער זי
האָט שוין געזען אַזעלכענע יחסנים, אַזאַ יאָר אויף איר!
(דאָ האָט בײַ זאַוולען ס׳האַרץ גענומען קלאַפּן
און ער האָט נאָך אַ בלאַט אַ מיש געטאָן אין בוך).
אַוועקגעפאָרן זי, די טאָכטער, כלומרשט נאָר צו גאַסט.
ערשט זעט זיך אָן — זי האָט דאָרטן פאַצאַפּעט [16]
אַ חתן גאָר. זי, חיה־ריווע, האָט אַליין געהערט,
אַז ס׳איז געוועזן וועגן דעם אַ בריוול פון אַ מומען.
נישקשה! איצטער וועט זי אַזוי גיך אַהיים נישט קומען.

---

[13] פוטערשוץ פאַר די הענט (אַנשטאָט קעשענעס). — [14] איבערגעמאַכט (אויף דער אַנדערער זײַט). — [15] צוקער־קיכלעך. — [16] דערטאַפּט, געפונען.

(דאָס האַרץ נעמט קלאַפּן מוראדיק בײַ זאַוולען
און גאָר דאָס בלוט קומט אים אַרײַן אין פּנים).
וואָס דען? אַבי געזונט. זיי קריגן שוין חתנים.
און דאָ, אַן אָרעמע יתומה... זאַוול קומט דאָך דאָרט אַרײַן,
איז — ווייסט ער דאָך. אַ שטייגער, זאַוול אַז ער קומט אַהין,
וואָס איז ער דאָרט בײַ זיי? זײַן טובֿה מיינען זיי?
און מומע, וויפֿל איז שוין זאַוול אַלט אַצינד?
אַ זעקס און צוואַנציק, דאַכט זיך, ניין? זי, חיה־ריווע,
וועט אַרום פּורים־צײַט באַלד אויך שוין זײַן אַ צוויי און צוואַנציק...
די מאַמע קוקט זי אָן און הייבט־אָן חשבונען
און ס׳קומט־אויס, אַז דרײַ וואָכן נאָך סוכּות
איז אַקוראַט געוואָרן אַכט און צוואַנציק יאָר
זינט ס׳איז געווען חתונה בײַ חיה־ריוועס מאַמען,
אונדז אַלעמען צו לאַנגע יאָר. ווערט יענע אָנגעצונדן:
— וואָס רעדט איר, מומע? זאָלט איר מיר געזונט זײַן...
פֿאַרשווײַגט די מאַמע מיט אַ זיפֿץ און יענע טענהט ווידער:
— בײַ לײַטן, אַז אַ מומע, קיין עין־הרע, האָט אַזעלכע זין,
ווער דאַרף עס גיין אַ חתן זוכן צווישן פֿרעמדע...? —
מאַכט זאַוול צו זײַן בוך און הייבט זיך אויף.
נאָר פֿון זײַן קאַמער הערט ער אַלץ נאָך ווי זי רעדט
און ווי עס ראַצט אַ שטיין איבערן גלאָז רײַסט יעדער קלאַנג אין אים
די שטילקייט, וואָס ער האָט אַרויפֿגעצויגן אויף זײַן פּנים.
עס רײַסט און ער פֿאַרשטאָפּט די אויערן מיט ביידע הענט
און וואַרט ביז אויך דער שאָטן פֿון איר קול,
וואָס רײַסט זיך דורך, וועט ווען עס איז פֿאַרשטומט ווערן.
דערוואַרט זיך. שטיל. ער הערט שוין, ווי זי טוט זיך אָן
און לאָזט־אַראָפּ די פּויסטן. באַלד וועט ער באַפֿרײַט ווערן.
נאָר דאָ צעעפֿנט זיך די טיר און חיה־ריווע שטייט
אין פּלושענעם זשאַקעט און פֿרעגט: — וועסט גיין שפּאַצירן, זאַוול?
ער טוט אַ שפּרונג אַנטקעגן איר און זי, אין שרעק,

טרעט־אָפּ צוריק. נאָר ער מיט אַ פֿאַרשטיקטן קול
גיט בלויז אַ זאָג: — איך גיי אין ערגעץ נישט!
די אויגן אירע בליצן־אויף. זי טוט אַ הייב דעם קאָפּ
און מיט „אַ גוטן שבת!״ לויפֿט זי שנעל אַרויס.
די מאַמע לאָזט זיך הערן: — נו, וואָס זאָגסטו נישט צו איר?
דער טאַטע ענטפֿערט נישט. מסתּמא איז ער דאָרטן בייז,
ווײַל אַלץ איז שטיל. ערשט אין אַ ווײַל טוט ער אַ ברום־אַרויס:
— וואָס איז? עס פּאַסט אים נישט דער שידוך?
אויף וועמען וואַרט ער, דער בורילאַ[15]? זאַוול, דו,
דו הערסט דאָרט, וואָס מען רעדט צו דיר, צי ניין?
מער קאָן ניט זאַוול. רײַסט ער אויף זײַן טיר,
און גאָר צום ערשטן מאָל דערזעען טאַטע־מאַמע
אַ פּאָר צעעפֿנטע און ווילדע אויגן, ווען ער זאָגט:
— איך וויל נישט הערן, טאַטע! רייד נישט מער
פֿון התונות מיט מיר... אַזוי... איך וויל עס נישט!
מיט בײדע פֿויסטן שפּרינגט דער טאַטע צו דעם זון.
די מאַמע אָבער שטעלט זיך אים אין וועג
מיט אַ געשריי: אַ וויסטער שבת אויף איר דאָרטן!
און זאַוול גייט צו זיך, פֿאַרהאַקנדיק די טיר.

**באמת**, אַז מען זאָל זיך נאָר אַרײַנטראַכטן אַ ביסל —
וואָס איז געשען אַזוינס? געוועזן אַ גבֿירישע מיידל,
וואָס האָט מיט אים געלערנט פּאַר אומזיסט,
איז זי אַוועקגעפֿאָרן. אויפֿגעזוכט אַ יונגן מאַן,
וואָס וועט איר חתן ווערן, און פֿאַרבליבן דאָרט.
ווו ס'איז דער חתן דאָ, איז וואָס דערפֿון?
אַ גבֿיריש קינד, וואָס רופֿט זיך מיט אַ נאָמען בעקאַ.
דאַרף טאָן אַ שיינעם שידוך און — זאָל זײַן מיט גליק!

---

[15] מגושמדיקער יונג.

דעריבער, הייסט עס, דאַרף ער ליגן האַלבע נעכט
און מיט אַן אויג נישט צוטאָן? אָדער זיצן אײַנגעשפּאַרט
אין הויז, ווי ער זאָל עמעצן באַגנבֿענען? וואָס טוט זיך דאָ?
באמת, גאָר נישט! ס'איז נאָר ער, דער משה, שולדיק.
וואָס האָט ער, אַזאַ משה, זיך צו שטעלן קעגן אים
און מאַכן מינעס גנבֿישע מיט אַ פֿאַרקרומטער צורה:
— מען זאָגט, זי האָט דיר אָנגעפּײַפּט, די פּריצטע.
ניין, זאַוול האָט אים נישט געשלאָגן. ס'הייסט, ווען יענער
וואָלט זיך בײַ צײַטנס נישט אַרויסגערוקט מיט אַ געשריי
אין שטוב אַרײַן, דערזעענדיק די אויגן זאַוולס,
קאָן זײַן — ער וואָלט נישט אָפּגעשניטן גלאַט. אַ שנעק אַזאַ!
דערנאָך, ווען מ'האָט געדאַרפֿט גיין שלאָפֿן, האָט די מאַמע
געמוזט אַרײַנפֿירן דעם אוצר בײַ דער האַנט. וואָס דען?!
איז נאָר דער משה שולדיק? און ביז דעמאָלט — וואָס?
נו, יאָ, ס'האָט אים געאַרט אַ ביסל פֿאַר דאָס הויז,
די אומעטיקע מאַמע און דאָס בלאָנדע מיידעלע.
און דאָרט, בײַ איר אין פֿענצטער, איז געווען אַ בוים,
און זומער איז אַ צווײַג מיט בלעטער שיִער אין שטוב אַרײַן
און איז געהאָנגען צווישן פֿאָרהענגער. ס'איז שיין געווען
דאָס ווײַסע מיטן גרינעם... נו, איז וואָס דערפֿון?
איז ער נישט אויסגעקומען פֿינף און צוואַנציק יאָר
אָן פֿאָרהענגער מיט צווײַגן? האָט ער נישט געלעבט?
קיין גוטע ברידער נישט געהאַט? צו וואָס באַהאַלטן זיך
און ליגן ווי אַ מויז אין לאָך? ווער זאָגט, אַז ער באַהאַלט זיך?
אָט מאָרגן, ווי ער ווערט נאָר פֿאַרטיק מיט דער אַרבעט,
פֿאַרנעמט ער זיך אין גאַס און אַלץ ווערט ווידער ווי געווען.
ווי דען!

**און** מאָרגן גייט ער. אין דעם אָוונטיקן ליכט
פֿון קראָמען־פֿענצטערס שפּרײַזט ער מיט אַן ענגן אָטעם

און, צו פֿאַרנאַרן אָט דאָס נאַריש קלאַפּנדיקע האַרץ,
פּרובירט ער טרעפֿן, ווער פֿון די אַמאָליקע חבֿרים
וועט אים דער ערשטער אָנקומען אַנטקעגן. שפּרײַזט אַזוי,
און פּלוצלינג דאַכט זיך אים, ער הערט זײַן נאָמען רופֿן,
און קוקט זיך אום. דאָס גייט אויף אים די רויטע טאָכטער
פֿון מיכל טוכהענדלער און רופֿט אים פֿון דער ווײַט:
— וואָס קוקט מען אײַך נישט אָנעט, זאַוול? — שטייט ער
און ווייס נישט וואָס צו ענטפֿערן. אין בלויז אַן אויגנבליק
ווערט קלאָר פֿאַר אים, אַז אָט די רויטע מויד
וואָלט קיין מאָל נישט דערוועגט זיך אָפּצושטעלן אים
אין גאַס פֿאַר אַלעמען, ווען נישט דער אָוונט דאָרט
מיט יענער בײַ דער זײַט. עס כאַפּט אים אָן אַ כּעס.
ער זאָגט: — וואָס דאַרפֿט איר עס מיך זען? — זי בלײַבט
אַ ביסל אַ צעטומלטע פֿון ענטפֿער. כאַפּט זיך באַלד:
— פֿאַר וואָס דען נישט? — און גייט מיט אים צוזאַמען.
אים ברענט אַ פֿײַער אין די טריט בײַם גאַנג מיט איר,
דער נײַער פֿרײַנדין זײַנער, און ער גראָבט די אויגן אײַן
פֿון אײַנגעשטיקטן כּעס. און זי נעמט אויספֿרעגן:
— צי האָט ער ניט געהערט פֿון בעקאַן? — ניין. — צי קומט ער ניט
אין הויז צו זיי? — ער קומט נישט. — גאָר אַזוי? פֿאַר וואָס?
קיין ענטפֿער. — בעקאַ, זאָגט מען, ווערט אַ כּלה באַלד.
— ער ווייס נישט. — און בײַ וועמען לערנט ער אַצינד?
— בײַ קיינעם נישט. — פֿאַר וואָס? אַזאַ ווי זאַוולען דאַרף זײַן גרינג
אַ לערערין צו קריגן. זי אַליין, ווען ער זאָל וועלן,
איז גרייט אים געבן יעדע וואָך אַ שעה צי צוויי.
ער וויל איר זאָגן עפּעס בײַסנדיקס און בייזס.
אין דער מינוט אָבער דערזעט ער אָנקומען אַנטקעגן
אַ פּאָר חבֿרים זײַנע. און עס נעמט דאָס לשון אָפּ
פֿון זייער חוזק־בליק אויף אים און זײַן באַגלייטערין.
עס ברענט אין אים. און אַז די רויטע ציליע טוט אַ פֿרעג:

— צי איז אין זאַוולס אויגן בעקאַ אויך אַזאַ פֿאַרשוין? —
גיט ער אַ שיס־אַרויס: — אַ גוטע נאַכט! — און לאָזט זי שטיין
אין מיטן טראָטואַר, זיך יאָגנדיק צוריק נאָך די חבֿרים.
ער שפּאַנט אַ היציקער און ווייס, אַז דאָס באַגעגעניש
וועט נישט אַריבער גלאַט: מען וועט אים נעמען אויפֿן צימבל
און ער וועט אָפּצאָלן פֿאַר אַלץ. איז וואָס? נו, זאָלן זיי!
ניט זיי, נאָר ער איז דאָך אַנטלאָפֿן. ער איז דאָך אַוועק
פֿון גוטע ברידער, פֿון חבֿרים — צוליב וואָס?
וווהין און צוליב וועמען, זאַוול? איצט וועלן זייריידן
און ער וועט הערן, שווײַגן, נישט אַרויסלאָזן קיין פּיפּס,
ווײַל ס׳קומט אים... און ער סאַפּעט, שפּאַנענדיק נאָך זיי.

**ווען** ס׳זאָל נאָר זײַן דאָס אָפּקומען פֿון דעם באַגעגעניש,
וואָלט גוט געווען: חבֿרים זײַנען פֿאָרט חבֿרים
און קאָנען מוחל זײַן, פֿאַרגעסן. אָבער ער אַליין, דער שולדיקער,
כאָטש ער אַנטלויפֿט נישט מער, בלײַבט ווײַטער שולדיק,
ווײַל וואָס זיי ריידן, וואָס זיי טוען, און די פּנימער אַפֿילו —
דאָס אַלץ איז אַזוי פֿרעמד און איבעריק.
האָט ער דאָך אַלע מאָל געפֿילט זיך ווי אַ זײַטיקער מיט זיי.
נו, יאָ. נאָר איצטער איז עס פֿרעמדער, איבערדריסיקער.
און אַז די זון הייבט־אָן צו וואַרעמען דעם שנײ
און לוזשעס וואַסער שטעלן זיך אויף אַלע גאַסן,
נעמט שמעקן אין די נאָזלעכער מיט ווײַטער, פֿײַכטער ערד
און ס׳ציט אַרויסצוגיין הינטער שטאָט אָן עמעצן, אַליין.
אַליין אין פֿײַכטן, נעפּלדיקן פֿעלד מיט קילע ווינטעלעך,
וואָס קלעפּן זיך צום פּנים, אין דעם אומעט פֿון פֿאַרנאַכט,
וואָס ציט זיך אין די נעפּלען — גיין אַזוי און טרעטן
מיט שווערע טריט און וואַסערדיקער ערד, און הערן,
ווי ס׳שפּריצט פֿון אונטער יעדן טריט אַרויס... אַליין.
סע שפּריצט די בלאָטע און די שטיוול קלעפּן זיך,

און ס׳דאַכט זיך מיט אַ מאָל, אַז עפּעס פעלט.
וואָס פעלט דאָ נאָך? אַהאַ, דאָס איז אַזאַ מין מורא,
אַ מורא פאַר פאַרשמירטע שטיוול און פאַר טעפּעכער,
אַ מורא פאַר אַ סאַליע און אַ גלעקל בײַ דער טיר.
נישטאָ שוין מער. איצט קאָן מען פּאַטשן מיט די שטיוול
אין אַלע בלאָטעס און נישטאָ קיין מורא מער. נישטאָ —
און גאָר נישט... איז נישט ווייל אַזוי?

## דערווייל ווערט וואַרעמער.

די מאַמע טראָגט־אַרויס די בענקלעך מיט די טישן
צו שײַערן אויף פּסח און אין לופטן שוועבן־אום
אַזעלכע דאַכטענישן, מאָדנע זאַכן... אָט, למשל, שטייט ער
פאַרטאָן אין דער מלאכה און ער טראַכט פון גאָר נישט.
און פלוצלינג דאַכט זיך אים, אַז ס׳קומט אַ באַן צו פאָרן
און מיט דער באַן קומט עמעצער אַ מענטש — און ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ.
ס׳איז גאָר נישט, נײַן? פון דעסט וועגן טוט ער זיך אָן דערנאָך
און גייט־אַרויס אויפן שפּאַציר און זוכט, דעם מענטשן, הייסט עס.
אַוודאי זעט ער קיינעם נישט און קלײַבט זיך שוין צוריק.
נאָר ווען ער גייט אַהיים, דערזעט ער פון דער ווײַט,
ווי בעקאַ מיט דער רויטער ציליע שפּרײַזן זאַלבעגאַנד
און בעקאַ טראָגט אַ קורצן רעקל מיט אַ פוטער־קעלנערל
און אין דער האַנט אַ טאָרבעלע... אַ לעדערנע, זעט־אויס.
דאָס כאַפּט ער אין אַ בליק און ווײַטער זעט ער נישט,
ווײַל ס׳שטעלט זיך אָפּ דאָס האַרץ און הייבט־אָן צו האַמערן,
און ער, ווי אַ געיאָגטער, לויפט אַהיים.
עס איז געווען אַ חול־המועדיקער לויטערער פאַרנאַכט.
די זון האָט זיך געזעצט און קילע אָוונטיקע שײַן
האָט אויף דער גאַס געצויגן. האָט זיך זאַוול אָנגעטאָן
אין שוואַרצן אָנטאָן און אַרויס אויפן בולוואַר.
ווי פון דער לופט איז אים אַנטקעגן אָנגעשוווּמען בעקאָ

און אײדער ער האָט צײַט געהאַט זיך אויסצודרייען
האָט זי אים שוין געמוסרט: — וואָס איז דאָ געשען?
זי איז געבליבן אין דער פֿרעמד אַן איבעריקן חודש,
איז אויס — פֿאַרשווּונדן זאַוול. שעמען מעג ער זיך:
די מאַמע פֿרעגט זיך נאָך, און ליזע בענקט נאָך אים,
און איצט איז זי אַליין שוין דאָ אַ גאַנצע וואָך
און גאָר ניש'ט... פֿוי! דערפֿאַר וועט ער אַ גאַנצן אָוונט
אַצינד מיט איר שפּאַצירן גיין און — זאָל ער וויסן!
האָט זאַוול שטאַמלענדיקערהייט גענומען זיך פֿאַרענטפֿערן
און נישט געהערט זײַן אייגן ריידן, ווײַל איר האַנט
האָט אָנגערירט זײַן אָרעם און אַ קאַלטער ציטער
איז דורכגעגאַנגען דורכן רוקן. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט,
אַז גאָר די גאַס מיט מענטשן איז געבליבן שטיין
און אַלע קוקן זיי פֿאַרגאַפֿטע אויף דער מאָדנער פּאָר:
ר' חיים־לייבס כּלה־מיידל אַ געאָרעמטע אויפֿן בולוואַר
מיט זאַוול רימער! שרעק פֿאַר איר און תּענוג,
און מער פֿון אַלץ — אַ פֿאַרגעפֿיל, אַז פֿון דעם גוטס
וועט ווידער ווערן ווייטיק — אַלץ האָט זיך געמישט אין אים.
און ער האָט שוין געהאַט די ווערטער זי צו וואָרענען,
אַז ס'איז נישט רעכט פֿאַר איר, אַ כּלה, אומצוגיין מיט אים
אַזוי פֿאַר אַלעמען. נאָר בעקאַ האָט געפֿירט —
אַרויס הינטער שטאָט, אַרויס הינטער שטאָט האָט זי געפֿירט,
און ס'איז געוואָרן לײַכטער: אפֿשר פֿילט זי אויך אַזוי
און וויל וואָס גיכער זיך אַרויסדרייען פֿון גאַס.
שוין זעען זיך די ווײַטע שורות לינדנביימער,
וואָס פֿירן צו דער פֿעסטונג און די לעצטע רויטקייט
זינקט־אײַן הינטער די פֿאָרטן[16]. קילער ווערט

---

[16] די וויכטיקסטע סטראַטעגישע באַפֿעסטיקטע פּונקטן.

אונ אין דער קילקייט ווערט אויך בעקאַ שוויַיגנדיק.
זי שפּריַיזט אַן אָנגעשפּאַרטע אויף זיַין אָרעם, טריט ביַי טריט.
און אַז זי הייבט־אָן ריידן, איז איר קול געפֿאַלן,
פֿאַרטראַכט און זינגענדיק: — צי איז שוין זאַוול וועו
אַוועקגעפֿאָרן פֿון דער היים? נאָך קיין מאָל נישט?
פֿאַר וואָס? ער וויל נישט? ערגעץ נישט? קאָן זיַין — ער איז גערעכט.
נאָר איין מאָל דאַרף מען עס. מען דאַרף אַ מאָל אַוועקפֿאָרן
אַזוי אָט אויף אַ חודש, צוויי, און ווידער קומען.
ס'איז גוט. אַהאַ! די זון איז שוין פֿאַרגאַנגען
און ס'ווערט דאָ אמת קיל. און אויף די צווייַגן
איז נאָך קיין שפּראָץ פֿון גרינס נישטאָ. און אפֿשר איז עס בלויז
אַן איַינריידעניש — אָט די מורא פֿאַר די גרויסע שטעט,
און זאַוול וואָלט געדאַרפֿט זיך דורכפֿאָרן אַ ביסל
און זען די וועלט. אַוודאי דאַרף ער עס... זי רעדט אַזוי,
און טרעטנדיק אויף שוין צעוויַיקטער ערד,
וואָס איז פֿון קילקייט בלויז פֿאַרצויגן מיט אַ קאָרע,
דערזעען זיי אַ באַנק און זעצן זיך. און בעקאַ ציטערט,
און טוליעט זיך צו אים. ער ווערט ווי איַינגעשרומפּן
פֿון אָט דער נאָענטקייט און ער שטאַרקט זיך נישט צו ציטערן.
הייבט בעקאַ ווידער אָן: — וואָס שוויַיגט ער אַלע מאָל?
ער שטאַמלט: — אָט אַזוי... — ער ווייס נישט ווי צו ריידן.
— האָט ער נאָך קיין מאָל נישט גערעדט מיט קיינעם,
אַזוי, ער ווייס... — ניין, קיין מאָל. — און מיט מיידלעך,
אַז ער האָט ליב געהאַט, האָט ער דען אויך געשוויגן?
ער לאָזט־אַראָפּ די אויגן אין דער פֿינצטער
און זאָגט: — ער האָט נישט ליב געהאַט. — נאָך קיין מאָל נישט?
— נאָך קיין מאָל נישט. — און קיינעם נישט געקושט?
אַוודאי האָט ער יאָ געקושט. נאָך יינגלוויַיז. אַמאָל
פֿאַרבלאָנדזשעט מיט אַ שכנהס מיידל אויפֿן ברעג
און זי האָט אים אַרומגענומען און געקושט. און ער זי אויך.

אַוודאי יאָ. ער גראָבט אָבער נאָך טיפֿער אײַן דעם קאָפּ
און ענטפֿערט: — ניין. אויך בעקאַ ווערט אַנטשוויגן.
די שפּיצן פֿינגער פֿרירן. ס׳נעמט אַ שוידער דורך.
נאָר ס׳שלאָגט פֿון אינעווייניק אַ וואַרעמקייט ביז צו די אויגן
און ס׳ווילט זיך נענטער צורוקן צו זאַוולען. בעט זי:
— דערוואַרעמט מיר די פֿינגער! נעמט ער אירע פֿינגער
און האַלט זיי אין די שווערע הענט. און אין דער פֿינצטער פֿילט ער
אַ שמייכל אויף איר פּנים. ווערט זיי היימלעך. און זי רעדט:
— צי ווייסט שוין זאַוול, אַז זי וועט אַוועקפֿאָרן פֿון דאַנען?
אויף לאַנג, אויף אַלע מאָל אפֿשר. נישט באַלד, נאָר שפּעטער,
צו ווינטער צו. נאָר זאַוול דאַרף אַרײַנקומען צו זיי.
ער איז דאָך ווי אַן אייגענער אין שטוב. די מאַמע, ליזע,
און באַלד וועט מישאַ קומען, וועט שוין בלײַבן דאָ.
זאָגט זאַוול: — יאָ, די קליינע ליזע האָט ער ליב.
לאַכט בעקאַ: — איז זי דאָך זײַן ערשטע ליבע, אויב אַזוי.
לאַכט זאַוול אויך און האַלט איר האַנט. און בײדע ציטערן.
פֿון ווײַטן קומען טריט. דאָס גייען צוויי סאָלדאַטן
פֿון שטאָט אַרײַן אין פֿעסטונג. זעען אין דער פֿינצטער
אַ פּאָרל אויף אַ באַנק און איינער קלאַפּט זיך אָן
בײַ זאַוולס קני. און בײדע לאַכן נאָך דעם אויפֿן קול.
זאָגט בעקאַ: — ס׳איז שוין צײַט צוריק אין שטאָט אַרײַן.
מען הייבט זיך אויף. מען שטעלט אַ טריט — און פּלוצלינג
פֿילט זאַוול הענט אַרום דעם האַלדז, אַ וואַרעמקייט —
און מיט אַ מאָל אַ קוש אין באַק. און ווײַטער — גאָר נישט.
ווי צוגעוואַקסן צו דער ערד אַ שטומער בלײַבט ער,
נאָר אַז ער שפּירט נישט קיינעם נעבן זיך און זעט,
ווי בעקאַ שפּאַנט־אַוועק, דעריאָגט ער זי,
נעמט שפּרײַזן נעבן איר, און ס׳דאַכט זיך אים,
אַז נאָר די פֿיס באַוועגן זיך, און ער אַליין
שטייט אַלץ אַ צוגעוואַקסענער און קאָן נישט אויסמאַכן,

וואָס איז געשען אַזוינס: אַ גליק אָדער אַן אומגליק...
בײַם ערשטן אָפּשײַן פֿון די שטאָטישע לאַמטערנעס
פֿאַרהאַלט זיך בעקאַ: — און פֿון דאַנען גייט אַליין.
נו, וואַרט נישט, גייט. נאָר באַלד נאָך יום־טובֿ זאָלט איר קומען!
ער זאָגט נאָר: — קומען! — און ער לויפֿט־אַוועק.

**וואָס** איז געשען אַזוינס? עס יאָגט אים דורך דער פֿינצטער
ביז וואַנען ס׳קומט אַן אָפּנקייט פֿון קילן רוים
און ס׳הערט זיך רוישן. זאַוול קוקט זיך אום
און זעט — ער איז בײַם טײַך. אַנטקעגן איבער טונקלען זיך
אויף יענעם ברעג די שוואַרצע סילועטן
פֿון ביימער נאַקעטע. עס פֿאַלט אַ גרוי לבֿנה־שײַן
פֿון צווישן וואָלקנס אויפֿן וואַסער און עס הערט זיך
פֿון ווײַטן דער גערויש פֿון וואַסערפֿאַל בײַם שליוז [17].
ער זעצט זיך אויף אַ קלאָץ, קוקט נאָך ווי ס׳מיניעט [18] זיך
לבֿנה־שײַן מיט וואָלקן־שאָטנס אויפֿן וואַסער
און פּרוווט פֿון זיך אַליין עפּעס דערגיין.
ווי האָט זי דאָס געטאָן אַזוינס? אַ כלה פֿון אַ חתן,
און ער, וואָס איז פֿאַר איר קיינער נישט —
וואָס מיינט עס? נעמט ער זיך דערמאָנען
די רייד אירע: זי פֿאָרט־אַוועק און ער וועט בלײַבן,
וועט גיין צו זיי, וועט זען איר מאַמע, שוועסטער,
אַרומגיין אין איר הויז, בײַ איר אין צימער אפֿשר —
זי האָט געמעגט אַ קוש טאָן, זיכער האָט זי עס געמעגט!
און זאַוול רוקט־צוריק די הענט אַרום זײַן האַלדז,
די ליפּן אויפֿן פּנים און עס קומט אים פּלוצלינג אויף:
ער האָט אַ באַק. יאָ, אויף דער רעכטער זײַט פֿון פּנים

---

[17] אײַנריכטונג אויף אַרײַננעמען און אַרויסלאָזן דאָס וואַסער אין אַ קאַ־
נאַל. — [18] פֿינטלט, מישט זיך די קאָליר.

איז דאָ אַ באַק בײַ אים. איז דאָס נישט מאָדנע?
אַזוי פֿיל יאָרן גייט ער אום מיט הענט און פֿיס,
מיט ליפּן, אויגן — און האָט קיין מאָל נישט געוווּסט דערפֿון.
איצט פֿילט ער, אַז ער האָט אַ באַק און טאַפּט זי אָן,
אַ האַרטע, שטעכיקע — און שרעקט זיך איבער:
— צי האָט עס בעקאַן נישט געשטאָכן? גייט ער ווײַטער
און פֿילט אַ גלאַטיקייט, און ווערט צופֿרידענער.
דאַן קוקט ער אויף די פֿינגער, זעט אין טונקל
די שוואַרצע נעגל און ער שעמט זיך. אָבער איצט
האָט ער קיין צײַט נישט זיך צו שעמען — עפּעס נײַטיקערס פֿאַראַן.
און ער לייגט־אָפּ די שאַנד, קוקט ער ווידער אויף די הענט,
נעמט קלאַפּן מיט די פֿיס אין דר׳ערד, הייבט־אויף די אַקסלען,
דאַן שטעלט ער זיך, באַטראַכט זיך. ווי ער שטייט אַזוי,
און פֿילנדיק דעם גאַנצן קערפּער, לייגט ער זיך אַוועק
אַ ברייטער אויפֿן קלאָץ און קוקט ווי די לבֿנה
פֿאַרגנבֿעט זיך פֿון הינטער וואָלקנס, קריכט־אַרויס
און אָט איז זי שוין דאָ אַ פֿולע. שמייכלט זאַוול
און רײַסט נישט אָפּ די אויגן פֿון דער מאַטער שײַן.
דערנאָך נעמט שוידערן פֿון קעלט. ער הייבט זיך אויף
און זעט, ווי פֿון די ביימער אויפֿן וואַסער פֿאַלן שאָטנס,
אַזעלכע שפּיציקע און שאַרפֿע, און זיי וויגן זיך
ווי צום אַוועקפֿליסן, נאָר שווימען קאָנען נישט די שאָטנס
און בלײַבן אויפֿן אָרט אַלץ מיטן זעלבן אָנשטעל,
אַז אָט אָ גייען זיי. ער שטייט און קוקט אויף זיי
און פּלוצלינג לאַכט ער זיך פֿונאַנדער — אָט, אָט, אַזוי אַליין,
בײַם טײַך, בײַ נאַכט, צעלאַכט ער זיך, דאַן שטילער,
שוין אין זיך מער. און קערט זיך אָפּ פֿון טײַך,
און לאָזט זיך גיין פּאַוואָליע, מעסטנדיק די טריט.

# 4

**טײַכן** לאָזן, װינטלעך בלאָזן
און אױף בײמער זינגט און גרינט.
װאָס זשע ברענגט צו מיר דער פֿרילינג
אױף די פֿליגלען פֿון דעם װינט?

גרוסן ברענגט ער מיר צו טראָגן
און די זאָגן — װײַט פֿון דאַן,
צװישן הימל בלױז און פֿעלדער
איז דײַן שטילער גליק פֿאַראַן.

צי מײַן גליק איז פֿאַר די אױגן,
צי פֿאַר טױזנט מײַל אַװעק,
ס'איז אַלץ אײנס אַװעקגעפֿלױגן,
און דער װעג איז אָן אַ ברעג.

װאָס זשע ציט דאָס האַרץ כּסדר
צו דעם װעג אין פֿעלד אַרײַן,
װי ס'װאָלט עמעצער דאָרט װאַרטן
אין דעם אומעטיקן שײַן?

שטײט דאָרט עמעץ, גײט דאָרט עמעץ
אין די אָװנט־שאָטנס אום?
גראָב איך אײַן מײַן קאָפּ און פּנים
אין די פֿײַכטע גראָזן שטום.

פֿײַכט איז גראָז און פֿעלד אין אָװנט,
װערט מײַן פּנים אױך אַזױ.

פנים פֿײַכט און פֿײַכטע אויגן —
איז עס טרערן אָדער טוי?

טוי צי טרערן ווײַסן שטערן
און דער ווינט, וואָס ווישט זיי אָפּ,
און דער ווינט ווי אַ געליבטע
קומט און גלעט מײַן מידן קאָפּ.

גלעט מײַן קאָפּ און ברענגט מיר גרוסן
און זיי זאָגן — ווײַט פֿון דאַן,
צווישן שטילע אָונט־שאָטנס
איז דײַן שטילער גליק פֿאַראַן.

אַזוי האָט זאַוול אויף דער נאַכט געזונגען און געשפּילט.
עס האָט אַן אומעט און אַ זעליקייט אַרויסגעשפּילט,
און פֿון די אויגן זײַנע, פֿון זײַן גאַנג און ריידן
האָט ווי אַ קרײַז פֿון גוטסקייט זיך געצייכנט אַרום אים.
און ער איז אומגעגאַנגען אין דעם קרײַז. און ס׳האָט נישט ער,
נישט קיינער אַרום אים געכאַפּט זיך אויף דעם שטילן כּישוף,
וואָס ווערט זיי אָפּגעטאָן אין זײַנע ד׳ אמות.
אין גאַס — אַמאָליקע חבֿרים, אין דער היים — די מאַמע,
אַפֿילו צײַטנווײַז דער טאַטע האָט זיך אָפּגעשטעלט
און ס׳האָט אים אויסגעדאַכט, אַז נאָר דער אַלטער ר׳ מנשה,
וואָס טאָגט און נעכטיקט בײַ זײַן שטענדער אין בית־מדרש,
קאָן קוקן מיט אַזוינע אויגן ווי דער זון זײַנער, דער זאַוול.
און גוט איז אויך געווען יעדערער אין יענעם הויז.
ער איז דאָס ערשטע מאָל אויף וועטשערע פֿאַרבליבן.
און ס׳האָט ר׳ חיים־לייב זיך נאָכגעפֿרעגט, וואָס איז געווען
דער מער מיט אים. און פֿריידע קעגנאיבער
האָט אים אַליין באַדינט, געלערנט מיט אַ ווונק,
ווי אומצוגיין מיט גאָפּל־מעסער, און בײַ דער זײַט האָט בעקאַ

זיך צוגעהערט, געריידט פֿון זײַנעט וועגן און געענטפֿערט
אויף אַלץ, וואָס ער האָט אָפּגעשוויגן. ליזע איז דערנאָך
געשטאַנען צווישן זײַנע קני, געצויגן בײַ אַ לאַץ,
און ער, נישט פֿילנדיק, האָט איר די האַנט געגלעט.
אַז מ׳האָט אין הויז גענומען גרייטן זיך אויף געסט,
האָט פֿריידע, זיצנדיק מיט אים אַ מאָל, געזאָגט:
— אַזוי וועט אונדזער בעקאַ שוין אַוועק פֿון אונדז.
מען וועט מיט מזל תּנאים שרײַבן, און דערנאָך,
אַז גאָט וועט געבן, קומט אַ חתונה, און אויס,
אַוועקגעפֿאָרן אונדזער בעקאַ... טרערן אין די אויגן
און שײַן פֿון יום־טובֿדיקייט אויף איר פּנים,
דער זעלבער שײַן און אומעט, וואָס אין זאַוולען,
נאָר מאַמישער און אָפֿענער אַרויס. און אַז ער גייט־אַוועק,
דערפֿילט ער, אַז ער האָט עפּעס בשותּפֿות מיט אַ מאַמע,
און זאָגט פֿאַר זיך: — וועט אונדזער בעקאַ שוין אַוועק פֿון אונדז...

**מען** האָט געלאַדן געסט אויף ל״ג בעומר־אָוונט.
נאָר מיט אַ צוויי טעג פֿריִער האָט שוין זאַוול אויף דער גאַס
דערזען בעקאַן מיט אַ פֿרעמדן — און אַנטלאָפֿן.
אַ יונגער מאַן מיט שוואַרצע וואָנצעס, העלער הוט,
מיט העלע הענטשקעס און אַ שטעקן אויף דער האַנט,
און זי, אין האַנט אַ שירעמל, איז בײַ זײַן זײַט
געגאַנגען גלײַך און לײַכט — און ס׳האָט די גאַס,
באַלויכטן פֿון די שויפֿענצטערס, זיי ביידן נאָכגעקוקט.
האָט ער שוין מאָרגן אויסגעמיטן דעם שפּאַציר אין אָוונט.
און אויפֿן דריטן טאָג, ווען אָנגעטאָן אין שוואַרצן,
איז ער שוין גרייט געווען צו גיין, האָט זיך די האַנט
נישט ווילנדיק אַ צי געטאָן צום שאַכטל מיט דער פֿידל
און גלײַך צוריקגעכאַפּט: נאָך וואָס? מען האָט אים נישט דערמאָנט
די פֿידל מיטנעמען, און ער איז נישט קיין קלעזמער

וואָס גייט אויף שׂמחות. אים האָט מען געבעטן, זאָוולען,
און ער דאַרף גיין. אָבער די אויסגעשטערקטע האַנט
האָט ס׳איריקע געמאָנט: ווי בעקאַ וועט צופֿרידן זײַן,
און פֿריידע און די קליינע ליזע. און נאָר דאָס אַליין?
אַ פֿרעמדער מענטש וועט זײַן, אַ שיינער, אַ פֿאַרפּוצטער,
און אַלע אויגן וועלן זײַן אויף אים מיט איר,
אויף זיי צוזאַמען, און אַ פֿידל איז אַ שונד, אַן אָנלען...
מיט בעקאַן — ער, און זאַוול מיט דער פֿידל.
ווי שלעכט ער טראַכט! ווי קאָן אים אײַנפֿאַלן
אַזוי צונויפֿפּאָרן! ער מיינט עס נישט, באמת — נישט.
נאָר גלאַט אַזוי — אַ פֿרעמדער מענטש, און ריידן קאָן ער נישט,
איז מיט דער פֿידל — זיכערער. באַשליסט ער עס אַזוי.
נאָר שוין אין גאַס און מיטן שאַכטל כאַפּט ער זיך —
און האָט חרטה: דווקא ווײַל אַזוי האָט ער געדאַרפֿט
אַליין מיט גאָרנישט קומען און זאָל זײַן וואָס וויל זיך!
צוריקגיין אָבער וועט ער נישט. פֿאַרפֿאַלן. גייט ער.
און דאָס, וואָס אין דער האַנט, ווערט שווער און ס׳פֿילט זיך,
ווי ס׳וואָלט אַ טויטע זאַך דאָרט ליגן.

## שרין פֿון ווײַט

פֿאַרשײַנט דאָס הויז די גאַס. די פֿענצטערס זײַנען אָפֿן.
ער גייט־אַרײַן. און פֿון דעם עולם, אַלט און יונג,
אין העלן שײַן פֿון בליצלאָמפּ, גייט אַנטקעגן בעקאַ.
אַ בלייכע איז זי, בלייכער נאָך אין שוואַרצן זײַד,
וואָס נעמט זי שטײַף אַרום. אויך ער איז בלייך —
ער ווייס עס — און אויך ער איז אָנגעטאָן אין שוואַרץ.
ס׳איז גאָר נישט — בלויז פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ געדאַנק
און ס׳מיינט נישט קיין זאַך. בעקאַ קוקט אויף אים און דאַנקט
פֿאַר דאָס, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, און פֿריידע אויך.
די אָנגעפּאָרענע זײַנען נישטאָ דערווײַל. זיי שטייען־אײַן

אין גרויסן גאַסטהויז, וואָס אַנטקעגן די בולוואַרן,
און דאַרפֿן אָנקומען. איז פֿלוידערט מען דערוויַיל.
מען לאָזט זיך געבן כּיבוד און מ'איז אָנגעצויגן.
און עמעצן פֿאַלט־איַין צו בעטן זאַוולען שפּילן.
כאַפּט בעקאַ אונטער די בקשה. זעט ער אירע אויגן,
דערפֿילט ער יענעם אָוונט, אויפֿן וועג צווישן די ביימער,
די שפּיל פֿון דער לבֿנה אויפֿן וואַסער, פֿריידעס טרערן
און אירע ווערטער: „אונדזער בעקאַ" — קלייַבט זיך אַלץ אין איינעם
און שטעלט זיך צווישן האַלדז און האַרצן... נעמט ער זיך צום שאַכטל
און ס'פֿאַלט־אַוועק די טויטקייט, וואָס ער האָט געטראָגן,
נאָר ס'ציטערן די הענט, און ציטערנדיק, אייַנגעגראָבן
דעם קאָפּ אין בוזעם, פּרוּווט ער אויס די סטרונעס
און שפּילט. ער ווייס נישט וואָס און דאַרף נישט וויסן.
זאָל נאָר דאָס ערשטע ציטערנישן אַריבער, זאָל נאָר פֿריַי
די האַנט זיך נעמען רירן — איז שוין פֿול דאָס האַרץ
און ס'וועט אים פֿירן.

## **נישט** געפֿילט ווי לאַנג

ער האָט געשפּילט, ביז ס'האָט זיך אָנגעהויבן מורמלען.
און קוקנדיק אַהין, וווּ פֿריידע שטייט, האָט ער דערזען
דעם פֿרעמדן יונגן מאַן און נעבן אים אַ פֿרוי, אַן עלטערע —
זיַין מוטער מן הסתם — און פֿריידע האָט זיי ביידן
דערציילט עפּעס אין אויער און געוויזן מיטן אויג
אויף אים, אויף זאַוולען. און די מוטער מיטן זון —
זיי האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. און מיט אַ מאָל —
צי האָט פֿון ערגעץ ווו אַ בדחן זיך דערוועקט אין זאַוולען,
צי גאָר דאָס חנפֿענען פֿון אַלע זיַינע זיידעס,
די פּראָסטע בעלי־מלאכות, צו די רייַכע לייַט,
צי אפֿשר האָט ער גאָר מיט פֿריילעכקייט און טומל
געוואָלט אין זיך אַליין אַריבערטומלען אַזאַ זאַך,

וואָס האָט זיך אויפֿגערודערט פֿון דעם פֿרעמדנס בליק,
נאָר מיט אַ מאָל האָט ער אַ נעם געטאָן אַ פֿריילעכס.
אַ וויוואַט אויפֿגעשפּילט לכּבֿוד די געהויבענע
און שיינע געסט. געציקלט זיך פֿאַרשײַט און חניפֿהדיק.
און פּלוצלינג מיט אַ הילכיקן און ווילדן ראַץ
די הענט אַראָפּגעלאָזט. עס איז געוואָרן אַ געקלאַפּערײַ
און צווישן אַלעמען האָט זיך דער פֿרעמדער יונגער מאַן
אַ וועג געשניטן, צוגעקומען גלײַך צו זאַוולען,
גענומען בײַ דער האַנט און דאַן פֿון בוזעם־קעשענע,
פֿון ברוינעם לעדערטאַש אַרויסגעצויגן אַ פּאַפּירל,
און זאַוולען אין דער האַנט אַרײַנגעלייגט. ס׳איז שטיל געוואָרן.
און אַלע האָבן צוגעקוקט, ווי דאָס פּאַפּירל איז געפֿאַלן
פֿון זאַוולס האַנט אויף דר׳ערד, ווי פֿײַער רויט
האָט זיך זײַן פּנים אָנגעצונדן, ווי די נאָזלעכער און ברוסט
האָט אים גענומען פֿאָכען, און פּאַמעלעך, שטיל
האָט ער זיך הינטערווײַלעכטס צו דער טיר געריקט.
דערווײַל איז שוין דער פֿרעמדער נעבן אים געשטאַנען,
פֿאַרענטפֿערט זיך, און בײַ דער טיר האָט בעקאַ אים
פֿאַרצוימט דעם וועג. האָט ער זיך דורכגעשפּאַרט,
און ערשט אין דרויסן, לויפֿנדיק נאָך אים,
האָט זי אים בײַ דער האַנט אַ כאַפּ געטאָן:
— איך בעט אײַך, זאַוול... איז ער שטיין געבליבן,
זיך אומגעקערט צו איר מיט אַ פּאָר ווילדע אויגן
און אויסגעצישעט: — לאָזט מיר אָפּ די האַנט!
זי איז געבליבן אַ פֿאַרציטערטע פֿון קול זײַנעם
און מיט דער מאַמען, מיטן חתן, מיט די געסט אַרום
איז זי נאָך אַלץ געשטאַנען, קוקנדיק נאָך אים אין שרעק.

און אַז מען בײַסט שוין אײַן די פֿינגער ביזן בלוט,
און אַז מען רײַסט מיט נעגל שטיקער לײַב פֿון זיך,

און אַז מען רעוועט שטומערהייט אין זיך אַרײַן —
וואָס העלפֿט עס דען? דער פּײַן בלײַבט סײַ ווי פּײַן
און לאָזט זיך נישט פֿאַרגעסן. ביז עס קומט־אַרויף
דאָס גרויס רחמנות אויף דעם אומגליקלעכן מענטש,
צעגייט זיך עס אין טרערן איבער אַלע אבֿרים,
ווערט אויסגעוויקט דאָס האַרץ אין צער אויף זיך,
און ס'נעמען מיטווייַנען די ווענט און טיש,
די זוילן פֿון די שיך, דער דיל אונטער די פֿיס,
און ווען עס ווייַנט שוין אַלץ אין צער — איז וויל.
דאַן דאַרף מען מער קיין מענטש און טרייסט פֿון מענטשן נישט,
און ס'איז נישטאָ קיין אומרעכט און באַליידיקונג,
ווײַל אַלץ אַרום איז צער און אַלץ איז שטיל געוויין,
און ווי אַ טײַך טראָגט עס אַוועק אויף לײַכטע וואַסערן,
און שווימסט אַזוי ביז וואַנען דו פֿאַרגעסט דעם ברעג,
ווו ביסט געלעגן רעווענדיק פֿון ווייטיק.

פֿאַרגעסן? פֿאַרגעסן עס אין גאַנצן קאָן מען נישט.
אין שטילקייט פֿון דעם אײַנגעוויגטן צער קומט עס אַרויף
אַזוי ווי זיפֿצן בײַ אַ קינד אין דער באַרויִקונג
פֿון נאָך אַ גרויס געוויין, און אַלץ גייט ווידער דורך
ווי הינטער אַ געדיכטער טוך. נאָר ווען עס קומט־צוריק,
איז דאָ נאָר איין געפֿיל: אַ שרעק, אַ טעמפּע שרעק,
און אַ פֿאַרלאַנג, עס זאָל זיך קיין מאָל מער נישט אומקערן
און אָפּגעווישט זאָל ווערן דאָס געדעכעניש דערפֿון.
און אַז אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט האָט זאַוול בײַ דער שוועל
פֿון טאַטנס רימערײַ דערזען בעקאַן — איז עס נישט געווען
קיין ציטערניש ווי פֿריִער, נאָר אַן אײַנגעשטיקטער כּעס,
אין מורא אַ פֿאַרביסענער. איז ער אַרויס צו איר
און הייזעריק אַ זאָג געטאָן: — וואָס דאַרפֿט איר דאָ?
— איך וויל אײַך זען. כ'וויל ריידן מיט אײַך, זאַוול.

— מען דאַרף נישט. גייט אַהיים! די אויגן צו דער ערד,
און אין זײַן קול אַזאַ געזונקענקייט, וואָס האָט אין אירע קני
אַ נאָגעניש פֿון שוואַכקייט אָנגעגאָסן. קוים צו הערן
האָט זי דעם אָטעם אָפּגעצויגן: — זאַוול! זאַוול!
— וואָסווילט איר? — ריידן מיט אײַך. קומט!
זי איז נאָך אים אין שטוב אַרײַן מיט אַ גוט ב׳אָוונט,
אַרומגעקוקט זיך און געוואָלט כאָטש מיט אַ וואָרט
פֿאַרגלעטן די צעמישונג אויף זײַן מאַמעס פּנים,
נאָר זאַוול האָט דעם פֿאַרטעך בלויז פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן
און איז אַרויס מיט איר. — וווהין? — איך ווייס נישט.
די אַקסלען אירע העכערע — האָט זי געזען זײַן שווערן האַלדז
אָן קאָלנער און דאָס שוואַרצע העמד, און האָט געפֿירט.
אַראָפּ צום טײַך און מיטן ברעג — האָט בעקאַ אָנגעהויבן:
— עס איז געווען אַ טעות בלויז. דער חתן אירער
האָט נישט קיין שלעכטס געמיינט, און ס׳האָט אים באַנג געטאָן,
וואָס ס׳איז אַזוי געשען. ווען זאַוול זאָל אים קענען!
און ווייסט ער שוין — מען האָט געמאַכט אַ וואָרט,
און ס׳קומט איר מזל־טובֿ. אַפֿילו דאָס וועט ער ניט זאָגן?
די מאַמע נעמט זיך עס אַזוי צום האַרצן און דער טאַטע
האָט נאָך דעם עפּעס וואָס געזאָגט אַזוינס אויף לשון קודש —
אַוודאי פֿון דער גמרא — זאַוול אפֿשר וואָלט פֿאַרשטאַנען.
הײַנט ליזע! יאָ, דאָ האָט אים בעקאַ צו דערציילן
אַזאַ מין זאַך, וואָס וועט אים גאָר הנאה טאָן.
אַ פּלאַן אַזאַ. אָהאָ, ווען ער זאָל וויסן! — זאַוול הערט
און שווײַגט. מען גייט בײַם ברעג. ס׳ווערט טונקעלער.
און בײַ אַ באַרג מיט קלעצער שטעלט זיך בעקאַ אָפּ.
מען זעצט זיך און ער שווײַגט. — נו, זאַוול,
לאָזט הערן כאָטש אַ וואָרט! — איך האָב נישט וואָס.
איז זי — וועט זי אים דעם פּלאַן אַליין דערציילן.
און ס׳איז אַזוי. אַז ליזע קומט שוין אָן אין שול,

און זי האָט ליב די פֿידל — און אים, זאַוולען, אויך —
זײַן ערשטע ליבע דאָך — נו, האָט מען אָפּגעמאַכט,
אַז אויב ער וויל נאָר, וועט זי אָנהייבן בײַ אים
זיך לערנען פֿידל שפּילן. וואָס זאָגט זאַוול איצט?
ער האָט נישט וואָס צו שרעקן זיך. זי, בעקאַ,
וועט אפֿשר באַלד אַוועקפֿאָרן, דאַן קומט אויך מישאַ —
אויף מישאַן האָט ער דאָך נישט קיין פּאַראיבל —
און אַלץ וועט גוט זײַן. יאָ? — ער זיצט ווי נישט געהערט.
— וועט איר מיר גאָר ניט זאָגן? — כ'האָב נישט וואָס.
— און קומען וועט איר? — ניין. — פֿאַר וואָס? — מען דאַרף נישט.
און זאַוול נעמט זיך אָן מיט אָטעם און הייבט־אָן:
— ווי קום איך דאָרט אַהין? אָט זעט — איך בין אַ גראָבער מענטש.
אַזאַ אָ, זעט! — ער שטרעקט די האַנט אין טונקל.
— און זאָגט אים, אײַער חתן, איך בין נישט אין כּעס,
און ער האָט רעכט געטאָן. ווי קום איך אַזאַ איינער?
דער מאַמען אויך. מען דאַרף נישט. איך בין דאָ
און איר זײַט דאָרטן. גייט אַהיים און גאָר נישט. —
אַ ווײַלע שטיל. זי אָטעמט האַסטיקער — און ראַפּטעם
טוט זי אַ כאַפּ זײַן האַנט און דריקט זי צו איר ברוסט:
— נאָך וואָס, נאָך וואָס אַזוינע רייד? עס איז נישט אמת.
אַ ים פֿון פֿונקען צינדט זיך אָן פֿאַר זײַנע אויגן,
און פֿילנדיק איר לײַב אונטער זײַן שווערער האַנט,
צונויפֿגעקאָרטשעט רופֿט ער אויס אַ וואָרט,
איין וואָרט נאָר: בעקאַ! — שנעל פֿאַלט־אָפּ
זײַן האַנט פֿון איר. עס פֿליט זײַן הוט פֿון קאָפּ,
מיט איין האַנט אים אַרומגענומען, מיט צווייטער
דורך זײַנע קרויזן גייט זי און זי רעדט:
— נו, זאַוול, נאַרישער, נו, גוטער, האַרציקער...
גענוג. מען טאָר נישט מער. געוועזן און אַ סוף.
און ס'וועט שוין מער ניט זײַן. און בעקאַ האָט דאָך זאַוולען ליב,

זי האָט אים ליב, אָט ווי אַ שוועסטער, ווי אַן אייגענע.
אַזוי — — — זי פֿילט אַ דעמפּיקייט פֿון זײַנע האָר,
און דאָך רוקט זי זיך נענטער צו אים,
כאַפּט־אָן די ביידע הענט זײַנע און וויל אַרײַנקוקן
אין פּנים אים, נאָר דאָ דערפֿילט זי ציטערן
זײַן גאַנצן גוף, אַ כליפּען הערט זיך, און זי זעט —
ער גליטשט זיך פֿונעם קלאָץ אַרונטער אויף דער ערד
און מיטן קאָפּ אין קלאָץ אין ביידע פֿויסטן כליפּעט ער.
זי בייגט זיך איבער, גלעט און קרײַזלט זײַנע האָר,
און אָט אָ בלאָנדזשען זײַנע הענט, דערטאַפּן אירע,
ער טראָגט זיי צו די ליפּן, קושט זיי ציטערדיק אַזוי,
אַז קוים זי פֿילט זײַן אָטעם אויף איר הויט,
דאַן נעמט ער בעטן זיך דורך טרערן: — גייט־אַוועק.
איך בעט אײַך... גייט אַהיים! — זי ענטפֿערט נישט,
נאָר לאָזט זיך אויף די קני אַרונטער נעבן אים,
נעמט־אָן זײַן פּנים, קושט אים לאַנג און שטיל,
דאַן טוליעט זי דעם שטומען קאָפּ צו זיך, צום ברוסט
און גלעט אים ציטערדיק, און אָטעמט אָפּגעריסן,
ווי אָט אָ ווײנט זי זיך פֿונאַנדער. און דאַן — נאָך אַ קוש,
אַן איינציקן, אַן אָפּגעריסענעם — און הייבט זיך אויף,
און פֿאָרזיכטיק דעם קאָפּ צוריקגעלייגט און גייט.

עס איז געווען אין אַ וואָך אַרום, ווען זאַוול
איז אין דער פֿרי געשטאַנען בײַ דער אַרבעט,
איז אָנגעלאָפֿן מיט אַ מאָל די מאַמע און געזאָגט:
— גיי, זע נאָר, זאַוול, עפּעס האָט מען דאָרט געבראַכט
פֿאַר דיר אַ קאַסטן און דו דאַרפֿסט זיך אונטערשרײַבן.
איז ער אַרײַן אין שטוב און אונטער נײַגעריקע בליקן
פֿון העבלינעס אַרויסגעשלעפּט אַ פֿידל־שאַכטל.
געעפֿנט, אָנגערירט אַ סטרונע און געבליבן,

**נישט קאָנענדיק די אויגן אָפּרײַסן פֿון פֿידל.**
**— פֿון וואַנען איז דאָס? האָט ער אָנגערופֿן**
**דעם נאָמען פֿון דער שטאָט, פֿון בעקאָס חתן,**
**און מער נישט ריידנדיק אַרײַנגעטראָגן זי צו זיך.**
**פֿאַר נאַכט האָט ער זיך אָנגעטאָן אין שוואַרצן רעקל**
**און ווײַסן קראַגן מיטן רויטן שניפּס**
**און זיך געלאָזן גיין צום ווײַסן ציגלהויז.**

# 5

**ערשט הייבט זיך אָן אַ לאַנגע שנור פֿון טעג,**
**פֿון וועלכע זאַוול האָט דערנאָך אַ מאָל אַזוי געזונגען:**

מײַן לעבן ציט זיך ווי אַ שמאָלער טראָטואַר
בײַם זײַט פֿון ברייטן וועג,
און ס׳טרעטן איבער אים, ווי פֿרעמדע לײַט,
די שעהען און די טעג.

אין אָסיען פֿאַלן בלעטער, ווינטער פֿאַלט אַ שניי
און זומער — שטויב פֿון גאַס.
אין זונשײַן איז ער ליכטיק, אונטער כמאַרעס טונקל
און פֿון דעם רעגן נאַס.

אַ מאָל צעטרייסלט אים אַ שטאַרקער ווינט אַ ווײַלע,
דערנאָך ווערט ווידער שטיל.
און ס׳ציט זיך ווײַטער ווי דער שמאָלער טראָטואַר
מײַן לעבן אָן אַ ציל.

דאָס איז געווען שפּעטער שוין, ווען מיטן גאַנג פֿון צײַט
האָט זיך דאָס אויפֿגערודערטע צוריק אַראָפּגעזעצט
און ס'האָט דער טעם פֿון דורכגעלעבטער אומרו אים באַוויזן
די שטילע פֿלאַך, וואָס אונטער איר און פֿאַר איר.
פֿון אָנהייב אָבער האָט ער דאָס אויך נישט געזען.
דאָס שוין פֿאַרגאַנגענע געשראָקן זיך צו מינטערן
און אין דעם קומענדיקן נישט פֿאַרקוקט. געלעבט זײַן טאָג,
און וואָס דער טאָג האָט אָנגעגרייט פֿאַר אים, דאָס איז געווען.

דרײַ וואָכן נאָך שבֿועות איז אַהיים געקומען מישאַ.
געקומען איז ער מיד, אַרומגעשפּרײַזט כּסדר
פֿון שטוב צו זיך אין צימער און צוריק, און אָנגעשטעקט
דאָס גאַנצע הויז מיט אומרו. איז מען אומגעגאַנגען
אויף שפּיצן פֿינגער. און דערווײַל האָט זאַוול אָפּגעלאָזט
די קליינע ליזע און זי אויפֿגעהערט צו לערנען.
דאָס האָט אים גוט געטאָן, ווײַל נישט נאָר מישאַס קומען
האָט שווער געמאַכט דאָס הויז, נאָר פֿריִער נאָך, וואָס בעקאַ
פֿלעגט אויסמאַרקירן נישט צו טרעפֿן זיך מיט אים.
ס'איז רעכט געווען פֿון איר. ער וואָלט אַליין נישט וועלן
זיי זאָלן בלײַבן אויג אויף אויג. איז בעסער שוין אַזוי,
ווי טרײַבן זי פֿון הויז. אַוועק אַ וואָכן צוויי —
און מ'האָט געשיקט אים רופֿן. חיה־ריווע איז אַרײַנגעפֿאַלן
צו זען די מומע כּלומרשט און דערווײַל געלאָזן וויסן,
אַז עפּעס דאַרף מען דאָרטן זאַוולען הײַנט. און טאַקע,
מען האָט געוואַרט מיט וועטשערע און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט,
אַז מישאַ האָט געקויפֿט בילעטן אין טעאַטער
פֿאַר אַלע דרײַ: פֿאַר זיך, דער שוועסטער און פֿאַר זאַוולען.
ס'איז קלאָר געווען, אַז ער האָט זיך דערוווּסט פֿון עפּעס,
נאָר אויפֿן וועג האָט זאַוול דאָך אַ זיכערקייט געקראָגן,
אַז בעקאַ האָט נישט אַלץ פֿאַרטרויט און האָט דערפֿילט

אַן איבערהאַנט איבער דעם קלוגן בחור, וועלכער פֿירט זיי,
ווי ס׳פֿירט אַן עלטערער צוויי קינדער נאָך אַ קריג.
אָט, זאָל ער מיינען, אַז ער ווייסט! און גלײַך איז אויפֿגעקומען,
אַז מיטן וויסן כאַטש אַ ביסעלע ווערט מישאַ שוין
אַ דריטער צו דעם סוד... און ס׳איז דער סוד געוואָרן טיפֿער,
ווײַל אָט אָ ווייס אַ דריטער, און ער ווייס נישט אַלץ!

**אַריין** אין הילצערנעם טעאַטער. אויסגעזעצט זיך.
און זאַוול האָט גענומען זיך אַרומקוקן, און וואַרטן
ביז ס׳וועט זיך אויפֿהייבן דער אויסגעמאָלטער פֿאָרהאַנג
און ער וועט זען באַשײַמפּערלעך דאָס אַלץ, וואָס פֿלעגט זיך מאָלן,
ווען ליגנדיק באַהאַלטן צווישן ביימער און די מאָדנע זאַכן,
וואָס דאָס טעאַטער שטעלט־אַרויס. פֿלעגט ער בלויז כאַפּן
צו שטיקלעכווײַז ניגונים דורך די ברעטערדיקע ווענט.
מ׳האָט אויסגעלאָשן. דער אָרקעסטער האָט אַ שפּיל געטאָן.
דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג פֿון הינטערן פֿאָרהאַנג.
און נאָך אַ ווײַל, און ס׳איז אַ דאָרף מיט שקצים און מיט שיקסעס
געשטאַנען זינגענדיק. מיט מויל און אויערן איז זאַוול
אַוועק אַהין און אויס געוואָרן. ערשט דערנאָך,
ווען ס׳האָט דער יונגער קאָזאַק אָנגעהויבן זינגען
זײַן ליבעליד צו דער קאָזאַטשקע אינעם פֿענצטער,
און הינטער אים האָט אויפֿן שאָקלדיקן לײַוונט,
באַמאָלן מיט אַ דאָרף און טײַכל, זיך גענומען רוקן
אַ האַלבע זילבערנע לבֿנה און מען האָט דערהערט
די זשאַבעס קוואַקען אינעם טײַכל אויפֿן לײַוונט —
ערשט דאַן האָט ער דערפֿילט, אַז אַזאַ גרויסע שיינקייט
איז צו פֿיל פֿאַר אַ מענטשן צו פֿאַרטראָגן גאָר אַליין,
און זיך גענומען שרעקן, טאָמער כאַפּט נישט בעקאַ אַלץ
און קאָן חלילה עפּעס דורכלאָזן. האָט ער אַ קוק געטאָן,
ערשט אירע אויגן זײַנען אויך אין גאַנצן דאָרט,

און דאָס וואָס בײדנס אויגן קוועלן פֿון דעם זעלביקן,
און וואָס אַ דריטער וואַכט איבער זײ בײדן און אַ סוד
פֿאַראײניקט זײ — האָט אַ געפֿיל געבראַכט, ווי בײדע,
באַשערט אײנער פֿאַרן צווײטן, זאָלן איצט, נאָך לאַנגע טעג
פֿון לײד און ראַנגלעניש, צום ערשטן מאָל די רו געפֿינען
און זײַן צוזאַמען פֿרײַ. — — — דער פֿאָרהאַנג איז געפֿאַלן.
באַקאַנטע זײַנען צוגעקומען. און ווען מישאַ איז אַרויס
און בײדע זײַנען אין דער ליכטיקײט אַלײן געבליבן,
האָט זאַוול נישט געוווּסט, ווו הינצוטאָן די אויגן,
ביז בעקאַ האָט געפֿרעגט: — געפֿעלט עס אײַך?
— ס'איז זײער שײן. — די פּרימאַדאָנע מוז שוין זײַן נישט יונג.
דאָ כאַפּט ער זיך, אַז נאָך נישט אַלץ, וואָס איז געוועזן שײן,
איז שײן געווען, און מיט דער יונגער זינגערין פֿון דאָרט,
וואָס אויף אַן אמת איז זי אַלט, ווערט נאָך עפּעס צערונען.
בײַם צווײטן אַקט איז ער שוין אומרויִק און ווײס נישט,
צי דאַרף אים זײַן געפֿעלן דאָס, וואָס אים געפֿעלט.
דאַן מאַכט ער אָפּ נישט אומצוקוקן זיך אויף בעקאַן און בלײַבט זיצן
מיט אויגן צו דער בינע, נאָר די אומרו לאָזט נישט אָפּ.
ס'קומט ווידער דער אַנטראַקט און מישאַ גײט־אַוועק.
זאָגט בעקאַ: — עפּעס איז דער מער מיט מישאַן.
כ'האָב מורא, ער האָט עמעצן געלאָזן דאָרט.
אַוודאי אַ געליבטע, נײן? — וואָס קאָן מען וויסן?
און בײַ דעם נײַעם פֿאָרהאַנג בלײַבן זײ אַלײן
און מישאַ איז נישטאָ. מסתּמא גײט ער דאָרט שפּאַצירן
אין סאָד אויף די אַלײען. ס'הײסט, אים גײט נישט אָן
דאָס שפּיל צו זען. דאָס האָט ער נאָר פֿאַר זײ געטאָן,
און זײ — זײ זיצן שווײַגנדיק. און מיט דעם דריטן פּלאַץ
אַ לײדיקן בײַ דער זײַט פֿילט זאַוול עלנט און פֿאַרלאָזט,
און ווײס נישט, פֿאַר וואָס קומט עס אים, מען זאָל אים לאָזן
אַלײן מיט דער, וואָס טוט אים אַזוי ווײ. שוין בעסער

ביי נאַכט אויפֿן געלעגער טראַכטן, וואָס ער טראַכט פֿון איר,
דער ווײַטער, אָפּגעשניטענער, ווי זיצן דאָ מיט איר אַזוי.
ביז ס'ענדיקט זיך דאָס שפּיל, און ווען מען גייט אַהיים
שוין ווידער אַלע דרײַ, טראַכט זאַוול, אַז ס'איז מאָדנע,
ווי מענטשן זײַנען איינס צום אַנדערן: אָט ווילן זיי טאָן גוטס
און טוען וויי, און ווייסן נישט דערפֿון, און מוזסט זיי ליב האָבן
און וויטיקן אויף דעם.

**ער** טראַכט אַזוי די נאַכט,
און אפֿשר נאָך אַ טאָג און צוויי. דערנאָך פֿאַרלירט זיך עס.
און שפּעטער, ווען ער זעט זיך גיין מיט בעקאָן אין טעאַטער,
איז מישאַ שוין נישטאָ. אַליין גייט ער מיט איר,
און ס'איז אַן אַנדער שטאָט, און דאָס טעאַטער איז אַן אַנדערס,
און קיינער קען זיי נישט. אַ פֿרעמדע וועלט אַרום,
און נאָר זייביידע זײַנען אייגענע. און בעקאָן אַרט נישט מער
די אַלטע זינגעריך, און ס'אַרט איר גאָר נישט, בעקאָן — — —

**ער** קומט אין הויז צו זיי, באַגעגנט זי, די זעלביקע,
נאָר ס'מאַכט נישט אויס. די בעקאָ פֿון די אָוונטן
אין ווײַטן, נישט-געזעגענעם טעאַטער — יענער אַרט נישט מער,
וואָס דאָ די בעקאָ טוט. אָט זאָל זי שמייכלען בלויז,
צי גאָר אים נישט באַמערקן. וועמען גייט עס אָן?
זי קאָן אַפֿילו גאָר אַוועק אין גאַנצן פֿון דער היים.
אַוועקפֿאָרן — צום חתן, לאָמיר זאָגן מהיכא תיתי.
ער וועט אַליין באַגלייטן זי צו דער באַן, וועט ער,
און זאָגן: — פֿאָרט געזונטערהייט! וועט קומען אומגעריכט,
ווען אַלע וועלן זיך געזעגענען, און געבן איר אַ האַנט
און זאָגן: — פֿאָרט געזונט! יאָ, פֿאָרט געזונטערהייט...

**דערווײַל** האָט אין דער היים זיך אָנגעיאָגט אַ ווילדע זאַך.
פֿון העלער הויט האָט טאַטע־מאַמע זיך דערמאָנט,
אַז זאַוול איז דער עלטסטער זון אין הויז, און מ׳איז געקומען
צו אים נאָך פּשרות צווישן ביידן. אָנגעהויבן
פֿון איציקן, דעם קליינעם יונג, וואָס איז דעם זומער
שוין צען געוואָרן און ס׳איז צײַט פֿאַר אים
צו עפּעס נעמען זיך. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער טאַטע
האָט שוין געהאַט אַ בעל־מלאכה אויפֿן אויג
אים אָפּצוגעבן, נאָר די מאַמע האָט זיך אײַנגעשטעלט:
— זי וויל דעם יונג אין שקאָלע [19] שיקן... שקאָלעס גאָר?
איך קאָן נישט קאָרמענען [20] אומזיסטע פֿרעסערס!
דאָס איז געווען דעם טאַטנס נוסח איין מאָל בײַ אַ וועטשערע,
און נישט צום ערשטן מאָל, זעט־אויס. האָט זיך די מאַמע
צו זאַוולען אָנגערופֿן: — וואָס זאָגסטו עפּעס דערצו?
עס איז געווען אַ ווילדע נײַס, מען זאָל צו אים
נאָך עצות קומען. האָט ער אָנגעקוקט: — וואָס ווייס איך?
נאָר אַז דער טאַטע האָט אַ זאָג געטאָן: — דו קוק נאָר אָן,
וואָס פֿאַר אַן עצה־געבער זי האָט זיך געפֿונען — האָט שוין זאַוול
באַקומען לשון און געזאָגט: — אויף ביכער און באַקליידן אים
וועל איך שוין אויסלייגן. — דערבײַ איז עס געבליבן.
און ס׳איז די מאַמע מיטן יונג אַליין אַוועק צו מאָרגנס
פֿאַרשרײַבן אים אין שקאָלע. זאַוול האָט געהאַט הנאה,
וואָס ער האָט אָפּגעטאָן דעם טאַטן, דאָך דערשראָקן זיך:
— מען קומט צו אים נאָך עצות. ער דאַרף ענטפֿערן און אַלץ...
וואָס ווייס ער, וואָס?

**נאָר** איציק איז געווען בלויז
אַ פֿאָרשפּיל צו דער אמתער מחלוקה פֿון דערנאָך,

[19] שול. — [20] שפּײַזן.

וועןְ מיט די נאָנטע ימים־טובֿים האָט זיך אָנגערוקט
די פּריזיווּצײַט [21] פֿאַר משהן, און אין אָוונטן,
וועןְ ער אַליין, דער תּכשיט, האָט זיך אומגעשלעפּט,
ווי אים וואָלט עס נישט אָנגעגאַנגען, האָבן טאַטע־מאַמע
אַרומגעריסן זיך: פֿאַר איר איז רעכט געווען,
ער זאָל כאָטש מאָרגן ציִען קיין אַמעריקע — נישקשה,
אַ שנײַדעריונג וועט זיך דאָרט אָפּזוכן זײַן ברויט!
דער טאַטע אָבער האָט געטענהט, אַז ער וועט נישט גיין
דעם קאָפּ פֿאַרזעצן, אָפּצוצאָלן די דרײַ הונדערט פֿאַר אים,
און ס'וועט אים, דעם בנאָק [22], חלילה גאָר נישט אָפּקומען,
אַז ער וועט אויסדינען דעם קייסער די דרײַ יאָר.
טאָג־אײַן, טאָג־אויס די זעלבע טענות — און ווען זאַוול וואָלט געקאָנט
זיך בײַטן מיט דעם משהן אָדער אים אַוועקגעבן
די אייגענע, די קורצע פֿיס, וואָלט ער עס שוין געטאָן — און פּטור!
ווײַל ווען ער הערט דעם נאָמען, איז ער מער ווי זיכער,
אַז יענער וואַלגערט זיך אין גרינעם געסל מיט די יונגען.
און ס'בליצט אים אויף, אַז איצטער גראָד
זיצט משה בײַ אַ טישל און דערציילט דאָרט מעשׂיות
פֿון ברודער מיטן פֿידעלע און מיט דער רײַכער טאָכטער —
און זאַוולס פּנים פֿלאַמט. קאָן זײַן, עס פֿלאַמט אַזוי
נישט בלויז פֿון חוזק, נאָר נאָך מער פֿון שאַנד פֿאַרגראָבענעם,
פֿון שאַנד פֿאַר דעם נישט־גוטן אומרו, וועלכער קומט
מיט דער געדעכעניש פֿון גרינעם געסל, און ס'איז משה דער
וואָס ברענגט אַהער דאָס געסל. וויפֿל מאָל בײַ נאַכט,
ווען ער רירט־אָן דעם ברודער אומגערן אין שלאָף,
דערפֿילט ער, אַז ער קאָרטשעט זיך צונויף און רוקט זיך אָפּ,
ווי אָפּצוטרייסלען עפּעס, וואָס איז שוין אין אים,

---

[21] די צײַט פֿון רופֿן צו מיליטער. — [22] (בן) אַ זון פֿון וועמען מען האָט קנאַפּ נחת.

און נאָגט מיט אַזאַ אומרײנער נישט־גוטקייט...
איצט דאַרף ער זיצן, צוהערן — און ס׳איז נישטאָ אַפֿילו
וווּ הינצוטאָן זיך, וווּ אַנטלויפֿן אין די אָוונטן.
ווײַל אויף דער גאַס איז אומעטיק, און דאָרט, אין הויז,
איז אַלץ פֿאַרטומלט מיט הכנות צו אַ חתונה. מען פֿאָרט־אַוועק,
מען קומט־צוריק. עס קלאַפּן נײ־מאַשינען גאַנצע טעג.
און בעקאַ מעסט. און פֿרײדע פּאָרעט זיך. און מישאַ גײט־אַרום
ווי נישט קײן הײמישער אין שטוב — ער איז אַלײן צופֿרידן,
ווען ס׳ענדיקט זיך די שעה מיט ליזען און ער קאָן אַנטלויפֿן.

די חתונה בײַ בעקאַן איז געווען אויסגעשטעלט
אויף זעקס וואָכן נאָך סוכּות, גראָד אין פּריזיווצײַט.
נאָר זאַוול האָט געוווּסט פֿון פֿריִער, אַז מ׳האָט אָפּגעמאַכט
אַרויסצופֿירן עס דערנעבן אויף אַ סטאַנציע.
און ס׳איז געווען בעסער דאָ צו וואַרטן מיט דער מאַמען
אין דרויסן פֿאַר דער דומע[23], וווּ דער פּריזיוו איז געווען,
ווי ער זאָל דאַרפֿן הערן קלעזמערס שפּילן הײַנט אין הויז
און אפֿשר דאַרפֿן זײַן אַ גאַסט. נײן, בעסער דאָ
זיך שטויסן צווישן ייִדן, ייִדענעס און קינדער,
זיך טאָפּטשען אינעם שנײ און פֿאַלן אויפֿן גליטש,
און טראַכטן וואָס עס טראַכט זיך... ביז פֿאַר נאַכט,
ווען משה איז אַרויס און אָנגעזאָגט די בשׂורה,
און מ׳איז אַהײם אַוועק. אַלײן אין הויז אין אָוונט,
און איצטער שפּילן קלעזמערס דאָרט די כּלה צו באַזעצן,
און באַלד וועט חתן־כּלה צו דער חופּה גײן.
די מאַמע פּאָרעט־אום בײַם אײַנגעהייצטן אויוון,
די טרערן רינען פֿונעם פּנים אויפֿן יאַקל און דער ברעג
פֿון סיצן טיכל אויפֿן קאָפּ איז פֿײַכט און שווער

[23] פּאַרלאַמענט אין צאַרישן רוסלאַנד.

פֿון ווישן זיך טרערן. בעסער זיצן דאָ אין טונקל
פֿון רויכערדיקן לעמפּל, קוקן ווי עס פֿלאַקערן
די שײַטלעך האָלץ אין אויוון, קוקן... און דאָרט טאַנצט מען שוין,
און קלעזמערס שפּילן אַ קאַדריל...

## ביי נאַכט איז משה

אַהיימגעקומען שיכּור און געדעוועט אויפֿן קול,
און ס'האָט די מאַמע אים געדאַרפֿט אַוועקלייגן און אויסטאָן.
אויף מאָרגן נאָך אַ מאָל. אַ גאַנצן טאָג זיך אומגעשלעפּט
פֿון שענק אין שענק אַרײַן מיט שיכּורע רעקרוטן און בײַ נאַכט
געקומען און געטאַנצט. האָט שוין די מאַמע אָנגעהויבן ציילן
די טעג, וואָס ער דאַרף בלײַבן. ס'איז אַריבער שבת,
און מאָנטיק אָוונט האָט זיך זאַוול אויסגעקליבן
גיין זאָגן מזל־טובֿ אין הויז. דערציילט אים פֿריידע,
ווי שיין ס'האָט בעקאַ אויסגעזען אונטער דער חופּה,
און פֿון די געסט און פֿון דער פֿריילעכקייט — און איצטער אויס!
— לחיים, זאַוול! גאָט זאָל געבן — ווינטשט זי זיך,
און ער קאָן קוים זיך צורירן צום שנאַפּס און לעקעך.
— איז וואָס זשע גייט ער שוין? — ער מוז שוין גיין.
אַ ברודער האָט מען צוגענומען. — טרייסט זי אים:
— אַ שנײַדער, וועט אים גוט זײַן. יאָ, זי ווייסט
פֿון זעלנערס, וועלכע עסן בײַ איר יום־טובֿ.
און בעקאַ איז שוין דאָרט אַצינד. — אַ גוטע נאַכט!
— אַ גוטן! גייט געזונט! און שיער אַרויס פֿון זינען:
ס'האָט בעקאַ אָנגעזאָגט צו לאָזן גריסן אים.
דער חתן אויך. און זאַוול דאַרף ניט זאָרגן —
אַ יונגער מאַן, אַ בעל־מלאכה, קאָן אים גוט זײַן דאָרט.
— אַ גוטע נאַכט! — שוין אָפּגעקומען. דאָס שוין אויך.
איצט נעמט עס נאָך אַ וואָך און נאָך עטלעכע טעג.
און נאָך דעם, אין אַ שניייִקן פֿרימאָרגן פֿירט מען

דעם בחור אין לאַקירטע שטיוועלעך און אויף די אַקסל
פֿאַרוואָרפֿן אַ באַשליק מיט גאָלדענע זוימען — פֿירט מען אים
אַוועק אויפֿן וואָקזאַל. ער מישט זיך אויס מיט אַנדערע,
געזעגנט זיך און נאָך דעם גייט מען שוין צו פֿוס צוריק,
צו פֿוס דעם גאַנצן וועג מיט איציקן און ביילקען אויף דער האַנט.
עס פֿאַלט אַ שניי. מען שווײַגט און שווײַגנדיקע קומט מען אָן אַהיים.
ס'איז נישט געהייצט פֿון אין דער פֿרי. איז קאַלט און שטיל.
און ס'גייט די אַרבעט שטיל און שלעפֿעריק.
ס'קומט נאַכט. און זאַוול שלעפּט דאָס ברעט אַראָפּ
פֿון אַלטן שלאָפֿבאַנק, טראָגט דעם שעניק [24] און די קישן
און לייגט זיך, און ס'איז קיינער נישט מיט אים.
אַליין, צום ערשטן מאָל אַליין אויפֿן געלעגער.
און ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו אָנפֿולן די ליידיקייט
פֿון דעם וואָס איז אַוועק. ס'איז קאַלט און שטיל.

**אין** יענער שטילקייט האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן דאָס געפֿיל,
פֿון וועלכן ס'איז דער פֿערז אַרויסגעוואָקסן שפּעטער:

מײַן לעבן ציט זיך ווי דער שמאָלער טראָטואַר
בײַ דער זײַט פֿון ברייטן וועג.

נאָר ס'איז נאָך נישט געוואָרן צײַטיק. און צו ענדע ווינטער
איז זיך פֿאַרלאָפֿן נאָך עפּעס, וואָס האָט צערודערט אויף אַ ווײַל.
פֿאַרלאָפֿן זיך מיט ליזען. ס'איז געגאַנגען שלעכט
אין שול מיט איר און ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט,
אַז מ'האָט געלאָזט דעם פֿאָטער רופֿן און געעצהט,
מען זאָל איר, ווייניקסטנס, ביז איבער דעם עקזאַמען
אַ לערער נעמען אין דער היים. דאָס האָט געמיינט
זיך צו געזעגענען מיט זאַוולען און דער פֿידל.

---

[24] שטרויזאַק.

און דאָס האָט זאַוולען איין מאָל אין אַן אָוונט קלאָר געמאַכט
אַליין ר׳ חיים־לייב. און פֿריידע האָט פֿאַרטײַטשט, אַז דאָס איז בלויז
ביז ליזע וועט זיך בעסערן. קאָן זײַן, מען האָט געמיינט,
דאָס מיידל אָנשרעקן, נאָר זאַוול האָט זיך נישט געכאַפּט.
פֿאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געהערט, און גרייט געווען צו גיין.
נאָר איידער ער האָט זיך אַ הייב געטאָן, איז צוגעפֿאַלן ליזע
און אויסגעשאָסן אַ געוויין. פֿון אָנהייב שטיל,
נאָר וואָס אַ ווײַל אַלץ ביטערער און יאָמערלעכער,
דעם קאָפּ פֿאַרגראָבן אין זײַן ברוסט, אים פֿעסט געהאַלטן,
ביז זי האָט אָנגעהויבן שרײַען: — כ׳וויל נישט, ניין!
דאָס איז געווען אַלץ, וואָס מ׳האָט געהערט. און נישט די מוטער,
זי גלעטנדיק, און נישט דער פֿאָטער מיט די שטרענגע רייד
האָט זי געקאָנט אָוועקרײַסן. האָט זאַוול שוין אַליין
גענומען גלעטן זי איבערן קאָפּ און אַקסל, אײַנטענהן
פֿון לערנען זיך און פֿון עקזאַמען, און פֿון פֿאָלגן טאַטע־מאַמע
(פֿון וואַנען האָבן זיך אַזעלכע רייד צו אים דערנומען?).
און זי האָט צוגעהערט, און כליפּענדיק שוין שטילער
אים אָנגעקוקט אין טרערן און גענומען צוזאָגן,
אַז זי וועט בעסער ווערן — וועט שוין זאַוול זען אַליין!
האָט טאַטע־מאַמע אָנגעקוקט זיך. און ווען עס האָט דער פֿאָטער ווידער
גענומען ריידן, האָט ער שוין געזאָגט: — אָט זעסטו?
זאָגט זאַוול אויך דאָס זעלביקע. און ער וועט קומען,
אַז דו וועסט בעסער לערנען זיך. — מיט דעם האָט זיך געענדיקט.
נאָר זאַוול איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען מיט אַ זיסן ווייטיק
און צערטלעכקייט צו אַלץ, אַז צײַטנווײַז פֿלעגט ער אַליין
בײַ זיך אין שטוב די טריט זײַנע נישט לאָזן הערן
און שפּרײַזן שוועבנדיק אַזוי, ווי איבער שפּינוועב.
ביז איין מאָל האָט ער, שווימענדיק אַזוי, זיך אָנגעשלאָגן
בײַם טיש, בײַ זיך אין צימער. האָט דערפֿילט, ווי לעכערלעך
עס איז פֿאַר אים, אַ נידעריקן, שווערן — שוועבן אָט אַזוי.

און דאַן האָט ער אַ וואָכן צוויי געגנבֿעט צײַט
בײַם טאַטן פֿון דער אַרבעט, ביז עס איז געוואָרן פֿאַרטיק
אַ ראַניעצל [25] פֿאַר ליזעס ביכער, קליין און שוואַרץ,
מיט קליאַמערס מעשענע און ווייכע רימענטן.
אַוודאי האָט זי זיך געפֿרייט. נאָך מער צופֿרידן אָבער
איז ער אַליין געווען, און אפֿשר נישט אַזוי פֿון ליזען,
ווי פֿון דעם צופֿאַל, וואָס דאָס ראַניעצל האָט ער געבראַכט
מיט דרײַ טעג פֿריִער, איידער עס איז אָנגעקומען
דער זײַדענער פּילקווייטנדיקער שניפּס פֿון בעקאַן.
און דאָך האָט ער געזאָגט אַ ליגן: האָט געוואַרט מיט דעם
אַ גאַנצע וואָך און דאַן אין הויז געקומען און דערציילט,
אַז דאָס האָט ער ערשט נעכטן מיט דער פּאָסט געקראָגן.

**דאָס** אַלץ — און מער האָט קיין זאַך נישט פּאַסירט,
וואָס זאָל פֿאַרבלײַבן אין זכּרון אויף די טעג דערנאָך.
וואָס האָט זיך יאָ פֿאַרלאָפֿן, איז געווען פֿרעמדס
און אָנגערירט פֿאַרבײַגייענדיק בלויז. אַזוי, למשל,
האָט מישאַ אויפֿגעמאַכט אַ קאַבינעט און אויף דער טיר
אַ ברעטל אָנגעקלאַפּט, אַז מיטוואָכס און שבתים
וועט ער באַהאַנדלען אָרעמע חולאים פֿאַר אומזיסט.
פֿון משהן איז אַ קלאָגנדיקער בריוו געקומען
פֿון אויסלאַנד שוין, מען זאָל אים שיקן אויף הוצאות,
צו פֿאָרן קיין אַמעריקע. אין גאַס צווישן חבֿרים
האָט דער און יענער חתונה געהאַט און איז אַרויס
פֿון אַלטן קרײַז. אין שטוב דער טאַטע האָט אַלץ אָפּטער
גענומען וואָרטשען, וואָס דער זון, שוין באַלד אַ דרײַסיקער,
גייט־אום אַזוי און טראַכט נישט פֿון קיין תּכלית.
און ווײַטער גאָר נישט. טעג אין רימערײַ און אָוונטן —

---

[25] רענצל, רוקזאַק (אויף די פּלייצעס) צו טראָגן ביכער אין שול.

אין גאַס אַ מאָל מיט עמעצן פֿון די פֿאַרבליבענע חבֿרים,
נאָר אָפֿטער דאָך אין שטוב אַליין — אַ מאָל מיט טינט און פֿעדער,
און צײַטנווײַז אויך מיט אַ בוך. נאָך אַלעמען האָט ער געהאַט אַ פּעולה;
און בעקאַס מי איז נישט אַוועק אומזיסט
אַפֿילו אויפֿן פֿרעמדן לשון. ביסלעכווײַז פֿאַרשטאַנען
און אויפֿן רעשט זיך אָנגעשטויסן. און ס'איז גוט געווען.
אַפֿילו זיך מיט מישאַן איין מאָל אויפֿגערעדט
און אים געקאָנט דערציילן, וואָס ער האָט געלייענט.
און דאָס — אַ בוך, די פֿידל און אַ שמועס ווען עס איז
אין הויז בײַ זיי — דאָס איז געווען דער אָפּרו פֿון די טעג,
וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אַ גרויער שנור.

יאָ, נאָך עפּעס איז פֿאָרגעקומען דורך דער צײַט,
וואָס וואָלט מיט זאַוולען ווייניק וואָס געהאַט צו טאָן,
ווען נישט דאָס ברענגען טאַטע־מאַמע דאָרט אין הויז.
אויב קלעזמערס האָבן נישט געשפּילט אין פֿריידעס הויז,
ווען ס'איז איר אייגן קינד געגאַנגען צו דער חופּה,
האָט זי דערפֿאַר געזען, זיי זאָלן שפּילן
בײַ חיה־ריווען אויף דער חתונה, וואָס זי האָט אויסגעריכט
בײַ זיך אין הויז. דאָס איז געווען אויפֿן צווייטן ווינטער.
צו ערשט האָט חיה־ריווע מיטן חתן זיך אַראָפּגעלאָזט
צו זאַוולס מוטער אים באַווײַזן איר משפּחה,
צי אפֿשר זאַוולען אויסשטעכן די אויגן. נאָר ווען פֿריידע
האָט צוגעזען, ווי אָפּט עס קומט אַרײַן אין קיך
דער הויכער יונג אין קעסטלדיקן ראָק און זעלנערשטעל[26],
האָט זי געפֿרעגט, אויב דאָס איז נישט מיט מזל שוין אַ חתן,
און אויב אַזוי, ווײַל זי אַליין די זכיה האָבן
די חתונה צו פּראַווען, חיה־ריווע האָט געשײַנט.

---

[26] אין דער פּאָזע פֿון אַ סאָלדאַט.

און זאַוול האָט אין גיכן אָנגעהויבן זען,
ווי ס'שפּאַרט־אַרויס בײַ איר דער בוזעם און די היפּטן
פֿון יאַקעלעך און קליידלעך, וואָס ער האָט געקענט
בײַ פֿריידען אויף די אַקסלען. דאַן האָט זיך אַ נײַע דינסט
אין הויז באַוויזן. חיה־ריווע איז אַרומגעגאַנגען פֿרײַ
און זיך געפּאָרעט ווי אַ האַלבע באַלעבאָסטע.
און באַלד איז אויך דער אָוונט פֿון דער חתונה געקומען.
דער טאַטע האָט אַרויסגעלאָזט די הויזן פֿון די שטיוול
און אָנגעטאָן דעם שבתדיקן ראָק, וואָס האָט געשמעקט
מיט קעראָסין, מיט וועלכן ס'האָט די מאַמע אים געריבן
אַ גאַנצן אינדערפֿרי. אַליין האָט זי זיך אַלץ געקליגט
דעם אויסגעציפּטן שײַטל אויסצולייגן שפּאָרעוודיק
און צוגעדעקט אים מיט אַן אויסגעריבן זײַדן טיכל,
וואָס זי האָט, איבערוואַרפֿנדיק אַ וועלט מיט זאַכן,
אַרויסגעשלעפּט פֿון קופֿערט. נאָך דעם האָט מען אָנגעטאָן
די קליינע ביילקע מיט די פֿײַכטע, פֿריש־געצוואָגענע
און גלאַטע האָר, אַרומגעוויקלט זי מיט אַ פֿאַטשיילע,
די לאָדנס צוגעמאַכט, אַ שלעסל אויפֿגעהאָנגען אויף דער טיר,
און כאָטש דאָס מיידעלע איז שוין געווען אין זעקסטן יאָר,
האָט זי די מאַמע דאָך גענומען אויף דער האַנט
און מ'איז אַוועק אַזוי: דער ערשטער זאַוול,
נאָך אים דער טאַטע, נאָך דעם איציק און צו לעצט —
די מאַמע מיט דער קליינער אויף דער האַנט. ס'איז נאַכט געווען.
אַ וואָלקנדיקע ווינטערנאַכט. און ס'האָט אַ פֿײַכטע קעלט
געיאָגט אין האַלדז אַרײַן. און זאַוול האָט געשפּירט כּסדר
דעם קעראָסין־גערוך און האָט געוווּסט, אַז ס'איז נישט אמת,
ווײַל ס'איז דער טאַטע הינטער אים געגאַנגען און דער ווינט
האָט אים געיאָגט אין פּנים. נו, זאָל זײַן אַזוי!
אָט איז דער טאַטע זײַנער אין דעם ראָק מיט קעראָסין;
די מאַמע אין דעם אויסגעריבענעם פּאַרוק;

זײַן ברודער, איציק, אין מונדיר, פֿאַר וועלכן ער,
דער רימער, האָט באַצאָלט פֿון זײַנע פֿיר רובל אַ וואָך;
זײַן שוועסטער ביילקע — דאָ זײַנען זיי אַלע.
און דאָס איז ער אַליין — זײַן טאַטנס עלטסטער זון.
דאָס זײַנען זיי! אַרײַנגעפֿירט זיי אין דער גרויסער סאַליע
און זיך אַוועקגעשטעלט אין פֿראָנט. איז צוגעלאָפֿן חיה־ריווע,
אין ווײַסן מיטן שלייער, און אַרומגעכאַפּט די מומע.
האָט ער זיך אָפּגערוקט. געשטאַנען אין אַ זײַט, געקוקט —
ביז פֿריידע איז אַרויס אין בלויען סאַמעט קלייד
און גלײַך צו אים: — דאָס איז דאָך אײַער מוטער, זאַוול?
ערשט דאַן, ווען פֿריידע מיט דער מאַמען זײַנען שוין
געזעסן אין אַ ווינקל און גערעדט; ווען ביילקע האָט געקײַט
אַ שטיקל טאָרט פֿון פֿריידעס הענט; און איציק, פֿון אַ זײַט,
האָט נאָכגעקוקט מיט שעמעוודיקע אויגן ליזען —
האָט זאַוול זיך אַרומגעזען און האָט דערפֿילט,
אַז כאָטש דער ווײַסער קאַכלאויוון גליט
און ס'ברענט דער גרויסער בליצלאָמפּ — איז דאָ קאַלט
און ס'איז אומהיימלעך. זיצט דער טאַטע זײַנער
צוזאַמען מיט אַ ייִדעלע אַ דאַרס מיט לאַנגע פּאות —
דער איינציקער, זעט־אויס, אַן אײַנגעבעטענער פֿון חתנס צד —
און לעבן זיי ר' חיים־לייב, און ווייס נישט וואָס צו טאָן.
אַ דרײַ פּאָר יונגען דרייען זיך אַרום און גרייטן זיך
צו טאַנצן מיט די מיידן. צווישן זיי דער חתן,
אַ שעמעוודיקער, אָנגעצויגענער. און קלעזמערס גרימפּלען.
און ס'טאַנצט זיך נישט. פּרוּווט מישאַ זיך צונויפֿריידן מיט זיי
און מוז זיך שטילערהייט אַוועקרוקן צו אים,
צו זאַוולען. ס'האַלט שוין בײַ באַדעקנס. וויינט די מאַמע.
און פֿריידע וויינט. און איבער אַלע חיה־ריווע.
און ווען דער חתן דרייט זיך שוין אונטער דער חופּה,
זעט זאַוול, אַז די זאַכן זײַנען ענג אויף אים —

געליענע, זעט־אויס. מען זעצט זיך אַרום טיש.
ער שפּירט דעם טאַטנס ראָק און ס׳פֿלאַמט דאָס פּנים,
נאָר קיינער קרימט זיך נישט — מסתּמא דאַכט זיך בלויז
און ווײַטער גאָר נישט. ענדלעך זוכט מען די פּאַטשיילע
און ביילקע ווערט אַרומגעוויקלט. פֿריידע שטייט בײַם טיר
און מישאַ און די קליינע ליזע — אַלע גוט און ליב.
און אַז מען גייט־אַרויס, ווערט זאַוולען אַזוי לײַכט,
אַז ער גייט־צו און נעמט־אַרונטער פֿון דער מאַמעס הענט
דאָס שלאָפֿנדיקע שוועסטערל און טראָגט זי ביז דער שטוב.

די סדרה חיה־ריווע אָבער האָט זיך נאָך נישט אויסגעלאָזט
אין אָוונט פֿון דער חתונה. אַ פּאָר חדשים שפּעטער
איז זי אַרײַן מיט אַ יללה, אַז מען האָט דעם מאַן,
וואָס האָט געזאָלט אַ סטאָליער זײַן, פֿאַרנומען אין אָסטראָג [27].
אַרויס איז ער אַרום ימים־נוראים־צײַט. ווען חיה־ריווע
האָט זיך געגרייט אין קימפּעט, און אַ ווײַלע פֿאַר כּל־נדרי,
וועןביידע זײַנען זיך געקומען ווינטשן אַ גוט־יאָר,
האָט זאַוולס טאַטע שטיל געזאָגט צום יונגן מאַן:
— זאָל גאָט אײַך צושיקן אַ בעסערע פּרנסה!
דערבײַ האָט חיה־ריווע זיך צעיאָמערט אויפֿן קול,
נאָר אין אַ חודש נאָכן ברית האָט מען דעם מאַן
שוין ווידער אײַנגעזעצט. עס איז געווען אַ משפּט
און ס׳האָט געהייסן, אַז ער זיצט שוין רעכט. האָט חיה־ריווע
דאָס קינד אַוועקגעגעבן ערגעץ און אַליין זיך אָנגעדונגען
צו פֿרעמדע פֿאַר אַן אַם [28]. פֿלעגט קומען ווען עס איז
דעם קאָפּ פֿאַרוויינען און דורך טרערן צישען [29] בייז
אין זאַוולס ווינקל. פֿלעגט ער זיך אַרויסדרייען

---

[27] (רוס׳) תּפיסה. — [28] אַ פֿרוי וואָס קען געבן אַ קינד צו זייגן. —
[29] (אָנאָמאַטאָפּעיש) שטיל און בייז, ריידן צווישן די ציין.

און אָפּטראָגן פֿון שטוב. אַרויס אין גאַס אַרײַן,
גײן טריט בײַ טריט, און אַז די טריט האָבן געקלאַפּט
אויף פּוסטע שמאָלע ברעטלעך, האָט עס נאָכגעקלאַפּט:

מײַן לעבן ציט זיך ווי דער שמאָלער טראָטואַר
בײַם זײַט פֿון ברייטן וועג.

# 6

אין אָנהייב פֿון דעם פֿערטן זומער, ווען די נעכט
אין בלויען כּישוף האָבן אָנגעפֿולט מיט פּאָרלעך די אַלייע,
וואָס ציט זיך צווישן לינדביימער צו דער פֿעסטונג,
און אויך דעם ברעג פֿון טײַך, האָט זאַוול אָפּגעזוכט
פֿאַר זיך אַליין אַ נײַעם וועג. אין עק פֿון שטאָט,
ווו ס'האָט דעם קייסערס סאָד זיך אויסגעלאָזט, איז אויפֿן טײַך
געווען אַ פּאַראָם [30], וואָס האָט גענומען פֿאַר אַ קאָפּיקע
אויף יענער זײַט (צוריק — אומזיסט). פֿון דאָרטן האָט אַ שליאַך [31]
געפֿירט אין שטעטל, צוויי, דרײַ וויאָרסט אַוועק,
וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אַרום די פֿאָרטן און קאַזאַרמעס,
און שמאָלע וועגן האָבן זיך געצויגן צו די דערפֿער
און הויפֿן פּריצישע אויף זיי, די שמאָלע וועגן,
באַזעצט מיט הויכע טאָפּאָלן פֿון בײדע זײַטן,
צי גאָר מיט ברייטע קאַשטאַן־ביימער. ס'האָט זיך פֿרײַ
דאָס פֿעלד געשפּרייט אויף אַלע זײַטן, און בײַ נאַכט

---

[30] אַ שיף, אויף וועלכער ס'קענען גלײַך פֿון דעם אַרויפֿפֿאָרן און אַראָפּ־פֿאָרן וועגענער (הײַנט: אויטאָמאָבילן), אויף אַריבערפֿירן פֿון איין ברעג (טײַך) אויפֿן אַנדערן. — [31] ברייטער וועג, שאָסיי.

**האָט בלויז אַ היימגייער געשפּאַנט ווי אויף אַ שטעג,**
**צי ס׳האָט אַ פּויעריש פֿורל זיך געשלעפּט אַ סקריפּעדיקס.**
**און ווער עס איז געגאַנגען אָן אַ ציל פֿאַר זיך**
**האָט אין דער גרויסער צויבערלעכער שטילקייט, אין די קלאַנגען,**
**וואָס קומען פֿון דעם פֿעלד, געפֿילט ווי ער זאָל גיין**
**מיט נאַכט בײַ דער זײַט ווי מיט אַ לעבעדיקן נפֿש.**
**און זאַוול האָט אַזוי פֿון דעם דערציילט :**

עס האָט לבֿנה־שײַן
צו מיר אַרײַנגעשײַנט.
מיך רופֿט אין פֿעלד אַרײַן
די נאַכט, מײַן גרויסער פֿרײַנד.

נאָר נאָך די פֿאַלשע טעג
וועסטו ניט זײַן אַליין.
איך וועל דײַן שטילן וועג
מיט דיר אין איינעם גיין.

מיט שטערנגאָלד באַצירט
האָט זי איר טונקל קלייד
און גייט אַנטקעגן מיר
און רעדט צו מיר אָן רייד.

זי רעדט צו מיר אַזוי
און פֿירט מיך בײַ דער האַנט
אין ווײַסן זילבערטוי,
ווי אין אַ צויבערלאַנד.

— דײַן נעכטן איז אין רויך
אַוועק ווי שטרוי וואָס ברענט
און ס׳קומט דער מאָרגן אויך
צו דיר מיט פּוסטע הענט.

עס טאַנצן שאָטנס בלייך,
די שטילקייט זינגט איר ליד,
און פֿײַכטע גראָזן ווייך
פֿאַרשלינגען מײַנע טריט.

וועסט ווײַטער דײַנע זאָרג
באַהאַלטן טיף אין האַרץ,
ווי איך מײַן סוד פֿאַרבאָרג
אונטער אַ מאַנטל שוואַרץ.

ביז שטערנשײַן פֿאַרגייט
אין ווײַטן הימל ווו —
ווערט בלייך איר שטערנקלייד
און ס׳בייגט דעם קאָפּ צו רו.

איך גיי ביז צו מײַן טיר
מיט בלייכן ליכט באַשײַנט.
כ׳ווייס, מאָרגן וואַרט אויף מיר
די נאַכט, מײַן גרויסער פֿרײַנד.

און ווען ער האָט אין אָוונט זיך פֿאַרנומען מיטן וועג,
וואָס פֿירט איבערן טײַך אויף יענער זײַט,
איז ער געגאַנגען טריט בײַ טריט, דעם קאָפּ געהויבן,
און האָט געפֿילט, אַז אַלץ — די ביימער, סלופּעס,
די הײַזער און די גראָזן — אַלע קוקן זיי אויף אים
און זעען, אַז ער טראָגט אַ סוד מיט זיך,
אַ גרויסן, וויכטיקן. נאָר פֿון דעם סוד אַליין
און פֿון זײַן גרויסן פֿרײַנד וויס קיינער נישט
און וועט נישט קיין מאָל וויסן.

**ווען** ער האָט דערנאָך
אַרום שבֿועות־צײַט דערהערט, אַז בעקאַ קומט
און מיט אַ קינד, איז אים אַפֿילו אײַנגעפֿאַלן
אַ זאָג אַזאַ: — אָט לאָמיר זען!... און גייענדיק אַהין,
געגאַנגען נישט אַליין, נאָר נאָך פֿון עמעצן באַגלייט,
וואָס וועט, אַ נישט־געזעענער, אים זײַן אַן אָנלען אין אַ נויט.
די פֿרייד פֿון בעקאַן, שטיל און אָפֿן אים אַנטקעגן,
האָט אים צעמישט. געהאַלטן אים פֿאַר בײדע הענט,
פֿאַרקוקט אים אין די אויגן, צוגעלאַכט פֿון גליק
און נאָך אַנאַנד גערעדט: — וואָס מאַכט איר, זאַוול?
אָט זע נאָר, ער איז אַלץ דער זעלבער. מאַמע, מאַמע,
אָט איז דאָך זאַוול דאָ! נו, זעצט אײַך, קומט!
אַראָפּגעזעצט אים אויף דער אָטאָמאַנע נעבן זיך.
געטוליעט זיך צו אים. אין מיטן האָט די אַם
דאָס קינד, אַ ייִנגעלע, אַרײַנגעבראַכט. האָט זי צו אים
דאָס צוגעטראָגן. זיך געפֿרייט מיט בײדן גלײַך.
און ער האָט זיך פֿאַרלוירן פֿאַרן קינד. געשמייכלט
און נאַריש מיט דער צונג צו דעם געקלאַפּט. ערשט, ווען דאָס קינד
איז ווידער בײַ דער אַם געווען און בעקאַס אויגן האָבן אַלץ געשײַנט,
האָט ער זיך צוגעקוקט צו איר: נאָך לײַכט און דין

װי גאָר אַ מײדל, אָבער איבער אַלץ אין איר
איז צוגעקומען אַזאַ װאַרעמע און גוטע װײכקײט.
און ס׳איז אים אײַנגעפֿאַלן מיט אַ מאָל: ער װאָלט געװאָלט
זי זען זיך אָנבײגן איבערן װיגל פֿונעם קינד,
די װײַסע ברוסט אין מײַלכל, אירע האָר צעשאָטן
און אין די אויגן אַזאַ פֿײַכטקײט — װאָס װאָלט ער געטאָן?
נו, טאַקע, װאָס? ער װאָלט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד,
צו פֿוס בײַ איר געלעגן און געקוקט — דאָס אַלץ.
און זיצנדיק אַזוי, קוקט ער זי אָן פֿאַרחושט,
ביז בעקאַ כאַפּט זײַן בליק: — װאָס קוקט איר אַזוי, זאַװל?
נאָך אײדער ער האָט צײַט זיך צו פֿאַרלירן
הערט ער אַלײן דעם ענטפֿער נישט: — איר זײַט געװאָרן שײן!
און בעקאַ הײבט־אָן לאַכן, לאַכט מיט אַזאַ פֿײַכטקײט
אין יעדן קלאַנג, און נעמט־אַרום זײַן אַקסל
און טומלט: — מאַמע, זאַװל מאַכט דאָך קאָמפּלימענטן! —
און ס׳דאַכט זיך — טרערן קלינגען אין איר קול.

דאָס נחת איז געװען גרױס אין הױז — און אַלץ דורך איר.
איז בעקאַ אומגעגאַנגען װי אַ בת־יחידה, און די קורצע צײַט,
װאָס זי איז אין דער הײם געװען, האָט זי פֿאַרלאַנגט,
אַז זאַװל זאָל אַרײַנקומען כאָטש יעדן צװײטן טאָג.
עס איז געװען מאָדנע — דאָס פֿאַרהאַלטן זיך פֿון זײ.
כאָטש ער האָט נאָכן ערשטן אָװנט אױסגעשפּירט,
אַז ס׳איז נישטאָ זיך װאָס צו שרעקן, האָט ער דאָך
זיך נישט באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן פֿאַר דער טיר
דעם צװײטן, נישט־געזעענעם, װאָס האָט באַגלײט אים.
אַ ביסל — װײַל ס׳איז דאָך געװעזן זיכערער,
און מער נאָך, װײַל עס װאָלט געװען אומטרײַ פֿון אים
צו לאָזן יענעם אויף דער גאַס. איז יענער גלײַך מיט אים
געזעסן צװישן אים און בעקאַן אויף דער סאָפֿע, האָט שפּאַצירט

אין מיטן, צווישן אים און איר, אין גאַס.
און בעקאַ האָט אין זאַוולס שטײַפֿקייט, אין דעם שטאָלץ,
וואָס האָט געווייעט פֿון אים, געשפּירט, אַז עפּעס פֿעלט
אין זאַוולען פֿון אַמאָל, און בלינדערהייט געזוכט
זיך אײַנקויפֿן צוריק בײַ אים אין פֿרײַנדשאַפֿט.
אַזוי האָט זי אַן אָוונט אײן מאָל אויפֿגעכאַפּט אַ בליק
פֿון ליזען אויף איר לערער און אַ רוף געטאָן זי, פֿרעגנדיק:
— דו האָסט אים ליב? — די קליינע האָט צו ערשט
געענטפֿערט פּשוט: — יאָ. — נאָר בעקאַ האָט זי צוגעהאַלטן
און נאָך אַ מאָל: — דו האָסט אים זייער ליב?
דאָ האָט דאָס מיידל שוין אַראָפּגעלאָזט די אויגן.
און בעקאַ האָט זי צוגעצויגן, גלעטנדיק דעם קאָפּ,
און אָנגעהויבן: — גוט אַזוי! מען דאַרף אים ליב האָבן.
אַזאַ ווי אונדזער זאַוול דאַרף מען ליב האָבן.
ער האָט עס צוגעהערט און — גאָר נישט. בלויז געפֿילט
אַ קוש צו טאָן די קליינע און זי אָפּלאָזן.
און ווידער שמועסן געפֿירט. און ווען מ'האָט אָנגעזאָגט,
אַז בעקאַ מיט דער מאַמען און מיט ליזען פֿאָרן־אָפּ
אויף זומער אין די וועלדער, האָט ער בלויז אין זיך
אַ זאָג געטאָן צום אַנדערן: — איז בלײַבן מיר אַליין...
און דאָך דערנאָך, אין פֿעלד אַליין שפּאַצירנדיק,
צוזאַמען מיט די גוט־באַקאַנטע קלאַנגען פֿון דער נאַכט,
געהערט אַ מאָל ווי הינטער אים, אין ווייכן פֿינצטער,
זאָל נאָכגיין טריט בײַ טריט אַ יונגע מאַמע, שעפּטשענדיק:
—אַזאַ ווי אונדזער זאַוול דאַרף מען ליב האָבן...
און אפֿשר איז עס נאָר די נאַכט אַזוי געווען.

**דאָס** פֿרעמדע, וואָס האָט אָפּגעשיידט פֿון גרויסן פֿרײַנד,
איז נישט געקומען מיט אַ מאָל, נאָר שטילערהייט
פֿאַרגנבֿעט זיך, אַרומגערינגלט אים מיט רייד

אוןאומרויִקן שאָרכען ווי פֿון בלעטער אין אַ גאָרטן,
כאָטש אין דעם אַלעמען האָט ער צוריק דערמאָנט זיך
ערשט דעמאָלט, ווען די פֿרעמדע זאַך איז שוין געווען אַרום
און אים געהאַלטן אַ געבונדענעם. באמת —
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ נאָווינע צו הערן, ווי די מאַמע
קומט אָנגעלאָדן מיט אַ פּאַק מיט נײַסן פֿון מאַרק?
איז ער מחויבֿ אויסצוהערן אַלץ? מעג זײַן אַפֿילו,
אַז דאָס מאָל איז עס נישט פֿון יקרות אויף קאַרטאָפֿל,
און נישט פֿון דעם, ווער ס׳שלעפּט זײַן ווײַב צום רבֿ,
און נישט פֿון ייִדענעס, וואָס האָבן זיך צעשלאָגן אויפֿן מאַרק,
נאָר פֿון קייסאָרים, וועלכע קריגן זיך —
איז וואָס דער חילוק? שלאָגן זיך קייסאָרים.
און אויב אַפֿילו ס׳האַלט דערבײַ, אַז אונדזער קייסער אויך
זאָל זיך אַרײַנמישן — איז זאַוול נישט קיין שלעגער
און ס׳אַרט אים נישט דער קייסער. נישט ווײַל דורך די יאָרן
פֿון שמועסן אויפֿן בולוואַר, פֿון רייד אין קרײַז
און לייענען אין ביכלעך איז ער אויפֿגעקלערט געוואָרן
און האָט עפּעס צום קייסער. ס׳איז דאָך בלויז פֿון ביכלעך,
און שווער זיך פֿאָרצושטעלן יענעם ווי אַ מענטשן,
וואָס לאָזט זיך ליב האָבן, צי פֿײַנט האָבן. אַ קייסער —
אַזאַ נישט־מענטשלעכע און ווײַטע זאַך — וואָס גייט ער אָן?
און אויב ער וויל זיך שלאָגן — וועט מען שרײַבן אין די בלעטער
און זאַוול וועט עס לייענען. די מאַמע זאָגט בײַם טיש:
— געלויבט דער אייבערשטער, וואָס כאָטש דער יונג אַליין
האָט נאָך געהאַט אַ ביסל שׂכל. — זאָגט אַזוי און קוקט
מיט פֿאָרוואָרף אויפֿן טאַטן, וועלכער ברומט־אַרויס:
— עט, וויס איך דאָרטן וואָס די בלעטער שרײַבן??!
דאָס רעדט זיך וועגן משהן. אָבער משה אויך
איז ערגעץ איבער ימים ווײַט און ווײַטער נאָך פֿון אַלץ,
וואָס שרײַבט זיך אין די בלעטער. און דערווײַל

בליט־אויף דער זומער אין זײַן פֿולער צײַטיקייט.
אין גערטל פֿאַרן פֿענצטער שטייען געלע „רויזן" ווי די טעלערס
מיט פֿעטע בלעטער אומגעזוימט און אָנגעזעצט געדיכט
מיט שוואַרצע קערעלעך. עס פֿאָרן־דורך אין מאַרק אַרײַן
די וועגענער מיט פֿרישן היי, אַ שטאָק די הייך,
און ס'טראַכט די מאַמע קוקנדיק, אַז ס'איז שוין צײַט
די שעניקעס איבערצושיטן. שבת נאָכן עסן
פֿאַרנעמען זיך די יונגע לײַט, אָנשטאָט אין קייסערס סאָד,
אין סאָד צום אַלטן גוי אויף יענער זײַט פֿון שטאָט,
ווו ס'שטייען שוין די פֿולע קערב מיט אויבס און ס'שמעקט
מיט פֿײַכטקייט פֿון די שמאָלע סטעזשקעס. און די נעכט
אין דרויסן זײַנען וווּנדערלעך, יאָ, וווּנדערלעך אין זייער בלוי
און פֿרישער קילקייט — ווען מען אַרט עס פֿאַר די רייד
פֿון ווײַבער אויפֿן מאַרק און פֿאַר דאָס שרײַען פֿונעם ייִנגל,
וואָס לויפֿט־אַרויס מיט בלעטער אויף דער גאָס?
צי קען דען זאַוול נישט די טאָכטער פֿון דעם דרוקער,
וואָס דרוקט דאָס בלאַט אין הויף דאָרטן, פֿון וואַנען
דאָס ייִנגל איז אַרויס נאָר וואָס?

ביז פֿון דער באַן

און פֿון די לאַגערן אַרום האָט זיך גענומען ציִען
אַ לאַנגע קייט פֿון זעלנערס איבערן שאָסיי. און יעדן טאָג
אַלץ נײַע הילכיקע מאַרשן פֿון אָרקעסטערס
פֿאַרויס די פּאָלקן האָבן פֿון די ווײַטסטע גאַסן
די קינדער צום שאָסיי אַרויסגערופֿן. און געגאַנגען
איז פּאָלק נאָך פּאָלק, באַגלייט פֿון ביידע זײַטן
מיט באָרוועסן, פֿאַרשמירטן קליינוואַרג, און פֿון פֿענצטערס,
פֿון טירן און פֿון גאַסן האָבן נאָכגעקוקט די גרויסע.
און דאַן דאָס בלאַט מיט גרויסע ווערטער. און ווען שפּעט נאָך מיטאָג —
עס איז געווען פֿרײַטיק — האָבן מאַמעס זיך אַרויסגעלאָזט
די קינדער זוכן אויסצוצוואָגן זיי לכּבֿוד שבת,

איז מען געלאָפֿן מיט דער גאַנצער לענג פֿון דעם שאָסיי,
ווו זעלנערס, וועגענער, האַרמאַטן, אײַנגעשפּאַנט
אין דרײַ פּאָר פֿערד, האָבן געשלעפּט נאָך אַנאַנד,
און מ׳איז געלאָפֿן, נישט ווי זיי צו נעמען אויסצוצוואָגן,
נאָר ווי צו ראַטעווען פֿון עפּעס אַ בהלה. אויף דער נאַכט,
פֿון דאַוונען קומענדיק, האָט שוין דער טאַטע אויסגערעכנט,
ווער ס׳דאַרף זיך מאָרגן צושטעלן צום קאָמענדאַנט.
און נאָכן עסן האָט זיך זאַוול, גאָר ווי אין אַלטע צײַטן,
אַוועקגעלאָזט אין גאַס. האָט פּשוט זיך פֿאַרבענקט נאָך מענטשן,
געוואָלט זיי הערןריידן, אומגיין צווישן זיי
און זײַן מיט אַלעמען. זעט־אויס, אַז וואָס ער האָט געהערט
אין גאַס האָט אים נישט גוט געטאָן. ווײַל מאָרגן פֿרי,
ווען אַלע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צום פֿעלד, צו די גרובֿפּענע,
איז ער געבליבן אין דער היים, ווי זיך באַהאַלטנדיק
פֿאַר דעם, וואָס קאָן אים ווידער טרעפֿן אויף דער גאַס.
אין אמתן האָט ער געוווסט, אַז ס׳וועט נישט העלפֿן.
ווײַל וואָס ער האָט אין בוך געלייענט איז געווען טויט,
און ער האָט אָנגעהויבן קוקן אומבאַוועגלעך אויף די שורות
און גאָר זיך וווּנדערן אויף דעם, ווי אָט די שוואַרצע צייכנס
באַטײַטן לעבעדיקע קלאַנגען, ווערטער און געדאַנקען,
פֿון וועלכע ס׳קלאַפּט אַ האַרץ. און ס׳איז אים אײַנגעפֿאַלן,
אַז ערגעץ שטעקט אַ ליגן דאָ, און די וואָס האָבן אויסגעטראַכט
די שוואַרצע צייכנס נאַרן־אָפּ די וועלט מיט עפּעס,
נאָר קיינער ווייסט נישט, ווו דער ליגן שטעקט.
ס׳איז שפּעט געוואָרן, עלף און צוועלף אַ זייגער —
און קיינער איז נישטאָ. האָט ער נישט אויסגעהאַלטן מער.
אַרויס אין גאַס און, פֿון דער ווײַטן הערנדיק
די קלאַנגען פֿון אָרקעסטער, איז ער שטיין געבליבן אין אַ זײַט
און זיך גענומען צוקוקן. מען האָט אויפֿן שאָסיי
געפֿירט אַ פּאַרטיע, אויסגעשטעלט צו פֿירן אין אַ ריי,

באַבערדיקטע און שווערע פּויערים און ייִדן,
פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן — זעלנערס, און בײַ דער זײַט,
ווי פֿראַנדזן הענגענדיק אַרום אַ גלײַכן שטיק —
צעוואָרפֿענע, צעהיצטע ייִדענעס און פּויערטעס און קינדער.
און אויב ס׳האָט עמעצער געוויינט אָדער געשריגן צווישן זיי,
האָט דער אָרקעסטער עס פֿאַרהילכט און פֿאַרטרומייטערט.
איז ער געשטאַנען אין אַ זײַט, זיך צוגעקוקט אַ ווײַל
און זיך צוריק אַהיים געלאָזט, ווי מורא האָבנדיק
מען זאָל אים דאָ נישט כאַפּן, נישט דערוויסן זיך,
אַז ער איז דאָ געווען. צוריק דאָס בוך אין האַנט גענומען,
און שפּעטער, ווען מ׳איז אָנגעקומען, און די מאַמע
האָט נאָך אַ לאַנגן וואַרטן אומגעקערט זיך מיטן טשאָלנט.
איז ער בײַם טיש געזעסן און זיך צוגעהערט צו דעם,
וואָס האָט זיך דעם פֿרימאָרגן אָפּגעטאָן אין שטאָט,
ווי ער וואָלט קיין מאָל קיין זאַך נישט געזען. מ׳האָט אָפּגעגעסן,
מ׳האָט נאָך פֿון טיש נישט אויפֿגערוימט, ווען אין דער טיר
האָט זיך באַוויזן חיה־ריווע: — נו, און איצטער, מומע?
אַז וואָלט אים כאָטש די ערשטע קויל געטראָפֿן דאָרט!
די מאַמע האָט אַזש אויסגעשריגן: — שטילער, דו!
נישט אין אַ בייזער שעה אַרויסגערעדט! — נאָר יענע האָט געקוקט,
זיך אײַנגעגראָבן מיטן רוקן אין אָשאַק[32] פֿון טיר,
און זאַוול האָט דערזען, ווי ס׳פֿלאַמט איר פּנים,
דאָס מויל איז אויסגעקרימט און ס׳הייבט זיך נישט די האַנט
אַ וויש צו טאָן די טרערן פֿון די באַקן. שטייט אַזוי,
ביז ס׳קומט די מאַמע צו און נעמט זי בײַ דער האַנט:
— וואָס שטייסטו? זעץ דיך! — זעצט זי זיך אַוועק
און רעדט אין זיך אַרײַן: — וואָס וועט שוין איצטער זײַן?
וואָס קאָן שוין איצטער פֿון מיר ווערן, מומע?

---

[32] (פּויליש: אושאַק) טירראַם.

די מאַמע זאָגט עפּעס, נאָר זאַוול ווייסט, אַז ס'איז נישט דאָס.
און ער אַליין, כאָטש ער װאָלט עפּעס זאָגן — און ער וויל,
פֿון זינט זי איז געשטאַנען בײַ דער טיר אַזוי — ווייס אויך נישט וואָס.
ער ווייס נישט וואָס. און קיינער ווייסט נישט. אַלע שווײַגן.
שוין בעסער אָפּצוטראָגן זיך. בײַ דער טיר טוט ער אַ זאָג:
— אַ גוטן טאָג דיר, חיה־ריווע! גאָר אַ גוטן טאָג
אין מיטן שבת! דרייט זי אויס דעם קאָפּ צו אים,
אַ הייב די אַקסל און אַ שאָקל מיטן קאָפּ — און ער איז שוין נישטאָ.
געגאַנגען איבער גאַסן. אויפֿן פּלאַץ בײַ דער צערקווע [33]
דערזען אַן עולם און זיך אָפּגעשטעלט. זיך צוגעהערט
ווי עמעצער אין אַ מונדיר האָט הויך גערעדט
פֿון ציגלפּלויט אַראָפּ. דערהערט מוזיק אין גאַס
און נאָכגעגאַנגען. פּלוצלינג זיך פֿאַרבענקט אַהיין,
צום ווײַסן הויז, ווו ס'זיצט די מוטער מיט די קינדער
און שבתדיק איז דאָרט. אין מיטן וועג דערמאָנט זיך,
אַז מ'איז אַרויסגעפֿאָרן אין די וועלדער. זיך פֿאַרקערעוועט
צו מישאַס קאַבינעט. עס זיצן קראַנקע דאָרט,
וועט ער זיך אויך אַוועקזעצן, און מישאַ וועט אַרויס
און זאָגן עפּעס. צוגעקומען, אָנגעקלונגען, נאָר די טיר
האָט קיינער נישט געעפֿנט. ס'איז געוואָרן טונקל.
דערמאָנט זיך אין פּאַראָם, געטאַפּט אין קעשענע,
צי ס'איז פֿאַראַן אַ קאָפּיקע. פֿאַראַן. ער דאַרף נישט מער
די קעשענעס אויסליידיקן אויף שבת. צוגעקומען,
און זעלנערס האָבן אים געפֿרעגט, וווהין ער גייט.
— שפּאַצירן. — פּראָסט אַזוי געענטפֿערט, גאָר פֿאַרגעסנדיק
די שרעק פֿאַר ביקסן. — קליין די שטאָט פֿאַר דיר?
פֿאַר ווײַטער! — דעמאָלט ערשט דערשראָקן זיך,
גענומען שטעלן פֿיס און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם

[33] קלויסטער (פּראַוואָסלאַווער).

שוין צווישן מענטשן אויף דער גאַס. אַרומגעדרייט זיך,
ביז וואַנען די פּאַטרולן האָבן אָנגעהויבן טרײַבן.
אַהיים געקומען, נישט געגעסן, נישט קיין לאָמפּ געצונדן
און אויסגעצויגן זיך אויפֿן געלעגער. שאַ, זאָל שטיל ווערן!
איצט דאַרף מען אײַנהאַלטן די בורעניש, וואָס בורעט,
און זאָל עס שטיל ווערן אַ ווײַלע. נאָך דעם דאַרף מען זיך
פּאַמעלעך צוקלײַבן אַהין, ווו ס׳ליגט באַגראָבן
דער וואָרצל פֿון דער פֿײַנלעכער נישט-גוטסקייט, אָננעמען
אַזוי פֿאַרגנבֿעט, אונטערגראָבן זיך מיט פֿינגער,
און אַז עס וועט שוין זײַן אין פֿויסט אין גאַנצן — מיט אַ מאָל
אַ ריס טאָן און אַרויס צום שוואַרצן יאָר! אָט ווי מען רײַסט
אַ ווילד געוויקס אַרויס מיט אַלע וואָרצל־פֿעדעמלעך.
איז — ליגט ער, און די פֿינגער גראָבן זיך אין דר׳ערד
אַלץ טיפֿער, גנבֿישער און ס׳איז משונה גוט
צו טאַיען[34] זיך אַזוי און וויסן, אַז אָט באַלד
איז אַלץ אין האַנט, און אָט! — פֿאַרשׂרפֿעט זאָל עס ווערן! —
אַליין זיך אַזש איבערגעקוליעט. ליגט ער אויף דער ערד
און האָט הנאה פֿון דעם שטיקל אַרבעט — און אין האַנט
איז גאָר נישט. גאָר נישט, ליידיק... און אין מוח גייען־אום
צוריק די אָפּגעריסענע און פֿרעמדע שטיקער אומרו,
און מיד איז ער. ער ווייס נישט ווי אַזוי און וויל נישט מער
זיך ראַנגלען — זאָל זיך טאָן מיט אים וואָס טוט זיך,
און אויס! עס קלאַפּן אין די אויערן האַרמאַטן־רעדער
אויף שטיינער פֿון שאָסיי — זאָל קלאַפּן ווײַטער, זאָל עס!
און דאָרטן, אויפֿן פֿעלד, האָט ער געזען אַמאָל,
ווי זעלנערס שיסן פֿון האַרמאַטן. יאָ, געווען אַ חדר דאָרט.
דער רבי פֿלעגט אַוועק אויף האַלבע טעג פֿאַרקויפֿן טינט,
פֿאַרשיידענע קאָלירטע טינטן, וואָס ער צוזאַמען מיט דער רביצין

---

[34] לויערן, אָפּוואַרטן (אַ שונא), טשאַטעווען.

האָט אין דער היים געמאַכט — און זיי, די יינגלעך, פֿלעגן בלייבן
און לויפֿן אויפֿן פֿעלד און קוקן ווי די זעלנערס שיסן
פֿון די לאַנגנאָזיקע האַרמאַטן. „טראַך־טאַ־טראַך־טאַ־טאַ״!
אַזוי אויף אַ מלחמה אויך. עס קלאַפּט פֿון אַלע זייטן.
דערנאָך ווערט שטיל. דערנאָך באַווייזט זיך פֿון דעם שונאס זייט
דער גלית מיטן גרויסן פּאַנצער, ווי דער רייטער
אין אייזן אָנגעטאָן, וואָס אויף די בילדער, און אַנטקעגן אים
קומט־אָן דער דוד מיטן שטיינדל און דער גלית פֿאַלט.
און אָט אַ טראָגט מען אים אַ טויטן. נאָך דעם איז די שטאָט
באַלאַגערט פֿון אַרום און מאַמעס וויינען אויף די קליינע קינדער,
וואָס בעטן ברויט און האָבן נישט. און דאָ, ביים ליכטל,
זיצט אויך זיין מאַמע אויף אַ קלעצל, אויף דער ערד,
און ס׳טריפֿט דאָס ליכט און ס׳טריפֿן אירע טרערן אויפֿן טייטש־חומש.
זי וויינט און יאָמערט אויפֿן קול. און ביים אַשאַק פֿון טיר
שטייט חיה־ריוועס אָנגעשפּאַרט מיט אַ צעקרימטן מויל
און אירע באַקן זיינען ברודיק נאַס. און אויף אַ פֿעלד
ליגט ערגעץ אַ דערשאָסענער דער מאַן אירער, דער מאַן
אין קעסטלדיקן אָנטאָן, וועלכער קומט זיך בענטשן פֿאַר כּל־נדרי...
און זאָל ליגט, און זאָל וויינט — אויף חיה־ריוועס מאַן,
צי שוין אויף זיך אַליין, אויך אַ דערשאָסענעם אין בלוט —
פֿאַר וואָס? — וויינט ער — פֿאַר וואָס האָט אים געקומט,
מען זאָל אים הרגענען, אים, זאָולען הרגענען אַזוי
אומזיסט אומנישט? פֿאַר וואָס?

עס האָבן אין דער פֿרי

די גלאָקן זיך צעקלונגען אין די קלויסטערס,
פֿאַרביי די פֿענצטערס זיינען פֿון די הינטערגאַסן
די גויים דורכגעגאַנגען שטיל און זונטיקדיק.
נאָר ס׳האָט דער טאַטע אויך זיך נישט געקאָנט באַשליסן,
צי עפֿענען די רימערייַ צי נייַן. אַרום אַ זייגער צוועלף
איז פֿון דעם ווייסן הויז די דינסט אַריין און אָנגעזאָגט:

— די באַלעבאָסטע האָט געבעטן דעם הער זאַוול קומען
געזעגענען זיך מיט די קינדער. — זיך געזעגענען, צו וואָס ?
איז ער דאָס מיידל נאָכגעגאַנגען, אָנגעקלונגען אין דער טיר
און נישט געקוקט ביז ער האָט זי דערהערט זיך עפֿענען.
און עמעצער האָט אים גענומען בײַ דער האַנט. אַ קוק געטאָן
און אויפֿגעציטערט : גאָר אַן אָפּיציר ! האָט מישאַ זיך צעלאַכט.
אַרײַן מיטן געלעכטער צו דערציילן בעקאַן,
ווי ער האָט אָנגעשראָקן זאַוולען. האָט זי אויך געלאַכט,
געשפּאַסט פֿון אים, דעם גענעראַל פֿאָן יאַכענפֿלאַסטער...
האָט זאַוול מיטגעלאַכט. געשעמט זיך און געפֿילט,
אַז אַלע שעמען זיך. ביז פֿריידע קומט־אַרײַן מיט ליזען.
פֿון גאַס געקומען, ווו מען איז געגאַנגען אײַנקויפֿן,
און ליזע לויפֿט צו אים. און אויסגעוואָקסן איז זי.
אַ גרויסע מיידל שוין. און ברוין אַזוי דאָס פּנים,
און שעמעוודיק די האַנט אַנטקעגן טראָגט זי. זאַוול וויל
זיך צוזעצן מיט ליזען — זיכערער מיט ליזען,
ווי מיטן לאַכן פֿון די אַנדערע, — נאָר ס׳קומט די מוטער צו
און פֿרעגט זיך שטיל : — וואָס מאַכט איר, זאַוול ?
דער ברודער, דאַנקען גאָט, אַוועק בײַ צײַטנס ?
— אַוועק ! — זאָגט זאַוול. ווערן אַלע שטיל
און קוקן־נאָך, ווי פֿריידע פּאַדעט[35]־אום און ווייסט נישט וואָס
אין האַנט אַרײַן צו נעמען. בלײַבט זי שטיין אַזוי
אין מיטן שטוב, וויל זאָגן עפּעס, נאָר די אויגן ווערן פֿול
און טרערן רינען אויפֿן פּנים. רוקט מען צו אַ שטול.
אַוועקגעזעצט. אוןביידע קינדער שטייען איבער איר,
און ריידן מיט אַ מאָל, אַז בעקאַ פֿאָרט צום מאַן אַהיים,
אַז מישאַ איז אַ דאָקטער — ביידע ריידן. און ס׳קומט־אויס,
ווי פֿון די שטימעס זייערע זאָל לויז ווערן דער קוואַל

---

[35] פּאַלט (פּאַר אים), לויפֿט (אַרום אים), דינסטגרייט.

פֿון אירע טרערן, און זיי גיסן זיך שוין אויף די הענט,
די קינדערס הענט ביַי אירע ליפּן. ווידער ווערט זי שטיל.
פּרוּווט אויפֿהייבן די אויגן און צעשמייכלט זיך
מיט ציטערדיקע ליפּן. אָבער נאָך אַ כליפּ, און מיטן קאָפּ
אין בײדן אײַנגעגנאָרעט בלײַבט זי זיצן:
זי — זיי מיט בײדע הענט אַרומגענומען ביַי די גאַרטלען
און זיי — איר קאָפּ אין אַקסל האַלטנדיק. אַ ווײַל אַזוי,
ווי אַ פֿאַרגליווערט בילד, ווי ערגעץ פֿון אַ בוך אַרויס.
און זאַוול זעט די פּנימער פֿון זון און טאָכטער,
און זעט דעם ציטערדיקן רוקן פֿון דער מוטער,
און זעט די אַנגסט אין אירע הענט אַרום די גאַרטלען זייערע,
און בלײַבט פֿאַרגולמט אויף זײַן אָרט און קאָן די אויגן
נישט אָפּרײַסן פֿון אָט די דרײַ. עס נעמט זיך דאַכטן מיט אַ מאָל,
אַז גאָר די נאַכט מיט אַלע זעענישן און דער טאָג פֿאַר דעם,
און טאָג, וואָס פֿריִער נאָך — זיי וויגן זיך אין אים
ווי כוואַליעס אויף אַ ברויזיק וואַסער, שלאָגן זיך
און באַלד וועט ער זיך אויך צעוויינען. יאָ צי ניין?
ער וועט עס נישט! ער שטיקט דאָס ברויזעניש צוריק
און ס׳רוישט אין קאָפּ. און דאָס פֿאַרשטיקטע אויסגעשריי
צעלייגט זיך און צעברעקלט זיך אין טויזנט קולות.
און ס׳רודערט זיך אין אים. ווען ער וואָלט איצט געקאָנט
אין גאַס אַרויסלויפֿן, אַוועקנעמען די אויגן פֿון די דרײַ,
און לאָזן אויסוועפּן דאָס טומלעניש — ווען ער וואָלט נאָר געקאָנט ...
איז ערגעץ דאָרטן שוין פֿאַראַן דער קלאַנג,
אָט יענער, וואָס האָט אים געפֿעלט אין אומרו,
און אָנגעכאַפּט דעם קלאַנג, וואָלט ער שוין ווײַטער אים געפֿירט
און זיך געפֿונען ... שטייט דערווײַל די מוטער אויף,
דערזעט דאָס פּנים, זאַוולס, לויפֿט איר דורך אַ דאַכטעניש,
אַז אָט אָ גייט זי נאָך אַ תּענית פֿון דער שול,
אַן אויסגעוויינטע און דערלײַכטערטע — אַ שאָטן בלויז אַזאַ —

און זי פֿאַרהאַלט זיך נעבן אים, רירט־אָן זײַן אַקסל
און גייט־אַרויס... אַן אויפֿגעכאַפּטער שפּרינגט ער אויף
און זאָגט: ער וועט שוין גיין. ער דאַרף שוין גיין אַצינד.
געזעגנט מען זיך. מישאַ נעמט אים אין די אָרעמס
און קושט אים. נאָך דעם בעקאַ. בעקאַ אויך אַזוי.
און זאַוול שפּירט דער קליינער ליזעס אויגן אויפֿן רוקן,
ווען בעקאַ קושט אים. איצט רופֿט מען אַרײַן די מוטער.
— אַ גוטן טאָג! — זאָגט זאַוול — ביין, ווו גייט איר?
זי קוקט אים אָן אַזאַ צעטומלטע, ווי מיט זײַן גיין
זאָל עפּעס אָפּטאָן זיך פֿון הויז... ווי עמעצער זאָל מיט אַ מאָל
פֿון אַלע טירן די מזוזות אָפּרײַסן. — וואָס גייט איר שוין?
זי בעט זיך פּשוט: — בלײַבט, וואָס אײַלט איר זיך?
פֿאַרבלײַבט ער. העלפֿט זיי פּאַקן. היט זיך אָפּ
נישט אָנצוטרעפֿן מיט די אויגן די, וואָס האָבן זיך
מיט אים געזעגנט. ביז דער פֿאָטער קומט צו גיין.
דערציילט פֿון גענעראַל, וואָס מישאַ גייט אין זײַן דיוויזיע;
פֿון אָנגעלאַף, פֿון כּלערליי פּאָדריאַטשיקעס[36] אין שטאַב;
מען רעדט אַזוי בײַם גאַנצן עסן, אײַנגעהאַלטן, שטײַף,
און ווי מען גיט זיך נאָר אַ הייב פֿון טיש, זאָגט זאַוול,
אַז איצט מוז ער שוין גיין — און גייט.

**אַרויס** אין גאַס און נישט געגאַנגען, נאָר געשפּרײַזט,
כּמעט געלאָפֿן, יאָגנדיק זיך נאָך דעם קלאַנג,
וואָס דאַרף אים אָנקומען פֿון ערגעץ. נישט געזען
די מענטשן אויפֿן וועג, דעם טומל און די מאָדנע בליקן,
וואָס ציִען זיך נאָך אים. שוין אָנגעהויבן שפּירן,
ווי פֿון דעם ברויזעניש אין אים און פֿון דער לופֿט צוזאַמען
קומט עפּעס אויף, און שוין אין האַנט געהאַט די פֿידל,

---

[36] צושטעלערס פֿון סחורות פֿאַר מיליטער.

און אָנגעהויבן הערן... וואָס אַזוינס — וואָס שפּילט עס?
ער ווייס נישט, נאָר עס שפּילט און שפּילט פֿון אים אַרויס
דאָס אַלץ, וואָס האָט קיין ווערטער נישט און מאַכט עס לויז אַזוי,
און מאַכט אים לײַכט. און דאָס איז דאָך דאָס גוטסקייט פֿון דער פֿידל,
וואָס ווען קיין ווערטער קומען נישט, רעדט זי פֿון זיך אַליין
און עפֿנט דאָס באַהאַלטנסטע, דאָס נישט־פֿאַרשטענדלעכסטע,
ווי ס׳וואָלט געווען קלאָר אַזוי און פּשוט. זאָל זי ריידן!
פֿון גאַס אין גאַס אַזוי, פֿון קלאַנגען אַ געטראָגענער,
ביז ס׳נעמט זיך אויסלאָזן און ער ווערט מיד.
ס׳הייסט, נישט די פֿיס. זיי טראָגן אַלץ ווי פֿריִער
און אפֿשר שנעלער נאָך. נאָר אינעווייניק איז ער מיד
און אין דער מידקייט אויך איז דאָ אַ צוזאָג. נאָך אַ ווײַל
אַזוי געלאָפֿן און מען קאָן שוין באַלד כמעט מיט ווערטער
דאָס אָנכאַפּן. אַ ווייטיק איז עס, נאָר ניט זײַנער.
דאָס הייסט — יאָ זײַנער, ער איז דאָ אין אים,
דאָך ווינען ווינט ער נישט אין אים, נאָר דרויסן,
און קומט צו אים פֿון דרויסן... נישט ווי אַלע מאָל.
ווײַל אַלע מאָל האָט עמעצער געטאָן עפּעס צו אים,
צו זאַוולען, און ס׳האָט זאַוולען ווייַ געטאָן. בלויז אים
און ווײַטער קיינעם נישט. און הײַנט איז עס נישט ער.
ער — גאָר נישט. אָבער עמעצן — דער מאַמען מיט די קינדער,
דער גאַס, דער שטאָט און אפֿשר גאָר דער גאַנצער וועלט,
האָט עמעצער געטאָן אַזוינס, וואָס מאַכט, עס זאָל אַ ווייטיק
אַרומגיין אין דער לופֿט, און פֿון דער לופֿט קומט עס אַרײַן
אין אים אַרײַן... עס איז נישט אַזוי פּײַנלעך נאָגנדיק
ווי אַלע מאָל, ווען ס׳גראָבט און עגבערט אין דער טיף.
דערפֿאַר צעגיסט זיך עס אַרום. עס וויגט און רוישט,
ווי ס׳וואָלט געטראָגן אויף אַ כוואַליעדיקן וואַסער,
און ס׳ווילט זיך שווימען, טרינקען זיך, פֿאַרטרינקען זיך אין דעם.
ס׳איז גוט. וואָס מיינט עס? איז עס נישט אַ שרעק אַזוי

צו פֿילן, אַז ס׳איז גוט פֿון ווייטיק, פֿון דעם אַלעמענס,
פֿון וועלכן מאַמעס וויינען? אָבער ס׳איז דאָך גוט...
עס וויגט זיך אין אַרומיקייט. עס קלעמט דאָס האַרץ
אין קלעמעניש פֿון גאָר דער וועלט. מען ווערט אַליין
אַ טייל בלויז פֿון אומענדלעכן, וואָס נעמט־אַרום,
און איינס מיט דעם. ס׳איז גוט — פֿילט זאַוול.
ערשט קומען פֿרישע כּוחות צו. די ערד אונטער די פֿיס
ווערט לײַכטער. ס׳גייט זיך שוועבנדיק און ס׳ווילט זיך
די הענט אַנטקעגן אויסשטרעקן צו דעם, וואָס קומט.
מען דאַרף נישט לויפֿן מער. מען קאָן פּאַמעלעך גיין,
אַזוי אָט, טריט בײַ טריט, און אפֿשר גאָר אין גאַנצן שטיין.
אַז ס׳איז אַלץ איינס. צי גיין, צי שטיין — אַלץ איינס
ביסטו אין דעם אַרום און דאָס אַרום אין דיר.
איצט קאָן מען שוין אַפֿילו גיין אַהיים. און גייענדיק
דערמאָנט זיך אין דעם פֿרײַנד פֿון יענער זײַט פּאַראָם.
נישטאָ. איצט קאָן ניט זײַן דער פֿרײַנד באַזונדער
און ער — באַזונדער. ביידע איינס אַצינדערט. איינס. איינס.
פּאַמעלעך רירן זיך די פֿיס. נאָר אין דעם איינס
איז דאָ אַ פֿרייד אַזאַ, וואָס וויל אַרויסשרײַען. אַ פֿרייד
פֿון נײַ־אַנטפּלעקטן, וווּנדער־יום־טובֿדיקן... שאַ!
מען טאָר נישט. ס׳איז דאָך צער. ס׳איז ווייטיק־יום־טובֿ.
און ס׳פֿלאָנטערט זיך, און ס׳קלעפּט זיך וואָרט צו וואָרט:

איך האָב דעם ווייטיק פֿון דער וועלט דערפֿילט
און איך בין איינס געוואָרן מיט דער וועלט.
און ס׳קאָן מײַן האַרץ נישט ווערן אײַנגעשטילט,
ווײַל כ׳האָב דעם ווייטיק פֿון דער וועלט דערפֿילט.

און נאָך. און נאָך. עס פֿלאָנטערן זיך, קלעפּן זיך די רייד.
און זאַוול גייט אַהיים, זיך פֿלאָנטערנדיק מיד, און פֿילט,
ווי ס׳זינגט דער ווייטיק פֿון דער וועלט אין אים זײַן ליד.

# 7

**װען** זאַװל איז אַהײם געקומען, איז די מאַמע
אַנטקעגן אים געגאַנגען מיט אַ בשׂורה: ס'איז געװען
דער יונגער מירקין, דער פּאָדריאַטשיק; האָט באַשטעלט
בײַם טאַטן אַרבעט אויף חדשים, שוין געגעבן אַ דערויף [37],
און מאָרגן, אַז מען װעט דערלעבן, כּעלות,
װעט מען זיך שטעלן אַרבעטן. זי האָט געגרײט צום טיש,
און זאַװל האָט נישט פֿילנדיק אַרײַנגעגעסן אַלץ
און נאָך דעם װידער שטיקער ברויט געריסן און געקײַט.
זי האָט אויסגעמוסרט: — זע נאָר, כ'לעבן,
װי גײט מען עס אַרום פֿאַרשמאַכט אַ גאַנצן טאָג?
האָט ער זי אָנגעקוקט, אַװעקגעשטופּט דאָס ברויט
און זיך פֿאַרענטפֿערט: — כ'האָב געגעסן דאָרט בײַ זײ.
האָט זי אים אויסגעפֿרעגט, װאָס מאַכט מען דאָרט,
און װוּ די קינדער פֿאָרן, האָט דערצײלט פֿון מאַרק
די נײַס, אַז יענער קײסער װעט זיך רוקן גלײַך אַהער...
און צי ס'איז אמת טאַקע? און װאָס שרײַבט מען אין די בלעטער?
איז דאָס געפֿעלן זאַװלען, דאָס װאָס יענער קײסער
װעט גלײַך אַהער זיך רוקן, אויף די זעלבע פֿאָרטן,
װאָס ער אַלײן איז נעבן זײ געשטאַנען אַזוי אָפּט.
האָט ער געזאָגט: — װאָס דען? אַוודאי איז עס אמת.
— װאָס רעדסטו? — האָט די מאַמע אויסגעשטעלט די אויגן —
זאָל גאָר די שעה קײן שעה ניט זײַן! — האָט זאַװל זיך געכאַפּט,
אַז אינעװײניק אין די פֿאָרטן זײַנען סקלאַדן

---

[37] אַדערויף, אַ טײל געלט פֿון גאַנצן באַטרעף, האַנטגעלט.

מיט פּולווער, וואָס קאָן אויפֿרײַסן אַ גאַנצע שטאָט,
און זי געטרייסט: — מסתּמא וועט מען נישט דערלאָזן.
אין אָוונט שפּעט האָט זיך דער טאַטע אומגעקערט אַ ברוגזער.
געזוכט אַן אַרבעטער אַ גאַנצן טאָג און נישט געקראָגן.
אַז ווער עס האָט אַ וואַרשטאַט, בלײַבט פֿאַר זיך,
און גאָר די יונגען האָט מען צוגענומען. האָט ער, עסנדיק,
צו זאַוולען צוגעוואָרפֿן, ער זאָל מוחל זײַן
אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ די שפּילערײַען, ווײַל מ׳עט מוזן
פֿון מאָרגן אָן אי״ה זיך נעמען צו דער אַרבעט.
נישקשה, ער וועט קריגן אַ הוספֿה, זאַוול, הייסט עס,
און פֿאַר זײַן ווײַב און קינדער וועט אים סטײַען אויף חיונה...
פֿון טאַטנס פּנים האָט זיך זאַוול אָנגעשטויסן,
אַז הינטער זײַנע פּלייצעס שטייט די מאַמע און זי ווינקט,
ער זאָל אויפֿהערן — וואָס וויל ער פֿון דעם זון?
און אַז דער טאַטע האָט גענומען בענטשן אויפֿן קול
און מיטן זעלבן כּעס אַרויסוואַרפֿן די האַלב פֿאַרשלונגענע
און האַלב צעבראָקטע ווערטער, האָט שוין זאַוול זיך צעשמייכלט:
וואָס האָט ער דען צום טאַטן? ווייסט דער אַלטער עפּעס
פֿון דעם, וואָס ס׳טראָגט זיך אין דער וועלט אַרום?
און זאַוול ווייס, כאָטש מיד איז ער און שלעפֿעריק פֿון וויסן,
איז גייט ער און ווערט אײַנגעשלאָפֿן ווי אַ קינד,
וואָס האָט אַ סך געוויינט און זיך געטרייסט אַ סך.

**מ׳איז** אויפֿגעשטאַנען מיט די הענער גלײַך און אָפּגעאַרבעט
ביז שפּעט בײַ נאַכט. אַזוי אויף מאָרגן. איבערמאָרגן.
און שבת האָט זיך זאַוול אויפֿגעכאַפּט אַ שטיק אין טאָג
און נאָכן עסן מיטן טאַטן גלײַך געלייגט זיך שלאָפֿן
און אָפּגעשלאָפֿן ביז אין אָוונט. נאָך הבֿדלה
האָט זיך דער טאַטע אָפּגערופֿן: — איציק, טו זיך איבער,
וועסט גיין מיט אונדז אין רימערײַ! מ׳האָט אָנגעקוקט,

נאָר קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אַ וואָרט צו זאָגן,
און ס'איז דעם טאַטן נישט געפֿעלן: האָט געוואַרט, זעט־אויס,
עס זאָל זיך אָנהייבן אַ טענה, און זיך צוגעגרייט.
האָט ער אַליין פֿון זיך דערזאָגט: — גענוג שוין אויסגעבילדעט,
און איצט איז צײַט עפּעס צו טאָן! מ'האָט נישט געענטפֿערט.
בלויז איציק האָט אַ וויין געטאָן. און זעענדיק, אַז ס'איז נישטאָ
קיין מיטגעפֿיל פֿון קיינעם, האָט ער אויפֿגעהערט
און מיטגעגאַנגען מיט די עלטערע. די צווייטע וואָך
איז מען געווען מידער נאָך און דינסטיק נאָכן וואַרעמס
האָט זיך דער טאַטע אויפֿגעהויבן ברוגזלעך:
— וואָס איז דאָס פֿאַר אַן עסן, קײַ און שפּײַ?
צו וועטשערע איז שוין געווען געגרייט אַ הערינג
מיט ציבעלעס און עסיק, און דערנאָך אַ גאַנצער טאָפּ
מיט קישקעלעך און ווײַשעד[38]. מ'האָט זיך צוגעכאַפּט
און פֿון דער ווײַטן קוקנדיק, ווי ס'ארבעטן די דרײַ
אויף אַלע כּלים, האָט די מאַמע זיך געטראַכט:
ווי האָט זי דאָס, אַ ייִדענע אַ נאַרישע, קיין שׂכל נישט געהאַט
אויף דעם אַליין? זי האָט גענומען תּשובֿה טאָן.
פֿון גרויסן טאָפּ מיט פֿאַרפֿל, קליסקעלעך, קאַרטאָפֿל־קניידלעך
איז יעדן טאָג צו וואַרעמעס און וועטשערע אַרויסגעקראָכן
אַ מילך, אַ לונג און לעבער, צי אַ בעקל פֿון אַ קאַלבֿ,
נאָר מיט אַ שטיקל פֿלייש האָט זי נאָך אַלץ געוואַרט אויף שבת...
דעם צווייטן פֿרײַטיק אָבער, ווען דער ריח פֿון די אייל מיט ציבעלעס
פֿון פֿריש געבאַקטע קנישעס האָט די שטוב פֿאַרנומען,
האָט זיך די מאַמע שוין נישט אײַנגעהאַלטן און אין קרופּניק[39]
צוזאַמען מיט דער לונג אַרײַנגעלייגט אַ שטיקל רינדערנס.
דער טאַטע האָט די אויגן אויפֿגעהויבן פֿון דער שיסל
און צוגעוווּנקען צו די זין: — ס'איז גאָר אַן אַנדער קרופּניק, האַ?

---

[38] אָטעם־רערל (אין האַלדז). — [39] גרויפּנזופּ.

ווען חיה־ריווע איז געקומען שבת נאָכן עסן
און בײדע מאַנסבילן זײַנען געשלאָפֿן, האָט די מאַמע
פֿאַרפֿירט מיט איר אַ שמועס וועגן גבֿירישע מאַכלים
און יענע איז געווען גרייט זיך טײלן מיט דעם קענטעניש,
וואָס זי האָט אויפֿגעזאַמלט אין די פֿרעמדע קיכן,
ביז וואַנען זי האָט אָנגעהויבן צו ברומען: — וואָס דען!
אַז מ'האָט אַ מאַנסביל, קאָן מען זיך שוין אַלץ פֿאַרגינען!
דער מאַמען האָט שוין שפּעטער באַנג געטאָן דער שמועס,
נאָר נאָך הבֿדלה האָט זי זיך געווענדט צום מאַן:
— ווייסט, שלום, יענע וואָך האָט נישט געקלעקט אויף דער הוצאה
דאָס עסן, קיין עין־הרע, קאָסט. געמוזט נאָך צובאָרגן
בײַם קצבֿ און אין קרעמל. וואָס זשע זאָגסטו, שלום?
דער טאַטע איז פּאַמעלעך צו צום שופֿלאָד פֿון קאָמאָד,
ווו ער האָט אין די וועש דאָס געלט באַהאַלטן איבער שבת,
אַרויסגעציילט די וואָך הוצאות אויפֿן טיש
און זיך אַרײַנגעלייגט דאָס בײַטל אין דער קעשענע.
ער האָט זיך נאָך דעם דווקא יאָ געחידושט, ווי עס קומען
אַזעלכע מאַכלים צו זײַן ווײַב און ווי עס קלעקט עס איר.
נאָר מילא, אַז זי שווײַגט, איז אים אַוודאי ניחא.
און זי, אַז ס'איז געקומען דאָנערשטיק, האָט אויסמאַרקירט
ווען זאַוול איז געווען אַליין מיט איר אין שטוב,
און זיך געפּרוווט: — וואָס האָב איך עס געוואָלט דיך פֿרעגן?
יאָ, קאָנסט מיר אפֿשר לײַען, זונעלע, אַ גילדן צען
ביז איבער שבת. ווייסט דאָך, ווי דער טאַטע. באַלד נאָך שבת — —
— אַוודאי, מאַמע, נעם, וואָס דאַרפֿסטו פֿרעגן?
זי האָט זיך נאָך פֿאַרענטפֿערט, צוגעזאָגט עס אָפּגעבן
נאָך שבת און, זעט־אויס, פֿאַרגעסן. אָבער זאַוול נישט.
ווײַל דאָנערשטיק נאָך וואַרעמעס — און ער איז פֿון דעם וואַרעמעס
געווען צופֿרידן — האָט ער זי אַוועקגערופֿן אין אַ זײַט
און אָנגעפֿרעגט: — דו דאַרפֿסט דאָך עפּעס געלט מסתמא?

און ס׳איז דערבײַ געבליבן. אין דער ערשטער צײַט
האָט ער געהאַט הנאה עסנדיק, פֿון דעם געדאַנק,
אַז ער גיט אויך צושטײַער אויף חיונה. שפּעטער אָבער
איז דאָס אַרויס פֿון זינען און געוואָרן אײַנגעשלונגען
אין מידיקייט און שפּעלעריקייט, גלײַך ווי אַלץ,
וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אַרום. אַ מאָל, בײַם עסן,
פֿלעגט נאָך די מאַמע פּרוּוון אויסברײַען די נײַס,
וואָס זי האָט אָנגעהערט זיך אויף דער גאַס. האָט ער אַ ווײַל
דעם ביסן אָפּגעשטעלט אין מויל און זיך פֿאַרגעסן.
אַ מאָל אויך בײַ דער אַרבעט פֿלעגן נעמען אָנקריכן פֿון ערגעץ
די שאָטנס פֿון געדאַנקען, צי פֿון בענקענישן פֿון אַמאָל,
און זיך אַזוי אַרומגעדרייט אין טעמפּן קרײַז
צוזאַמען מיט די שטעפּ אין האַרטן לעדער. און בײַ נאַכט
האָט זיך געוואָלט צוריק דאָס אָנכאַפּן און ווידער פֿילן,
אַז עפּעס טוט זיך אינעווייניק. און ס׳פֿלעגט זיך יאָגן
נאָך ווערטער, וועלכע האָבן איין מאָל אַזאַ זין געהאַט,
און זײַנען איצט נאָר ווערטער — אָבער אויך דעם קלאַנג אַליין
האָט אין אַ שווערן נעפּל אײַנגעשטיקט דער שלאָף
און אײַנגעשלונגען: קלאַנג און וואָרט און דאָס געדעכעניש דערפֿון.

**עס** גייען וואָכן. זאַוול אַרבעט, עסט און שלאָפֿט.
נאָר הינטער דעם פֿאַרגנבֿעט זיך שוין עפּעס
און ס׳נעמט זיך רודערן אין אים. צו ערשט די נעכט.
אין שלאָף באַגיסט ער זיך מיט שוויס. ער וואַרפֿט זיך אום
און ברומט אין ציינער־קריצעניש. באַגינען שטייט ער אויף
און ס׳איז נישט גוט — עס ווילט זיך אײַנגראָבן די אויגן
פֿון שאַנד פֿאַר דעם, וואָס חלומט זיך בײַ נאַכט.
נאָר קיינער ווייס נישט — אַרבעט ער און עסט,
און לייגט זיך שלאָפֿן אַ פֿאַרמאַטערטער. אַ נײַער טאָג,
און ס׳דאַרף אים שוין די מאַמע וועקן. שטייט ער אויף,

דער קאָפּ טוט ווי, און מיאוס איז ער זיך אַליין.
ביי טאָג, אַ הונגעריקער, זעצט ער זיך צום טיש.
עס שלאָגט אים אַ נישט־גוטקייט פֿון דער שיסל פֿלייש,
דאָך עסט ער און ער האָט חרטה: מ'האָט עס נישט געדאַרפֿט.
עס קומט די נאַכט און ער האָט מורא זיך צו לייגן.
בלייבט זיצן, קוקט ווי ס'צירעוועט אַ זאָק די מאַמע
און שוויגט. — וואָס גייסטו זיך נישט לייגן, זאַוול?
— איך וויל ניט שלאָפֿן. — קוקט זי, קוקט אויף אים
און זאָגט: — אַ וווּנדער! אַז מען זעט די שיין נישט אָן.
אָט גלייב מיר — כ'ווייס נישט, וואָס ער האָט זיך אָנגעזעצט,
דער טאַטע דיינער, וואָס? די גאַנצע וועלט פֿאַרכאַפּן?
נישט דאָ געדאַכט — דאָרט פֿאַלן מענטשן ווי די פֿליגן,
און דאָ האָט ער זיך אָנגעזעצט — אַ גבֿיר צו ווערן מיט אַ מאָל.
זאָל גאָר די שעה קיין שעה ניט זיין — גאָט ווייס פֿאַר וועמען
ער קלייבט דאָס אַלץ. — זי שאָקלט מיטן קאָפּ
און זאַוול פֿרעגט: — וואָס הערט זיך טאַקע, מאַמע?
— מען לעבט דאָך ווי די בהמות דאָ. וואָס ווייסטו, וואָס?
זיי האָבן שוין דעם ביקור חולים צוגענומען
אין אַלע האָספּיטעלער זיינען פֿול. היינט אין דער שטאָט — — —
זי שאָקלט זיך און לאָזט־אַראָפּ די אויגן:
— דו ביסט אַ בחור, ס'איז אַ חרפּה פֿאַרן מויל צו ברענגען,
נאָר מ'האָט שוין טעכטער באַלעבאַטישע געכאַפּט מיט אָפּיצירן
און ס'טוט זיך — פֿרעג נישט בעסער. — נעמט זי ריידן שטילער,
פֿאַרטרויט אים נעמען. איינע — דאַכט זיך — קען ער;
פֿון אַנדערע האָט ער געהערט. ער גייט־אַריין צו זיך
און ווי ער מאַכט נאָר צו די אויגן — קומען זיי,
דאָס מיידל יענע מיטן אָפּיציר. ער נעמט זיי טרייבן בייז,
ביילט אויף די פֿויסטן, בייסט די ליפּן איין,
נאָר שטאָט אַוועקצוטרייבן זיי, ווערט ער אַליין
אַריינגעפּלאָנטערט אין דער מיט... און אָט זיינען זיי דריי,

און אָט איז אויך דער אָפּיציר אַוועק, נאָר זי און ער,
און אַ צעשראָקענער, צעפּלאָמטער פֿון דעם ווילדן וווּנדער,
וואָס ברענט מיט שאַנד און גליִעניש אין זײַנע הענט...
אָן אָטעם וואַרפֿט ער זיך און ציטערט, ביז ער פֿילט,
ווי ס׳שווינדלט אים דער קאָפּ אויפֿן געלעגער. זוכט ער
זיך ראַטעווען, אַנטלויפֿן. פֿירט ער זיך צום ביקור חולים
און צו די האָספּיטעלער, וווּ עס ליגן יענע דאָרט,
נאָר ס׳קלעפּט זיך נישט. און אונטער צוגעמאַכטע לעפּלעך
די מידע אויגן טוען ווײ און ס׳וויל קיין שלאָף נישט נעמען.
און ס׳גייט די נאַכט.

ס׳איז פֿרײַטיק אָוונט.
אין דרויסן רעגנט, אָבער גלײַך נאָך וועטשערע
פֿאַרנעמט זיך זאַוול צו דער ברייטער גאַס אַרויס.
די גאַס איז ליכטיק. פֿון די קראָמען אָפֿענע
אויף נאַסע טראָטואַרן פֿאַלט אַ שײַן און ס׳בלאַנקט
אַיעדעס טראָפּן רעגן. דאַכט זיך, עס איז פּוסט.
מען זעט נישט קיינעם. אָבער אָט דערהערן זיך
געלעכטערס ווו און רייד. און זאַוול קוקט זיך צו,
און זעט אונטער דער שוץ פֿון טויערן און קראָמען־טירן
סאָלדאַטן אָדער אָפֿיצירן — שווער זיי צו דערקענען
אין גרויע רעגן־מאַנטלען — און מיט זיי אין איינעם —
נו — — — יענע. רויט געפֿאַרבטע ליפּן, אויגן גלאַנציקע.
און זאַוול לויפֿט־פֿאַרבײַ. און ווײַטער אין דער גאַס
באַגעגנט ער זיי איינציקווײַז צי פּאָרלעכווײַז.
ער וויל זיך אָפּשטעלן, זיי נאָכקוקן און לויפֿט נאָך גיכער.
און איינע שיקט אים נאָך אַ וואָרט. דערלאַנגט עס אים
ווי מיט אַ דראָנג איבער די פּיס. ער וואַקלט זיך
און נעמט זיך ווידער שפּרײַזן. ווײַטער אין דער גאַס
דערהערט זיך שפּילן. ליכט פֿון פֿענצטערס, שײַנענדע לאַמטערנס —

דאָס איז דער רעסטאָראַן, ווו ס׳קומען זיך צונויף
די אָפיצירן, פריצים און די לעביונגען פון שטאָט.
אין רעגן שטייט אַן עולם אויף דער גאַס און קוקט־אַרײַן.
פאַרהאַלט ער זיך און קוקט דורך די גאַרדינען
אַריבער קעפ און ווײַס געדעקטע טישן, און דערזעט, פון הינטן,
אויף ברעטלעך, איבער אַלעמען, אַ טענצערקע. אַ טענצערקע,
וואָס טאַנצט אין טומלדיקן טאַקט פון דער מוזיק
פון די קלעזמאָרים, אונטן, בײַ די ברעטלעך. שטופּט ער זיך
און קוקט מיט אַלע אויגן — אויף די בלויזע הענט און אַקסל
און אויף די רויטע זאָקן ביז די קני און כוואַליענדיקן קליידל,
וואָס פלאַטערט מיטן טאַנץ — ביז ער דערפילט אַ שטויס פון עמעצן:
— דו וועסט נאָך אויסהאַקן די שויב דאָרט מיטן קאָפּ!
ער קוקט זיך אום און נעמט זיך טראָגן ווי אַ גנבֿ
אַוועק צום פעלד. שיִער שטויסט ער זיך נישט אָן בײַם ראָג
אויף אַ סאָלדאַט, וואָס טײַטלט מיט דער ביקס:
— ווו קריכסטו? אַ באַגנעט פאַרזוכן גלוסט זיך דיר?
ער לויפט — נישט טויט, נישט לעבעדיק — אַהיים. און אַז די מאַמע
דערשרעקט זיך און וויל צוקייטלען די טיר נאָך אים,
באַרויִקט ער זי מיט די הענט: — ס׳איז גאָרנישט נישט.
בײַ זיך אין קאַמער ציט ער אָפּ דעם אָטעם. האַלט נאָך לאַנג
די אויערן פאַרשפיצט, ווי אויף צו ווערן זיכער,
אַז קיינער איז נישט נאָכגעלאָפן. נאָך דעם זעצט ער זיך
און הייבט־אָן אויפצוויקלען דאָס געזעענע, ווי אַ געהיים פּאַפיר
אַרויסגעשלעפּט פון אַ באַהעלטעניש פון בוזעם:
אָט איז זי מיט די הענט און אַקסל און די פיס אין רויטן!
און יעדער שפרונג און פאַלד פון קליידל קומט־אַרויס
און בלײַבט פאַרגליווערט אויף אַ ווײַל — אַזוי איז זי געווען.
און דאַן אַזוי און ווידער שוין אַזוי. אויף לאַנגע זעונגען
צעשפרייטן זיך די בליק־באַוועגונגען פון אַ מינוט
און ס׳ווערט געהאַלטן פאַר די אויגן און צוריקגערופן,

װי אַן אַלבאָם געבלעטערט אויף צוריק. און אַז די מאַמע
קומט װעקן אין דער פֿרי, איז שױן דער טאַטע לאַנג
פֿון ערשטן דאַװנען דאָ. און אַ פֿאַרשװלדיקטער נעמט זאַװל
אַרומצושפּרײַזן מיט אַזאַ כּװנה, מיטן סידור אין דער האַנט,
אַז אַלע קװעטשן מיט די פּלײצעס. אָפּגעגעסן,
אַװעקגעלײגט זיך פֿלומרשט אײַנצושלאָפֿן, נאָר אין ליכט פֿון טאָג
האָט עפּעס אָפּגעטאָן זיך פֿון די נאַכטיקע געשטאַלטן.
און ס'פֿילט זיך פֿאַלש און מיאוס און אַזױ חרטהדיק.
אַרױס אין דרױסן, אומגעקוקט זיך און, װי גרײט פֿון פֿריִער,
גענומען שפּרײַזן גלײַך צום װײַסן הױז. דאָרט עסט מען נאָך.
קײן בײז נישט. זעצט ער זיך. באַלד שמועסט מען.
יאָ, מישאַ שרײַבט — ער איז צופֿרידן. בעקאַן גײט עס גוט.
און זאַװל װאָס? פֿאַרהאָרעװעט? נו, בעסער דאָ צו האָרעװען
װי פֿױלן ערגעץ דאָרט. — אַזױ — דער יונגער מירקין?
דערמאָנט זיך פֿרײדע, זאָגט צום מאַן: — שױן װײַטער צרות.
אַ גאָטס רחמנות אױפֿן יונגן װײַבל. בלוט און מילך.
און ער — מיט אַלע אָפּיצירן. זאָגט ר' חיים-לײב: — אַן עסק!
װי אײנעם װילט זיך, לעבט ער. װענדט זיך פֿרײדע
צו זאַװלען שױן: — זאָל זײַן פֿון קאָזאַק, אַבי נאָר צום לעבן!
דערװײַל כאַפּט ער אַ קוק אױף ליזען פֿון דער זײַט —
גאָר נישט קײן צײַט געהאַט צו זען זי יענעם טאָג. און איצט —
אַ מײדעלע! דאָס פּנים קײַלעכדיק; אַ סטענגע אין די האָר;
און אױגן — קלאָר אַזױ. ר' חיים-לײב שטײט-אױף
און גײט זיך צולײגן אין צװײטן צימער. בלײַבט מען דרײַ.
און װידער פּלױדערט מען. פֿון מירקינען, פֿון חיה-ריװען,
פֿון בעקאַן און פֿון מישאַן. אַז װאָס װײס אַ מענטש,
װוּ ס'פֿירט דער אײבערשטער. אָט זי אַלײן כאָטש, פֿרײדע.
האָט צער געהאַט פֿון זון, װאָס גײט-אַרום אַזױ
און האָט נישט חתונה. אַ דאָקטער — און עס פּאַסט נישט.
און איצטער — דאַנקען גאָט! אַװדאי בעסער שױן אַזױ

ווי לאָזן דאָ אַ ווײַב און קינד. אויף זאַוולען אָבער איז אַ וווּנדער.
אים ווערט אַ טריקעניש אין מויל. דאָס פּנים פּלאַמט.
און פּריידע כאַפּט זיך: אפשר טאַקע נישט די צײַט...
ווער ווייס, וואָס ס׳קאָן נאָך אָנקומען אַ ליאַדע טאָג...
אַ ווײַלע נאָך — און זאַוול קלײַבט זיך שוין אַהיים.
ער גייט און, כאָטש פֿון הינטן ערגעץ פּלאָנטערט זיך
דאָס נאַכטיקע און מישט זיך אויס מיט ליזעס אויגן
און דעם געדעכעניש פֿון בעקאַן, און עס קלאַפּט אַ כּעס
אויף דעם, וואָס מישט זיך, אָבער אויבן אויף איז רויִקער
און ס׳גייט זיך אין דעם טאַקט פֿון פּריידעס רייד.
אַפֿילו אויף דער נאַכט בלײַבט־איבער אַ געמאָסטנקייט אין יעדן ריר.
און ס׳דאַכט זיך — ס׳איז פֿאַראַן אַ מיטל אין די הענט
אַוועקצושטופּן דאָס, וואָס דאַרף ניט זײַן. נאָר ווען ער ליגט
און ס׳קאָן זיך דאָך נישט אײַנשלאָפֿן, דערהערט ער פֿון דער שטוב
דער מאַמעס קול: — הערסט, שלום, עפּעס איז דער מער
מיט אונדזער זאַוולען... איך האָב מורא — ער איז קראַנק.
און גלײַך דעם טאַטנס ענטפֿער: — גאָנישט [40] איז דער מער.
געדאַרפֿט אַ ווײַב און קינדער האָבן. שלעפּט זיך אום
אַ דרײַסיק יעריקער בורילאָ און דער שוואַרץ יאָר ווייס,
וואָס טראַכט ער זיך! די מאַמע בעט זיך: — שטילער.
קאָן זײַן, ער שלאָפֿט נאָך נישט. — איז וואָס ?
ער מעג עס הערן. — און ס׳ווערט ווידער שטיל.

**עס** גייען ימים־טובֿים — ווידער טעג פֿון רו.
מ׳האָט אָפּגעגעסן ראש־השנה. זיצט אַ ווײַל די מאַמע
און זאָגט: — ווייסט, שלום, וואָס? איך האָב געטראַכט,
ס׳וואָלט נישט געווען קיין עוולה, דו זאָלסט מאָרגן
צי שבת אפשר קויפֿן אַן עליה אין בית־מדרש.

---

[40] (לאָקאַליזם) גאָר נישט.

געלויבט דער איבערשטער — פּרנסה... נו, און משה אויך
איז אין אַמעריקע... וואָס זאָגסטו, שלום? קוקט ער אָן
און ברומט: אַ מצווה ווער איך מיר אָן זיי פֿאַרדינען.
אַרויסוואַרפֿן זעקס גילדן? ס׳איז נאָך דאָ געגונג
בעלנים אויף עליות! שווײַגט, פֿאַרטראַכט זיך
און וואָרטשעט[41]: — צוויי טעג ראש־השנה... מילא. שבת.
דערנאָך אַ סוכּות און שבתים. אָט אין ארץ־ישׂראל
איז איין טאָג סוכּות, און אויף מאָרגן קאָן מען ווידער אַרבעטן.
ער קראַצט זיך אין פּאָטיליצע[42] און זאָגט: מ׳עט גיין
אַ פּאָר קאַפּיטלעך תּהילים זאָגן אין בית־מדרש.
וואָלטסט אויך געמעגט, נישקשה, ס׳וועט דיר נישט פֿאַרשאַדטן!
דאָס מיינט ער זאַוולען. און ווען זאַוול שעמט זיך נישט,
קאָן זײַן, ער וואָלט געגאַנגען. אין דער פֿרי
האָט ער זיך קוים אַרויסגעדרייט פֿון אַלטן ליגן,
אַז ער האָט אין דער גרויסער שול געדאַוונט. אמת איז,
אַז ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַהין און בײַ דער גרויסער טיר
דערזען אַ מחנה אָפּיצירן מיט די ווײַבער זייערע,
וואָס זײַנען אָנגעלאָפֿן אויפֿן חזן מיט משוררים,
האָט ער זיך אויסגעדרייט און נישט אַרײַן. און דאָס מאָל גראָד
האָט ער געוואָלט אַרײַן. יאָ, מאָרגן גייט ער.
און מאָרגן גייט ער מיטן טאַטן, שטייט אין ענגשאַפֿט,
וואָס הינטערן בעלעמער, קוקט אין מחזור, קוקט זיך אום
אויף אַלעמען — און ס׳איז אים פֿרעמד. נאָר ווען דאָס קול
פֿון קוויטשיקן בעל־שחרית גיסט זיך אָן מיט טרערן,
ס׳צעשאָקלען זיך אַ טויזנט קולות אַרום אים און פֿון דער הויך,
פֿון ווײַבער־שטיבל, הערט זיך וויינען, פֿילט ער אויך,
אַז ער איז פֿול מיט טרערן, כאָטש דאָס וויינען איז נישט זײַנס,
נאָר פֿרעמדס און פֿון אַרום. צעוויגט ער זיך ווי זיי.

---

[41] בורטשעט. — [42] הינטערשטער טייל פון קאָפּ.

און אַז מען גייט־אַרויס בײַם לייענען, איז ער פֿאַרשעמט
און מערער נאָך — צעשרויפֿט. אַרום — די יונגע לײַט
פֿאַרזאַמלען זיך אין קלײַזלעך, לייענען די בלעטער,
פֿאַרטײַטשן דאָס געלייענטע. ער הערט זיך אײַן,
און ס'קומט אויף אים צוריק דער אומרו פֿון די ערשטע טעג,
דאָס לויפֿן דורך די גאַסן, דאָס געיעג נאָך דעם,
וואָס דאַרף אַנטקעגנקומען. גייט ער אויף זײַן אָרט צוריק,
און גלײַך בײַם קדיש, פֿאַרן מוסף, ווערט עס קלאָר:
וואָס ער האָט קוים דערטאַפּט אין קלאַנגען פֿון דער לופֿט,
רעדט הויך אַרויס בײַ זיי אין קולות ציטערדיקע,
אין דעם געוויין פֿון חזן פֿאַרן עמוד. ס'רעדט פֿאַר אים דער חזן
און רעדט זײַן וויטיק אויס. פֿאַר וואָס זשע איצט,
ווען ס'איז אים אַזוי קלאָר און ס'רעדט זײַן אייגן וויטיק
פֿון יענעמס קול? — פֿאַר וואָס קאָן ער נישט נאָכריידן די רייד
און גלײַך מיט זיי צעגיסן זיך? פֿאַר וואָס זײַנען די ווערטער
ווי פֿאַלשע אויף דער צונג, כאָטש ער פֿאַרשטייט זיי נישט
און ווייס נישט זייער מיין? ווײַל עפּעס איז פֿאַראַן,
וואָס לאָזט אים נישט מיט זיי אין איינעם גיין.
זיי ריידן דאָך צו עמעצן. זיי ווייסן, ווער עס הערט,
און ווענדן זיך צו אים, אַ נאָענטן, אַלץ פֿאַרנעמענדיקן.
און ער — ער קאָן צו אים נישט ריידן. ס'איז אַ תּהום,
אַ וויסטע לײדיקייט צווישן זיי ביידן. ער איז אויך
געשטאַנען יינגלווײַז, ווי איציק ערשט, בײַם טאַטן
און נאָכגעזאָגט די זעלבע רייד. איצט קאָן ער נישט
און ס'לאָזט זיך נישט אַראָפּשלינגען דאָס ווײַטע וואָרט.

**אין** אָוונט שׂמחת־תּורה האָט עס אים אַ צי געטאָן
צו יענעם רעסטאָראַן: וועט בלויז אַ ווײַלע שטיין אין דרויסן,
אַליין דערזען ווי מיאוס עס איז און גיין צוריק...
ס'איז אָבער נישט געווען די טענצערקע. געשטאַנען

איז איינע אין אַ פֿויערש קלייד און רויטע שטיוועלעך,
געזונגען און בלויז צוגעטופּעט מיט די פֿיס. פֿאַרשטייט זיך,
אַז הערן אַלץ אין דרויסן האָט מען נישט געקאָנט,
נאָר די באַגלייטונג פֿון די שפּילערס און דאָס צוטופּען פֿון איר
האָט אויסגעפּולט דאָס נישט־דערהערטע. און ס׳האָט זאַוולען
אַרויפֿגעבראַכט אין זינען דאָס טעאַטער דעמאָלט, בעקאַן,
און האַלב פֿאַרחלומט איז ער צוגעוואַקסן צו זײַן אָרט.
אין מיטן הערט ער: — היי, וואָס שטייט איר דאָ אין גאַס?
ער מיינט — ס׳איז נישט צו אים און רירט זיך נישט.
נאָר ס׳לייגט זיך עמעצנס אַ האַנט אויף אים. ער קוקט זיך אום —
דער יונגער מירקין: — אָט ווו איר געפֿינט זיך גאָר!
ער ווערט צעטומלט: — ניין, איך בין פֿאַרבײַגעגאַנגען דאָ
און גיי אַהיים. — צו וואָס אַהיים גאָר? קומט־אַרײַן.
— איך מוז שוין גיין. — עט, נאַרישקייטן! מיינט איר וואָס —
אַ מענטש מוז עס כּסדר אַרבעטן צי פֿידל שפּילן?
(ער וויס, דער מירקין) קומט־אַרײַן מיט מיר און שוין!
די אויגן זײַנע שמייכלען אַזוי גנבֿיש־לוסטיק,
און עס געפֿעלט נישט זאַוולען. יענער אָבער פֿירט
און ער גייט־נאָך. אַרײַן, אַוועקגעזעצט זיך בײַ אַ טיש:
— נו, וואָס? מיר וועלן עפּעס עסן, טרינקען? — זאַוול שפּירט
אַ ריח פֿון געפּרעגלטס און דערמאָנט זיך ווי אַמאָל
אין קרײַז האָבן חבֿרים אָנגעקאָרמעט אים מיט חזיר־ווורשט...
— איך וויל נישט עסן גאָר נישט. — אָבער טרינקען מעג מען דאָך!
אַ ווונק צום קעלנער און די פֿולע גלעזלעך קומען:
— אַרײַנגעקערט און שאַ! מען טאָר ניט זען!
די משקה ברענט און זאַוול כאַפּט די הענט צום מויל.
דערווײַל איז שוין די זינגערקע אַרונטער, הייבט־אָן טומלדיק
צו שפּילן דער אָרקעסטער, קוקט זיך זאַוול אום —
די טענצערקע איז דאָ. אין קורצן קליידל, מיט די רויטע זאָקן
און בלויזע הענט. ער לאָזט־אַראָפּ דעם קאָפּ און הערט,

וױ ס׳קלאַפּן אירע פּיס, און מירקין צינדט זיך אָן:
— וואָס קוקט איר נישט אַהין? ס׳איז דאָך אַ שיקסע ווי אַ צימעס.
און נישט געוואַרט, כאַפּט ער אים אָן בײַם קאָפּ
און הייסט אים קוקן. מיט די בײדע בלויזע הענט
דאָס קורצע קליידל האַלט זי אין די שפּיצן פֿינגער,
פֿאַרנייגט זיך טיף, און זאַוול וויל נישט קוקן מער.
— טרינקט, זאַוול! — טראָגט אים מירקין צו. ער טרינקט.
און דאָ קומט־צו אַן אָפֿיציר און מירקין רעדט מיט אים,
פֿאַרבעט אים. זיצן זיי צוזאַמען, טרינקען אַלע דרײַ.
און מירקין רופֿט אים: — זאַוול סאָלאָמאָניטש! יענע טאַנצט,
און מירקין שמועסט עפּעס מיטן אָפֿיציר. פֿון אים געוויס,
פֿון זאַוולען, אָבער וואָס — פֿאַרשטייט ער נישט.
אַראָפּ די טענצערקע. פֿאַרשווינדט מיט אײן מאָל מירקין.
בלײַבט זאַוול מיטן גוי אַלײן, און ס׳איז אים שלעכט.
נאָר ס׳דויערט אַ מינוט, און יענער איז שוין דאָ צוריק,
און נישט אַלײן. ער פֿירט מיט זיך די שיקסע
און פֿון איר הוילן בוזעם, אויסגעשניטן ווי אַ סגל,
שלאָגט אַ גערוך פֿון בעז, פֿון שיכּורדיקן בעז.
זי טראָגט צו אים אַ הוילע האַנט איבערן טיש.
דאַן טרינקט מען ווידער אַלע פֿיר. דאַן בײַסט מען צו.
און דאָרטן טאַנצט שוין ווידער אײנע. און דער קאָפּ ווערט שווער.
און צי עס דאַכט זיך זאַוולען, אַז די טענצערקע שטייט־אויף,
צי אויף אַן אמת טאַקע? יאָ, זיך אויפֿגעהויבן, מירקין אויך,
מען בײַט זיך מיט די פּלעצער, און זי זיצט שוין נעבן אים.
איר אָרעם אויף זײַן אַקסל — נעמט זי אים אַרום,
און אירע פֿינגער שפּילן מיט זײַן שניפּס, מיט בעקאָס שניפּס.
ס׳האָט בעקאַ אים אַמאָל געשיקט — און זאַוול ווייס,
אַז זי, אָט די, זי דאַרף נישט אָנרירן דעם שניפּס...
זי טוליעט זיך דאָך נענטער, בייגט זיך אײַן צו אים
און מיטן בעזגערוך דערשפּירט זיך אַזאַ שאַרפֿער ריח

פֿון היציק לײַב. דער קאָפּ, פֿאַרשיכּורט, שווינדלענדיק,
פֿאַרלירט זײַן פּלאַץ. אַ וואָרף אויף דער נאַקעטקייט —
און גראָבט זיך אײַן אין בוזעם, ברומענדיק און סאַפּענדיק.
צום אָנהייב לאַכט די טענצערקע. זי לאַכט און מירקין אויך,
און ס'לאַכט דער אָפֿיציר. נאָר באַלד איז ווייטיק דאָ
אין איר געלעכטער. און דאָס ברומען זײַנס ווערט ווילדער.
ער רעוועט. און די אויגן אירע פֿול מיט שרעק.
און נאָך אַ ווײַל — די ציינער קריצט זי אויף און פּרוווט
מיט בײדע הענט זײַן קאָפּ אַוועקרײַסן. אומזיסט.
מיט ציין און ליפּן אײַנגעגעסן אין איר לײַב און מיט די הענט
זי אײַנגעקלאַמערט ווי אין צוואַנגען — האַלט ער זי,
און ס'רײַסט זיך פֿון איר האַלדז אַ קוויטש. דער אָפֿיציר
און מירקין — בײדע כאַפּן אים בײַם קאַרק, מען שלאָגט,
און דאַן — אַ גאָס מיט קאַלטע וואַסער איבּן קאָפּ, אַ קלאַפּ,
און אָפּגעריסן. עפֿנט ער די אויגן גולמדיק
און סאַפּעט, קוקט־אַרום. דערזעט דעם אָפֿיציר, די טענצערקע,
און קוקט זיי אָן. און קוקט פֿון זיי אויף מירקינען.
ער שמייכלט, מירקין, פּרוווט אַוועקדרייען די אויגן
פֿון זאַוולס בליק, נאָר אַ מינוט — און זאַוולס האַנט
כאַפּט־אָן זײַן קאָלנער, און אַ ריס פֿון אָרט, און מיט׳ן קאָפּ
צום טיש אים צוגעשפּאַרט. און מירקין פֿילט אַ צוואַנג
אַרום זײַן האַלדז און וואַרגט זיך. ס'ווערט אַן אײַפֿגעלאַך.
מען שרײַט. נאָר אין דעם שרײַען הערט זיך זאַוולס רעוען.
מיט איין האַנט הייבט ער מירקינס קאָפּ און קלאַפּט אים
צוריק אין טיש און מיט דער צווייטער וואַרגט ער אים.
ביז ער דערפֿילט, ווי ס'שפּאַלט זיך אים דער קאָפּ,
ווי אײַזן זאָל דעם שאַרבן אים צעלעכערן. ער דרייט זיך אום
און זעט דאָס גרויע רערל פֿון אַ רעוואָלווער
און ווילדע אויגן קעגן זיך, און הענט אויף זיך,
וואָס טרייסלען אים — און ער בלײַבט שטיין, לאָזט־אָפּ די הענט

און טרעפֿט זיך ווידער אָן מיט מירקינס אויגן,
צעשראָקענע און פֿײַנלעכע. איצט שלאָגט מען אים
ווי גאָר נישט אים — ער שטייט און קוקט. און מירקין הייבט זיך אויף
און נעמט זיך אײַנבעטן בײַם עולם: — לאָזט אים אָפּ!
ס׳איז גאָר נישט! לאָזט אים אָפּ! עס מאַכט נישט אויס!
און מירקין נעמט אים פֿאַר די הענט און גיט אים וואַסער,
און זעצט אים אויף דער שטול אַוועק. און ס׳לייגט די טענצערקע
אַ נאַסע שמאַטע אויף זײַן שטערן. און ער זיצט אַזוי.
און ס׳קרימען זיך די ליפּן צום געוויין. שוין שטיל אַרום.
דאָרט נעמט מען ווידער שפּילן. רעדט ער ווי צו זיך אַליין:
— איך וויל שוין גיין אַהיים. איך וויל שוין גיין אַהיים.
— אַוודאי — ענטפֿערט מירקין — מיר׳ן גיין. — ער טוט אים אָן די הוט
און גייט מיט אים אין דרויסן. — שוין גענוג —
זאָגט זאַוול — איך וועל גיין אַליין. מען דאַרף נישט מער.
און מירקין לאָזט אים אָפּ, קוקט־נאָך און זעט, ווי זאַוול,
שוין ווײַט אין גאַס, פֿאַמעלעך וואַקלט זיך פֿון טריט אויף טריט.

מען האָט ווי אַלע מאָל געאַרבעט מוצאי־יום־טובֿ.
געקומען שלאָפֿן, האָט זיך זאַוול צוגעזעצט צום טיש —
ערשט מוז ער שרײַבן. האָט ער אָנגעשריבן:

האָב רחמנות אויף מיר, גאָט!

און זיך פֿאַרמאָסטן ווײַטער. נאָר שטאָט נײַע ווערטער
האָט זיך דאָס זעלבע אַלץ געדרייט אין קאָפּ.
און ער איז אײַנגעשלאָפֿן, זיצנדיק אַזוי בײַם טיש.
און אויפֿן ווײַסן שטיק פּאַפּיר זײַנען געבליבן
די איינע ווערטער:

האָב רחמנות אויף מיר, גאָט!

# 8

**די** שרעק, אַז מירקין וועט בײַם טאַטן ערשט די אַרבעט צונעמען, צי װײַניקסטנס אין גוטן מוט פֿאַר אים די מעשׂה אויסברײַען, צי גלאַט אַזוי צעפּויקן זי אין שטאָט, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַן אומזיסטע, פֿאַרקערט, ער איז געקומען און געחכמהט זיך ווי תּמיד, געפֿרעגט: — וואָס מאַכט איר, זאַוול? און געקוקט אַזוי ווי קיין מאָל גאָר נישט. אמת, אַז דאָס ערשטע מאָל איז נישט געגוג באַוואָרעניש, און ער, דער מירקין, קאָן אַרויסשיסן אַ מאָל גאָר אומגעריכט. נאָר ווי עס איז — דערווײַל האָט אָפּגעלאָזט די שרעק פֿאַר די פּרנסה און מ׳האָט געקאָנט זיך אומקערן צו זיך אַליין, צו יענעם בראָך, וואָס האָט געשׂרפֿהט אונטער דער פֿאַרשטיקטער שרעק. די וואָכן נאָך דעם, ווען ער האָט אַפֿילו שבת נישט געוואַגט אַרויסשטעקן די נאָז אין דרויסן, האָבן אומגעקערט דעם דראַנג פֿון יענער נאַכט, וואָס ער איז אָפּגעשלאָפֿן זיצנדיק, און ס׳האָט די שורה אויפֿן בלאַט פּאַפּיר איר פּלאַץ געקראָגן מיט אַנדערע אין ליד, וואָס ער האָט אויסגעפֿולט.

בלוט און שרעק אויף אַלע וועגן,  
לייד און טרערן אומעטום.  
נאָר בײַ מיר, פֿאַר מײַנע אויגן,  
רויטע שדים טאַנצן־אום.  
האָב רחמנות אויף מיר, גאָט!

איך וואָלט וויינען, ווי אַ מאַמע  
וויינט בײַם וויג פֿון קראַנקן קינד.

איז מײַן קאָפּ פֿאַרברענט פֿון פֿלאַמען
און מײַן האַרץ פֿאַרסמט פֿון זינד.
האָב רחמנות אויף מיר, גאָט!

בעסער וואָלט מײַן בלוט אויסרינען,
איידער טראָגן סם אין בלוט.
כ׳זאָל מײַן טויט אין פֿעלד געפֿינען,
וואָלט שוין אויך מײַן בלוט גערוט.
האָב רחמנות אויף מיר, גאָט!

מײַן נשמה איז אין שוואַרצן
און אין פֿינצטער איז מײַן קאָפּ.
מיטן בלוט פֿון מײַנעם האַרצן
וואַש מיר מײַן נשמה אָפּ —
האָב רחמנות אויף מיר, גאָט!

מיט מאַטערניש דאָס אָנגעשריבן און דערנאָך פֿאַר זיך
געחזרט עס, געזאָגט ווי קינדווײַז קריאת־שמע
פֿאַרן שלאָפֿן גיין, און דאָס צעהיצטע זעעניש פֿון יענער,
וואָס בייגט זיך מיטן טיפֿן בוזעם איבערן געלעגער,
געטריבן מיטן זאָגעכץ. האָט עס נישט געהאָלפֿן.
און יענע מיטן שיכורדיקן בעזגערוך האָט אײַנגעשטיקט
צוריק זײַן פּנים אין איר לײַב און מיט די ווײַסע הענט
זײַן האַלדז אַרומגעגליט, האָט אין חלשות אויסגעוועפּט זיך
דאָס קריאת־שמעדיקע זאָגעכץ. מערער נאָך:
אַליין די ווערטער נישט דערלאָזט צו דער איבערפֿלאַך פֿון זינען,
זיי זאָלן נישט פֿאַרשוועכט ווערן פֿון נאָנטשאַפֿט צו איר.
דערפֿאַר, ווען זי האָט אָפּגעלאָזט, זײַנען די ווערטער
צוריקגעקומען שטילע און געפֿאַלענע, און ס׳איז געווען גוט מיט זיי.
אַזוי האָט אין געבראָכענעם געבעט וועגן דערלייזונג
דערפֿילט זיך ביסלעכווײַז דער תענוג פֿון געבעט,
דער תענוג פֿון חרטה און רחמנות און געוויין אויף זיך.

און אין דער בענקשאַפֿט נאָך דעם תּענוג האָט זיך אויך געבענקט
נאָך דעם, וואָס ברענגט צו דער חרטה — נאָך דער זינד.
און אין דעם בענקעניש נאָך זינד איז שווער געווען צו וויסן,
וואָס ווענט־אַריבער: דער תּענוג פֿון דער זינד אַליין
צי מער דער תּענוג פֿון חרטה? און ווען ס׳האָט די זינד
פֿאַרפֿעלט אַמאָל צו קומען, האָט ער אין דער רויִקייט
קיין רו שוין נישט געהאַט און זי אַליין גערופֿן.
ער איז געוואָרן בלייך. די באַקן אײַנגעצויגן.
די אויגן רויט און שלעפֿעריק. די ליפּן אָפֿן.
צום עסן קוים זיך צוגערירט. געאַרבעט פֿויל,
אַזוי אַז ס׳האָט דער טאַטע אָנגעהויבן וואָרטשען.
און ס׳האָט די מאַמע נאָכגעזאָגט, אַזוי ווי פֿון אַ תּחינה:
— וואָס ווילסטו? וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף אים?
דער בחור גייט דאָך אײַן פֿון טאָג צו טאָג.

**דער** אָנהייב פֿון דערלייזונג איז געווען אַ שאָטן פֿון אַ מת
און נישט קיין ליבן מת — פֿון חיה־ריוועס מאַן.
אַרײַנגעפֿאַלן מיט דער בשׂורה איז דאָס ווײַב אַליין
אין בייזן יאָמערן: — וואָס זאָגט איר איצטער, מומע?
אַזוי ווי זי וואָלט אַלע מאָל פֿון אַזאַ מאַן אַן אויסוואָרף
קיין בעסערס נישט דערוואַרט. געוואָלט אַפֿילו אָנשטעלן,
דערמאָנט זיך און גענומען שטילער קלאָגן:
— ווער ווייס ווו זײַן געביין ווערט הינקומען? בײַם לעבן
געפֿוילט אין די אָסטראָגן; נאָכן טויט אַפֿילו
ווערט אים קיין כּשרער בית־עלמין אויך נישט צוגעמען.
געווען איז דאָס בײַם וואַרעמעס. די מאַמע האָט געוויינט.
דער טאַטע האָט אַ ברום געטאָן דערווײַל אויף באָרג.
און ווען ער איז אַרײַן אין רימערײַ, פֿאַרענדיקט אויפֿן קול:
— מיינסט וואָס? דאָס גייט שוין ערשט אויף אונדזער קאָפּ.
משפּחה! זיך דערדינט, אַ קלאָג צו איר!

דער זון האָט נישט געענטפֿערט. נישט געהערט אַוודאי,
פֿאַרטאָן מיט זיך אַליין. ווײַל באַלד ווי חיה־ריווע איז אַרײַן,
האָט פֿון דער בשׂורה עפּעס אָפּגעריסן זיך בײַ אים.
נאָר ס'איז געווען בלויז אַ טעמפּער קלאַפּ. און גייענדיק
צוריק פֿון עסן, האָט ער אָנגעטאַפּט אין זיך,
אַז דאָס, וואָס יענער איז געשטאָרבן, אַרט אים נישט.
און איצט איז ער געשטאַנען און געפּלאָגט אין זיך
דאָס פֿינצטערע געוויסן, וואָס אים גייט נישט אָן
אַ מענטשנס טויט. ער האָט זיך אומגעקערט צו דעם
בײַ נאַכט אַליין אין קאַמער, צווינגענדיק אויף זיך
דאָס טראַכטן וועגן מת. און ווען די טענצערקע איז אָנגעקומען
ווי אַלע מאָל, איז ער געפֿאַלן אויף אַן אײַנפֿאַל: האָט דעם מת
אַרײַנגערופֿן און געהייסן מיט די טויטע הענט
זי נעמען בײַ די אַקסל... יענער איז געשטאַנען
אין ברוינעם קעסטלדיקן אָנצוג, ווי אַמאָל ערבֿ יום־כּיפּור,
און אָנגעקוקט אים מיט די שוואַרצע לעבעדיקע אויגן.
האָט זאַוול זיך געכאַפּט, אים אָנגעטאָן אין אַ מונדיר,
ווי אַלע זעלנערס, מיט אַ לאָך אין קאָפּ און אויפֿן פּנים בלוט,
און ווען די טענצערקע, אַ נאַקעטע, האָט זיך דערנענטערט,
האָט שוין דער מת געפֿאָלגט. זי האָט אַ שפּרונג געטאָן,
פֿאַררוקט זיך אין אַ ווינקל, אײַנגעקאָרטשעט, נאָר דער מת
איז אַלץ אויף איר געגאַנגען. איז שוין זאַוולען
געוואָרן אַ רחמנות. האָט ער זי פֿאַרשטעלט מיט זיך
און אָנגעהויבן גלעטן, ווייך אַזוי און צאַרט.
און מיט אַ מאָל — זײַן קאָפּ איז ווידער שוין בײַ איר,
נאָר אויף זײַן אַקסל — פֿילט ער — לייגט זיך יענעמס האַנט
און וויל אים אָפּרײַסן... פֿון כּעס טוט ער אַ בריקע מיט דער פֿוס
און יענער פֿאַלט. ווערט זאַוולען שרעקלעך פֿון דעם פֿאַלן:
אַ טויטער שוין — צו וואָס אים בריקען מיט די פֿיס?
פֿאַרדעקט ער מיט דער קאָלדרע זיך איבערן קאָפּ

און נאָרעט זיך אין קישן — ביידן נישט צו זען — און ליגט,
און וויל נישט עפֿענען די אויגן.

## אויף דער צווייטער נאַכט

האָט מען דעם טויטן נישט געדאַרפֿט מושטירן מער:
ער האָט זיך שוין אַליין געשפּילט, גערייצט מיט זאַוולען
און נאָך מער מיט דער שיקסע. אויף דער דריטער אויך.
נאָר שבת נאָכן עסן איז געקומען חיה־ריווע מיטן קינד,
און זאַוולען איז אַ שווידער דורך. וואָס טוט ער דאָ?
ער האָט איר מת, דעם איינציקן, דעם פֿאָטער פֿון איר יתום,
אָרײַנגעשלעפּט אין אַזאַ אומריינע, געמיינע שפּיל,
און דאָ אויף דער פּאָדלאָגע פויזעט־אום זײַן קינד —
וואָס טוט ער? לאָזט ער זיך אַראָפּ צום קינד אויף דער ערד,
נעמט מאַכן קונצן אומגעלומפּערטע און קרימט זיך.
קומט ביילקע אויך אַרונטער — שפּילן אַלע דרײַ.
די מוטער קוקט פֿאַרוווּנדערט. ס׳הייבט־אָן טונקל ווערן.
זי קלײַבט זיך גיין און רופֿט זיך אָן צו זאַוולען:
— וואָלטסט אפֿשר מיר געהאָלפֿן צוטראָגן דאָס קינד?
זי זאָגט עס מיט אַזאַ צעבראָכן קול. אַוודאי גייט ער.
דער טאַטע מאַכט: — מען שטעלט זיך שוין באַלד אַרבעטן.
און חיה־ריווע ענטפֿערט: — ס׳וועט אים לאַנג נישט נעמען.
אין דרויסן קנאַקט דער פֿראָסט פֿון גרויסן ווינטער.
ס׳איז גליטשיק. שפּרײַזט ער ציטערדיק און אין דעם ציטערן
איז אַ באַפֿרידיקונג פֿאַראַן: דאָס קויפֿט ער אויס אַ זינד,
וואָס ער איז קעגן מוטער און דעם קינד באַגאַנגען.
און זאָל ער אויסזען לעכערלעך אַפֿילו מיט אַ קינד
אין אַ פֿאַטשיילע אויף דער האַנט! ס׳איז גוט אַזוי.
זי נעמט עס אָבער צו בײַ אים. זי וויל נישט צו פֿיל
מטריח זײַן דאָס שוועסטערקינד. איז גייט ער שווײַגנדיק
ביז צו דעם הויז, ווו זי גיט אָפּ דאָס קינד און וואַרט.

און אַז זי קומט־אַרויס און זאָגט: — ביסט שוין דערפֿרוירן וואַרטנדיק?
פֿאַרענטפֿערט ער זיך: — ניין, עס מאַכט נישט אויס.
איצט איז שוין חיה־ריווע נישט קיין אַם — זי דינט, ווי פֿריִער,
און ס׳איז נאָך אַ שטיק וועג צו גיין מיט אים צום „אָרט״ [43].
פֿאַרפֿאַלן! פּרוווט זי ריידן אַזוי שטיל, הכנעהדיק:
און ער — ער ענטפֿערט קוים. ס׳איז נישט פֿון בייזקייט, ניין.
ער קאָן נישט אַנדערש. בײַ דער ברייטער גאַס באַמערקט ער —
זי טראָגט אַ וואָלן טיכל אויפֿן קאָפּ. איז אויכעט גוט.
אָט זאָל מען זען, ווי זאַוול פֿירט אַ דינסט איבער דער גאַס,
וואָס טראָגט אַ וואָלן טיכל; בײַ דעם גרויסן הויז,
ווו חיה־ריווע דינט, צעשיידט מען זיך. ער גייט־צוריק
און איז צופֿרידן: אָט איז ער געגאַנגען, האָט דאָס קינד געטראָגן,
גערעדט מיט איר — וואָס נאָך האָט ער געקאָנט?
בײַ נאַכט וויל ער נישט מער דעם מת מטריח זײַן —
ער וועט שוין אויסקומען אַליין. און אין דער אמתן דערפֿילט ער,
אַז ס׳הייבט זיך אַ מחיצה פֿונעם האַרצן צווישן אים
און איר, דער מכשפֿה. ס׳איז אַ מין רחמנות.
און ווען זי שטייט מיט אירע שטראַלנדיקע אָרעמס, קוקט ער
און ס׳גליט צו איר, נאָר אין דער גלוסטונג קאָן ער שוין
אויך ריידן שטיל: — צו וואָס? מען דאַרף עס נישט.
נו, גיי־אַוועק! — און זי בלײַבט טאַקע שטיין אַ ווײַל
און קוקט ווי זיך פֿאַרטראַכטנדיק פֿון זײַנע רייד,
ביז ער פֿאַרגעסט דאָס ריידן און ער רופֿט זי ווידער.

**געשעעניש** קומען נענטער. ס׳איז אַ מיטן טאָג.
דער טאַטע קנעלט־אַרײַן מיט איציקן. אין דרויסן הודזשעט.
ס׳איז גאָר נישט. עראָפּלאַנען יאָגן זיך, ווי אַלע טעג,
און קיינער קוקט נישט מער. אין מיטן פֿאַלט אַ דונערשלאָג,

---

[43] די שטעלע, דאָס פּלאַץ ווו זי אַרבעט.

אַ צווייטער און אַ דריטער. אַ מינוט פֿון שרעק און פֿאָרגעפֿיל,
און קולות אויף דער גאַס, און אַ געלאַף און אַ געשריי.
לויפֿט זאַוול אויך צום פֿישמאַרק, לויפֿט מיט אַלעמען,
נאָר ביז ער קומט־אַהין, איז שוין געדיכט פֿון מענטשן.
ער זעט בלויז אַ שטיק דאַך אַראָפּגעריסן און די הוילע סלופּעס,
און הערט פֿון אינעווייניק טויטגעשרייען. שטופּט ער זיך.
נאָר ס׳קומען־אָן סאָלדאַטן, טרײַבן, צאַמען־אָפּ דאָס פּלאַץ,
און באַלד איז דאָ די ווײַסע בויד מיט רויטע צלמים.
מען פֿאָרעט זיך מיט בעטלעך. צוגענומען, אָפּגעפֿאָרן
און רײַטערס טרײַבן, יאָגן. יאָגט זיך זאַוול אויך.
און ס׳דאַכט אים, לויפֿנדיק, ער זעט אין שניי
אַ רויטע זאַך. ערשט אויף דער נאַכט אין שטוב,
ווען ער דערציילט דער מאַמען, וואָס ער האָט געזען,
ווערט קלאָר די זאַך: אַ שטיק וואַטאָווע לײַבל אויפֿן שניי,
נאָר צי ס׳איז רויט געווען פֿון בלוט, צי ס׳איז דער שטאָף אַזאַ —
דאָס ווייס ער נישט. מען זיצט אַנטשוויגענע אין שרעק,
די טיר־און־לאָדן צוגעמאַכט און אינעווייניק פֿאַרהאָנגען
מיט שמאַטעס טונקעלע, עס זאָל דאָס ליכט נישט אַרויסשלאָגן —
אַזאַ באַפֿעל געווען. מען הערט די טויטקייט פֿון דער שטאָט
און — שאַ! ס׳איז הייס. דער אויוון אָנגעהייצט, און פֿון דער היץ
און פֿון דער שטילקייט שלעפֿערט. קריכט מען אין די בעטן.
מען ליגט און ס׳שלאָפֿט זיך נישט. ווער ווייס, וואָס מאָרגן קומט!
הערט זאַוול, ווי דער טאַטע קרעכצט אין בעט.
דאָס קרעכצט ער אויף זײַן מי, וואָס איז פֿאַרלוירן,
און אויף דעם מאָרגן, וואָס וועט צונעמען בײַ אים
די האָפֿענונג פֿון זײַנע שווער פֿאַרהאָרעוועטע טעג.
און ווײַטער — וואָס וועט זײַן? דער טאַטע קרעכצט
און זאַוול שטומערהייט נעמט אויך אַ חשבון מאַכן.
אָט האָט ער שוין דעם טויט געזען — אַ רויטע זאַך אין שניי —
און מאָרגן קאָן עס טרעפֿן אים. ס׳איז נאָנט אַזוי.

און ס׳ווערט אַ סוף צו זײַנע אַלע דרײַסיק יאָר.
אַ סוף צו וואָס? עס שטייט נאָך אין די אויערן דאָס טויטגעשריי,
און דאָ, אין צימער, דרייען זיך די נאַקעטע מכשפות
און ציִען זיך צו אים. און זאָל אַ באָמבע פֿאַלן איצט
און אים דערהרגענען, וועט ער דאָ ליגן טויט
און אַרום אים, אַ טויטן, וועלן זיך אַרומדרייען
אָט די אין זייער בלויזקייט, מיאוס בייגן זיך און וויגן זיך —
און דאָס וועט זײַן זײַן טויט. דער טויט פֿון זאַוול רימער,
וואָס האָט געהאַט אַ פֿידל, האָט געזונגען, האָט געבענקט.
איז דען נישט בעסער, עס זאָל מאָרגן טרעפֿן אויף אַן אמת,
און אויס! אַ סוף זאָל נעמען!

אָבער מאָרגן פֿרי,

ווען ס׳גנבֿעט זיך אַרויס אין גאַס די מאַמע און זי קומט־צוריק
אַ ווייַנענדיקע אויף די ייִדענעס, באַקאַנטע פֿון אַזוי פֿיל יאָרן,
וואָס זײַנען אומגעקומען נעכטן, ברענגט זי נאָך אַ בשׂורה.
מען האָט ר׳ חיים־לייבן מיט נאָך אַנדערע אין תּפֿיסה אײַנגעזעצט!
צוליב די באָמבעס נעכטן. איצטער וועט מען זען,
אויב זאַוול וועט דעם כּוח האָבן זיך אַרויסצורײַסן בײַ טאָג
און גיין אין הויז אַהין. ס׳איז דאָך זײַן היים געוועזן דאָרט,
זײַן יום־טובֿדיקע היים, און זי איז אים געוועזן ווי אַ מאַמע...
נו, וועט ער גיין? ווער? ער? ער וואַרט ביז נאַכט
און קריכט־אַרײַן, באַהאַלט זיך ווי אַ מויז אין לאָך און ליגט.
ער דרייט זיך ווי אַ וואָרעם — אָבער גיין וועט ער נישט גיין.
נישט הײַנט, נישט מאָרגן און נישט איבער מאָרגן,
ביז פֿון גאַס דערהערט זיך ווידער אַן אָרקעסטער,
ביז ער זעט די פֿאָלקן פֿאַראַדירן יום־טובֿדיק
און הערט פֿון מענטשן, אַז מ׳האָט שוין די אײַנגעזעצטע
אַרויסגעלאָזט פֿון תּפֿיסה. איצטער גייט ער שוין.
אין גאַס די מענטשן שפּרײַזן־אום מיט קעפּ געהויבענע
און אויפֿגעלויכטע פּנימער — אַריבער די געפֿאַר —

אונ ער, ווי אַ געטריבענער פֿון בײַטשן, שלעפּט זיך קוים
און גייט אַזוי ביז צו דער ליבער טיר, וואָס איז אַצינד
ווי אַ געגרייטער גרוב פֿאַר אים. אַ צי געטאָן דעם גלאָק
און ער איז גרייט צו פֿאַלן אין דעם גרוב. מען דאַרף נישט!
נישט אַלע זײַנען דאָך ווי זאַוול! פֿריידע קומט־אַרויס
און אויף איר בלייכן פּנים שײַנט אַ גליקלעכקייט.
און ליזע ציט די הענט און ס'שמייכלט אויך
ר' חיים־לייב אַליין. — נו, זאַוול — זאָגט ער — שוין געמיינט:
איך בין אַ פֿאַרטיקער! נישקשה. ס'איז נאָך דאָ
אַ גאָט אין הימל! — הייבט די פֿײַכטע אויגן פֿריידע,
און נישט קיין וואָרט פֿון פֿאָרוווּרף זאַוולען, גאָר נישט.
פֿאַרקערט. זי זאָגט: — נו, איצטער ליזינקע, קאָנסטו דאָך גיין,
נעם זאַוולען אויך, וועט איר צוזאַמען זען,
ווי קוקט עס אויס. — אוןביידע גייען זיי...

## ער קומט אַהיים

און, זעענדיק דעם טאַטן אַ צופֿרידענעם, פֿאַרשטייט ער נישט,
וואָס איז מיט אים די שׂמחה. אַרבעט פֿון דער האַנט אַוועק,
הייבט־אָן צו ברומען, ווי דער טאַטע, וואַרפֿט זיך אום בײַ נאַכט.
און אַז ער קומט אין ווײַסן הויז, הייבט ער אָן ריידן
אַליין און נישט געפֿרעגט פֿון קיינעם: — מירקין קומט
און זאָגט: מיר האָבן זיי געגעבן, האַ? זיי וועלן שוין
פֿאַרזאָגן איצט אַ צענטן, נישט צו קריכן מער.
אַזוי זאָגט מירקין און ער לאַכט, דערציילנדיק.
און אַלע קוקן־אָן, וואָס זאַוול לאַכט. ער בלײַבט אַליין
מיט פֿריידען און ער זאָגט: — עס איז געווען מיאוס.
— וואָס מיינט איר דאָס? — פֿון מיר אַליין מיין איך.
געוועזן מיאוס נישט צו קומען דאָ, ווען אײַער מאַן — — —
— נישט הײַנט געדאַכט — זאָגט פֿריידע. — מיאוס געווען,
איך בין נישט ווערט צו קומען דאָ. — זי קוקט אים אָן

אַזוי פֿאַרוווּנדערט, מוטערלעך: — אָט, כ׳לעבן, הערט שוין אויף.
נישט שיין אַזוי צו ריידן. זיפֿצט זי אָפּ און זאָגט:
— און בעקאַ ווייס פֿון גאָר נישט. דאַנקען גאָט דערפֿאַר!
נו, זאַוול, זײַט זשע נישט קיין קינד. געהערט אַ מעשׂה גאָר!

די איינציקע, פֿאַר וועמען ער ווערט גענטער און פֿאַרשטענדלעכער
אין זײַן פֿאַרביסנקייט — איז חיה־ריווע. קוקט זיך צו,
שפּירט־נאָך זײַן טריט, און אַז מען גייט אין גאַס צוזאַמען,
דאָס קינד אויף זײַנע הענט — דערלויבט זי זיך:
— וואָס איז דיר, זאַוול? קוקט ער אָן פֿאַרוווּנדערט:
— ס׳איז גאָר נישט, איז מיר. — קוקסט מיר אויס אַזוי,
ווי עפּעס איז דער מער מיט דיר. — ס׳איז גאָר נישט!
נאָך שאַרפֿער אָפּגעשניטן: אָט, מער פֿעלט אים נישט,
נאָר זי זאָל אים נאָך זײַן אַ גוטער פֿרײַנד! פֿון דעסט וועגן
איז ער געריירט און טראַכט: אַזאַ מין חיה־ריווע!
און זי — זי קומט אַלץ אָפּטער. מיטן קינד אַ מאָל,
אַ מאָל אַליין. אין מיטן וואָך אַפֿילו. פּאַדעט זיך.
ראַמט־אויף אין שטוב. העלפֿט אָפּקאָכן אַ וועטשערע.
און ווען עס קומט דער ערבֿ־פּסח, וווּנדערט זיך די מאַמע,
פֿון וואַנען האָט זי דאָס אַזוי פֿיל צײַט. זי זאָגט:
— נישקשה, מ׳עט שוין דאָרטן אויסקומען אָן מיר.
און ברענגט דעם פּסח ביסלעכווײַז אַרײַן אין שטוב.
און ס׳לײַכט, און ס׳שמעקט אַיעדער ווינקל. יום־טובֿ קומט זי
און זיצט אַזוי, ווי זי האָט גאָר קיין חלק נישט
אין אַלעם דעם. און אַז די מאַמע שטעלט איר כּיבוד, בעט זי:
— לאַנג לעבן זאָלט איר, מומע! בעסער רוט זיך אָפּ!
— וואָס דאַרף מען עס? — זי כאַפּט אַ קוק צום קינד,
וואָס האָט זיך צוגעוווינט צו זאַוולען, קוועלט גאָר אָן
און זאָגט: — אָט זאָלט איר אַזוי לעבן, מומע, טוט אַ קוק.
צו קיינעם ווי ער דאָך נישט גיין, אַחוץ צו זאַוולען.

זי זעט דעם טאַטנס פּנים און זײַן שטומען קוק,
וואָס מיינט: אַ קלייניקייט! דעם גנבֿס ממזרוק!
און מאַכט זיך נישט פֿאַרשטייענדיק. זי קען דעם אַלטן.
און זאַוול ווידער הערט און ס׳ווילט זיך אים
כאַטש דורך אַ שויב אַרויסשפּרינגען פֿון הויז. נאָר ניין!
איצט מוז ער בלײַבן. דווקא בלײַבן דאָ.
זיך צוהערן צו יעדן וואָרט אירן, וואָס ראַצט אין אויער.
און גיין אין גאַס מיט איר און אַלץ וואָס זי פֿאַרלאַנגט —
און לערנען בלק מיט דעם זאַוולען. ס׳מוז דאָך זײַן אַ שיעור!
עס מוז דאָך ווען עס איז אַ סוף נעמען! שוין חיה־ריווע אויך,
זי אויך אַרײַנגעשלעפּט! און פֿײַנט זי האָבנדיק...
און ווי אַזוי? אָט גאָר נישט. לאָמיר זאָגן — ערבֿ פּסח.
מען וואַשט דעם דיל. און אַז די הונגעריקע מאַנסבילן
באַווײַזן זיך צום וואַרעמעס, פֿאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף
אַ קלאַדקע[44] אויסלייגן פֿאַר זיי פֿון ברעטלעך אין דער נעץ.
און ווי דען אַנדערש קאָן מען אומגיין אין דער נעץ,
ווי נישט די פֿאַליעס פֿון דעם קלייד פֿאַרשטעקט אין גאַרטל?
אַוודאי, לויפֿט זי, חיה־ריווע, גלײַך אַרויס דערנאָך
און מאַכט צו רעכט דאָס קלייד און טוט־אָן שיך,
נאָר בײַם דערלאַנגען עסן, זײַנען אירע אַרבל
פֿאַרקאַשערט הויך און אירע אָרעמס זײַנען דינער,
און מיט דער מאַטער הויט נאָך שענער פֿון דער טענצערקעס.
איז וואָס דעריבער? מוז מען זי אַרײַנשלעפּן
אין קרײַז פֿון יענער מכשפֿה? ניין, ער וועט אים אויסלערנען,
ווי שלעפּן מענטשן אין אַ זומפּ! און אויב דו האָסט געטאָן,
באַצאָל! זײַ גוט, געדולדיק, נאָכגעביק! אַצינד
איז זי די ערלעכע און דו ביסט דער געמיינער.
דו, וואַרט נישט ביז זי וועט דיך בעטן, זאָג אַליין:

---

[44] אַ וועג אויף ברעטלעך, אַ וועג — אַ בריקל.

— קום, חיה־ריווע, כ׳וועל דיר העלפֿן צוטראָגן דאָס קינד.
וואָס איז? זי קוקט דיך אָן פֿאַרוווּנדערט און זי שײַנט?
זי גלייבט אפֿשר, אַז דו? — אַזוי? ס׳באַליידיקט דיך?
איז טאַקע רעכט אַזוי — און זאָל זי גיין אַ זיכערע
און פֿילן, אַז זי פֿירט דיך אויפֿן שטריקל, זאָל זי!
ווײַל ס׳קומט איר, ס׳קומט איר, ס׳דאַרף אַזוי זײַן.

**און** אַז עס קומט דער יאָמערדיקער טאָג, ווען נישט אַליין
דער טאַטע, נאָר די מאַמע אויך גלאָצט־אויס צעשראָקענע
און וויינענדיקע אויגן אויפֿן קינד מיט חיה־ריווען,
איז זאַוול דאָ דער איינציקער מיט איר. ווו זאָל זי גיין?
מיט וועמען זאָל זי גיין, ווען נישט מיט זיי? זי וויינט:
— איר וועט דאָך מיך נישט לאָזן איצט אַליין איבער דער וועלט,
אַן עלנטע אַלמנה. איך וועל אײַערס נישט פֿאַרלאַנגען.
— אַוודאי. וואָס איז דאָ צו ריידן? — זאָגט די מאַמע,
פֿאַרפֿאַקנדיק דאָס בעטגעוואַנט, און טרערן ריִנען איר.
נאָר זאַוול קאָן נישט מוחל זײַן דער מאַמעס קוק:
— די מאַמע אויך! ער גייט־צו נאָנט צו חיה־ריווען
און זאָגט: — וועסט גיין מיט אונדז! און אַז דער טאַטע
וואַרפֿט־צו אַ וואָרט: — פֿאַרנעם נישט אירע פּעק!
און חיה־ריווע קלײַבט זיך עפּעס ענטפֿערן, צעשרײַט ער זיך:
— דו, שווײַג! מען וועט שוין טראָגן. ס׳איז נישט קיינעמס עסק.
ער טראָגט עס נישט. ווען ס׳קומט דער טאַטע מיט דער פֿור,
גייט חיה־ריוועס פּאַק צוזאַמען מיט די אַנדערע,
און זי, דאָס קינד אַרויפֿגעזעצט, גייט־נאָך און האַלט עס צו.
אין טומל און געדראַנג פֿון פֿורן, וועגענער און דראָזשקעס,
פֿון פּאַסגייערס מיט פּעק און זעלנערס מיט די ביקסן,
וואָס גיבן אַכטונג, שלעפּט זיך טריט בײַ טריט
די אָנגעפּאַקטע פֿור. און נענטער צום וואָקזאַל,
אַלץ אָפּטער ווערט מען אײַנגעשטיקט אין דעם געדראַנג.

און צווישן רעדער, פֿערד און פעקלעך בלײַבט מען שטיין.
און ס׳שעלטן זיך די גויִים מיט בײַטשן ווי אויף אַ יאַריד.
אַ שטאָט אַזאַ — און מ׳זאָל זיך אָפּטראָגן אין דרײַ מעת־לעת...
יאָ, אמת, מ׳האָט געוואָרנט און ס׳איז צײַט געווען
אַ וואָכן דרײַ צו קלײַבן זיך — נאָר ווער האָט עס געגלייבט?
די גבֿירים האָבן זיך בײַ צײַטנס טאַקע אויסגעריכט,
נאָר די קבצנים — זאָלן יענע אָנקומען אַפֿילו —
וואָס קאָן מען בײַ זיי צונעמען? מען האָט געוואַרט,
און איצט איז עס געקומען.
ס׳ווערט שוין טונקל,
ווען מען דערזעט דעם גרויסן שטיינערדיקן הויף,
וואָס ציט זיך ווי אַ פֿעלד פֿאַרן וואָקזאַל, באַלאָדן
מיט פעק און מענטשן. קוים זיך אָפּגעשטעלט.
די פעק אַראָפּגעוואָרפֿן, אײַנגעמאָסטיעט [45] זיך אויף דר׳ערד.
דערווײַל הייבט־אָן דאָס קינד צו וויינען. חיה־ריווע בעט:
— גיי, זאַוול, ברענג אַ ביסל הייסע וואַסער!
ער נעמט דעם טשײַניק, וויל שוין גיין און כאַפּט זיך:
ער האָט קיין פּרוטה נישט. ער רופֿט זיך אָן צום טאַטן:
— איך דאַרף אַ ביסל געלט. נאָך בייז פֿון חיה־ריווען
צעליאַרעמט זיך דער אַלטער: — און וואָס נאָך וועסטו זיך צוטראַכטן?
דאָס קאָן שוין זאַוול נישט פֿאַרשווײַגן. זיך באַהאַלטן
אַ בײַטל אָנגעשטאָפּט מיט הונדערטערס אין בוזעם
און זשאַלעווען אַ ביסל וואַסער פֿאַר אַ פּיצל קינד...
צעשרײַט זיך זאַוול העכער נאָך: — וואָס איז, עס קומט מיר נישט?
כ׳האָב ווייניק אָנגעאַרבעט זיך בײַ דיר? גיב געלט!
די מאַמע שטעלט זיך אײַן: — וואָס טוט זיך מיט דיר, שלום?
וואָס מאַכסטו לײַטיש געלעכטער? גיב אים עפּעס געלט!
דאָ נעמט זיך אויך צום בוזעם חיה־ריווע, שלעפּט אַ טיכל

[45] אײַנגעלייגט (אין ענגשאַפט) געפונען אַן אָרט אין דערשטיקעניש.

און זאַוול שרײַט: — באַהאַלט, מען בעט דיך נישט!
ער גייט־אַוועק נאָך וואַסער און די אַלטע שטייט
און טענהט: — ביסט משוגע, מײַנע שונאים, אָדער וואָס?!
דער בחור האָט קיין חיי־שעה נישט אָנגעזען פֿון אַרבעטן;
קיין שטיקל מלבוש אויפֿן לײַב זיך נישט געמאַכט.
— איך האָב דאָך אים געצאָלט... — אוי, שלום, שלום!
אָט דאָ אָ שטייענדיק... און איין גאָט, דער דערבאַרעמדיקער, ווייס...
וואָס וועט נאָך זײַן מיט אונדז? — אַזוי צו האַנדלען מיט אַ קינד?
וואָלטסט בעסער מנחה דאַוונען... — ער ענטפֿערט נישט.
און זי פּאַקט־אויף אַ פּעקל, טיילט די קינדער ברויט
און זאָגט צו חיה־ריוועןְ: — זעץ דיך צו און טו אַ ביס עפּעס.
עס קאָן דאָך איבערגיין דאָס האַרץ אַזוי. — ווען זאַוול קומט,
איז שטיל. דער בחור איציק מיטן שוועסטערל אַוועק,
אַרומצוקריכן אין געדרענג. דער טאַטע אויך נישטאָ.
נאָר חיה־ריווע מיט דער מאַמען זיצןביידע, שאָקלען זיך
און ס׳פֿאַלט דער אָוונט צו אַריבער דעם פֿאַרשטיקטן רויש
פֿון שטיינערדיקן פֿעלד מיט מענטשן.

**שטערן** צינדן זיך.
מען שפּאַרט זיך אָן אויף פּעק, אויף בענק, אויף שעניקעס.
און שטילער ווערט, און טונקעלער. נאָר פֿון וואָקזאַל
די גרויסע לאָמפּן לײַכטן און עס כאַפּט אַ ציטער.
שטייט זאַוול און ער קוקט אויף אַלע טויזנטערס,
וואָס ליגן אָנגעוואָרפֿן דאָ און קיינער ווייסט נישט,
וווּהין ער גייט און וואָס וועט מאָרגן זײַן מיט אים.
און ס׳דאַכט זיך זאַוולען, אַז פֿון אַלע טויזנטערס
איז ער דער איינציקער, וואָס טראַכט נישט וועגן מאָרגן
און ס׳אַרט אים נישט קיין ווי און ווען. פֿאַרקערט:
פֿון פּלוצעמדיקן ריס אין האַרצן און דער פֿריקרער שווערקייט
פֿון אַלעמענס געוויין הייבט זיך אָן אַרויסשיילן

די לאַנג דערוואַרטע אויסלייזונג. און ס׳ווערט אים לײַכט:
מיט איין מאָל אָפּגעריסן אַלץ, וואָס איז געווען,
די נעכט און טעג, דעם וואַרשטאַט און די שטוב,
אַוועקגעוואָרפֿן הינטער זיך, אויף נישט צוריקנעמען...
און דאָס, וואָס מאָרגנדיקער טאָג איז רעטעניש און בלינד,
וועקט גאָר קיין מורא נישט, נאָר אַ דערוואַרטונג און אַ נײַגער,
און ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ דערויף... לאָקאָמאָטיוון פֿײַפֿן.
אויף יענער זײַט פֿון פֿאַרקאַן וועקסלען זיך די באַנען.
און ס׳קומט דער טאַטע אָן, פֿאַרטרויענדיק אַ סוד:
— קאָן זײַן, אַז מאָרגן וועט מען קריגן אַ וואַגאָן.
מען לייגט די קינדער ווי עס איז אַוועק. מען דעקט זיי אײַן.
און טאַטע־מאַמע שפּאַרן־אָן די קעפּ. די איינציקע איז חיה־ריווע,
וואָס לייגט זיך נישט און וואַרט אויף דער מינוט
צו קאָנען זאַוולען עפּעס זאָגן פֿאַר זײַן גוטסקייט... וואָס?...
ער ענטפֿערט קוים. די נאַכט איז צוגעפֿאַלן.
דאָס שטיינערדיקע פֿעלד ווערט אײַנגעוויגט אין מורמל.
נאָר ערגעץ וויינט אַ קינד. און ס׳פֿײַפֿן באַנען.
און ווו עס פֿאַלט דאָס אויג — אַלץ קופּעס שאָטנס,
אַרויף ביז צו דער בריק, וואָס הענגט איבער די רעלסן,
און אויף דער בריק אַליין, און אויפֿן וועג אויף יענער זײַט פֿון בריק,
דאָרט ווו מען זעט שוין גאָר נישט אין דער פֿינצטער —
דאָרט ליגן זיי אַוודאי אויך און האַלטן אין איין אָנקומען...
און אַלע ציִען זיך אַהער ביז צו די לאָמפּן פֿון וואָקזאַל...
און ווײַטער ווו? עס פֿײַפֿן באַנען אין דער ווײַט אַרײַן.
און אין דער נאַכט מיט דעם פֿאַרשלינגענדיקן הימל
און כוואַליקן געמורמל פֿון דער פֿינצטער ווילט זיך ווײַטער מאָלן,
אַז ווי מען זעט קיין אָנהייב נישט פֿון זיי אין נאַכט,
איז הינטן דאָרטן אויך קיין סוף נישטאָ... און אַלע דאָ,
וואָס ליגן אָנגעוואָרפֿן, ציִען זיך אַזוי פֿון ערגעץ נישט
אין ערגעץ נישט אַרײַן — מען גייט אַזוי און גאָר נישט.

ווער גייט? ער גייט. ער, זאַוול, און די אַלע דאָ מיט אים,
וואָס זײַנען אָנגעקומען פֿון דער נאַכט און דאַרפֿן גייז.
ווײַל וואָס? ווײַל גאָר נישט. איז דאָך אַ רחמנות אויף זיי אַלעמען.
וואָס דאַרף מען, אַז מען זאָל זיך שלעפּן אין דער נאַכט
אָן ציל און גלאַט אַזוי? קאָן זײַן, מען דאַרף עס נישט.
און טאָקע אַ רחמנות. אָבער ס'איז דאָך גוט. ס'איז נישט אַזוי
ווי אַלץ און אַלע. גאָר אַ נעם געטאָן זיך און מען גייט...
ס'איז שרעקיק, אָבער יום־טובֿדיק און ווײַט אַזוי.
קיין שטוב, קיין דאַך, קיין גערטל פֿאַרן פֿענצטער,
נאָר נאַכט און וועג און פֿיס. „די נאַכט, מײַן גרויסער פֿרײַנד"!
אַ קינדערשפּיל געווען. געגאַנגען צווישן ביימער
שפּאַצירן אויף אַ שעה מיט איר, ווי מיט אַ כּלה־מיידל
און איצטער איז ער אירער. גייט אין איר אומענדלעכקייט,
און אַלע גייען דאָ אַזוי. ווער נאָך קאָן אַזוי זאָגן?
אַ שטייגער ווער? זאָל קומען עמעצער פֿון גאָר דער וועלט
און זיך אַוועקשטעלן אין מיטן שטיינערדיקן פֿעלד אָט דאָ
און זאָגן: ער קאָן אויך אין נאַכט אין פֿינצטער גיין.
זיי קאָנען נישט. זיי האָבן הײַזער, בעטן, טירן,
זיי מוזן זיצן. אָבער ער קאָן גיין. יאָ, ער און אַלע דאָ.
ווײַל זיי זײַנען די גאָרנישט־האָבנדיקע. זיי זײַנען די גייערס.
און יענע — נישט.

ער זעצט זיך אַ דערהויבענער אַוועק
און חיה־ריווע פֿון איר פּעקל פּרוווט אים זאָגן עפּעס.
און ס'ווערט אים אַ רחמנות אויף דעם מענטשן דאָ,
וואָס וויים, נעבעך, פֿון גאָר נישט. און ער זאָגט צו איר:
— דו ווייסט? ס'איז גוט, וואָס אַלע גייען מיר אַזוי.
— וואָס מיינסטו? — פֿרעגט זי אַ צעמישטע. — גאָר נישט,
נאָר גלאַט אַזוי. — זי כאַפּט זיך פֿלינק אויף עפּעס,
וואָס טאָגט איר אויף, און זאָגט: — אַוודאי איז עס גוט.

**ס׳נעמט** גרויען און עס טרייסלט פֿון דער קילקייט.
מען הייבט זיך אויף. עס וואַקסט דער טומל.
און פֿון די קופּעס שאָטנס ווערט אַן אומרויִקע מחנה,
וואָס קריכט און ליאַרעמט. און זאַוול אויך קריכט אום,
טראָגט וואַסער, שלעפּט די פּעק און פּאָרעט זיך.
און, וואָס די נאַכט האָט אים געגעבן, בלײַבט.
אַרײַנגעפּאַקט מיט פֿופֿציק אַנדערע אין פֿיוואָגן,
וואָס שלאָגט אין נאָז מיט פֿערדמיסט, צעלייגט זיך
אויף פּעק און דיל. און ווען נאָך לאַנגע שעהען וואַרטן
האָט זיך אַ ריר געטאָן די באַן, און ס׳האָט דאָס קלאַפּן
פֿון רעדער זיך דערהערט — איז אויסגעקומען זאַוולען,
אַז ס׳האָט זיך יאָרן לאַנג אין אים געקליבן אַ דערוואַרטונג.
און איצטער, שטייענדיק אַן אָנגעלענטער בײַ דעם שטאַנג,
וואָס בײַ דעם טויער פֿון וואַגאָן, און הערנדיק
דאָס ריטמיש קלאַפּן אונטער זײַנע פֿיס, דערפֿילט ער,
אַז דאָס איז עס, נאָך וואָס ער האָט די אַלע יאָרן
געבענקט און נישט געוווּסט — און ס׳שפּרינגט דאָס האַרץ.
פֿאַרבײַ די הונדערטער וואַגאָנען אויף די רעלסן.
פֿאַרבײַ דאָס לעצטע וועכטער־הײַזל בײַ דער שטאָט.
אַ גרינקייט עפֿנט זיך מיט הײַזלעך, גערטנער,
מיטביימלעך איינצלנע און וועלדלעך שיטערע אין זון.
און זאָל עס הייסן פֿרייד, וואָס צאַפּלט זיך
אין שכנות דאָ פֿון מענער, ווײַבער, קינדער אײַנגעבראָכענע,
פֿון אומגליק אויף די פּעק און דיל פֿון פֿיוואָגן?
ניין, ס׳איז נישט פֿרייד, נאָר זעליקייט, וואָס האָט איר קוואַל
געעפֿנט מיט אַ מאָל און שפּריצט־אַרויס ווי פֿרייד.
ווײַל אין דער וואַכקייט פֿון דעם מידן קאָפּ קלינגט־אָפּ דאָס אומגליק
מיט יעדן קול און אויסגעשריי, נאָר אין די אויגן די פֿאַרשלאָפֿענע
שײַנט זון און גרינע ליכטיקייט, און בײדע ווערן איינס:
דאָס אומגליק און די זון. און ס׳דאַכט, אַז אַלע מאָל,

ווען ס׳האָט זיך בלינדערהייט געבענקט נאָך אָט דעם ווײַטן טאָג,
האָט זיך נאָך דעם געבענקט, עס זאָל וויטיק זײַן,
און טראָגן זאָל ער זיך אין ווײַטער ליכטיקייט אַרײַן,
און רעדער זאָלן קלאַפּן, און ס׳איבערגעפּולטע האַרץ
זאָל אין דעם גרינלעך בלויען ווײַטעניש אַרויסוויינען
מיט דעם געוויין פון קליינע קינדער אין די אויערן...
אַזוי אָ דאַרף עס זײַן: קליפּ־קלאַפּ, די רעדער — קלאַפּ...
דאָרט ערגעץ, הינטער בלויען וואַלד, איז דאָ אַ שטעטל
און אין דעם שטעטל איז אַ פּעטער דאָ, וואָס האָט אַמאָל
אַ נאַכט בײַ זיי גענעכטיקט אין דער היים. נישט אמת!
נישטאָ קיין שטעטל און קיין פּעטער נישט, נאָר וואַלד
מיט הויכע סאָסנעס און אַ טונקלקייט אין טיפן גרין,
און לויפנדיקע ביימלעך זײַנען אַזוי הויך און דין,
און וויגן זיך אין זון און גרין. פאַר וואָס זאָל דען אַ מענטש
נישט קאָנען וויינען, אָט אַזוי די טרערן לאָזן גיין?
און אַז דער וואַלד פאַרמײַדט און גרויסע בלויע ליכטיקייט
פאַרפּלייצט דאָס אויג, און דאָס געוויין בלײַבט שטיין פאַרבלענדט,
פּראַלט־אויף אַ קוואַל פון ווערטער, נישט גערעדטע, אומגעווײנטלעכע,
און איינס פאַרפּלאָנטערט זיך אין קלאַפּן פון די רעדער
און קלאַפּט זיך מיט כסדר: היילּיק־ליק, היילּיק־ליק, היילּיק־ליק...
ער כאַפּט עס אונטער, זאַוול, ווי אַ נס, ווי אַן אַנטפּלעקונג
פון אָט דער נאַכט און טאָג, וואָס זײַנען פול מיט וווּנדער,
און נאָכזאָגנדיק עס אין טאַקט פון קלאַפּן, פּילט ער,
ווי וווּנדערלעך עס איז. ווי אַלץ איז אין דעם וואָרט:
פאַרלוירנקייט און בענקשאַפט, שרעק און אויסלייזונג,
און אומגליק אין דער זוניקער אומענדלעכקייט, און שטאָלץ
פון עלנט, און דאָס פּלאַטערן פון האַרץ, וואָס גיסט זיך איבער
מיט אַלעם דעם — אַ וואָרט, אַליין שוין אַ דערלייזונג,
אַליין — אַ וווּנדערלעכע היילונג פאַר אַן אויסגעוויטיקט האַרץ.
און ס׳קלאַפּן־צו די רעדער: היילּיק־ליק, היילּיק־ליק, היילּיק־ליק...

# 9

עס האָבן אַלע שוין גערעדט דערפֿון: דער טאַטע מיט דער מאַמען,
די מומע מיטן פֿעטער און אַפֿילו איציק האָט געוווּסט,
אַז ס׳וועט אין גיכן זײַן אַ חתונה בײַ זאַוולען.
דער איינציקער, פֿון וועמען מ׳האָט עס נאָך בסוד געהאַלטן,
איז ער אַליין געווען. און אָפּגעהיט האָט עס פֿון אים
די מאַמע, נעבעך, וואָס האָט קוים זיך אײַנגעבעטן
בײַ אַלעמען, בײַ זיי, מען זאָל דעם זון אירן צו רו לאָזן
און זי וועט אַלץ שוין פּועלן. וואָס דען האָט זי געזאָלט,
אַז פֿון דעם ערשטן טריט, וואָס מ׳האָט געטאָן
אין אָט דער בלאָטע דאָ — זאָל גאָט נישט שטראָפֿן פֿאַר די רייד —
האָט יעדערער זיך אָנגעזעצט און ס׳איז קיין סוף נישטאָ?
ווי נאָר די פֿור מיט זאַכן האָט זיך אָפּגעשטעלט
בײַם פֿעטערס קרעמל און די מומע, אַ פֿאַרמעליקטע,
איז צוגעקומען און דערזען, ווי זאַוול פֿאָרעט זיך
מיט חיה־ריוועס קינד, האָט זי עס צוגעכאַפּט בײַ אים
און אויסגערופֿן: — דאָס איז דאָך דײַן שנור אַוודאי, ראַשע!
אַ ווײַבל, קיין עין־הרע, אַ פֿאַרשוין... ווי רופֿט מען זי?
דערנאָך, שוין הינטער זאַוולס אויגן, האָט די מאַמע
געמוזט דער מומען אויסדערציילן וואָס און ווער,
און דעמאָלט ערשט האָט זיך עס אָנגעהויבן: — ס׳טײַטש?
אַ בחור אין די דרײַסיקער און זי ערשט אַן אַלמנה —
וואָס איז דען דאָ צו ריידן? האָט דער טאַטע צוגעברומט:
— דאָס טענה איך פֿון לאַנג. און זאַוולס פֿעטער יאַנקל,
וואָס איז געווען יינגער פֿון זײַן טאַטן, אָבער גרויער
און עלטער אויסגעזען, האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַ בחור אַ בן שלושים! טאַקע, ווי געשיקט זיך עס?
געווינט האָט מען דערווײַל בײַם פֿעטער אין אַ שטאַל,
וואָס איז געווען אָנגעלייגט מיט האָלץ און שעטשקע [46],
מיט פֿעלכלעך, לײַוונט, ווילאַקעס און כל המינים זאַכן,
וואָס פֿלעגן דורך זײַן האַנט זיך דורכוואַרפֿן פֿון דאָרף אין שטעטל.
אַ ווינקל פֿון דער שטאַל איז אויפֿגערוימט געוואָרן,
צו שלאָפֿן פֿאַר די מאַנסבילן. דער מאַמען האָט מען אויפֿגעשטעלט
אַ טאַפּטשאַן[47] אין דער קיך, פֿאַר איר און ביילקען. און פֿאַר חיה־ריוועןּ
איז פּלאַץ געמאַכט געוואָרן אין שפּיזשאַרקע [48] מיט די כּלים
און זעקלעך גרויפּן, זאַלץ און מעל פֿון קרעמל. תּחילת,
ווען ס'האָט דער מומען אויסגעזען, אַז מאָרגן, איבער מאָרגן
ווערט גלײַך געשטעלט אַ חופּה, איז דאָס ווײַבל ווי עס איז
נאָך דורכגעקומען מיט איר טעפּעלע געקעכטס בײַם אויוון.
דערנאָך אָבער, ווען ס'איז אַוועק אַ וואָך און צוויי,
און ס'האָט דער שידוך נישט געקלעפּט זיך, האָט די מומע
גענומען קרימען זיך. דערווײַל האָט זיך פּאַמעלעך
דאָס טיכעלע פֿון בוזעם אויסגענומען. נישט געווען מער
פֿאַר וואָס אַ ביסל גרײַפּלעך קויפֿן פֿאַרן קינד.
און ווו זאָל זי זיך הינטאָן מיט אַ פּיצלס אויף די הענט?
נאָר דאָ האָט זאַוול מיטן טאַטן אַרבעט אויפֿגעזוכט —
די שטעפּמאַשין, וואָס מירקין האָט געהאַט אַרײַנגעשטעלט,
האָט צוגעהאָלפֿן — און חיה־ריווע האָט זיך שטיל און וויינענדיק
פֿאַר זאַוולען אויסגערעדט. געגעבן איין מאָל, און דערנאָך
זיך צוגעווינט פֿון זײַנע וואָכערס [49] אויסצוטיילן איר,
און זי האָט ווי אַ שטילער הונט אים נאָכגעשפּירט די טריט
און אָפּגעהיט דעם שטויב פֿון אים. האָט דאָס נאָך מער
געברענט דעם טאַטן, וואָס האָט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן

---

[46] צוגעשניטן שטרוי. — [47] שלאָפֿבאַנק. — [48] שפּײַזקעמערל. — [49] וואָכנלוין.

די אַרבעט אין דער פֿרעמד און די באַליידיקונג
פֿון קריגן גלײַכע וואָכערס מיטן זון. האָט ער געברומט
דער מאַמען אין די אויערן: — סײַ ווי גיט ער דאָך איר
די וואָכערס אָפּ, טאָ זאָל ער שוין צום שוואַרצן יאָר
אַ חופּה שטעלן און אַ סוף! די מאַמע האָט געפּרוווט
נאָך ענטפֿערן: — דײַנס גיט ער נישט? נאָר זי האָט שוין געפֿילט,
אַז לאַנג וועט עס נישט האַלטן: באַלד האָט זאַוול אויך
דערהערט דעם טאַטנס קול. דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט,
ווען מ׳האָט פֿון פֿעטער זיך אַרײַנגעקליבן פֿאַר זיך אין אַ קאַמער
און זיך געדאַרפֿט צעלייגן: ווײַבער אין די בעטן
און מאַנסבילן אויף דר׳ערד. דער אַלטער האָט אַ קוק געטאָן
און אויסגעשריגן אויפֿן קול: — אַ סוף זאָל מיר דאָ ווערן!
די מאַמע האָט גענומען בײַסן זיך די פֿינגער. חיה־ריווע
האָט אויסגעשאָסן אַ געוויין. און זאַוול האָט זי בייז
אַ שלעפּ געטאָן בײַם אָרעם און געזאָגט: — קום, לאָמיר גיין
פֿון דאַנען!

די מאַמע אָבער האָט זיי ביידן אָנגעכאַפּט און וויינענדיק
גענומען שווערן בײַ איר לעבן, אַז ס׳וועט קיינער דאָ
די שוועל נישט איבערטרעטן. און אַפֿילו זאַוול האָט זיך
דערשראָקן פֿאַר די שבֿועה און איז אָפּגעטראָטן.
אַוועק אַ טאָג און צוויי, און מ׳האָט געבראַכט די בשׂורה,
אַז ס׳איז די היים, די שטאָט, אַוועק אין רויך און פֿײַער,
און ס׳איז קיין ציגל אויף אַ ציגל נישט געבליבן. ווי אַבֿלים
האָט מען זיך אומגעשלעפּט. און ס׳האָט די מאַמע שוין אַליין
דורך טרערן אָנגעהויבן אײַנריידן דעם טאַטן: — זאָל מען נאָר
אַ קאַמער אויפֿזוכן פֿאַר זיי — און אַלץ וועט גוט ווערן.

**און** זאַוול וואָס? ביז וואַנען ס׳איז געקומען צו דעם שמועס,
איז אים שוין גאָר אַלץ איינס געווען. די ערשטע טעג
אין פֿרעמדן שטעטל האָט דער נאָכקלאַנג פֿונעם וועג

פֿאַרשטאָפּט די אויערן פֿאַר אַלץ אַרום. און ס'האָט די פֿרעמדקייט
אַליין אים אָפּגעצאַמט פֿון זיך. דערנאָך, ווען הײַזער, גאַסן
און פּנימער פֿון מענטשן זײַנען שוין געוואָרן קענטלעך,
איז אָנגעקומען בענקעניש, אַ בענקעניש אַהיים. עס האָט געלעבט
דאָס ווײַסע הויז מיט מענטשן, שמייכלען און באַוועגונגען.
און נאָר דאָס וויסן, אַז ס'איז קיינער דאָרט נישטאָ,
און ס'שטייט דאָס הויז מיט צוגעקלאַפּטע טיר און פֿענצטערס,
האָט נישט געקאָנט פֿאַרטיליקן דאָס דאַכטעניש פֿון רו,
פֿון ווײַטן ליבן יום־טובֿ. ווען האָט ער דאָ
און וואָס גייט אים דאָ אָן? וויל חיה־ריווע געלט — נאָ, נעם!
דער טאַטע בייזערט זיך: — וואָס וויל ער דען, דער טאַטע?
מען רעדט עפּעס, מען סודעט זיך: — וואָס אַרט עס אים?
נאָר אָט קומט־אָן אַ שׂריפֿה — פֿאָרטן פֿול מיט פּולווער
צעשיסן זיך מיט פֿלאַמען איבער גאָר דער שטאָט,
און אין דעם רויך און פֿײַער ווערט דאָס דאַכטעניש פֿאַרשלונגען.
בלויז הורבעס[50] שוואַרצע ציגל אָנגעוואָרפֿן און די ברעטער,
מיט וועלכע מ'האָט פֿאַרקלאַפּט די טיר און פֿענצטערס,
אויף קויל פֿאַרברענט — נישטאָ מער גאָר נישט, און די מענטשן —
זיי וועלן נישט צוריקקומען שוין קיין מאָל, קיין מאָל נישט.
נאָך וואָס צוריקגיין און וווּהין וועט ער שוין גיין?
אַ יתום אין דער נאַכט. אַרויסגעוואָרפֿן אין דער פֿינצטער
אַליין דעם עלנט פֿון דעם וויסטן וואָגלעניש צו טראָגן
פֿון ערגעץ נישט אין ערגעץ נישט. איז וואָס דער חילוק?
און אַז מען שטייט־אויף אין דער פֿרי דערנאָך, און אויף די גאַסן
שפּאַצירן־אום די פֿרעמדע זעלנערס שטיל אַזוי, אָן טומל,
אַרײַנגעקומען איבער נאַכט — פֿאַרשווינדט די לעצטע טרייסט,
וואָס האָט זיך נאָך געטוליעט אין באַהעלטעניש.
דאָרט, ערגעץ, איז אַ גרענעץ דאָ, אַ זעלנערוואַך מיט ביקסן.

---

[50] בערגלעך פֿון בראָכוואַרג.

אויף יענער זײַט איז אַלץ, וואָס איז געווען ליב,
אַוועק און אָפּגעשניטן ווי אַן אַנדער וועלט. און דאָ
איז פּרעמדקייט בלויז, און עלנט. ס׳קומען טעג פֿון גאָר נישט טאָן.
מען דרייט זיך שלינג־און־שלאַנג אַרום און פֿון דעם אומעט
ווערט שוואַרצער יעדער כּעס. און ס׳איז די לופֿט אין שטוב
מיט שטומער רוגזה אָנגעפֿולט. און אַז עס העלפֿט שוין גאָט,
דער טאַטע מיטן פֿעטער יאַנקל נעמען אונטערהאַנדלען,
דער בחור איציק מיט דער מומעס מיידל נעמען גיין
פֿאַרקויפֿן נאַשוואַרג פֿונעם קרעמל צו די זעלנערס,
און זאַוול, נאָך דעם ווי ר׳האָט אָנגעגראָבן גריבער פֿאַר די זעלנערס,
זוכט־אויף אַ ביסל אַרבעט — איז ער שוין אַליין צופֿרידן
זיך אָפּצוטראָגן ערגעץ ווו. און דאַן גערעט דער מאַמען
אַ קאַמער אויפֿן אויג צו כאַפּן. און אַן אָוונט, איין מאָל,
ווערט לײדיק מיט אַ מאָל אין שטוב. ווי אָפּגערעדט זיך.
און אַז זי נעמט אין פֿעטערס נאָמען, אין דער מומעס נאָמען,
און דאַן פֿון זיך אַליין שוין אויסלייגן דעם פּלאַן, און קוקט,
ווי זאַוולס פּנים ענטפֿערט אויף די רייד — דערזעט זי נישט
קיין כּעס, קיין בייזקייט און קיין ווונדער נישט אַפֿילו. גאָר נישט.
דערציילט זי ווײַטער פֿון דער קאַמער, וואָס זי האָט געזען,
און אַז מען קאָן פֿאַר ביליק אײַנקויפֿן אַ ביסל מעבל.
און ער — ער זיצט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, און פֿרעגט:
— איז ווען זשע, מײַנסטו, קאָן מען זיך אַרײַנקלײַבן אַהין?
— וואָס הייסט? מען וועט אי״ה אַ חופּה שטעלן,
דערנאָך איז... ווען דו ווילסט. — ער ענטפֿערט נישט און לאָזט־אַראָפּ
דעם קאָפּ נאָך נידעריקער: דאָס האָט זי געקאָנט
אין גאַנצן נישט דערמאָנען; נישט באַדאַרפֿט דערמאָנען דאָס.
ווען נישט די מאַמע רעדט עס, וואָלט ער איר געענטפֿערט,
אַז ער איז גרייט איר, חיה־ריווען, אָפּגעבן די וואָכערס
און זאָל זי דאָרט געזונטערהייט זיך ווינגען מיטן קינד.
אַליין וועט ער שוין שלאָפֿן ווו עס איז. די מאַמע אָבער רעדט.

און אַז זי זאָגט: — מען קאָן נאָך שבת, אין אַ גוטער שעה,
די חופּה שטעלן... — ענטפֿערט ער איר גאָר נישט.

**עס** האָבן קיין קלעזמאָרים נישט געשפּילט אויף זאַוולס חתונה.
ס׳האָט קיינער נישט געטאַנצט. דערפֿאַר האָבן די מאַמע מיט דער כּלה
געוויינט איינס אויפֿן צווייטן קוקנדיק. און נאָך אַ שטילער חופּה,
און שטילער וועטשערע בײַם פּעטערס טיש, האָט חיה־ריווע
גענומען אויף דער האַנט איר קינד, אַ שלאָפֿנדיקס,
און מיט דעם מאַן פֿון איין זײַט, מיט דער שוויגער פֿון דער אַנדערער,
געלאָזט זיך גיין צום קליינעם קאַמערל אין הינטערגעסל.
בײַ דער שוועל איז זי געפֿאַלן אויפֿן האַלדז דער שוויגער־מומען
און דאַן, צום ערשטן מאָל אין לעבן, איז די מאַמע צוגעפֿאַלן
צום זון אירן, געקושט אים און געהאַלדזט אַ וויינענדיקע,
און זאַוולען איז נישט גוט געוואָרן פֿון אַזוי פֿיל קושן,
און ער האָט זיך געשטאַרקט, צוריקגעקושט די מאַמע,
און פֿילנדיק דעם זאַלץ פֿון טרערן אויף איר פּנים,
דערפֿילט, אַז דאָס האָט ער פֿאַר איר געטאָן, פֿאַר איר,
דער קליינער מאַמען. מיט די טרערן צווישן קנייטשן.
אין קליינעם קאַמער האָט געברענט אַ לעמפּל, צוגעקלאַפּט
בײַם פֿענצטער מיטן ווײַסן פֿאָרהענגל — האָט ער זיך אומגעקוקט,
דערזען דאָס טישל לעבן פֿענצטער, צווישן בעט און סאָפֿקע,
אַ בענקל און אַ שטול, און זיך אַוועקגעזעצט. געקוקט,
ווי חיה־ריווע דעקט דאָס קינד אײַן אויף דער סאָפֿקע,
און ס׳האָט דאָס האַרץ אין קלאַפּעניש געוואַרט. שוין אײַנגעדעקט,
שוין אײַנגעשלעפֿערט, און זי זיצט נאָך אויף דער סאָפֿקע,
און אירע אויגן מײַדן־אויס אַ קוק צו טאָן אויף אים.
דאַן גליטשט זי זיך אַרונטער אויף די קני פֿאַר אים,
כאַפּט־אָן די הענט זײַנע, די גראָבע רימערישע הענט,
און קושט זיי, כליפּענדיק און ריידנדיק דורך טרערן:
— איך וועל דײַן גוטסקייט ביזן קבֿר נישט פֿאַרגעסן.

כ׳וועל זײַן אַ דינסט בײַ דיר. איך וועל דיר ווי אַ הונט
געטרײַ זײַן, מעגסט אַפֿילו שינדן פּאַסן פֿון מײַן לײַב,
הערסט, זאַוול, טײַערע נשמה, מלאך מײַנער!
עס ווערט אים גל׳ענדיק אין האַרץ. נאָך פֿײַכטן זיך
דער מאַמעס קושן אויף די באַקן — און ערשט דאָ אויך זי,
די חיה־ריווע מיט אַזעלכע רייד אין ליפּן. צאַפּלט ער
און גלעט זי אויף די שולטערן און בעט: — מען דאַרף נישט.
שטיי־אויף, מען דאַרף נישט! — ווערט זי אײַנגעשטילט,
פֿאַרגראָבט איר קאָפּ אין זײַנע קני און כליפּעט.
זיך אויסגעכליפּעט, אויסגעווישט די אויגן, אויפֿגעשטאַנען
און נעמט דאָס בעט מאַכן. עס שאָרכט דאָס בעטגעוואַנט,
עס שלאָגט אין נאָז דער ריח פֿון די וועש — און ס׳ווערט אים קאַלט.
און זי גייט־צו, פֿאַרדרייט דאָס לעמפּל — און ער הערט
דאָס רוישן פֿון איר קלייד. זיך אויסגעטאָן, געלייגט,
און זאַוול זיצט אַן אומבאַוועגלעכער אין פֿינצטער און דאָס האַרץ
גייט־אויף און ־אָפּ. אַ ווײַל און נאָך איינע.
מינוטן גייען און ס׳איז שטיל. און נאָר איר אָטעם הערט זיך,
און נישט קיין ריר פֿון איר. דאַן זאָגט זי ציטערדיק:
— וואָס גייסטו זיך נישט לייגן, זאַוול? אין דער פֿינצטער
איז אײַנגעשטיקט און פֿרעמד איר קול. ער ענטפֿערט:
— ס׳ווילט זיך מיר ניט שלאָפֿן... ביסט דאָך מיד, אַוודאי,
גיי, לייג זיך. — ווידער שטיל. ער ענטפֿערט נישט.
— וועסט דאָך ניט זיצן אויפֿן בענקל דאָ אַ גאַנצע נאַכט.
ער אָטעמט־אָפּ, מאַכט־צו די אויגן אין דער פֿינצטער און ער זאָגט:
— נעם־צו דאָס קינד צו זיך אין בעט אַרײַן... —.וואָס מיינסטו?
איר קול איז שטיל דערשטוינט. אַ ווײַל פֿון מאַטערניש
און קוים אַרויסגערעדט: — כ׳וועל שלאָפֿן אויף דער סאָפּקע.
מער זאָגט זי גאָר נישט. ליגט אַזוי און אָטעמט,
ווי איבערקומענדיק דעם קלאַפּ. דערנאָך קריכט זי אַרויס,
נעמט־צו דאָס קינד און בעט זיך אונטערטעניק:

— וואַרט־אויס. איך וועל דיר אויסבעטן. — מען דאַרף נישט.
כ׳וועל אַזוי זיך צולענען. — אין אָנטאָן לייגט ער זיך
און הערט דערנאָך דאָס כליפּען פֿונעם בעט אַרויס
און ס׳טוט אים באַנג איר אומבאַהאָלפֿנקייט און צער.
און ערשט ווען ס׳טאָגט שוין דורך די לאָדן, קאָן ער אײַנדרימלען,
און הערט פֿון דרימל ווי זי טוט זיך אָן, אַ נישט־געשלאָפֿענע,
און ס׳טוט אים באַנג אין דרימל.
הייבט זיך אויף דערנאָך.
עס קומען אָפּגעבן אַ מזל־טובֿ די לײַט פֿון שטוב
און ער מיט חיה־ריווען מײַדן זיך די בליקן אויס אַ גאַנצן טאָג.
בײַ נאַכט נעמט זי דאָס קינד אין בעט, אַזוי אויף מאָרגן אויך.
נאָר פֿרײַטיק אָוונט, ווען זי גרייט צום טיש, פֿילט זאַוול,
אַז זי איז אַ שבתדיקע, קלײַבט זיך עפּעס ריידן
און קאָן נישט אָנהייבן. בײַ יעדן ביסן קוקט זי אים אין מויל.
און אַז דער טיש ווערט אויפֿגערוימט, און בײדע זיצן שווײַגנדיק,
ווערט זאַוולען שווער. ער הייבט זיך אויף און זאָגט:
— איך וועל זיך דורכגיין אויף אַ ווײַל. — אַוודאי, גיי זיך דורך.
ער קומט־צוריק: — איז שוין דאָס קינד אין בעט און שלאָפֿט?
זי טראָגט אים צו אַן אָפּגעשיילטן עפּל אויף אַ טעלערל.
און אַז ער זיצט און גלאָצט דערויף, רוקט זי זיך צו
און פֿרעגט אַזוי פֿון העלער הויט: — פֿאַר וואָס?
ער קוקט זי אָן צעמישט און ווערט ווי אײַנגעשרומפּן.
— צי בין איך אַזאַ מיאוסקייט, אַ קאַליקע, חלילה?
פֿאַר וואָס? — איך ווייס נישט, חיה־ריווע, אמת, כ׳ווייס נישט...
— וואָס דען? דו האָסט מיך אַזוי פֿײַנט? איך בין דאָך נישט די ערגסטע.
— ווער זאָגט דיר דען? — איז וואָס זשע דען? כ׳ווייס, אפֿשר...
אַ מאָל נישט גוט געטאָן... צי נישט געדאַרפֿט אין גאַנצן
גאָר חתונה צו האָבן. האָסט דאָך אַפֿילו אין מײַן זײַט
אַ קוק טאָן נישט געוואָלט. מיך פֿײַנט געהאַט אַזוי...
ער האָט נישט וואָס צו ענטפֿערן. — הער, זאַוול,

איך ווייס. איך וויל גאָר נישט, דו זאָלסט מיך ליב האָבן.
נאָר לאָז מיר זײַן דײַן ווײַב. אָט זאָל איך שטאַרבן דאָ,
אויב דו וועסט הערן ווען אַ קרומעז, אַ קרומען וואָרט פֿון מיר, צי זען
אַ קרומע מינע. מעגסט מיך טרעטן מיט די פֿיס אַפֿילו.
דו גלייבסט מיר, זאַוול? — אַוודאי, נאָר מען דאַרף נישט;
מען דאַרף נישט, חיה־ריווע. — זאָג פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס?
— איך ווייס נישט, נאָר אַזוי איז בעסער. בעסער אָט אַזוי.
זי פֿילט זײַן אָפּגעהאַקטן אָטעם, הערט זײַן האַרץ,
וואָס שלאָגט מיט אימפּעט, און מיט בלינדן חיהשן אינסטינקט
דערשפּירט זי, אַז דאָס האַרץ איז אמתדיקער פֿון די רייד,
און הייבט זיך אויף און עסט זיך אײַן מיט ליפּן אין זײַן פּנים
און קושט. פֿון אומגעריכטקייט ווערט ער ווי געפּענטעט.
נאָר באַלד געפֿינט ער זיך, שפּאַרט־אָן די שווערע הענט
אויף אירע אַקסלען און פּאַמעלעך, פֿאָרזיכטיק, נאָר שווער
צענעמט ער אירע אָרעמס, שטופּט זי אָפּ פֿון זיך,
און סאַפּענדיק, נאָר מיט דער זעלבער גוטסקייט אויפֿן פּנים,
אַ שטילער, בעט ער זיך: — מען דאַרף נישט, חיה־ריווע.
זי גיט זיך אונטער. נאָר די אויגן אירע קוקן שוין
מיט בייזע פֿײַערלעך. אַן אויסגעגלײַכטע, שטײַפֿע טרעט זי אָפּ.
ער האָט חרטה. יאָ, חרטה און פֿאַרדראָס אויף דער חרטה.
און שווײַגנדיקע דרייט מען זיך אויף די געלעגערס
און שווער די אויגן אויפֿהייבן אויף מאָרגן. נאָך אַ טאָג אַזוי.
ער האָט פֿאַרדראָס אויף דעם, וואָס אים טוט באַנג
און דאָך וואָלט זיך עס וועלן גוט מאַכן. זי שווײַגט אָבער,
און שוין.
און נאָך אַ נאַכט. האַלב דרימלענדיק אויפֿן געלעגער
דערפֿילט ער אָרעמס נאַקעטע. און, איידער נאָך
ער קאָן די אויגן עפֿענען, איז אים דאָס מויל פֿאַרמאַכט
פֿון פֿרעמדן אָטעם. און די הענט, וואָס רײַסן זיך
דאָס פֿרעמדע אָפּצושטויסן, טרעפֿן־אָן אויף הייסן לײַב

אין דינעם וועב. און, שטאָט עס אָפּצושטויסן פֿון זיך,
בײַסט ער זיך אײַן אַליין אין אירע ליפּן און, זיך יאָגנדיק
נאָך איר, פֿון סאָפּקע גליטשט ער זיך אַראָפּ און פֿאַלט,
און הערט ווי ס׳קלאַפּט זיך אָן איר קאָפּ אין דיל
און רײַסט דאָס לײַב פֿון איר מיט ציין און נעגל.
זי פּרוּווט זיך ראַנגלען אַ צעשראָקענע פֿון ווייטיק,
נאָר מיט זײַן ווילדקייט וועקט זיך באַלד אין איר
די קלוגשאַפֿט פֿון דער „זי“ און אַ געפּײַניקטע, שטיל, זוכט זי
אַרויסצונאַרן אים פֿון ווילדקייט. אָבער ווילדער נאָך
צערעוועט זיך אין אים די בלינדע לעכצעניש.
ער פּײַניקט זי, ווי ס׳פּײַניקט עס געפֿאַנגענע אַ חיה,
וואָס קאָן נישט אײַנשלינגען און דאָך נישט אײַנשטילן אין זיך
דעם דאָרשט נאָך בלוט. און, ווען זי ראַטעוועט זיך אָפּ
קוים לעבעדיק פֿון זײַנע הענט, איז זי דאָך נישט זײַן ווײַב.
אויף מאָרגן ווילט זיך אים באַגראָבן זיך, אַנטלויפֿן
פֿון עקל און פֿון כּעס אויף זיך און אויף דעם אומגליק,
דעם אויסגעלעכצטן, אומפֿאַרמײַדלעכן און עקלדיקן אומגליק.
און חיה־ריווע טראָגט די ברוין־און־בלויע צייכנס אויפֿן לײַב,
און דרייט זיך אויף די שפּיצן פֿינגער אַרום אים.
און זי איז שטיל, מיט שטילקייט פֿון דעם זיכערן. זי וואַרט.
אַפֿילו ווען די אויגן זײַנע פֿאָלגן־נאָך איר טריט,
אַפֿילו ווען זי הערט זײַן אָטעם פֿון געלעגער — זאָגט איר עפּעס אונטער,
אַז ס׳איז נאָך צײַט. און זי איז גוט אַזוי און מילד,
און היט זיך אָפּ אַפֿילו מיט אַ פֿינגער אָנצורירן אים —
אַן אונטערטעניק און שטיל ווײַב איז חיה־ריווע
און ווייס דעם ווילן פֿון איר מאַן צו שאַצן. טעג אַזוי.
ביז איין מאָל וועקט זי זיך ווי פֿון אַן אָנזאָג. און פֿאַרגנבֿעט
גענענט זי צו איר מאַן און ווערט זײַן ווײַב.
איצט לײַכט איר פּנים פֿון דער זעליקייט צו אים
און ס׳זינגען אירע קני בײַ יעדן בויגיקן און לײַכטן טראָט.

אַוודאי פֿילט זי, אַז נישט אַלץ מיט אים איז רעכט.
און ווען ער זיצט אין אָוונט נאָכן עסן און עס ציט
אַ צערטלעכקייט צו אים, און ער באַהאַלט די אויגן
און בלאָזט זיך ווי אַ ברוגזער — אַוודאי טוט עס וויי.
אויך יענער, דער געשטאָרבענער, איז בלויז אַ מאַן געווען
און ווײַטער גאָר נישט, אָבער דאָרט איז עס געווען רעכט
און ס׳האָט נישט וויי געטאָן. דאָ שרעקט עס און עס דאַכט,
אַז וואָס זי זעט פֿון אים איז בלויז אַ קעמערל אַ קליינס,
באַלויכטן אין אַ גרויסער, פֿינצטערער און פֿרעמדער שטוב
און ס׳איז אַ מורא פֿאַרן פֿינצטער. בײַסט זי אײַן די ליפּן
און שווײַגט. ער וועט זיך צוגעוויינען. מיט איר לײַב וועט זי
די פֿרעמדקייט ביסלעכווײַז פֿאַרטרײַבן און דערנאָך —
דערנאָך וועט זי שוין וויסן ווי זיך אומצוגיין מיט אים.
נעמט זי זיך אָן מיט מוט אַ מאָל בײַ נאַכט און פֿרעגט:
— וואָס טראַכטסטו, זאַוול? — גאָר נישט — ענטפֿערט ער.
— איך מיין, וואָס גייסטו אַלע מאָל אַרום און טראַכטסט?
אין פֿינצטער פֿילט זי, אַז עס איז אים קשה
דאָס פֿרעגן אירס. — און אַז ער ענטפֿערט ווײַטער נישט,
פֿאַרגנבֿעט זי זיך שטילער: — איך בין דאָך דײַן ווײַב.
כ׳מעג וויסן אַלץ בײַ דיר. דו דאַרפֿסט זיך נישט באַהאַלטן.
— כ׳באַהאַלט נישט גאָרנישט. — ברוגזדיק אַרויסגעברומט
און גלײַך דערפֿילט זיך שולדיק און מיט שווערע פֿינגער
באַרירט ער אירע האָר און סאַפּעט. גוט אַזוי.
זי איז צופֿרידן, חיה־ריווע. ס׳איז גענוג פֿאַר איין מאָל.
און אַז זי קוקט אויף אים מיט מילדקייט, דאַכט זיך איר,
אַז זי איז נישט די איינציקע: אַזוי די מאַמע זײַנע,
אַזוי די מומע, די פֿאַרהאַוועטע, אַזוי אַליין דער טאַטע
קוקט אויך, דאַכט זיך, מיט מילדערע און גוטע אויגן אויפֿן זון.
און אפֿשר איז עס וואָר, ווײַל זאַוול פֿילט זיך ענג
און שעמט זיך, ווען זי קומט, ווי מען וואָלט אים אויסגעטאָן אַ נאַקעטן.

אַ חודש, צוויי און דרײַ חדשים — גוט איז חיה־ריווען.
זי ווערט אויך צו דעם שווײַגן פֿון איר מאַן געוווינט
און טראַכט: מסתּמא איז ער שוין אַזאַ. פֿאַרפֿאַלן.
נאָר עפּעס פֿעלט איר דאָך. אַפֿילו יענער האָט געוווּסט,
ווי אַנדערש אומצוגיין מיט איר. דער — גאָר נישט.
פֿאַרקערט. עס נעמט איר אויסווײַזן, אַז זינט די מאַמע
האָט אָנגעהויבן אָפּטער קומען און אַרומפּאַדען
איז ער געוואָרן ערגער נאָך. ווי ס'וואָלט אים מיט אַ מאָל
אַ בענקעניש געלייגט זיך אויפֿן האַרץ. פֿאַר וואָס?
אַזוי איז, דאַכט זיך, גאָר נישט. ווייך און גוט ווי פֿריִער.
נאָר ווען עס נעמט זי נאָגן און עס ווילט זיך הערן כאָטש
אַ האַרציק וואָרט פֿון אים — איז זיצט ער ווי אַ ליימענער.
זי וואָלט זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ פֿאַר עמעצן,
איז וואָס וועט זי דערציילן? אַז ער קושט זי נישט?
ס'איז דאָך אַ חרפּה פֿאַרן מויל צו ברענגען! טרייסט זי זיך:
נישקשה, זאָל ער נאָר דערזען, וועט ער שוין בעסער ווערן.
נאָר בעסער ווערט ער נישט. אים הייבט זיך אָן צו גלוסטן
שפּאַצירן גיין נאָך דער וועטשערע — וואָס פֿאַר אַ שפּאַציר דאָ?
און ווערט אויף גאַנצע אָוונטן פֿאַרשווונדן. ווו אַזוי?
און איין מאָל קומט ער מיט אַ ביכל, גראָבט זיך אײַן
און מאָרגן זיצט ער אָפּ אַזוי אַ גאַנצן אָוונט.
גנבֿעט זי זיך צו, ווען ער איז בײַ דער אַרבעט,
און קוקט־אַרײַן אין די געדיכט געפּינטלטע און פֿרעמדע שורות,
און צינדט זיך אָן: — דו זע נאָר, ווי דאָס מאַכט אַן אָנשטעל!
פֿאַרשטייט דאָ פּונקט אַזויפֿיל ווי מײַן לינקע פּיאַטע,
און זיצט און שוויצט! דערמאָנט זיך חיה־ריווע מיט אַ מאָל
דאָס לערנען, זאַוולס, בײַ דער גבֿירטעס טאָכטער, און די בעקאַ,
און רוקט דאָס בוך אַוועק מיט האַס. עס קומט נאָך וועטשערע
און נאָך אַ מאָל דאָס זעלבע — גראָבט דעם קאָפּ אַרײַן אין בוך,
און אויס, פֿאַרשווונדן זאַוול. קוקט זי פֿון דער זײַט,

נאָר ער באַמערקט זי נישט, און שוין פֿון בעט אַרויס
דערמאָנט זי אים: שוין אפֿשר צײַט צו שלאָפֿן, ניין?
ער וויל ניט שלאָפֿן. זאָגט עס פֿון דעם בוך אַרויס
און זי, צו דער וואַנט אַוועקגעדרייט, שלאָפֿט כּלומרשט אײַן
און הערט זיך צו צו יעדן שאָרך. פֿאַרמאַכט דאָס בוך.
דאָס קינד אַליין צו איר בעט אַרײַנגעטראָגן.
די סאָפֿקע טוט אַ קרעכץ און שוין — ער כראָפּעט.
פֿאַרטײַעט ווי אַ חיה דרייט זי זיך אַרום און וואַרט, וואָס וועט דאָ
זײַן דער סוף, און קאָן זיך נישט דערוואַרטן.
ביז איין מאָל גנבֿעט זי זיך צו מיט אָרעמס הינטער אים,
נעמט־אָן זײַן קאָפּ און זאָגט: — וואָס שטייט דאָ אין דעם ביכל?
ער דריגעט־אויף, באַפֿרײַט דעם קאָפּ פֿון אירע הענט
און ענטפֿערט: — גאָר נישט! און די אויגן ווידער אינעם בלאַט.
זי פּאַסט זיך נאָך און מיט די הענט אויף זײַנע אַקסל:
— דו קאָנסט זיך גאָר נישט אָפּשיידן דערפֿון אויף אַ מינוט?
און אַז ער בורטשעט־אויס: — לאָז־אָפּ, כ׳וויל לייענען!
צעזינגט זי זיך שוין אויפֿן קול: איז נישט געפֿידלט!
איצט גייט זי אים און יאַדעט זיך. דאָס קינד קריגט קלעפּ,
דאָס בעט איז נישט פֿאַרבעט. און אַז ער קומט אַהיים,
דערלאַנגט זי אים די שיסל און דאָס ברויט אונטער דער נאָז,
און ער טוט־אָפּ דאָס זײַניקע און גייט־אַוועק אין גאַס,
צי ווידער בײַ דעם בוך. עס העלפֿט נישט ווען זי לאָזט אַפֿילו
אים מיט אַ כּיוון וואַרטן אויפֿן עסן — גאָר נישט פֿרעגט ער,
ווי גאָר נישט גייט אים אָן. איז דאָך קיין תּכלית נישט.
באַטראַכט זי זיך — און ווידער ווערט אַלץ אויפֿגערוימט.
עס שײַנט פֿון יעדן ווינקל און בײַם טיש.
באַדינט זי אים און זיצט מיט אים. נאָר שפּעטער,
ווען ווידער שאַרט זי זיך צו אים מיט אָרעמס
און ווידער בייגט ער זיי אַוועק, גיט זי אַ כאַפּ זײַן האַנט
און שיפּעט: — הער נאָר, דו! דו ווייסט איך בין דײַן ווײַב?

ער קוקט זי אָן ווי נישט פֿאַרשטייענדיק: — איך ווייס.
— און אַז איך טראָג אַ קינד פֿון דיר, דאָס ווייסטו אויך?
זײַן פּנים ווערט פֿאַרגאָסן, גלעזערן די אויגן
און קוים צו הערן שטאַמלט ער אַרויס: — דאָס אויך.
— איז וואָס זשע מיינסטו מיט דער סאָפּקע און די ביכער?
וואָס טראַכטסטו זיך? — די ווערטער האַמערן ווי קלעפּ,
וואָס טראָגן מער באַליידיקונג ווי ווייטיק, און ער בלײַבט
מיט מויל און אויגן אָפֿן — כ׳וויל זאָלסט זײַן מאַן!
דו הערסט? איך וועל נישט לאָזן זיך צום חוזק מאַכן.
דאָ קריגט ער לשון. דרייט־אַוועק דעם קאָפּ צום פֿענצטער,
ווי ער זאָל קוקן אין דער פֿינצטער פֿון דער נאַכט אַרײַן,
און רעדט־אַרויס געלאַסן: — איך וועל מער מיט דיר ניט שלאָפֿן.
— וואָס איז? פֿאַרבענקט זיך נאָך דער גבֿירטעס טעכטערל?
ער טוט אַ שפּרונג פֿון אָרט, הייבט־אויף די פֿויסט —
און לאָזט אים נישט אַרונטער. שטייט אַזוי אַ ווײַל,
דאַן טרעט ער אָפּ, טוט־אָן דעם קאַפּעליוש און גייט־אַרויס.

**אין** איינער פֿון די נעכט, וואָס קומען, קומט עס צו געשלעג.
ווען זאַוול פֿילט פֿון שלאָף, אַז חיה־ריוועס הענט
באַצווינגען אים און ס׳שלאָגט איר אָטעם אין זײַן מויל,
פּרובירט ער זי אַוועקשטויסן. וואָס מער אָבער ער שטויסט זי אָפּ,
אַלץ אײַנגעגעסענער און בייזער קלאַמערט זי זיך אײַן
און בײַסט זיך אײַן אין אים, און בליצן שפּאַלטן זיך
פֿאַר זײַנע אויגן פֿון יסורים. ראַנגלט ער זיך ווילד, באָר זי,
ווי ס׳זאָל אַ קוואַל פֿון ווילדע כּוחות אויפֿפּראַלן אין איר,
האַלט פֿעסט איר קרבן — און ער קאָן נישט מער.
ער הייבט־אָן מיט די פֿויסטן אַרבעטן, נאָר יעדער קלאַפּ
גראָבט פֿײַערדיקער אירע ציינער אין זײַן לײַב אַרײַן.
און ווונדן ברענען. האַמערדיק און האַסטיק נעמען פֿאַלן
די קלעפּ זײַנע. און ער געדענקט נישט גאָר ביז ער הערט

פֿון דיל די קרעכצן אירע. אַ צעשלאָגענע אין בלוט
דערמאָנט זי זיך און שרײַט: — גוואַלד, מענטשן, ראַטעוועט!
האַלב נאַקעט לויפֿן־אָן די לײַט פֿון שטוב. מען צינדט דאָס לעמפּל.
מען ברענגט אַ קווערטל וואַסער. און אַ ייִדענע אין העמד
בלײַבט שטיין און מוסרט: — מען דאַרף דאָך האָבן אַ לבֿבֿות [51]
אַזוי צו ממיתן אַ טראָגעדיק ווײַב. רוצח!
ער קוקט ווי יענע פֿאָרען זיך. מען לייגט זי אײַן אַ קרעכצנדיקע
מיט נאַסע טיכער אויף די בײַלן און מען גײַט־אַוועק.
דאָס לעמפּל ברענט. פֿאַרפֿאַלן. זעצט ער זיך אַוועק
און הערט אַ גאַנצע נאַכט איר קרעכצן פֿונעם בעט.
אַ נישט־דערשלאָפֿענער און הונגעריקער שאַרט ער זיך אַרויס
מיט טאָג צו גלײַך. ער גייט נישט אַרבעטן און שלעפּט זיך אום
ביז שפּעט בײַ נאַכט און ריכט זיך, גייענדיק אַהיים,
אויף עפּעס נײַס. אַוודאי. טאַטע־מאַמע וואַרטן שוין.
און איידער נאָך ער קומט־אַרײַן איז שוין דער טאַטע גרייט
מיט פֿויסטן קעגן אים: — איך וועל אים דורסן, דעם יונג!
די מאַמע פּרוווט זיך בעטן: — נאָר נישט מיט רציחה!
נאָר יענער, האַלטנדיק די שנור בײַם קאָלנער, ווי אַ זאַק,
טראָגט־אונטער זאַוולען איר צעבײַלטע רויטע פּנים
און שרײַט: — אַזאַ מין נחת גאָר פֿון דיר? אַזוי גאָר, האַ?
ער קוקט נישט, זאַוול, און ער ווענדט זיך צו דער מאַמען:
— דו, זאָג אים, אַז ער זאָל אַוועקגיין. — אַרויסגערעדט,
און ס׳קלינגט אַ פּאַטש און נאָך איינער. דער טאַטע שלאָגט,
און זאַוול, ביידע פֿויסטן אין דעם טאַטנס לאַצן,
נעמט־אָן די קלעפּ און שלעפּט אים. ראַנגלט זיך דער טאַטע
און שלאָגט, נאָר זאַוול שטופּט אים טריט בײַ טריט.
און מיט אַ מאָל — אַרויסגעשלײַדערט פֿאַר דער טיר, פֿאַרהאַקט,
אַראָפּגעלאָזט דאָס קייטל און זיך אומגעקוקט צו הערן

---

[51] (לֵב) ס׳אמתע האַרץ (מעטאַפֿאָריש), אַ האַרץ פֿון אַ גזלן.

דער מאַמעס שרייַען. דאָרטן קלאַפּט דער טאַטע אין דער טיר
און דאָ פּילט זאַוול, ווי די יוכע [52] רינט אים פֿון דער נאָז,
און ווישט זי מיט די הענט, און ס׳רייצט אים ביז צום טויט
די קלעפּיקייט פֿון בלוט צווישן פֿינגער. און די מאַמע וויינט:
— איך מוז אים כאָטש אַוועקנעמען פֿון דאַנען. לאָז מיך!
זי כאַפּט איר טוך און שפּאַרט זיך דורך דער טיר
און ס׳הערט זיך ווי זי שלעפּט דעם טאַטן, ראַנגלט זיך.
און דאַן ווערט שטיל. און חיה־ריווע לויפֿט־אַרויס
און טראָגט אַ נאַסע שמאַטע זאַוולען צו דער נאָז.
ער זעט נישט, ווי די אויגן אירע, די פֿאַרשוואָלענע,
צעגלִיען זיך מיט אַזאַ העלער טרייַשאַפֿט, ווען זי שטייט
געבויגן איבער אים, נאָר נעמט פֿון האַנט בייַ איר
די שמאַטע צו דער נאָז און זי שטופּט ער אַוועק פֿון זיך.
ער זעט אויך נישט דעם האַס, וואָס צינדט זיך אָן צוריק,
און זיצט אַ שטומער. קומט די מאַמע ווידער אָן און וויינט:
— וואָס האָבן זיי געוואָלט? דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט,
אַז ס׳וועט דערפֿון קיין גוטס נישט זייַן. נו, וואָס וועט איצטער ווערן?
דאָ טענהט חיה־ריווע: האָט זי נישט געוווסט פֿון אָנהייב,
אַז ער איז נישט קיין מאַן פֿאַר איר? פֿון דעסט וועגן געליטן,
געהאָפֿט, אַז גאָט וועט געבן, וועט ער אַנדערש ווערן.
און איצטער, נאַ!... די מאַמע שאָקלט מיטן קאָפּ אויף אים:
— צי ווייסטו כאָטש, אַז דו ווערסט באַלד אַ טאַטע?
— איך ווייס. — טאָ ווי זשע קאָן מען דאָס אַזוינס?
זי טראָגט דאָך דייַנס אַ קינד. — איך ווייס נישט, מאַמע.
איך האָב זי פֿייַנט! — וואָס הייסט, דו האָסט זי פֿייַנט?
— אַזוי! איך טשעפּע זי נישט. זאָל זי מיך צו רו לאָזן.
— ס׳איז דאָך אַ ווייַב. — איך וויל נישט. כ׳וועל זי שלאָגן!
— דאָס וועלן מיר נאָך זען — שרייַט חיה־ריווע. — מ׳עט נאָך זען?

[52] חיהש בלוט.

די מאַמע ברעכט די הענט: — וואָס האָבן זיי געוואָלט פֿון מיר?
נו, בין איך אַזאַ אומגליקלעכע מאַמע! האָט מיך גאָט געשטראָפֿט
אַ זון אַ קאַליקע צו האָבן. ווען האָט ער שלעכטס געטאָן?
וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אויף מיר?... — זי שפּאַרט זיך אָן
אויף זײַנע אַקסלען, וויינט זיך אויס, באַרויִקט זיך.
און מיט אַ ווונק אַוועקגערופֿן חיה־ריוועז, שטייט זי
נאָך לאַנג אין קיך און סודעט זיך מיט איר.

**וואָס** העלפֿן דען די סודות און די גוטסקייט פֿון דעם ווײַב,
אַז דער, פֿאַר וועמען ס'איז געמיינט, זעט סײַ ווי נישט
צי גוט צי שלעכט? זי מעג אַרומפּויזען פֿאַר אים
אויף אַלע פֿיר, זי מעג אויך קריצן מיט די ציין אויף אים —
ס'איז גאָר קיין חילוק נישט. און אַז זי ווערט פֿאַרשווונדן
פֿון ווטשערע ביז שפּעטער נאַכט — איז אים בלויז רויִקער
און ס'לייענט זיך געשמאַק. אַ גליק, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעזוכט
דער לערער מיט די ביכער. גוט אַזוי צו זיצן
דעם קאָפּ פֿאַרגראָבן און זיך אײַנטוליען אין זיך —
ס'איז קאַלט אין דרויסן און דער אויוון נישט געהייצט —
און לעבן מיט די פֿרעמדע מענטשן פֿון דעם בוך,
כאָטש אומפֿאַרשטענדלעך זײַנען זיי אַ מאָל, נאָר ס'וועבט זיך אײַן
דאָס אייגענע אין פֿרעמדן, נישט־פֿאַרשטענדלעכן,
און ס'איגן לעבט זיך ווי עס וואָלט געווען פֿרעמדס.
דערווײַל ווערט אַרבעט ווייניקער. מען האָט די פֿערד
פֿון דאָרף אַוועקגענומען און דאָס מיליטער דאַרף אויך נישט מער.
פֿאַרבלײַבט מען אין דער היים און גאַנצע טעג
דעם קאָפּ אין בוך. אַ שיכּרות שלינגט דעם מענטשן אײַן,
באַמערקט ער נישט, ווי אָפּטער אַלץ דאָס ווײַב פֿאַרשווינדט
אויף גאַנצע אָוונטן און ס'איז אים היימלעך מיטן קינד אַליין,
כאָטש אָפּט איז ער האַלב הונגעריק און וואָכן לאַנג,
אַז זי האָט אים קיין העמד שוין נישט געביטן. וואָכן גייען,

און ס׳דאַכט זיך זאַוולען, אַז ס׳איז גוט אַזוי, ווי קיין מאָל נישט.
און ס׳הייבט זיך אָן צו בענקען נאָך דער פּען אַפֿילו.
ביז איין מאָל, אין אַן אָוונט, פֿאַלט־אַרײַן די מאַמע
און פֿרעגט בסוד: — וווּ איז זי? — ווער? — די צרה דײַנע...
— אַוועקגעגאַנגען ערגעץ. כ׳ווייס נישט. — דאָס איז דאָך דײַן אומגליק,
ווי ווייסט עס נישט אַ מאַן, וווּ ס׳קומט דאָס ווײַב אַהין?
זי שלעפּט זיך דאָך אַרום. — וווּ שלעפּט זי זיך אַרום? —
פֿרעגט זאַוול. — מיט סאָלדאַטן שלעפּט זי זיך אַרום.
פֿאַרחידושט קוקט ער אָן: וואָס אַרט דיך? זאָל זי!
די מאַמע ברעכט די הענט צוזאַמען: — אומגליק מײַנער!
וואָס מיינסטו, וואָס מיך אַרט? אַז וווּ מען גייט,
מען טײַטלט מיט די פֿינגער... ס׳גאַנצע שטעטל רעדט:
אַ שנור אַ שלעפּערקע... דערלעבט אויף מײַנע אַלטע יאָר!
ער זעט איר צער און וויל זי טרייסטן: — מאַמע,
דיך דאַרף נישט אַרן, וואָס זי טוט. — די חרפּה אָבער...
ווי האָסטו גאָר קיין חרפּה נישט? — איך טו דאָך גאָר נישט.
— און טאָמער האָט זי דיר אַ קינד? אַ שלעפּערקעס אַ קינד.
אַז בעסער זאָל עס אויסרינען פֿון בויך בײַ איר!
ער הערט די מאַמע שילטן און ער שטומט.
— פֿאַרשטייסטו כאָטש, אַז דאָס איז צוליב דיר?
אויף דיר, אויף דײַן קאָפּ וועט עס פֿאַלן! — שווײַגט ער אַלץ
און זי פֿאַרברעכט די הענט: אַז ווײ צו מײַנע אַלטע יאָר!

**געווען** איז פּורים־צײַט, ווען חיה־ריווע האָט געמפּולט.
זי איז אין בעט געלעגן און פֿון בעט אַרויס
אַ זאָג געטאָן: — און איצט ביסטו צופֿרידן, וואָס?
נישקשה! ביסט נישט פּטור. וואַרט! ס׳איז נאָך נישט אַלץ.
האָט זאַוול אויסגעהערט און איז אַרויס אין דרויסן,
וואָס האָט זיך אָנגעהויבן טאָפּיען פֿון דער זון,
און גייענדיק, האָט ער צוזאַמען מיט דער שאַנד,

װאָס חיה־ריװע לײענט זײַן געדאַנק, דערפֿילט פֿון דעסט װעגן,
װי ס׳װערט אים לײַכט. און ס׳האָט זיך אים געװאָלט
אַ שמײכל טאָן צו זיך אַלײן פֿון עפּעס גוטס,
װאָס האָט מיט װאַרעמקײט און העלקײט אױפֿגעטױכט אין אים.

# 10

אַ אומעטיקער פֿרילינג האָט געשפּרײַזט איבערן לאַנד,
אין שװאַרצע לוזשעס [53] װאַסער זיך צעגאָסן איבער װעגן
און ס׳האָט די זון אָן פֿרײד איר װאַרעמקײט געשיקט.
אַ יאָושדיקע פֿױלע אָפּגעלאָזנקײט האָט זיך צעשפּרײט
אױף דאָרף און שטעטל. ס׳האָט דער פּױער נישט געװוּסט,
צי זאָל ער מיט דער לעצטער קליאַטשע נעמען אַקערן דאָס פֿעלד —
דער טײַװל װײס, װער ס׳װעט דעם שניט פֿון דעם אַראָפּנעמען! —
און פֿױל געטרײסט זיך מיטן ביסל תּבֿואה, װאָס ער האָט
באַהאַלטן אױף אַ הונגערטאָג. בײַם ייִד אין שטעטל
איז די פּרנסה אױסגעגאַנגען: ס׳האָט דאָס דאָרף באַגראָבן
צוריק אין ערד, װאָס איז פֿון ערד געקומען.
בײַם זעלנער איז אַװעק די צײַט פֿון װוילטאָג. און אַלײן
אין שטעטל צװישן זיך האָט מען געשראָקן זיך אַ ריר צו טאָן
און דורכגעקומען מיט אַ שיבוש. אַז די זון האָט זיך געשטעלט
און װעגן האָבן אָפּגעלאָזט, האָט מען גענומען װאַנדערן;
דער פֿרעמדער זעלנער האָט געבענקט און זיך נישט אומגעקוקט
װוּ װער עס גײט און פֿאָרט, האָט מען דערצײלט,
אַז ס׳קלײַבן זיך צוריק ישובֿים אין פֿאַרלאָזטע שטעט,

---

[53] בלאָטיקע װאַסערן

אַז מענטשן ציִען זיך צו היימען, און ס׳האָט אָנגעהויבן
אַליין אַהיים זיך בענקען. אמת, אַלץ האָט אָפּגעברענט,
נאָר ווי געשיקט זיך, ס׳זאָל קיין הויז נישט בלײַבן ערגעץ?
און ווער קאָן וויסן וועמעס הויז? און, אויב חלילה
מען זאָל בלויז חורבֿות טרעפֿן, זײַנען דאָך די חורבֿות אויך
אויף ליבער ערד און אייגענע... באַרעכנט זיך ר׳ שלום:
אי״ה נאָך פּסח דאַרף מען אײַנפּאַקן דאָס פּעקל
און לאָזן זיך צוריק. נישטאָ דאָ וואָס צו טאָן שוין מער.
און דאָרטן, אַז מ׳עט נעמען בויען, וועט מען פֿירן
געהילץ און ציגל, אײַזנוואַרג און גלאָז — מיט גאָט, זײַן הילף,
מען קאָן זיך שוין צו עפּעס צושלאָגן... דערצו וועט אויך
אַ סוף נעמען אַ מאָל צום אומגליק מיטן זון: אַוועק פֿון דאַנען,
און זאָלן עס די אויגן מער נישט אָנקוקן! — אַ סוף!
באַרעכנט זיך און דורכגעשמועסט מיט דער מאַמען. אָבער זי
האָט אין דער שטיל געטראַכט: זי וועט דעם זון נישט לאָזן דאָ.
און אַז זי גנבֿעט זיך אַצינד מיט טעפּעלעך אונטערן פֿאַרטעך,
ווייס אויך דער אַלטער נישט. אַוודאי איז אַ זינד זיך צו באַהאַלטן.
וואָס קאָן מען אָבער טאָן? און ווידער — צווישן זיך גערעדט —
דערלייגט זי נישט צו זאַוולען. ס׳קומט אים נאָך גענוג.
און ווען נישט זאַוולס מי, וואָלט איצט דער טאַטע אויך
אַזוי נישט קלינגען מיטן בײַטל. ניין, ער וועט נישט בלײַבן דאָ.
און יענע, חיה־ריווע, הייסט עס? ווייס די מאַמע, נעבעך,
אַז ס׳איז אַ גרויסע זינד. ווען נישט דער זון אירער,
וואָלט יענע נישט דערגאַנגען צו אַזוינס. אַן עלנטע יתומה,
און זי — אַ מומע — זאָל איר גאָט נישט שטראָפֿן... אָבער
אייגן לײַב —
וואָס קאָן זי טאָן? און ווייניק איז זי שוין געשטראָפֿט
מיט אים אַליין, אַזעלכן — נישט צו גאָט און נישט צו לײַט?

**קריגט** זאַוול טעפּעלעך געקעכטס אונטער דער מאַמעס פֿאַרטעך
און עסט דאָס שוואַרצע ברויט פֿון אירע הענט. און ס'דאַכט זיך אים,
ער איז אַ קליין קראַנק ייִנגל און די מאַמע זיצט
און קאָרמעט אים פֿון האַנט, אַבי ער זאָל נאָר אײַנליגן,
נישט רירן זיך, ווײַל — דאַנקען גאָט — ער וועט שוין לעבן,
און די סכּנה איז אַריבער... יאָ, עס איז געווען אַ שווערע קרענק.
נאָר איצטער נעמט ער ביסלעכווײַז צוריקקומען צו זיך
און וועט זיך אויסהיילן. דערווײַל טוט יעדער אבֿר וויי,
און ס'וויגט זיך נאָך אין האַרץ דאָס נאָגעניש און פֿײַנלעכקייט
פֿון אָפּגעקומענעם אַ שטראָף אַזאַ געווען. ער האָט געדאַרפֿט
זיך אויסטונקען אין דעם, דאָס איבערקרענקען און דערנאָך —
באַפֿרײַען זיך. געדאַרפֿט אַזוי. נאָר איצטער איז שוין גוט
פֿון ווײַטן קערט זיך אום דאָס אַלט־געוועזענע.
עס נעמט זיך בענקען און ס'איז רו אין בענקעניש. ס'איז גוט.
און איז עס נישט אַ חסד דאָס אַליין, וואָס ער איז פֿרײַ
און זי האָט נישט קיין קינד געהאַט?... נישט זי... מען האָט זיך דאָך
דערבאַרעמט איבער אים און אויסגעהיט... יסורים — יאָ.
אין מאַטערניש און עקל אויסצוטונקען — יאָ. נאָר דאָס —
אַ קינד פֿון איר — דאָס נײַן! — דאָ איז געוואָרן אַ רחמנות:
מען דאַרף אים נישט אין גאַנצן אומברענגען, דעם זאַוול,
ער דאַרף נאָך — לעבן. זיצט די מאַמע מיטן שוואַרצן פּענעץ ברויט
און קוקט מיט אומעטיקע אויגן... יאָ, ס'איז דאָ רחמנות,
און זאַוול וועט נישט אונטערגיין.
ער פֿילט קיין שׂנאה נישט,

אַפֿילו נישט קיין אָפּשטויס מער צו חיה־ריווען. גאָר נישט.
ער ווייס, פֿון וואַנען ס'קומט צו איר דאָס געלט
און ס'ווײַסע ברויט און צוקער און די פּעקלעך שאָקאָלאַד,
מיט וועלכע זי קומט אָנגעלאָדן פֿאַרן קינד. ער ווייס.
און דאָס, וואָס מענטשן ווײַכן־אויס איר טריט אין גאַס,
דאָס אַרט אים אויך נישט: ס'איז אַלץ איינס אַן עקל,

איז וואָס דער חילוק — צי מיט איינעם צי מיט אַלעמען?
פֿאַרקערט: אים ווילט זיך דווקא אָננעמען פֿאַר איר,
ווײַל אַלע זײַנען זיי אַזוי. און וואָס אים קרענקט,
איז אָט די שטומע צונג זײַנע. ווײַל ווען נישט דאָס,
וואָלט ער אַזוי פֿיל גוטע גוטסקייט איר געהאַט צו זאָגן.
און זאָל זי אים נישט נאָכקוקן מיט האַס אַזוי. צו וואָס?
אַז מען באַדאַרף עס נישט...

און דאָ די יונגע זון

גייט־אויף אין וואַרעמקייט. ס׳איז ווייך די ערד אונטער די טריט.
און אויפֿן פּנים בלאָזן מילדע ווינטלעך. מילד און גוט.
וואָס דרייען זיך די מענטשן אום אַזוי פֿאַרמרהשחורהט?
און אַז עס פֿעלט דאָס שטיקל ברויט אַפֿילו, קומט דאָך צו
אַ נאָגעניש, וואָס עפּנט יעדעס ווינקעלע פֿון האַרץ
פֿאַר יעדער פֿאַסמע ליכט, און שאָטנדל, און פֿויגלשפּיל...
און ס׳פֿילט זיך אַזוי באַנג און לײַכט אין אומעט.
עס איז דאָך גוט אַזוי.

קומט איציק אָן אַנטקעגן

און טראָגט אין אַ פֿאַטשיילקע וואָס. — ווו גייסטו, איציק?
— די מאַמע שיקט דיר עסן. — שטעל עס דאָרט אַוועק.
אַוועקגעגאַנגען איציק. אַזאַ הויך יונג בחורל,
אַ בחור שוין. קאָן זײַן, בײַ נאַכט אַליין אין שלאָפֿבאַנק,
ליגט ער שוין אויך און ס׳בענקט זיך אים, און ער וועט באַלד,
ווי יענער משה, נעמען שלעפּן זיך מיט מיידן, קומען שפּעט
און ס׳וועט די מאַמע דאַרפֿן אויסטאָן אים, אַ שיכּורן,
און לייגן שלאָפֿן, אָט דעם איציק דאָ. איצט גייט ער נאָך אַזוי
און ווייס נישט וואָס וועט זײַן. נאָר זאַוול ווייס... הם... הם...
און משה דאָרט — אַוועק איבערן ים — און גאָר נישט.
פֿאַרשוווּנדן ווי אַ וואָלקנדל און מיטן קאָפּ אַפֿילו נישט צו כאַפּן
ווי ווײַט עס איז. געווען און איז נישטאָ. אַזוי ווי אַ פֿאַרלאַנג,

פֿאַר וועלכן מ׳האָט קיין ווערטער נישט, וואָס אָט אָ קומט עס
און אָט איז עס אַוועק, און שוין — נישט אָנצוכאַפּן מער.

גייט זאַוול אום און חלומט. שכנים גרייטן זיך צום פּסח.
און זי אַפֿילו, חיה־ריווע, טראָגט עפּעס פֿון גאַס כּסדר
און פּאָרעט זיך אין שטוב. צו בדיקת־חמץ קומט די מאַמע
מיט רויטע אויגן און, נישט קוקנדיק דער שנור אין פּנים,
פֿאַרלייגט זי אַ בקשה פֿאַרן זון: ער מוז בײַ איר בײַם סדר זײַן.
בײַם סדר? ווו? בײַם טאַטן? ער? ער וועט נישט גיין.
צעוויינט זי זיך, די מאַמע. ווייניק נאָך איז איר געווען
בײַם טאַטן דאָס צו פּועלן, איז ער נאָך דאָ אַ צוגאָב.
מיט וואָס האָט זי אַזוי פֿאַרזינדיקט? שווײַגט ער.
און חיה־ריווע זיצט אין ווינקל, קוקט זיך צו, שווײַגט אויך.
צעיאָמערט זיך די מאַמע. און אַז דאָס קאָן אויך נישט רירן
דאָס שטיינערן האַרץ פֿון זון, דאַן כאַפּט זי קושן זײַנע הענט.
און ער שפּרינגט־אונטער, ווי געשטאָכן, שרײַענדיק: הער־אויף!
נו, גוט.

כ׳וועל קומען, קומען! — און ווען עס עפּנט זיך אַ גרוב,
וואָלט ער אַרײַנגעשפּרונגען. זאָל זי שוין אַוועק פֿון דאַנען!
און אַז די מאַמע מיטן טיכל אויפֿן קאָפּ איז שוין בײַם טיר,
דערפֿילט זי חיה־ריוועס בליק און פּטרט־אָפּ אויף גיך:
— קאָנסט אויכעט קומען, חיה־ריווע! — און זי לויפֿט־אַרויס.
אויף מאָרגן שלעפּט ער זיך אַרום אַ גאַנצן טאָג.
און אַז ער קומט פֿאַר נאַכט, איז אויפֿגערוימט אין קאַמער.
דאָס קינד איז אויסגעצוואָגן. ס׳שמעקט מיט יום־טובֿ.
און זי אַליין איז אַזוי אויסגעפּוצט און שײַנט. ער קוקט
און ס׳ווילט זיך זאָגן עפּעס. קומט זי אים אַנטקעגן:
— דו ווילסט זיך נישט אַרומוואַשן? — און טראָגט־אַרײַן
אַ שיסל הייסע וואַסער מיט אַ האַנטעך, לייגט־אַוועק אַ הענמד.
ער וואַשט זיך, טוט זיך איבער — און ס׳איז שלעכט.

ווי גייט מען צו דער מאַמען ערשט ? דאָך אָנגעטאָן זיך
און גרייט צו גיין. נאָר אַז ער שטייט שוין בײַ דער טיר,
פֿאַרצאַמט זי אים דעם וועג מיט בײדע הענט און צישעט־אויס:
— דו וועסט נישט גיין אין ערגעץ! דאָ וועסטו מיר בלײַבן!
זי ווייס מסתמא נישט, ווי דאַנקבאַר ער איז איר דערפֿאַר.
און אים נישט לאָזנדיק אַפֿילו עפֿענען דאָס מויל,
באַוואַרפֿט זי אים מיט רייד: — אַ סדר האָט זיך דיר פֿאַרגלוסט?
אַ וויסטער סדר אויף דײַן קאָפּ, ווי ווייסט און פּינצטער
מײַן לעבן איז געוואָרן צוליב דיר. נו, גיי! — און זאַוול הערט
אַזוי פֿיל טרערן אין איר קול, אַזוי פֿיל וויי. אין אַ מינוט
פֿאַרפֿלייצט עס איר די אויגן. לאָזט זי אָפּ די הענט פֿון טיר
און פֿאַלט־אַנידער מיטן קאָפּ אין סאָפֿקע אין אַזאַ יללה,
ווי פֿון אַ מאַמען אויף אַ טויטן קינד. באַלד פֿלעכט זיך דאָס געקלאָג
מיט וואָיענדיקע רייד: — זאָל דיר דאָס האַרץ אַזוי צעריסן ווערן,
ווי דו האָסט מײַנע יונגע טעג צעריסן! זאָלן דײַנע ביינער
אַזוי זיך וואַלגערן אין אַלע רינשטאָקן און פֿוילן,
ווי איך האָב זיך געוואַלגערט, אַז מען זאָל פֿון דיר קיין סימן
נישט דערקענען,
ווי איך דערקען זיך נישט, ווי איך אַליין דערקען זיך נישט,
אַז וויי און ווינד איז מיר!... עס לאָזט זיך אויס
מיט אַזאַ אויסגעצויגענעם און שטילן קלאָג. און לעבן איר,
די הענטלעך אין איר קלייד, צעוויינט זיך אויך דאָס קינד.
בייגט זאַוול זיך צו אירע ציטערדיקע אַקסל, רירט זי אָן
און רעדט: — איך וועל נישט גיין אין ערגעץ! נו, וועל איך נישט גיין!
— גיי, ברעך דיר האַלדז און נאַקן! קיינער דאַרף דיך נישט.
האָסט שוין געמאַכט פֿון מיר אַ תּכלית, מעגסט שוין גיין!
ער זעצט זיך אויף דער סאָפֿקע נעבן איר און גלעט איר קאָפּ
און בעט זיך: — זאָג, וואָס זאָל איך טאָן פֿאַר דיר, נו, זאָג!
אָט ווילסטו, וועל איך גראָבן ערד, כ׳וועל האַקן האָלץ,
נו, וואָס עס איז, איך וועל שוין קריגן און פֿאַרדינען.

נאָר זאָג מיר, וועל איך אַלצדינג טאָן. — איך דאַרף דײַן געלט נישט,
איך דאַרף עס נישט. — פֿון דעסט וועגן גלײַכט זי זיך אויס
און מיט פֿאַרטרערטע אויגן קוקט זי אים אין פּנים,
אין טרויעריקן, מילדן, מיט די אָנגערוקטע ברעמען,
און עפּעס גלייבט זי נישט. נאָר זײַנע אויגן קוקן
מיט אָפּענעם און שטילן צער. פֿאַרשטייט זי נישט און פֿרעגט:
— וואָס קוקסטו אָט אַזוי אויף מיר? — ווי זאָל איך קוקן?
— פֿאַר וואָס האָסטו געמאַכט פֿון מיר אַזוינס, איך זאָל די גאַס
נישט קאָנען דורכגיין. זאָג! — וואָס אַרט עס דיר?
זיי רײדן — זאָלן זיי! — און דו! דיך אַרט עס גאָר נישט?
דיך אַרט נישט, וואָס דײַן ווײַב... — מען דאַרף נישט וועגן דעם...
דערמאָנען נישט מער און שווײַן. — וואָס מיינסטו — שווײַן?
נו, גאָר נישט. ווילסט עס נישט, וועסטו דאָס מער נישט טאָן.
— און דו וועסט זײַן אַזוי? אַ מאַן פֿון אַזאַ ווײַב?
— עס מאַכט נישט אויס. מען דאַרף נישט מער דערמאָנען.
זי קוקט אים אָן צעמישט. — דו מיינסט עס מיט אַן אמת?
—אַוודאי, חיה־ריווע, ווי דען אַנדערש? — גלייבט זי אַלץ נישט
און שעפּטשעט, פֿאָרשנדיק: — און לעבן אויך מיט מיר?
דער ענטפֿער קומט נישט באַלד. איר האַרץ קלאַפּט הויך.
נאָר אָט אָ זוכט ער אויף איר האַנט — צום ערשטן מאָל,
וואָס ער נעמט־אָן איר האַנט אַזוי — און רעדט פּאַמעלעך:
— אָט זעסטו, חיה־ריווע, מיינסט — איך האָב דיך פֿײַנט?
נישט אמת. כ'האָב דיר אַלע מאָל געוואָלט דאָס זאָגן.
דו דאַרפֿסט נישט זײַן אין כּעס אויף מיר. פֿאַרקערט.
איך וויל, אַז דיר זאָל גוט זײַן. בין איך גרייט פֿאַר דיר
גיין אַרבעטן, פֿאַרדינען — אַלץ. דו הערסט? און מיינסט,
איך בין אין כּעס אויף דיר דערפֿאַר? דו ווייסט... נישט אמת.
כ'וועל אַלע מאָל זײַן גוט צו דיר. נאָר דאָס — מען דאַרף עס נישט.
מען דאַרף נישט. לאָז מיך אָפּ! — איר אָטעם אָפּגעהאַקט
און שטיל: — פֿאַר וואָס? נו, זאָג מיר וויניקסטנס, פֿאַר וואָס?

— איך ווייס נישט, חיה־ריווע, ווי דו זעסט מיך לעבן, כ׳ווייס נישט.
איצט וויינט זי שטיל אין זיך. — איך וואָלט דאָך באַלד
אַ קינד געהאַט און וואָלט געווען אַ ווײַב מיט אַלע גלײַך.
ס׳נעמט יעדער איינער די כפרה איַן פאַר מיר,
און נאָר בײַ דיר בין איך פאַרמיאוסט, נאָר בײַ דיר.
זײַן פנים קרימט זיך אויס און ער נעמט זיך בעטן:
— נו, בין איך שולדיק, בין איך. אָבער אַז איך קאָן עס נישט,
ס׳איז מיר נישט גוט אַזוי... וואָס זאָל איך טאָן מיט דיר?
— וועל איך דאָך ווידער גיין... ער ענטפערט גאָר נישט מער,
נאָר ווידער זוכט ער אויף איר האַנט און גלעט זי, גלעט
מיט אַזאַ טרייסט און ווייטיק, ווי אַ לעבעדיקן נפש.
און אומגעריכט פאַר זיך אַליין דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
די האַנט געטראָגן צו די ליפּן. און ער קושט זי, קושט זי
מיט צוגעמאַכטע אויגן, און אָן אָטעם ווי פון טרערן.
דאַן לאָזט ער נידעריקער דעם קאָפּ, האַלט־צו איר האַנט
מיט בײדע זײַנע און עס דאַכט זיך חיה־ריוועןֿ: זאַוול וויינט.
אַ קוואַל פון נײַע טרערן רײַסט זיך אויף אין איר:
— אַז איך פאַרשטיי דיך נישט, איך קאָן דיך נישט פאַרשטיין!

**דעם** אָוונט, וואָס נאָך פּסח, איז אַרײַן די מאַמע
און האָט געפונען זאַוולען אָנגעשפאַרט איבער אַ בוך
און חיה־ריוועןֿ דרייענדיק זיך שטיל איבער דער שטוב.
האָט זי זיך צוגעזעצט ווי קיין מאָל גאָרנישט און געשוויגן.
ביז חיה־ריווע האָט זי אָנגעקוקט און זיך געכאַפּט:
— איר ווילט דאָך עפּעס ריידן, מומע. גוט, וועל איך אַוועקגיין.
די מאַמע האָט פאַרשעמט געמורמלט: — קאָנסט דאָ בלײַבן.
פון דעסט וועגן, ווען יענע איז אַרויס, האָט זי זיך צוגערוקט
און שטיל געפרעגט בײַם זון: — שוין שלום צווישן אײַך?
— ס׳איז גאָר נישט — האָט ער אָפּגעענטפערט און זיך גלײַך געכאַפּט,
ווי ער וואָלט סודות אויסגעגעבן מיטן וואָרט.

זי האָט פֿאַרשטאַנען און געזאָגט: דו הערסט, מײַן זון,
אַז גאָט וועט העלפֿן, וועלן מיר נאָך שבת שוין אַוועקפֿאָרן.
— וווהין? — צוריק אַהיים. — וואָס מיינסטו מאַמע?
דאָס מויל האָט זיך צעעפֿנט און פֿון זײַנע אויגן
האָט שיִער אַ שרעק אַרויסגעקוקט: — וואָס הייסט — אַהיים?...
— אַבי איך האָב געמיינט, דו ווייסט שוין, האָט זי זיך געכאַפּט.
פֿאַרשטייסטו? מענטשן פֿאָרן און, מען זאָגט, אַ האַלבע שטאָט
איז שוין פֿאַראַנען. האָט דער טאַטע זיך באַרעכנט. זעט עס אויס,
מיר וועלן אויך נאָך שבת פֿאָרן. — נו, און איך?
דער אויסרוף האָט געקלונגען אַזוי קינדיש, אַז די מאַמע
האָט שיִער זיך נישט צעשמייכלט: — בין איך דאָך געקומען דאָ.
פֿאַרשטייסט, דער טאַטע וויל נישט. ס'הייסט, צוזאַמען פֿאָרן —
פֿון דעם איז גאָר קיין רייד נישטאָ. האָב איך געטראַכט:
וואָס דאַרפֿסטו אָנהייבן מיט אים? וועסט נאָכקומען אַליין,
וועסטו שוין זײַן. און דאָרטן וועט מען זען. — און חיה־ריווע?
אויף דעם האָט זי זיך נישט געריכט. נאָר דאָס, וואָס יענע
איז פֿריִער אַזוי שטיל אין שטוב אַרומגעגאַנגען, איז איר איצט
פֿאַרדאַכטיקער געפֿאַלן. האָט זי אָפּגעקערט די אויגן
און אָנגעהויבן ווייך: — מען קאָן דאָך נישט אַזוי, אַבי געלאָפֿן.
וועסט קומען דאָרט, וועסט אָנהייבן אי״ה פֿאַרדינען עפּעס,
וועט חיה־ריווע אויך אַריבערקומען. אָפּגעזאָגט
און גרייט געווען צו וואַרטן ביז ער וועט זיך איבערטראַכטן.
נאָר ער האָט נישט געטראַכט: — וואָס מיינסטו, מאַמע?
וואָס הייסט, איך וועל זי איבערלאָזן דאָ אַליין?
— איך זאָג דאָך דיר, חלילה, נישט אויף לאַנג. און ווידער...
האָסט דאָך שוין געזען, אַז זי קאָן אויסקומען אָן דיר.
נישקשה, זי וועט נישט פֿאַרלוירן גיין. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן:
— איך בעט דיר, מאַמע, הערסט? — איך זאָג דאָך גאָר נישט.
בײַ לײַטן אָבער וואָלט מען נישט געברענט נאָך אַזאַ ווײַב.
— הער־אויף! — אַזוי? — האָט זי אים אָנגעקוקט אויף ס'נײַ —

געוואָרן אַ זיס לעבן גאָר. וואָס מיינסטו, זאַוול,
דו קלײַבסט זיך ווידער מיט איר ווײנען? גאָר נישט, האַ?
— איך וועל זי דאָ אַליין נישט לאָזן, מאַמע. הערסט? און אויס!
— אַזוי! איז ווילסטו מיר די חרפּה מיטשלעפּן מיט זיך,
אַז איך זאָל דאָרטן אויך באַגראָבן זיך פֿון שאַנד,
און אַז די שטאָט זאָל טײַטלען מיט די פֿינגער: ראַשעס שנור!
באַגראָב מיך דאָ און שוין. — ער איז געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענער,
געפּלאָנטערט מיט דער צונג: — ס'וועט קיינער גאָר נישט וויסן...
— וואָס איז? דו וועסט פֿאַרמאַכן לײַטנס מײַלער? ווײ איז מיר,
מען זאָל זיך פֿון אַן אייגן קינד נישט קאָנען ראַטעווען!
זײַן קול איז ווידער שטײַף געוואָרן: — האָסט נישט וואָס צו ריידן.
אַז איך וועל פֿאָרן, וועט זי מיטפֿאָרן. דו מעגסט עס זאָגן
דעם טאַטן אויך. איך וועל אַהיים קומען און זי מיט מיר.
די מאַמע האָט זיך אויפֿגעשטעלט: — איז הער זשע, זאַוול!
ביז איצט האָט מיר דאָס האַרץ געפּלאַצט, האָב איך געטראַכט:
כ'וויס, אפֿשר וועל איך אים נאָך ראַטעווען. געטראָגן טעפּלעך,
געגנבֿעט געלט... דו הערסט? געגנבֿעט געלט פֿון טאַטן!
איך זאָג נישט... עס איז דײַנס... האָסט מיט דײַן שווייס פֿאַרדינט...
נאָר איצט... עס מוז אַ סוף נעמען! דאָ האָסטו דיר דאָס דײַניקע,
און ווײַטער קאָן איך גאָר נישט טאָן. — זי האָט אַרויסגעשלעפּט
אַ טיכל אַסיגנאַציעס, אויפֿגעבונדן אויפֿן טיש פֿאַר אים,
געוויינט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דאַן מיטן ברעג פֿון טיכל
די אויגן אויסגעווישט: — געדענק, זאָלסט נישט חרטה האָבן! —
און איז אַרויס.

צוויי וואָכן נאָך אַנאַנד האָט זיך געצויגן
דאָס וואַרטעניש. און אין די טעג און נעכט פֿון די צוויי וואָכן
האָט זאַוול פֿון זײַן אייגן לײַב געגרייט אַ פּאַנצער אַרום זיך,
אַ שוץ פֿאַר דעם, וואָס דאַרף אַנטקעגנקומען. פֿון די קינדערטעג
דערמאָנט זיך אין דער גרויסער שׂריפֿה, ווען מען האָט דערנאָך

גענעכטיקט אין אַ שטאַל און זיך געשלעפּט צום רבֿ נאָך ברויט,
וואָס מ׳האָט געטיילט פֿאַר די נשׂרפֿים. פֿאַרגעשטעלט זיך
די הוילע שוואַרצע שטיינער פֿון דער אָפּגעברענטער שטאָט
און איינגעקריצט אין זיך, אַז דאָרט איז גאָר נישטאָ.
אין רעגנדיקע נעכט וועט ער זיך וואַלגערן אויף שטיינער
און ציטערן פֿון קעלט, און קראַנק ווערן און אויסגיין
פֿון הונגער אויף דער גאַס. דאַן ווײַטער זיך גערוקט.
אַ ציטערדיקער צוגערוקט זיך צום געדאַנק, אַז דאָרט,
אויף דאָרט, ווו ס׳איז דאָס ווײַסע הויז געשטאַנען, שטאַרצט
אַ שוואַרצער קוימען בלויז אַרויס פֿון שוואַרצע ציגל.
אויף דאָס אַרײַנגעשטאָכן אין זיך ווי אַ נאָדל, איינגעדרייט זיך
און ווידער אויסגעגליכן זיך — ער איז אויף אַלעם גרייט.
ווײַל הינטער אַלעם דעם, פֿאַרגראָבן אין אַ טיפֿעניש,
פֿון וועלכן ס׳איז אַ מורא גאָר צו טראַכטן, קוועלט־אַרויס
אַ פֿרייד, אַן אויפֿלייזונג. עס שלאָגן זיך אַרויס פֿאַרלאַנגען
און טראַכטונגען, וואָס דריקן אויף דעם אָטעם מיט דעם ליכט
און צוזאָג, וואָס אין זיי — ניין, בעסער נישט צו טראַכטן גאָר!
אַזוי האָט ער געגרייט זיך: אויבן, אויף אַ פֿאַנצער צו באַשיצן
די ווונדן, וואָס ער האָט אַליין אין זיך געשלאָגן, און זיי בײדע,
דעם פֿאַנצער און די ווונדן, בלויז אַ שילד אויף צו פֿאַרשטעלן
די ווײַטע פֿרייד, וואָס האָט געקוועלט אין דעם באַגרעבעניש.
ביז ענדלעך האָט ער נישט געקאָנט מער שווײַגן
און איין מאָל אין אַ נאַכט אַרויסגערעדט אַזוי:

פֿון דער ענגשאַפֿט, פֿון די פֿרעמדע טעג און נעכט,
וואָס ווי חיות־רעות האָבן מיך געפּלאָגט
און פֿאַרגראָבן מײַן נשמה אין אַ שוואַרצער נאָרע,
און געוואָרגן דאָרט מיט זייער מיאוסן גערוך —
פֿון דער פֿינצטער נעם מיך ווידער צו מײַן היים,
מײַן פֿאַרברענטע, מײַן פֿאַרטיליקטע,
נאָר ליבע היים.

װיסטער הונגער גייט־אַרום איבער דער ערד
און דער טויט אין אַלע לעכער פֿויזעט־אוס.
אויף די הוילע אָפּגעברענטע שטיינער פֿון מײַן היים
פֿאַלט אַ קאַלטער רעגן אין דער נאַכט
און עס װײנען מענטשן אויף די שטיינער אין דעם רעגן —
אָבער בעסער אויף די שטיינער אין דעם רעגן
איידער אין דעם פֿרעמדן בעט.

װי אַ װאָרעם איז מײַן האַרץ געלעגן אין דער ערד,
איצטער פֿליט עס װי אַ פֿויגל צו דעם הימל.
װי אַ פֿויגל פֿליט מײַן האַרץ איבער די שטיינער,
איבער שװאַרצע קוילן פֿון אַ שׂריפֿה,
איבער מענטשן און געװײנען אין דער נאַכט —
אָבער בעסער זײַן אַ פֿויגל איבער חורבֿות
איידער זײַן אַ װאָרעם אין דער ערד.

**נישט אָנגעשריבן, נישט קיין פּען געטונקען, אַפּילו אויף די ליפּן**
**די װערטער נישט געבראַכט, נאָר ליגנדיק אַזוי פֿאַר זיך אַליין**
**אַרויסגערעדט, און ס'איז געװען גענוג. װאָס מען דאַרף נאָך ?**
**און ער האָט שוין געװוּסט — ער װעט זײַן שטאַרק**
**און גרייט אויף אַלץ, װאָס זאָל נישט אויספֿאַלן אויף אים.**
**און װען ער איז בײַ נאַכט געלעגן און געשמידט אויף זיך דעם פּאַנצער,**
**האָט חיה־ריװוע אויך פֿאַר זיך געטראַכט : אַװעק פֿון דאַנען,**
**װוּ קיינער קען זי נישט אַזאַ, און ס'װעט פֿאַרגעסן װערן.**
**און װי עס זאָל ניט זײַן — פֿאַר מענטשן איז ער דאָך אַ מאַן.**
**און װער קאָן װיסן ? אפֿשר, דאָרט, װעט אים אַװעק דאָס משוגעת,**
**און װעט ער אַנדערש װערן — װעט ער פֿאַרן מויל נישט ברענגען . . .**
**נישט ער. און אפֿשר איר באַשערט נאָך אויפֿגעריכט צו װערן.**
**זי הערט זײַן שװײַגן, װייסט זי : עפּעס איז מיט אים,**
**און בעט זיך : טאַטע זיסער, זאָל עס נאָר צום גוטן זײַן !**

**אַזוי** האָט עס פּאַסירט, אַז אײן מאָל, אַ פֿאַרנאַכט,
איז זאַוול מיט אַ שווערן פּאַק אַרויסגעקראָכן פֿון וואַגאָן,
און דאָרט, ווו ס׳האָט געדאַרפֿט זיך אויסשפּרייטן
דער ווײַסער בנין פֿון וואָקזאַל, איז פֿאַר די אויגן
געווען אַ פּוסטקייט, און ס׳האָט אויף דער פּוסטקייט
זיך אָנגעשפּאַרט דער גרויסער שטיינערדיקער הויף
אַרויף ביז צו דער בריק. איז דאָס געווען די ערשטע פֿײַל
אין זאַוולס פּאַנצער. האָט ער זיך געמאַכט
נישט זעענדיק און אָנגעהויבן גײן איבער די רעלסן
מיט אַלע גלײַך אַהין ביז צו דעם אָרט, ווו ס׳איז אַמאָל
אַ גאַס געווען. די אויגן אײַנגעגראָבן אין דער ערד
אויס מורא פֿאַר אַ נײַער פּוסטקייט, און זיך געשלעפּט
אין טריט פֿון די, וואָס פֿאַר אים. אָבער גנבֿיש דאָך
האָט זיך דער בליק אַ כאַפּ געטאָן צו בערגלעך ציגל און צו גראָז,
וואָס וואַקסט אויפֿן ציגל. האָט ער זיך פֿאַרשעמט
פֿאַר זיך און פֿאַר דעם פּאַנצער, וואָס ער האָט געגרייט,
און מיט אַ מאָל די אויגן אויפֿגעהויבן. ווו נישט ווו
איז אויפֿן וועג אַ הויז געשטאַנען. אָבער טיפֿער דאָרט
האָט אויסגעזען ווי שטאָט. און אין פֿאַרנאַכט־שײַן
האָט פֿון דער ווײַט אַ גלאַנץ געטאָן דער קירכן־צלם.
ווי ליב און היימיש גלאַנצט דער קירכן־צלם אין דער זון!
האָט ער גענומען פֿרײַער שפּאַנען מיטן וועג אַראָפּ,
וואָס צו דער ברייטער גאַס. געסאָפּעט שפּאַנענדיק אונטערן פּאַק
און נישט באַמערקט, ווי ס׳גייען איינציקווײַז אַוועק די לײַט,
ווי חיה־ריווע בלײַבט פֿון הינטן און ווי טיפֿער ס׳ווערט
אַרום די שטילקייט. ערשט, ווען ווײַט איבער דער פֿעסטונג
(איז נאָך אַ פֿעסטונג דאָ?), האָט ער דערזען הענגענדיק
אַ גרויסע, רויטע זון — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך צוגעהערט
און האָט דערהערט — מען רופֿט אים. אומגעקוקט זיך —
ערשט חיה־ריווע שלעפּט זיך מיטן קינד אין מיטן פֿעלד

און רופֿט אים מיט די הענט. ווי קומט זי אין אַ פֿעלד אַרײַן ?
האָט ער גענומען ווי אַ דריידל דרייען זיך אַרום —
ערשט דאָ איז שוין דער טײַך. האָט ער זיך צוגעקוקט
און נישט פֿאַרשטאַנען, נישט דערקענט דאָס פֿרעמדע אָרט.
נאָר דאָ האָט ער אַ הויז באַמערקט און ס'האָט אים אויסגעדאַכט —
ער קען דאָס הויז, און דאָ דערנעבן דאַרף דער הקדש זײַן.
אַליין אָבער האָט זיך דאָס הויז גענורעט אין דער ליידיקייט,
אַליין בײַם טײַך אין מיטן פֿעלד און הימל. און ס'האָט זאַוול
דעם פֿאַק אַראָפּגעלאָזט, דעם רוקן אויסגעגלײַכט
און ווײַט אַרום געשיקט זײַן בליק. האָט ער דערזען
אַ רויטן אָפּגלאַנץ אויף די וואַסערן פֿון טײַך און גרינע ווערבעס
און בלויען הימל איבער פֿרײַער ליידיקייט און שטילן טאָג,
וואָס האָט זיך ווײַט אַרונטער שוין געטונקט אין רויט.
און ס'איז אים קלאָר געוואָרן. מיט אַ מאָל דערפֿילט,
ווי ס'ברעכן זיך די קני און פֿאַר די אויגן ציט אַ נעפּל,
און אָט אָ פֿאַלט ער. אָבער ס'קומען־אונטער טריט —
ס'איז חיה־ריווע דאָ — און מיט אוממענטשלעכן, מיט ווילדן צוואַנג
האַלט זאַוול אײַן דעם יאָמער און ער גלײַכט זיך אויס.
איין בליק אויף אים, איין קוק אַרום — און שטאָט פֿון אים
רײַסט־אויף דאָס יאָמערן פֿון איר, און הויך און ברייט
צעגיסט זיך עס אַרום. ס'איז נישט דער יאָמער פֿון אַ מענטש,
וואָס וויקט אין טרערן אויס אַ וווּנד פֿון אָפּגעריסן לײַב,
נאָר גאָטס אַ ווילד געשאַף, וואָס האָט זיך אויפֿגעכאַפּט
פֿאַר נאַכטגעפֿאַנג און מיט אַ מאָל דערזען די ערד
צעשפּאָלטן פֿאַר די טריט מיט שוואַרצקייט פֿון אַ תּהום,
און יאָמערט אין דעם תּהום אַרײַן די שרעק פֿון אונטערגאַנג.
אַזוי האָט זי געוואָיעט. אָבער זאַוול האָט שוין אָנגעטאָן
דעם פֿאַנצער אַרום זיך, געשטאַנען הינטער איר, געגלעט
מיט ציטערדיקע הענט: מען דאַרף נישט וויינען!
מען דאַרף נישט וויינען, חיה־ריווע! — און די ציין האָבן געקלאַפּט

און מיט פֿאַרביסנקייט די אויגן אײַנגעשטאָכן אין דעם וויסטעניש,
וואָס איז געוועזן שטאָט. האָט ער געפֿילט, ווי ס׳שטראָמט
זײַן אייגענער פֿאַרשטיקטער יאָמער פֿון די פֿינגער,
וואָס גלעטן איר דעם קאָפּ, און האָט געברומט פֿאַרביסענער:
— מען דאַרף נישט וויינען! לאַנג אַזוי... אַ צײַט אַזוי...
ביז ס׳האָט די זון אין רויטקייט זיך אַראָפּגעזעצט.
איז חיה־ריווע שטיל געוואָרן, דאַן די אויגן אויפֿגעהויבן
און אָן אַ קול געפֿרעגט: — וואָס וועט מען איצטער טאָן?
און זאַוול האָט געענטפֿערט: — מען וועט גיין.

מען איז געגאַנגען איבער פֿעלד, ווו שטיקער פֿוילע ברעטער
פֿון טראָטואַרן און פֿון הײַזער האָבן אָנגעצײַגט די גאַסן,
און ס׳האָבן זיך אין בלייכן אָוונטשײַן געזען,
אי שטיקער האָלץ, אי ציגל, אי דער שטיין פֿון פֿונדאַמענט.
באַלד האָבן זיך באַוויזן הײַזער פֿון דער ווײַט. נאָך פֿריִער נאָך,
אַליין, אין מיטן ליידיקייט, האָט זיך אַ הייב געטאָן
די גרויסע שטיינערנע זעקסעקעדיקע שול. און מיטן דאַך,
וואָס האָט זיך קײַלעכדיק און שפּיציק אויפֿגעהויבן
צום לעצטן מאַטן גאָלד אין וואָלקנס, האָט זי אויסגעזען
ווי זי וואָלט אייביק דאָ אַן אָפּגעזונדערטע געשטאַנען,
און ווײַט פֿון אַלעמען. איז זאַוול שטיין געבליבן,
אַ סקרוך [54] איז אים אַריבער דורכן לײַב, און נאָך אַ ווײַל —
און ס׳איז אים אײַנגעפֿאַלן: ער איז ווי די שול אַליין.
אַ שטיינערנער, אַ שווערער שטייט ער אויך אין מיטן וויסטעניש
אַן אָפּגעזונדערטער פֿון אַלעמען און ער וועט אויסהאַלטן
ווי דאָ די שול. גענומען שנעלער גיין צו הײַזער.
און מענטשן זײַנען אָנגעקומען, אויסגעפֿרעגט זיך, אָנגעוויזן,
ווו ס׳האַלט זיך אויף דער טאַטע און אין וועלכע בתּי־מדרשים

---

[54] (פּויליש) ציטער.

עס איז נאָך פּלאַץ פֿאַראַן פֿאַר די, וואָס אָן אַ היים.
אַז ס'איז געוואָרן נאַכט. און חיה־ריווע האָט דאָס קינד
אײַנגעוויקלט אין וויַבער־שטיבל אויף אַ באַנק. איז זי אַראָפּ
אַ קוק טאָן, ווו איז זאַוול. האָט זי אים געזוכט
אין פֿאָדערהויז און אין בית־המדרש און אין דרויסן.
נאָר זאַוול איז אַוועק. איז זי געבליבן אויף די טרעפּלעך דרויסן,
געקוקט ווי ס'גייט־אַרום די יונגע לבֿנה און געוואַרט.
און זאַוול איז געגאַנגען גנבֿענענדיק זיך מיטן בולוואַר,
און ס'האָט דאָס האַרץ אים ענגער זיך געשטיקט מיט יעדן טריט,
וואָס האָט דערנענטערט צו דעם פּלאַץ, צו יענעם פּלאַץ,
ווו ס'איז געווען — און אפֿשר איז נאָך דאָ? — דאָס הויז.
דערזען די גרוי געשטאַלט אין טונקל, האָט ער פֿריִער
דעם קאָפּ אַוועקגעדרייט. געשפּריַזט נישט קוקנדיק,
ביז ער איז צוגעגאַנגען נאָענט און שטיין געבליבן.
ס'איז דאָ! פֿאַרקלאַפּט די לאָדנס מיט די טירן.
אַ פֿינצטערס שטייט עס, אָבער נישט גערירט געוואָרן.
ס'איז דאָ! האָט ער גענומען וויַטער שפּריַזן, כּלומרשט צופּעליק
זיך אָפּגעשטעלט אַ וויַל. און איצטער דאַרף ער וויַטער גיין.
איז גייט ער וויַטער, אָבער אינעווייניק שפּאַרט עס שוין
מיט גאווה און פֿאַרביסנקייט, און ס'זינגט־אַרויס:

האָסט מיַין אייגן היים פֿאַרברענט
און עס אָפּגעמעקט פֿון דר'ערד.
שפּאַר איך אָן מיַין מידן קאָפּ
דאָרט ווו אַלע אָן אַ היים.
אָן אַ היים און אָן אַ דאַך
בין איך דאָרטן ווו איך בין.

האָסטו פּוסט און וויסט געמאַכט
אַלע וועגן אַרום מיר.
שטיי איך ווי אַ האַרטער שטיין

אין דעם וויסטעניש אַליין.
אין דעם וויסטעניש אַ שטיין
בין איך דאָרטן ווו איך בין.

האָסטו שפּיזן גיפּטיקע
מיר אין האַרץ אַרײַן געשיקט.
האָב איך מיר דאָס האַרץ פֿאַרשטיקט,
כאָטש דאָס בלוט פֿון דאָרטן טריפֿט.
אָבער מיטן סם אין האַרץ
בין איך דאָרטן ווו איך בין.

קעלט און הונגער, פּײַן און בלוט —
אַלץ האָסטו מיר צוגעגרייט.
בין איך אויף דעם אַלעם גרייט,
און איך גיי צום שוואַרצן טויט.
גייענדיק אַנטקעגן טויט
בין איך דאָרטן ווו איך בין.

**אַזוי האָט עס גערעדט פֿון אים און ס'האָט מיט יעדן וואָרט זײַן טראָט זיך פֿעסטער אָנגעשלאָגן אין דער ערד. נאָר ווער איז דער, אַנטקעגן וועמענס בייז ער שטעלט זיך עס מיט אַזאַ גאַווה און פֿאַרביסנקייט, האָט זאַוול נישט געטראַכט און נישט געוווּסט.**

# 11

**דאָס** גאַנצע יאָר דערנאָך, ביז וואַנען ס'פֿרעמדע מיליטער איז אָפּגעטראָטן און נישט צוריקצוקומען מער, האָט זאַוול געלעבט אין אַ פֿאַרשיכּורונג פֿון שווערער מי. אַרײַנגעוואָרפֿן זיך

אין אַרבעט מיטן אימפּעט פֿון אַ שלעגער אין געראַנגל,
וואָס גייט אויף בײַצוקומען. און אַז דאָס געפֿיל פֿון בײַקומען
האָט שוין מיט שטאָלץ באַפֿאַרבט די מידקייט פֿון דער מי,
איז מי אַליין געוואָרן אַ באַפֿרידיקונג. צו ערשט געשלעפּט
פֿון צווישן חורבֿות אָפּגעבערענטע קלעצער, ברעטער, שטיין
צו דעם באַראַק, וואָס מ'האָט גענומען אויפֿשטעלן דערווײַל
פֿאַר די, וואָס אָן אַ היים. געשלאָגן טשוועקעס
פֿון אָנהייב אין די זעלבע אָפּגעבערענטע ברעטער, און דערנאָך,
ווי ס'האָט זיך שוין געמאַכט. אַ האַנט געוואָרן
בײַ יעדן הויז, וואָס מ'האָט פֿאַרריכט אָדער געבויט.
און אַז דער טעסליער האָט אים צוגעלאָזט צו דער מלאכה,
האָט שוין דער מולער אויך גערופֿן אים צו הילף.
און זאַוול האָט געגראָבן און געהובליעוועט, געטונקט, געקאַלכט
און זיך געענערט פֿון שיסל זופּ מיט ברויט, וואָס מ'האָט געטיילט
אין קיך בײַ קהל. אין מיטן אַלע מלאכות אָפּגעלאָזט
און זיך געשטעלט פֿאַר אַ משרת אין דער קיך: געשפּאָלטן האָלץ,
געטראָגן וואַסער, אומגעגאַנגען מיטן קעסעלע געקעכטס
באַטיילן די חולאים אין די בתּי־מדרשים און די הײַזער.
ביז וואַנען ס'איז אַ ייִד געקומען ערגעץ פֿון דער פֿרעמד
און זיך גענומען צושאַרן צו דער קיך. האָט זאַוול חיה־ריוועט
געלאָזט בײַם קוימען אין דער קיך, דעם פֿרעמדן ייִד — בײַם קעסעלע
אַרומצוגיין איבער די הײַזער און אַליין, ווי פֿריִער,
גענומען אַרבעטן אויף אַלע כּלים. איז אַוועק אַזוי דער זומער,
אַוועק דער ווינטער אויך. פֿון אַלע די, וואָס זײַנען גלײַך מיט אים
אַהיים געקומען, האָט שוין קיינער נישט געשטיקט אין בית־מדרש:
אַוועק אין הײַזער האַלב פֿאַרריכטע, אין באַראַקן און געלאָזט
דאָס פּלאַץ פֿאַר אַנדערע, וואָס האָבן שוין אַליין צו ביסלעך
גענומען זיך אַרויסרוקן, און ווידער אַנדערע אַרײַנלאָזן.
דער אײנציקער זיך נישט צו רירן איז געווען זאַוול.
און צי די שכנים האָבן זיך געביטן, צי דאָס ווײַב אַפֿילו

האָט זיך באַזעצט אין קיך פֿאַר אַ קעכין — ער איז אַלץ געבליבן,
און ס׳איז נישט אים, נישט קיינעם אײַנגעפֿאַלן אַנדערש.
ווײַל זאַוול, דער וואָס האָט אַ טאַטן שלום און אַ מאַמע ראַשע
און נאָך אַ ווײַב דערצו, אַ חיה־ריווע — יענער איז פֿאַרשוווּנדן,
און ס׳איז געבליבן זאַוול מיט די הענט און פֿיס און טעג,
וואָס זײַנען קיינעמס נישט און אַלעמענס. דער זאַוול פֿון דער שטאָט,
וואָס איז איר אייגנס, ווי דער עירובֿ און דער פּלומפּ אין מאַרק אַמאָל,
און גרייט פֿאַר אַלעמען, ווער ס׳דאַרף אים האָבן —
און ווו זאָל ער דען נעכטיקן, אַז נישט אויף דעם בית־מדרש־באַנק?
אַליין פֿאַר אים איז דאָס אַלץ אפֿשר נישט געווען אַזוי פּראָסט
און גאָר נישט אָן כּוונה האָט ער זיך געהאַלטן אין בית־מדרש:
זיך אויסגעהיט, וואָס לענגער, נישט צו דאַרפֿן זײַן מיט איר.
און אויב דער שטאָט איז ניחא, איז עס אים אַוודאי ליב,
כאָטש חיה־ריווען איז עס גאָר נישט ליב געווען.
זי האָט געפּרוווט אַפֿילו איין מאָל אָנדײַטן, אַז ביידע — ער און זי —
זיי וואָלטן נישט געווען קיין פֿרעמדע אין דעם ווײַסן הויז
און נישט די איינציקע, וואָס קלײַבן זיך אַרײַן אין פֿרעמדע הײַזער.
האָט ער זיך אָנגעכמורעט, האָט זי דאָס פֿאַרשלונגען
און נישט געבראַכט מער פֿאַרן מויל — און גוט האָט זי געטאָן:
ווײַל ווען מ׳האָט אָנגעהויבן שפּעטער מורמלען, אַז ס׳איז גלײַכער
אַן אַנדערער דאָס פּלאַץ אין קיך אַוועקגעבן אַנשטאָט אַזאַ ווי זי,
און זאַוול האָט געטראָפֿן חיה־ריווען אַ פֿאַרוויינטע און פֿאַרשטאַנען,
אַז עפּעס איז אַהער דערגאַנגען, האָט ער אָנגעהויבן אָפֿטער
אַרײַנקומען אין קיך און סאַרווערן, און וואַסער טראָגן,
ביז ס׳איז געוואָרן שטיל. אויך דאָ איז עס געווען די מאַמע,
וואָס איז די ערשטע צוגעקומען מיט דער טענה און דעם זון
געחנפֿעט מיטן כּבֿוד, וואָס זי האָט פֿון אים,
אַז מ׳האָט איר צוגעטיילט דאָס שענסטע אָרט אין ווײַבערשול,
און נאָר די שנור פֿאַרפֿינצטערט איר דאָס לעבן.
האָט זאַוול זי אַ פֿרעג געטאָן: — פֿון וואַנען ווייסט מען עס?

— וואָס מיינסטו? מענטשן ווייסן שוין — האָט זי זיך אויסגעדרייט.
האָט ער זי שאַרפֿער אָנגעקוקט, פֿאַרשטאַנען און געזאָגט:
— האָסט דאָך אַליין מסתמא אַלעמען דערציילט.
זי האָט געלייקנט. זיך צעוויינט פֿאַר אים און אָפּגעטראָגן.
האָט ער געוווסט, אַז דאָס האָט זי זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ
פֿאַר שכנות און פֿאַר ווײַבער אין דער שול, און האָט געטראַכט:
— איר טוט דאָך אויבעט ווי דאָס איריקע... ס׳טוט ווי...

**און** אַז די פֿרעמדע זעלנערס זײַנען אָפּגעטראָטן אויף אַן אמת
און מישאַ איז צוריקגעקומען, הויך און ברוין, מיט אומעטיקע אויגן,
האָט ער געטראָפֿן זאַוולען שלעפֿנדיק אַן עמער וואַסער,
און אים אַרומגעכאַפּט און זיך געקושט מיט אים.
און אַז מען האָט די ברעטער אָפּגעריסן פֿון די טירן,
אַרויסגעשלעפּט דאָס מעבל פֿונעם קעלער און עס אויסגעשטעלט,
און בײדע האָבן מיט אַ מאָל דערפֿילט אַ ליידיקייט,
אַ שרעקעדיקע ליידיקייט אין שטוב, האָט מישאַ אויפֿן קול
אַ טראַכט געטאָן: — אָט ווייסט איר גאָר? מיר וועלן דאָ
אַרײַננעמען אַ פּאָר געלעגערס און, ביז וואַנען אַ שפּיטאָל
וועט פֿאַרטיק ווערן, האַלטן דאָ אַ פּאָר חולאים, וואָס?
און אַז אויך זאַוול האָט עס אײַנגעזען, און בײדע זײַנען זיי
געבליבן זיצן שטיל, איז אויסגעוואַקסן מיט אַ מאָל פֿאַר אים
דער ברייטער תהום, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט
פֿון זײַנע יונגע יאָרן ביז צו אים, דעם מאַן אַצינד,
און ס׳האָט גענומען אויפֿטאָגן אַ זין אין דעם וואָס איז.
אָט זיצט דאָ מישאַ — שוין נישט מישאַ מער. דאָס ווײַסע פּנים
פֿון יונגן דאָקטער איז פֿאַרבליבן אויף די זומערדיקע וועגן,
וואָס ליגן אויסגעברענט פֿון פֿײַער ביזן שוואַרצן גרונט,
און דאָ איז אַ ברוינהויטיקער, אַ טונקל באָרדיקער און הויכער מאַן,
און ס׳קלינגט מיט ברוסטיקייט זײַן קול. דערמאָנט זיך זאַוול אויך,
ווי שוואַרץ באַוואָקסן איז זײַן אייגן פּנים. בײדע זיצן זיי אַזוי,

צווײ שוואַרצע מענער. פֿאַר די אויגן זײערע דאָס הויז
פֿון יונגער פֿרייד פֿאַרוואַנדלט אין אַ קראַנקנהויז.
אַרום — בלויז הורבעס שוואַרצע שטײנער אויף דער הוילער ערד,
די טויטע רעשטלעך פֿון די ווענט פֿון זײער שטאָט.
פֿאַר זײ — די וועלט אין ווונד און ווײטיק אַ צעשלאָגענע.
און זײ, צווײ שוואַרצע מענער, מיט דער לאַסט פֿון שטומען צער,
זײ גורטן זיך מיט כּוח אָן און קלײַבן זיך אַנטקעגנגײן דער לײד,
וואָס האָט איר אָנהײב אין דער וויסטעניש פֿון אײגן הויז
און שפּרייט זיך אויס ווער ווייסט צו וועלכן לאַנד און ים.
קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. און ס׳איז געווען קלאָר פֿאַר ביידן,
אַז וואָס דאָ זאָל נישט ווערן, בלײַבט שוין זאַוול דאָ.
און אַז מען האָט גענומען אויפֿרוימען די סאַליע און דאָס עסצימער
איז אויך געווען קלאָר, אַז איינס — דאָס צימער פֿון די מיידלעך —
וועט נישט אַרײַננעמען קיין פֿרעמדע געסט. דער אַלטער בוים,
אַ לעבעדיקער, האָט מיט רויטקייט פֿון אַ פֿריִען האַרבסט
אַרײַנגעקוקט אין אַלטן פֿענצטער. און אין ווינקל,
וווּ ס׳האָט אַמאָל די אויסגעהאָפּטענע און ווײַסע דעקע אײַנגעדעקט
דאָס מיידלשע בעט פֿון בעקאַן און דערנאָך דער קליינער ליזע,
האָט איצט אַ גרויע זעלנערשע און אָפּגעניצטע קאָלדרע צוגעדעקט
אַ זעלנערש בעטל. און ס׳איז פּוסט געווען און יום־טובֿדיק אין צימער
מיט קאַלטער יום־טובֿדיקייט פֿון שפּיטאָל. באַלד האָט מען זײ געבראַכט
פֿון בתּי־מדרשים און פֿון קעלערס, אויסגעלייגט אין עסצימער די
מענער
און ווײַבער אין דער סאַליע, שפּעטער אויך אין טאַטע־מאַמעס
און מישאַס צימער. מ׳האָט אַ ייִדענע אַרײַנגעקראָגן צו די ווײַבער.
און ס׳האָבן טעג זיך אָנגעהויבן פֿון אַרומגיין בײַ די קראַנקע,
פֿון לויפֿן אין דער קיך נאָך עסן, שלעפּן האָלץ און אָנהאַקן
די אויוונס אײַנצוהייצן. און אין פֿרײַע שעהען לערנען זיך
די מינים וואַסערן און זאַלבן און געברויך פֿון טערמאָמעטער,

פֿון שפּריצער, מאַרלע [55] און באַנדאַזשן — טעג פֿון אַרבעטן צוזאַמען,
ווען ס׳האָט זיך צײַטנווײַז געדאַכט, אַז אַלץ, וואָס ווערט געטאָן,
ווערט מער געטאָן איינס פֿאַרן אַנדערן ווי פֿאַר די קראַנקע דאָ,
און פֿון די ערנסטע און שטילע בליקן איז דער בונד געוואַקסן.
נאָר אויף דער נאַכט, ווען ס׳פֿלעגן אָנקומען די לײַט,
פֿון ביקור חולים, האָט זיך זאַוול אומגעקערט אין זײַן בית־מדרש.
ביז מישאַ האָט אים ענדלעך אָפּגעשטעלט: — צו וואָס גייט איר אַהין?
פֿאַר וואָס ווילט איר נישט נעכטיקן מיט מיר אין צימער דאָ?
ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געשעמט זיך צו דערקלערן,
אַז ס׳וואָלט געווען צו פֿיל ווילטאָג דאָ פֿאַר אים,
און אָפּגעענטפֿערט: — גוט! אויף מאָרגן האָט ער זיך אַליין
צונויפֿגעקלאַפּט אַ טאַפּטשאַן, און אַנטקעגנאיבער מישאַן,
אין יענעם ווינקל, וווּ בײַם טיש אַמאָל האָט בעקאַ איבער אים
געטײַטלט מיטן קליינעם פֿינגער אינעם בוך, געמאַכט זיך אַ געלעגער.

אין אָוונט פֿלעגט ער בלײַבן אָפֿט אַליין. די שטאָט
האָט זיך געטומלט מיט אַסיפֿות: אַ שפּיטאָל און קיך און דירות
פֿאַר די׳, וואָס קומען־אָן צוריק, דער דאָקטער איז געווען פֿאַרטאָן.
און זאַוול, מיד פֿון טאָג, פֿלעגט זיך אַוועקזעצן,
און טראַכטן: עפּעס איז פֿאַראַן, וואָס גיט אַ זין דעם לעבן
און מאַכט עס מער ווי ס׳איז. אַמאָל, אין קרײַז פֿון יונגע לײַט,
איז אויך די רייד געווען פֿון לעבן מיט אַ זין, און אין די רייד אַליין
איז שוין געווען אַ שיינקייט, ווי דאָס אומגיין צווישן בלומען,
ווי זיס געזאַנג און אויגן מיידלשע. אַצינד איז עס ניט שיין.
עס חלומט זיך נישט מער. נאָר האַרט און אײַנגעשפּאַרט
קומט־אָן דאָס וויסן, אַז ס׳איז דאָ אַ זין צו אַלעם, וואָס מען טוט.
און פֿון געדאַנק אַליין ווערט כּוחדיקער, אָנגעגאָסענער די האַנט.
און אויב ס׳איז גוט, איז עס פֿון פֿאַרגעפֿיל, אַז שפּעטער

---

[55] גאַזע (צו פֿאַרדעקן וווּנדן נאָכן באַשמירן מיט היילשמירעכץ).

קומט נאָך מער מי און מאַטערניש. ס׳איז גוט. און פֿון געדאַנק,
אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ זין, קומט־אויף אַן אַנדערער: ס׳דאַרף זײַן אַ זין,
און ס׳קוועלט אין אים. ביז איין מאָל אויף דער נאַכט
ליגט מישאַ אויף זײַן בעט און זאַוול קעגנאיבער, און ער פֿילט,
ער קאָן עס מער נישט אײַנשטיקן, און ברומט־אַרויס:
— דאָס לעבן דאַרף אַ זין האָבן! — דערהערט דער דאָקטער,
פֿאַרוווּנדערט זיך און פֿרעגט ווי נישט געכאַפּט זיך:
— וואָס זאָגט איר, זאַוול? — כ׳זאָג: דאָס לעבן דאַרף אַ זין האָבן.
איצט קומט עס קלאָרער שוין. הערט מישאַ אויס און פּרוווט
מיט רויִקייט מאַסקירן זײַן פֿאַרוווּנדערונג און נײַגער:
— צו וואָס? — עס זאָל זײַן גוט צו לעבן. ס׳זאָל זיך ווילן לעבן.
— אַזוי... און אײַער לעבן האָט אַ זין? — איצט יאָ, איצט האָט עס.
— און פֿריִער? — פֿריִער נישט... פֿאַרטראַכט ער זיך, דער דאָקטער;
— אין וואָס באַשטייט דער זין? בלײַבט זאַוול שטיין אַ ווײַל:
— אין אַרבעטן. — און האָט איר פֿריִער נישט געאַרבעט?
— געאַרבעט, יאָ. נאָר איצטער טו איך וואָס איך דאַרף.
— ווי ווייסט איר עס? — איך ווייס.... — און שווײַגנדיק אַ ווײַל —
איך ווייס, ווײַל ס׳איז מיר גוט. דער דאָקטער שמייכלט
און טוט אַ פֿרעג: — און איך? מײַן לעבן — מיינט איר — האָט אַ זין?
— איך מיין, אַז יאָ! — זאָגט זאַוול. אַזוי זיכער איז ער וועגן מענטשן,
וואָס האָט אַזוי פֿיל מער פֿון אים געלערנט און ער קען.
— ווײַל כ׳טו וואָס איך באַדאַרף און ס׳איז מיר גוט. נישט אמת?
הערט זאַוול שוין דעם שמייכל, שרעקט זיך איבער און ער שווײַגט.
און יענער, כאָטש ער ווייס, אַז ס׳איז אַ חטא, רעדט ווײַטער:
— און דאָך איז עס נישט אמת. ווײַל איר קאָנט אַ מאָל טאָן אַלץ,
וואָס איר באַדאַרפֿט, נאָר דאָס אַרום, דאָס גאַנצע לעבן,
איז אַזוי אָן זין, אַז וואָס איר זאָלט נישט טאָן
איז אַלץ נישט גוט. און ווידער איז פֿאַראַן אַ מאָל אַ ליידיקייט
אין אײַך אַליין, וואָס האָט שוין גאָר נישט מיט דעם לעבן פֿון אַרום.
איז וואָס איר זאָלט נישט טאָן — איז בלויז געלייגט אַ לאַטע,

אַ לאַטע אויף אַ לאָך, און דאָרט איז פוסט און ס׳איז נישטאָ קיין זין...
געזאָגט אַזוי און זיך פֿאַרריכט אַ שולדיקער: — אַ גוטע נאַכט!
און זאַוול האָט באַגריפֿן — נישט באַגריפֿן און געפֿילט:
ער וואָלט געדאַרפֿט פֿאַרשטיין צוליב דעם מענטש, וואָס ער האָט ליב,
און בעסער אָבער נישט פֿאַרשטיין — פֿון וועגן זיך אַליין,
און דאָך האָט ער געוואָלט פֿאַרשטיין. אים אָנגעהויבן נאָכקוקן.
געזען זײַן אומעט און די זאָרג פֿאַר טאַטע־מאַמע, די פֿאַרוואָגלטע.
דערמאָנט זיך פֿון אַמאָל, דעם אומרו זײַנעם, און די טענה בעקאַס,
אַז ער האָט עמעצן געלאָזן דאָרט, און טאַקע וועמען האָט ער ליב,
דער מישאַ... — און געפּרוּווט עפּעס צונויפֿשטעלן פֿון אַלעם דעם,
און מישאַ ווידער האָט זינט יענער נאַכט שוין אָפּטער אָנגעהויבן
פֿאַרפֿירן שמועסן. דערציילט פֿון לעבן אין די גראָבנס,
פֿון דעם ווי זײַן דיענשטשיק[56] האָט אָנפּגעמאַכט, אַז ס׳איז שוין צײַט
דעם דאָקטער זיך צו לאָזן פֿאַנגען פֿון דעם פֿײַנד, און איז אַוועק
פֿאָרויס מיט זײַנע טשעמאָדאַנעס; פֿון דעם ווי ער האָט שפּעטער
קוים אויסגעבעטלט ווו אַ העמד אַ ווײַבערשע. פֿון דעם ווי ערגעץ,
אין אַ פֿאַרנומען שטעטל, האָט אַ שדכן אים גערעדט אַ שידוך.
דערציילט און מ׳האָט געלאַכט. און ווײַל ער האָט געפֿילט, ווי דאָס
געלעכטער
פֿאַרדעקט דעם אומעט פֿון זייביידן, האָט זיך זאַוול אויך געפּרוּווט
אַזוינס עפּעס דערציילן פֿון זײַן שטעטל און פֿאַרפּלאָנטערט זיך,
דערמאָנענדיק זײַן חתונה. איז ער געוואָרן רויט און מישאַ
האָט כּלומרשט נישט דערהערט און אָנגעהויבן עפּעס אַנדערש,
און ס׳איז געוועזן גוט פֿון אים. צי ווייסט ער דען נישט אַלץ?
ער האָט געזען ווי חיה־ריווע קומט און שטייט אין קיך מיט אים.
געזען זײַן מאַמען מיטן ברודער דאָ. געוווּסט וועגן זײַן טאַטן,
אַז ער האָט אויסגעבויט אַ שפּײַכלער פֿאַר די זאַכן אַלערליי,
וואָס ער האָט פֿאַר אַ שיבוש אָפּגעקויפֿט בײַם פֿרעמדן מיליטער.

---

[56] צאַרישער סאָלדאַט, וואָס איז געווען בײַ אַן אָפיציר אַ משרת.

האָט אַלץ געװוּסט אַװדאי, אָבער קײן מאָל נישט דערמאָנט.
װי זאָװל האָט זיך אױסגעהיט דערמאָנען מיט אַ װאָרט
פֿון די װאָס פֿעלן אין דעם הױז. און נישט אַזױ אַ דאַנקבאַרשאַפֿט
האָט ער געפֿילט צו אים װי דעם בשותּפֿותדיקן ערנסט,
װאָס האָלט זײ בײדן װי אַ נדר און מאַכט יום־טובֿדיק
די שװערע מי און הײליקער דעם זין פֿון זײערע טעג.

**און** ס'איז כּדאַי געװען. כּדאַי געװען דאָס אַלץ און מערער נאָך
װי דאָס, װאָס האָט געװאַרט אױף אים און אָפּגעצאָלט.
װײַל װען ער איז געקומען צו זיך נאָך דער שװערער קרענק,
װאָס האָט אים אָפּגעהאַלטן װאָכן לאַנג אױפֿן געלעגער,
איז װער איז דאָס געשטאַנען איבער אים און אָנגעקוקט
מיט גרױסע, בלױע אױגן ? ס'איז געװען װי אין אַ חלום —
דער קרױזנקאָפּ, דאָס בלײכע פּנימל און דינע אַקסל —
און ערשט װען ס'האָבן זיך פֿון חלום אױסגעשײלט אי פֿרײדע,
אַ גרױע און פֿאַרעלטערטע, אי מישאַ, אי די מאַמע אַ פֿאַרװײנטע,
און חיה־ריװע אױך איז דאָ געװען, איז װאָר געװאָרן
דער טונקל בלאָנדער קאָפּ. און ס'האָבן זײַנע אױגן
זיך העל צעשמײכלט קעגן איר. איז חיה־ריװע צוגעקומען
און זיך די ערשטע אָנגעפֿרעגט : װאָס מאַכסטו איצטער, זאָװל ?
האָט ער זי אָנגעקוקט מיט גאָר נישט זאָגנדיקע אױגן
און װידער זיך צעשמײכלט קעגן ליזען. האָט איר פּנים
זיך אױסגעקרימט. זי האָט געזאָגט : — איך װעל נאָך קומען. —
און אַװעק.
אַװעק — נאָר זי. און שפּעטער איז אַרײַן ר' חיים־לײב אין אַלטן ראָק,
אַװעקגעשטעלט זיך נעבן בעט : — שלום עליכם, זאָװל !
אָט זעען מיר זיך װידער ! — האָט ער נאָך אַ מאָל געשמײכלט
מיט לױטער װערנדיקע אױגן. דאַן איז גאָר אַן אומגעריכטער גאַסט
געשטאַנען פֿאַרן בעט : אַלײן דער טאַטע האָט זיך צוגערוקט,
אַרומגעקוקט זיך און געמורמלט : — נו, ס'איז דיר שױן בעסער ?

און בײַם אַוועקגיין האָט ער פֿון דער קעשענע אַרויסגעצויגן
אַ פּאָר פּאַפּירלעך, זיי פֿאַררוקט אונטערן קישן און געזאָגט:
— דו האָסט דאָך נישט, נו, וועסטו האָבן אויף הוצאות.
ערשט נאָך דעם, אין דער שטיל, איז ער געוווּיר געוואָרן פֿון דער
מאַמען,
ווי ס׳איז צום טאַטן די ברייטהאַרציקייט געקומען, און דערבײַ
די פֿרייד געהאַט פֿון נאָך אַ נאָענטן, אַ געפֿונענעם.
ווײַל ס׳איז אַזוי געווען: ווען מ׳האָט פֿון קהל גענומען אויסרופֿן
די לײַט, פֿאַר וועמען ס׳איז געקומען געלט פֿון קרובֿים פֿון אַמעריקע,
האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין שלום רימער האָט זיך אויך דערמאָנט
אַ זון, אַ שנײַדער דאָרט, און ס׳איז די מאַמע צוגעשטאַנען:
— וואָס דאַרפֿסטו משהס געלט? וואָס פֿעלט דיר קיין עין-הרע?
אָט ליגט אַ קינד אונדזערס, אַ נוטה למות, גיב עס אים אַוועק.
און אַז די טרערן האָבן נישט געהאָלפֿן, הײַנט און מאָרגן נישט,
האָט זי נישט אויסגעהאַלטן, איז אַוועק צום רבֿ, ר׳ יאָסעלע,
און אויסגעגאָסן גאָר דאָס האַרץ פֿאַר אים. איז מען פֿון רבֿ
געקומען נאָכן טאַטן און דער רבֿ — דאָס האָט דערציילט דער טאַטע —
האָט אים געבעטן זיצן און געפֿרעגט: — ווי גייט עס אין פּרנסה?
— צו ביסלעך. גאָט צו דאַנקען! — האָט געזאָגט דער טאַטע און
געמיינט,
אָט וועט ער בײַ אים בעטן אַ נדבֿה. נאָר דער רבֿ האָט גאָר געפֿרעגט:
— און וואָס מאַכט אײַער זון? — ווערט גאָר דער טאַטע אַ צעטומלטער
און שווײַגט. דאַן זאָגט דער רבֿ: — נישט רעכט אַזוי, ר׳ שלום.
כּרחם אָבֿ על בנים. און אַ זון אַ כּשר האַרץ. גייט, זעט דעם זון.
און אַז דעם טאַטנס האַרץ וועט זיך משנה זײַן לטובֿ,
וועט אויך דער אייבערשטער אים שיקן אַ רפֿואה שלימה.
אַזוי האָט מען דעם בייזן טאַטן אויך צו אים געבראַכט,
און אויפֿגעכאַפּט זיך איין מאָל אַ פֿרימאָרגן, האָט ער זיך דערזען
אַרומגערינגלט מיט אַזוי פֿיל נאָענטע און אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט,
אַז דאָס אַליין איז מער אַ נס געווען ווי זײַן געזונט ווערן.

**און אַז די זון האָט זיך צעלייגט אין העלע פּלעקן אויף די ווענט,**
**און זאַוול, אויפגעזעצט זיך אויפן בעט, האָט דורכן פענצטער**
**דערזען די פרישע בלעטער אויפן אַלטן בוים — איז אַלץ**
**געווען וווּנדערלעך און פול מיט ניסים. האָט ער זיך צוריקגעלייגט**
**און, ליגנדיק מיט צוגעמאַכטע אויגן, זיך געטראַכט:**
**געגאַנגען איז אַ מענטש איבער אַ ווינטן וועג, מיט צונג און גומען**
**פון דאָרשט פאַרטריקנט, און געפאַלן אין חלשות אויף אַ שטיין;**
**און ס׳האָט די נאַכט אים איינגעדעקט צום שלאָף, צום פינצטערן;**
**און פלוצלינג עפנט ער די אויגן און דערזעט —**
**אי גרינע פעלדער אין דער זון, אי קלאָרע וואַסערן, אי בלומען,**
**אי גוטע מענטשן אים אַנטקעגנקומען מיט אַ פרייד —**
**אַזוי ווי אין אַ וווּנדער־מעשהלע.**

**און שפּעטער**
**איז ליזע נעבן אים געזעסן איין מאָל און געזאָגט פאַרטראַכט:**
**— אַז איר וועט גאָר געזונט ווערן, וועט איר מיר אַלץ דערציילן.**
**האָט ער זי אָנגעקוקט און זיך דערמאָנט דאָס וווּנדער־מעשהלע**
**און אָפּגעשמייכלט: — בין איך שוין געזונט און קאָן דערציילן.**
**און אַז די אויגן אירע זיינען העל און ברייט געוואָרן,**
**האָט אים צום האַרצן צוגעשלאָגן, האָט ער אָנגעהויבן:**

אַז מ׳האָט אונדז פון דער היים אַוועקגעטריבן,
זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען און געגאַנגען זייער לאַנג,
ביז מ׳איז געקומען אין אַ פרעמדן אָרט צו פרעמדע מענטשן.
האָבן מיר נישט געהאַט וואָס צו עסן און ווו צו שלאָפן,
און מיר איז געווען זייער שלעכט. און דאָרט אַרום איז
געווען אַ גרויסער וואַלד,
בין איך אַוועק אַהין אין וואַלד אַריין,
אַליין אַהין אין גרויסן ווינטן וואַלד, און בין דאָרט אומגעגאַנגען.

**— איר מיינט עס מיט אַן אמת? — אמת! — ענטפערט זאַוול.**
**— און איר זייט גאָר געווען אַליין? — אַליין? — פרעגט ער זי איבער—**

ניין, שפּעטער בין איך נישט געווען אַליין.
מיט מיר צוזאַמען איז געווען אַ בער, אַ גרויסער בער.

**— אַ בער ? — קוקט ליזע אָן — און איר האָט גאָר זיך נישט געשראָקן?**

פֿון אָנהייב האָב איך זיך געשראָקן. איך בין געגאַנגען
דורכן וואלד
און ער איז מיר נאָכגעגאַנגען. האָב איך גענומען לויפֿן,
איר ער מיר נאָכגעלאָפֿן. און געלאָפֿן, און געלאָפֿן —
אַלץ נאָך מיר. ביז איך האָב קיין כּוח נישט געהאַט און
אומגעפֿאַלן
איז ער צוגעלאָפֿן צו מיר — און איך האָב געמיינט,
ער וויל מיך אויפֿעסן. אָבער אים איז גאָר געווען אומעטיק,
און ער האָט מיך גענומען קושן, לעקן מיט דער צונג,
און אַרומנעמען מיט די לאַפּעס, און ער האָט מיך נישט
אָפּגעלאָזט,
האָב איך שוין געמוזט גיין מיט אים און זײַן מיט אים אין וואַלד.

**קוקט ליזע, קוקט, צעשמייכלט זיך און לאַכט זיך העל פֿונאַנדער: — ס'איז דאָך אַן אויסגעטראַכטע מעשׂה — לאַכט זי... גייט שוין, גייט! שווײַגט זאַוול, קוקט אויף איר און זאָגט — און אפֿשר ניין? און אפֿשר איז עס גאָר אַן אמת? — אַן אמת מיטן בער? — אַוודאי. ער זאָגט עס אַזוי ערנסט. ווייסט זי נישט, וואָס אים צו ענטפֿערן און זאָגט: — טאָ אויב ס'איז אמת, וואָס זשע איז דער סוף געווען?**

— דער סוף ? דעם בער איז גוט געווען מיט מיר.
נאָר מיר מיט אים — נישט גוט. האָבן מיר זיך געראַנגלט,
ווײַל ער האָט געוואָלט, איך זאָל אַלע מאָל זײַן מיט אים
און שוין אויף אייביק בלײַבן אין וואַלד, אין וויסטן וואַלד.
און איך האָב געבענקט אַהיים, אַהער צוריק, אַהיים.
האָב איך געוואָלט אַנטלויפֿן און ער האָט מיר נישט געלאָזט.
ער וואָלט מיך אפֿשר געווען דערשטיקט פֿון ליבשאַפֿט.

האָב איך איין מאָל געכאַפּט אַ האַלץ, אַ גרויסן האָלץ,
און אים דערלאַנגט איבערן קאָפּ. איז ער געלאָפֿן אין חלשות
און איך בין אַנטלאָפֿן און געקומען צוריק אַהער, אַהיים.

— און ער? דער בער? — דער בער איז דאָרט געבליבן. — לעבט ער?
מסתמא לעבט ער. יאָ, ער לעבט אַוודאי. — טראַכט זי נאָך אַ ווײַל,
און האַלב אַליין, זיך שפּילנדיק אין קינדישקייט, פֿאַרענדיקט זי:
— איז בענקט ער דאָך נאָך אײַך. נישט גוט געווען אַזוי צו טאָן.
ער האָט אײַך ליב געהאַט — און איר אים מיט אַ האָלץ איבערן קאָפּ
און זײַט אַנטלאָפֿן. פֿע, ניט שיין! — זי זאָגט עס אָפּ
האַלב שפּילנדיק און האַלב אַליין פֿאַרטראַכט. נאָר זאַוול קוקט זי אָן
מיט וואָלקנדיקע אויגן און זאָגט נאָך: קאָן זײַן, איר זײַט גערעכט.
ער מאַכט די אויגן צו — אַן אָנשטעל, ווי ער זאָל פֿאַרשלאָפֿן ווערן —
און ס'איז נישט גוט. וווהין איז ער פֿאַרקראָכן? האָט געמיינט
פֿאַרענדיקן מיט יענעם מענטש, וואָס כאַפּט זיך אויף אין זון,
און דאָ האָט זי, נישט פֿילנדיק, אַזוינס אַרײַנגעזאָגט...
און אָט איז דער נס און ווונדער! וויל ער עס פֿאַרטרײַבן
און קוקט דורך שמאָלע אויגן־שפּאַלטן. זעט פֿאַרשווומענע
איר פּנים און דעם קאָפּ. פֿאַרמאַכט די אויגן — און אַזוי,
מיט צוגעמאַכטע דעקלעך — זעט ער זי — און ס'וואַקסט־צוריק
די פֿרייד אויפֿן צוריקקומען. זי איז דאָך שוין אַ גרויסע.
און ווי זאָל ער איר זאָגן: „דו" צי „איר"? ער זאָגט גאָר:
— שיין אין גאַס. פֿאַר וואָס גייט ליזע ניט שפּאַצירן?
זי וויל בעסער זיצן דאָ, מיט אים.
זי זיצט־אָפּ שעהען לאַנג.
און פֿון די שמועסן מיט איר דערוויסט ער זיך, אין וועלכע שטעט
זיי זײַנען אויסגעוועזן און ווי מען איז צוריקגעקומען און ווו
בעקאַ איז —
ער ווייסט שוין אַלץ. און אַז די מוטער אירע קומט־אַרײַן,
דערקענט ער, אַז אויך אַלץ, וואָס איז מיט אים געשען,
איז נישט קיין סוד אין הויז. עס טרעפֿט זיך — ביידע שטייען: פֿריידע

און חיה־ריווע. דרייט ער אויס דעם קאָפּ און ס׳ברענט אין אים.
נאָר פֿריידעס אויגן זײַנען מוטערלעך און אירע הענט
באַרירן אים אַזוי, ווי יענערס וואָלטן קיין מאָל זיך נישט צוגערירט
און נישט פֿאַראומרייניקט. איז ער דאַנקבאַר פֿאַר די מאַמישקייט
און ס׳גלייבט זיך ווידער אין דעם נס, וואָס איז געשען.

**ס׳האָט** נאָך גענומען צײַט, ביז וואַנען מ׳האָט פֿון לעצטן חדר
אַרויסגעפֿירט די קראַנקע אין שפּיטאָל, וואָס מ׳האָט געמאַכט
פֿון אַן אַמאָליקער קאַזאַרמע (דאָרט איז אויך די קיך געוואָרן
דער בית־יתומים און דאָס קהל־שטיבל). מ׳האָט אָפּגעפֿרישט דאָס הויז
און באַלד איז זאַוול אויך אַוועק: אַראָפּ פֿון בעט
און אין אַ טאָג צי צוויי — אַוועק. נישט ווײַל ער איז אין הויז
צו לאַסט געפֿאַלן, נאָר ס׳איז אים אַליין געוואָרן שווער.
ר׳ חיים־לייב האָט נישט געהאַט צו וואָס צו נעמען זיך אויף ס׳נײַ,
און אומגעשפּרײַזט אַ מרה־שחורהדיקער. פֿון דער גרויסער סאַליע
האָט מען דעם דאָקטער אָפּגעצאַמט אַ ווינקל פֿאַר אַ קאַבינעט.
און פֿריידע האָט געקלאָגט פֿאַר זאַוולען: — ווייניק, וואָס ער האָרעוועט
אַזוי פֿיל אין שפּיטאָל, דאַרף ער נאָך אויסהאַלטן די שטוב.
האָט זאַוול זיך אַרויסגעקליבן. איצט איז אויך דער טאַטע
געווען צופֿרידן מיטן זון און וואָלט אים גערן צוגענומען,
אָן איר, פֿאַרשטייט זיך. אמת, אַז דאָס נײַע הויז
וואָס שלום רימער, איצט ר׳ שלום, האָט זיך אָנגעהויבן בויען,
וועט פֿאַרטיק ווערן ערשט צו ווינטער. און דערווײַל האָט מען געוווינט
בײַ גויִים אין אַן אייבער־שטיבל. אָבער פֿאַר דעם זון
וואָלט נאָך געווען פּלאַץ. און ס׳איז שוין צײַט פֿאַר אים
צו טאָן עפּעס פֿאַר זיך. און מיט אַ פּען אין האַנט
וואָלט ער דעם טאַטן שטאַרק צו נוץ געקומען. אָבער זאַוול
האָט אָפּגעגעסן בײַ דער מאַמען וואַרמעס און איז אַוועק
צו חיה־ריווען. אָפּגעזעסן דאָרט אַ ווײַל — ווי אויסגעוואַקסן
איז דאָס קינד! —

און מיט די טרעפּ אַרויף צום דאָקטער אין שפּיטאָל.
— ווי קוקט ערשט אויס די וועלט? — האָט מישאָ זיך אַ פרעג געטאָן.
ער האָט געשמייכלט און געזאָגט: — אַז איך בין שוין אַרויס דערפון
און האָב נישט מער קיין מורא, קאָן איך דאָך שוין בלײַבן דאָ.
האָט יענער זיך צעלאַכט, אַרומגענומען מיט דער לינקער האַנט
זײַן אַקסל און זײַן רעכטע מיט דער רעכטער האַנט געדריקט.

**אַז** די געדיכטע קרויזן זײַנען ווידער אָפּגעוואַקסן
און זאַוולס קאָפּ האָט אויסגעזען צוריק ווי פון אַ שוואַרצן שעפּס,
האָט ליזע איין מאָל קוקנדיק אויף אים גענומען לאַכן.
און אַז די מאַמע האָט געפרעגט: — וואָס לאַכסטו, נאַרעלע? —
האָט זי געענטפערט: — ס׳האָט זיך מיר דערמאָנט, ווי דעמאָלט,
ווען זאַוול איז צו אונדז געקומען, האָב איך זיך דערשראָקן
פאַר זײַנע האָר. — האָט יעדערער בײַם טיש, און זאַוול אויך,
צעשמייכלט זיך, און פאַר די אויגן זײַנען אויפגעשוווּמען יענע טעג,
ווען מ׳איז, נישט וויסנדיק דערפון, אין גליק אַרומגעגאַנגען.
און ס׳איז געוואָרן שטיל. ביז פריידע האָט אַ צי געטאָן דעם אָטעם,
אַ זיפץ באַהאַלטנדיק, און מיט אַ מוטערלעכן אײַנשטעל אָנגעהויבן:
— נישט צום פאַרזינדיקן! ווען זאַוול זאָל נאָר וועלן,
וואָלט ער געמעגט אַצינדערט אויך אַ מאָל די פידל ברענגען.
ס׳האָט אָפּגעקלונגען אומגעריכט און פרעמד. און זי,
דערוואַרטנדיק דעם אָפּקלאַנג פון איר אײַנשטעל, האָט די אויגן
פון איינעם אויפן אַנדערן געצילט. און אַז דער דאָקטער
האָט מיט אַ שײַן פון דאַנק צו איר די בליקן אויפגעהויבן,
איז איר געוואָרן לײַכט. און זי האָט נאָך אַ מאָל געזאָגט:
— איך מיין עס מיט אַן אמת. אָט מוצאי־שבֿועות, אי״ה,
וועט זאַוול מיטברענגען די פידל און מ׳עט ווידער ווי אַמאָל
פאַרברענגען דאָ. — דער פאָטער האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט.
נאָר ליזע האָט זיך אָנגעצונדן און געקלעפּט צו זאַוולען:
— איאָ?

עס איז געווען אַ גנבֿה, דאָס אַרויסשלעפּן די פֿידל
פֿון אונטער חיה־ריוועס בעט, וווּ ס'איז געשטאַנען ווי אַ משכּון,
און לויפֿנדיק אין גאַס מיט דעם בײַ נאַכט, האָט ער געפֿילט,
אַז עפּעס גרעסערס פֿון דעם שאַכטל האָט ער בײַ איר צוגעגנבֿעט,
און מיט דעם ערשטן ציטער פֿון די סטרונעס, דאָרט אין הויז,
ווערט אַלץ, וואָס איז נאָך צווישן זיי געהאָנגען ווי אַ פֿאָדעם,
צעשניטן ווערן, ווי אַ שער זאָל עס צעשנײַדן. בלייך ווי קאַלך
האָט ער די גנבֿה אָפּגעשטעקט אין פֿריידעס האַנט
און נישט געלאָזט אַפֿילו פֿרעגן, וואָס אים איז. אַרײַן,
אַוועקגעגעבן און אַרויס.
דערנאָך די קיך פֿאַרבײַגעלאָפֿן,
אויס מורא חיה־ריוועס צו באַגעגענען. וואָס מער אָבער די שולד
האָט זיך אין מוח אײַנגעגעסן, שטאַרקער איז געוואָרן דאָס געפֿיל,
אַז ערגעץ אויסער אים איז דאָ אַ תּשובֿה אויף דעם ליגן.
און נאָך נישט וויסנדיק אין וואָס באַשטייט די תּשובֿה, זיך געגרייט
צו דער מינוט, ווען ס'וועט דער ליגן פּלאַצן. און דערווײַל
באַפֿעסטיקט זיך אין דער באַרעכטיקונג פֿון ליגן. ערבֿ יום־טובֿ,
אַז פֿריידע האָט פֿון יוצא וועגן מיטן האַלבן מויל געפֿרעגט:
— איר ווילט מסתּמא חיה־ריוועס רופֿן? — האָט ער נישט געטראַכט
און אָפּגעשניטן: — ניין. זי וועט נישט גיין! און אין איר אָננעמען
דעם קורצן פּסק אַזוי און איר נישט זאָגן קיין מאָל „אײַער ווײַב“,
צי „אײַער חיה־ריווע“ און איר צונעמען בײַ אים די פֿידל,
האָט ער געפֿילט אַ שותּפֿטע אין איר, ווי ס'וואָלט אַ שטילער אָפּמאַך
געווען צווישן זיי ביידן, און באַפֿעסטיקט אים אין דעם,
וואָס ער אַליין דאַרף נאָך באַרעכטיקן.
די האַנט האָט זיך געטרייסלט.

ס'האָט אים דאָס לײַב געציטערט, ווען ער האָט די פֿידל אָנגענומען
און אונטער האַרטע אָפּגעווינטע פֿינגער האָט דער ערשטער קלאַנג
אַ סקריפּ געטאָן, ווי ס'וואָלט דער אומרו פֿון זײַן בלוט געסקריפּעט,
זיך שלאָגנדיק צום מוח. אַ מינוט האָט אים געדאַכט,

ער ווערט עס באַלד פֿון האַנט אַרויסלאָזן און אומפֿאַלן.
האָט אָפּגעלאָזט אַ ווײַל, געאָטעמט, אָנגעהויבן עפּעס שטיל,
גאָר שטיל, ווי ער זאָל וועלן זיך אַליין פֿאַרנאַרן. און דערפֿילט,
ווי פֿריידעס אויגן גייען־אום אויף זײַנע הענט
און ליזע אויך קוקט־נאָך. ניין, ליזען וויל ער נישט. האָט מורא
פֿאַר אירע אויגן, ווי פֿאַר אַ נײַעם אומרו, אָבער פֿריידעס בליק
שטילט־אײַן, באַרויקט, און ער נעמט אים, גיט אים נאָך.
און ס׳הערט זיך שוין אַ קלאַנג, אַ קלאָרער, זינגענדיקער קלאַנג.
און נאָכגעיאָגט אים מיט אַן אַנדערן, אַ פֿעסטערן. און זיכערער
צעלאָזט זיך מיט אַ גאַנצן ווירוואַר טומלדיקע, שרײַענדיקע,
פֿאַרטויבנדיקע קלאַנגען, ווי מיט שטאַרקע הענט צערײַסנדיק
דעם אומרו, אים פֿאַרשרײַענדיק, אַריבערשרײַענדיק
מיט עפּעס, וואָס מען מוז אַרויסשרײַען, און זאָל אַ סוף נעמען!
פֿאַרסאָפּעט אָפּגעשטעלט זיך. גוט. איצט דאַרף ער קיינעם נישט.
ער קוקט זיך אום אויף אַלעמען, ווי לאָזנדיק זיי וויסן,
אַז ער איז דאָ צוריק און ס׳איז שוין צײַט פֿאַר אים
צו זאָגן וואָס ער דאַרף. ער גיט אַ צי און ס׳זאָגט זיך:

אָט זײַנען מיר דאָך אַלע ווידער דאָ.
מיט גרויע פּאַסמעס האָר אין קאָפּ,
מיט בלייכע פּנימער און קנייטשן אויף די שטערנס,
מיט אויגן טרויעריקע,
מיט האַרטע הענט און שווערע רוקנס —
וואָס מאַכט עס אויס,
אַבי מיר זײַנען אַלע ווידער דאָ.

די היים האָט ביז די שטיינער אָפּגעברענט
און מיר האָבן געוואָגלט אין דער פֿרעמד.
פֿאַרוואָרפֿן צווישן פֿרעמדע לײַט
האָט יעדערער געשלעפּט זײַן פּאַק
און צייכנס זײַנען אונדז געבליבן אויף די רוקנס —

וואָס מאַכט עס אויס —
אַבי מיר זײַנען ווידער דאָ.

פֿאַרלאָזן איז געשטאַנען אונדזער הויז.
און אויפֿגעעפֿנט האָט מען עס פֿאַר קרעכצן פֿון חולאים
און אין די צימערן איז אומגעגאַנגען שטיל
דער בייזער טויט,
נאָר אונדזער הויז האָט ווידער זיך באַנײַט פֿאַר אונדז —
וואָס מאַכט עס אויס —
אַבי מיר זײַנען אַלע ווידער דאָ.

**און פּלוצלינג זיך דערמאָנט אין עפּעס און ס׳רעדט ווײַטער:**

און איך אַליין, אַ גנבֿ, בין צוריקגעקומען.
נישט נאָר די טעג און נעכט האָב איך געגנבֿעט,
נאָר פֿון מײַן גורל האָב איך גנבֿענען געמוזט
אַפֿילו אָט די שפּילנדיקע כּלי צו דערציילן
פֿון מיר און פֿון מײַן גנבֿה אין דער נאַכט.
וואָס מאַכט עס אויס —
אַבי מיר זײַנען אַלע ווידער דאָ.

**אין דרויסן זײַנען מענטשן דורכגעגאַנגען און זיך צוגעהערט.**
**האָט עמעצער געזאָגט: — אַ גבֿיר איז דאָך אַ גבֿיר און מאַכט זיך פֿריילעך.**
**און נאָך איינער איז שטיין געבליבן און געזאָגט: — נו, דאַנקען גאָט!**
**מען קאָן שוין אַ מאָל הערן פֿידל שפּילן אין אַ ייִדיש הויז.**

# 12

זי האָט געוואַרט אויף אים. פֿאַר וואָס איז דאָס געווען,
וואָס יענעם אָוונט גראָד, מיט ווײַבער זיצנדיק, האָט חיה־ריווע
דערפֿילט אַ דראַנג אַהין, ווו זאַוול שפּילט צום ערשטן מאָל
נאָך לאַנגע יאָרן? מסתּמא איז עס רעכט געווען. ווײַל ער,
דאָס הויז פֿאַרלאָזנדיק, האָט אויך געפֿילט, אַז ערגעץ וואַרט זי,
און זי באַגעגנט אָן דערשטוינונג. נאָכגעגאַנגען ביז אין קיך אַרײַן
דעם פּסק צו קריגן, זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער וואַנט,
נאָר מיט די ערשטע רייד אירע איז גאָר זײַן שרעק פֿאַרשוווּנדן
און שטום האָט ער זיך צוגעהערט: צו ערשט צו איר געשריי,
דערנאָך צו איר געבעט און שפּעטער צו די דראָונגען דורך טרערן.
זיך צוגעהערט, ווי ס׳וואַקסט מיט יעדן וואָרט אירן
אַ שטײַפֿע רויִקייט. און ווען זי איז געוואָרן שטיל,
האָט ער געזאָגט: — קאָנסט מאַכן לײַטישע געלעכטערס, אויב
דו ווילסט.
עס וועט דיר גאָר נישט העלפֿן. — אויסגעדרייט זיך און אַרויף צו זיך.
אין קאַמער פֿון שפּיטאָל האָט ער זיך אומגעקערט
צום פֿידל און צו זאַוולען, וואָס האָט ווידער אויפֿגעלעבט,
אַוועק אין יאָרן צו די זומערדיקע אָוונטן מיט בעקאַן,
פֿאַרגליכן זי מיט ליזען, אירע רייד פֿון אַלע טעג,
ווען זי איז בײַ זײַן בעט געזעסן, און אויך איצט אין אָוונט...
און ווען ער איז דערגאַנגען ביז צו דער באַגעגעניש מיט חיה־ריווען
און דאָס געפּרוּווט אַוועקשטויסן, איז דאָך געבליבן אומפֿאַרשטענדלעך:
ווי קומט עס, וואָס אויך זי האָט אַ געפֿאַר דערפֿילט
און זיך געשטעלט אַזוי ווי קיין מאָל נישט? איז אויך אין איר
פֿאַראַן עפּעס אַזעלכעס?... מאָדנע... אָבער אויך דאָס טראַכטן

איז פֿול געווען מיט בייזקייט. און דערנאָך איז ער געזעסן,
געשמייכלט אין דער פֿינצטער און אין קאָפּ האָט זיך געפּלאָנטערט:

הינטער דער וואַנט שטייט דאָס ווייַב און הערט
דער מאַן אויף דער פֿידל שפּילט.
אויף יענער זייַט וואַנט שטייט דער מאַן און שפּילט
פֿאַר דער וואָס זייַן האַרץ האָט ליב.

געפּלאָנטערט זיך. און ס׳האָט אים אויסגעדאַכט, ער האָט אַזוינס
אַמאָל געהערט אָדער געלייענט ווו, און ס׳איז אים ווויל געפֿעלן,
וואָס יעדער וואָרט איז אַזוי צוגעפּאַסט און אמתדיק.

**עס** איז געווען קלאָר פֿון איר באַנעמען זיך די טעג דערנאָך,
אַז איצט וועט זי נישט אָפּלאָזן. דערווייַל איז אין שפּיטאָל
האַלב לײדיקלעך געוואָרן. אין דער פֿרײַער צייַט איז נאָכגעגאַנגען
דער אָפּקלאַנג פֿון דער פֿידל. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן בורען.
און אפֿשר איז דער טאַטע גאָר נישט אַזוי אומגערעכט געווען,
אַז ס׳איז שוין צייַט אַ טראַכט צו טאָן פֿון זיך. אַוודאי נישט אַזוי
ווי ס׳חלומט זיך דעם טאַטן. ער דאַרף זייַן אַליין
און עפּעס טאָן, וואָס זאָל אים אויפֿהאַלטן דעם זין,
דעם שוין געפֿונענעם, נאָר פֿרײַער, נענטער, זאַוולדיקער, יאָ!
אַ סוף מאַכן מיט חיה־ריוועז און זיך אומקוקן אויף עפּעס.
איז וואָלט ער שוין אַ טראַכט געטאָן, ווען נישט דאָס ווייַסע הויז,
וואָס גייט אים טאָג און נאַכט פֿון זינען נישט אַרויס.
אין אמתן, וואָס איז דען דאָ צו קלערן וועגן הויז?
פֿון אויבן גאָר נישט. אָבער דאָך איז דאָרטן דאָ אַזוינס,
אַ מין באַשערטע זאַך, וואָס האַלט זייַן מוח מיט אַ קנופּ,
און נישט ער קאָן עס אָנכאַפּן און נישט עס לאָזט אים אָפּ.
דאָס מיינט — ער כאַפּט עס אָן אַ מאָל און ווייס אַפֿילו
אַ נאָמען עס צו געבן. אָבער דאָס, וואָס האָט דעם נאָמען,
איז ווייַט, צו ווייַט פֿאַר אים, און אפֿשר אויך צו קליין

פֿאַר דער דערוואַרטונג פֿון באַהאַלטענעם. שוין בעסער אָן אַ נאָמען.
פֿאַרגייען די טעג אין טראַכטעניש און וואַרטן. גייט ער אום
און זעט נישט, ווייסט נישט, וואָס עס טראָגט זיך אין דער לופֿט
און ווי עס רוקט זיך אָן — ביז וואַנען ס׳פּלאַצט פֿאַר זײַנע אויגן.

**עס** איז געווען אַ נאָכמיטאָג. פֿון דער גאַס האָט זיך דערהערט
אַ פֿרעמדער טומל. איז ער צו צום פֿענצטער און דערזען,
ווי מענטשן יאָגן זיך. מען לויפֿט אין הײַזער, מען פֿאַרהאַקט די טירן.
די גאַס ווערט פּוסט און אין דער פּוסטקייט קלינגט פֿון ערגעץ אָפּ
אַ רופֿגעשריי. און באַלד לויפֿט־אָן אַ זעלנער מיט אַ ביקס
און לויפֿט אַליין איבער דער גאַס. נאָר גלײַך נאָך אים
אַ צענדלינג אפֿשר קומען, וואַרפֿן זיך אויף שויבן, טירן,
און ווידער אַנדערע נאָך זיי. דער ערשטער אימפּעט יאָגט אים
צו דער טיר

אַרויסצולויפֿן, נאָר אַ ווילד געשריי צעשנײַדט זײַן וועג.
און באַלד איז ער אַרומגערינגלט פֿון די טויט צעשראָקענע חולאים,
וואָס קלעפּן זיך צו אים און שרײַען: — גייט נישט, זאַוול!
מיר וועלן דאָ אַליין נישט בלײַבן. לאָזט אונדז נישט אַליין!
געבונדן שטייט ער צווישן זיי און ווייס נישט וואָס צו טאָן,
און זיי — בײַ לאַצן, הענט און פֿאָלעס האַלטן אים און ציטערן.
פֿון דרויסן שטאַרקט זיך דאָס געשריי — שוין פּײַנגעשריי.
און ער, אין קרײַז פֿון טויטשרעק, רירט זיך נישט.
דער הילך קומט נענטער. האַסטיק הערן זיך שוין טריט
אויף שטיינערטרעפּ. צעלויפֿן זיך די קראַנקע אין די בעטן
און ליגן האַסטיק אָטעמדיק. אַליין בלײַבט ער,
דאָס פּנים צו דער טיר פֿאַרשטיינערט, קוקט און וואַרט.
פּראַלט־אויף די טיר. עס יאָגן צווייען זיך אַרײַן
און לויפֿן־אָן, ווי אויף אַ סלופּ, אויף אַ מין מאָדנעם מענטשן,
אַ ניד׳ריקן, אַ שוואַרצן, הענט אַראָפּ און שוואַרצע אויגן,
וואָס שטייט און גלאָצט אויף זיי מיט אַ פֿאַרשטיינטן בליק.

זיי דריגען־אויף. דערזען די בעטן, קראַנקע אויף די בעטן,
און נאָך אַ בליק אַ וואָרף געטאָן אויף דעם פֿאַרשטיינערטן,
וואָס גלאָצט מיט שוואַרצע אויגן, דורך דער טיר אַרויס,
און ס׳הערט זיך דאָס געלויף איבער די טרעפּ אַרונטער.
פֿון אונטן שרײַט מען שוין. דער גאַנצער בית־יתומים שרײַט,
און אין דער מיט קומט־אויף אַ קוויטש, דערנאָך אַ רוף נאָך הילף.
די טיר איז אָפֿן. זאַוול קען דאָס קול און הערט,
ווי ס׳לאָזט זיך אויס דער רוף. ער הערט און רירט זיך נישט
און ווייס פֿאַר וואָס ער רירט זיך נישט, און פֿילט
ווי שטייענדיק אַזוי ווערט ער פֿאַרפֿלייצט פֿון אַ גזלנות,
וואָס פֿאַרבט זײַן בלוט מיט פֿינצטערניש. און שוואַרץ ווי טינט
איז דאָס, וואָס רינט אין אים פֿון נאָגל ביזן קאָפּ. ער ווייס,
אַז ער וועט אייביק מוזן אומטראָגן אין זיך דעם שוואַרצן סם
פֿון זײַן פֿאַרברעכן איצט און צאָלן, צאָלן לעבנסלאַנג.
נאָר מיט דעם שוואַרצן וויסן גראָבט זיך טיפֿער אײַן
די מערדערלעכע האַרטקייט. און ער שטייט און וואַרט
ביז אונטן וועט עס שטום ווערן. שוין שטיל. אין גאַנצן שטיל.
די טריט פֿאַרקלונגען. שטומקייט אין דעם גרויסן הויז.
די קראַנקע האָבן זיך פֿאַרגנבֿעט, קוקן דורך די פֿענצטערס
און קריכן אײַנציקווײַז אַראָפּ. צו זאַוולען קריכן זיי
און כאַפּן זײַנע פּאָלעס אָן און קושן זײַנע הענט.
ער נעמט זיך אָפּטרייסלען. דאָ שטייט ער, אַ פֿאַרזונקענער
אין שוואַרצן פּסק פֿון מאָרד, וואָס הענגט שוין איבער אים,
און וואַרט ביז ס׳וועט דער קרבן אויפֿמאָנען דאָס זײַניקע —
און זיי, ווי צו אַ הייליקן, ווי צו אַ רעטער, קלעפּן זיך.
ער טרייסלט זיי אַוועק. זיי גייען אין די בעטן. טונקל.
און פֿינצטערניש צעלייגט זיך אין קאַזאַרמע־קאַמער.
מען צינדט קיין לאָמפּ נישט. פֿילט ער מידקייט אין די פֿיס
און זעצט זיך אויפֿן ראַנד פֿון בעט בײַם טיר און וואַרט.
די קראַנקע שמועסן פֿון די געלעגערס, ווערן שטיל און שנאָרכען.

פֿאַלט נאַכט און שטומקייט אויף דער וועלט. און ער, ער וואַרט
אין זיכערקייט אויף דעם, וואָס דאַרף נאָך קומען. ביז פֿון אונטן,
פֿון סאַמע אונטן, הייבט ער אָן צו הערן טריט פֿאַמעלעכע,
ניט־זיכערע, ווי עמעצער זאָל קריכן און זיך האַלטן
בײַ דעם פּאַרענטש [57] פֿון די טרעפּ. ווערט לײַכטער: ס׳גייט דער פּסק!
און ס׳האַרץ ווערט אויפֿגעשטיקט. מיט שווערע טריט,
ווי שיכּור, שלײַכט זיך אַרײַן און קוקט אין פֿינצטער, זעט אים.
און, אָנגעשפּאַרט אין טיר, פֿאַרהאַלט זי זיך און קוקט,
און לאָזט־אַרויס אַ קליין געלעכטערל, אַ שיפּעדיקס, אַן אָפּגעהאַקטס,
און זאָגט ווי אויפֿן אויער: — איצט איז דיר שוין גוט, אײַאָ?
שוין בעסער דיר, אײַאָ? און ווידער לאַכט זי אים אין פּנים.
די קנײען בייגן זיך. פֿאַמעלעך זעצט זי זיך אַרונטער.
און דאָס געלעכטערל ווערט קוויטשיק, ווי פֿון שטילן שליוכצן.
זי וויינט און לאַכט, ווי ס׳וואָלט אַ פֿויסט אין גאָרגל
דאָס קול צוריקגעשטופּט, ביז ס׳הערט זיך בלויז אַ ציטער
פֿאַרשטיקט אין האַלדז. און זי זעט־אויס ווי אײַנגעשלאָפֿן.
ער וואַרט אַ ווײַל און נעמט און לייגט זי אויפֿן בעט
בײַם טיר און קוקט. נאָר אַז ער זעט איר בוזעם הייבן זיך
און אירע פֿיס פֿון קלייד אַרויס, דערמאָנט ער זיך,
אַז ער האָט זי געטראָגן אויף די הענט, און שאַרט זיי אָפּ,
און קערט זיך אָפּ, און גייט אין קעמערל צו זיך.

ביז דער מינוט האָט ער אין אַלץ געהאַט פֿאַרגעסן.
נאָר איצט, אַז זי איז שוין געווען הינטער אים און דאָ פֿון פֿענצטער
האָט זיך געזען, ווי שטיל און טונקל ס׳קוקן־אויס די הײַזער,
וואָס האָבן פֿרײַער אָפּגעהילכט מיט שויבן און געשרייען,
האָט ער דערזען די שטומקייט פֿון דער נאַכט אין יעדן הויז.
און גייענדיק פֿון הויז צו הויז דערפֿילט, ווי ס׳פּלאַצט

---

[57] (פּויליש) אָנלען (צו אָנהאַלטן זיך מיט דער האַנט) בײַ טרעפּ.

דער פּײַן אין אים ווי גיפֿטיקע און ברענענדיקע בלעזלעך.
צי קען ער נישט, צי זעט ער זיי נישט, די אין יעדן הויז?
דאָרט, ווײַט, אין מוח, ערגעץ זייער ווײַט, האָט זיך געראָיעט אַ געדאַנק
פֿון נאָך אַ הויז, וואָס שטייט ווי דאָ אַליין אין פֿינצטער,
נאָר מיט אַ בלינדן אָפּוועך האָט ער עס געטריבן ווײַטער,
און ס׳איז פֿון אָנהייב נישט געווען קיין שרעק אַפֿילו —
אַזוי משוגע ווילד איז אויסגעקומען צו פֿאַרבינדן
דאָס פֿינצטערניש פֿון דאָ מיט יענעם הויז. האָט ער זיך צוגעהערט,
ווי ס׳טוט אים ווי פֿאַר יעדן איינעם אין די הײַזער דאָ,
וואָס נאָך נישט וויסנדיק האָט ער אַליין די פּנימער און לײַבער זייערע
באַדעקט מיט ווונדן. האָט ער זיך געענערט דעם ווייטיק
מיט פּנימער פֿון נאָך און נאָך — האָט ער דאָס האַרץ פֿאַרשפּרייט
אַריבער אַלע און דערפֿילט, ווי ער אַליין צעשמעלצט זיך,
און ס׳ווערט אים גוט אַזוי צו ווערן נישט, אַ וואָלקן בלויז,
אַ נעפּל, וואָס צעגיסט זיך איבער אַלץ און פֿולט־אָן יעדעס ווינקעלע
מיט זיך, אַליין — אַ נישט. נאָר ווײַט האָט דאָך געבויערט אַ געדאַנק,
נישט בײַצוקומען. און וואָס ווײַטער האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן,
אַז ער איז צוויי: דאָ איינער, אַ צערונענער אין נעפּל,
און נאָך איינער, אַ שטײַפֿער, לײַב און גלידער און אַ מוח,
און אין דעם מוח זיצט עפּעס און יאָגט אַ ניט־געפֿורעמטן
און טויטנשרעק. זיי ראַנגלען זיך, דיביידע,
נאָר דער, וואָס מיטן מוח, לאָזט זיך נישט צעשמעלצן.
און ווען אין דרויסן הייבט־אָן העלן, הײַזער שטייען קיל
מיט ווענט און דעכער, און מען קאָן נישט מער
דעם נעפּל אָנהאַלטן, צעקריכט זיך דער געדאַנק אין אַלע אָדערן
און ס׳קאָן שוין מער דער מענטש נישט שטיין בײַם פֿענצטער.
ער הייבט־אָן אומצושפּרײַזן הין־און־הער איבער דער קאַמער
און וויל נאָך אַלץ נישט מודה זײַן, אַז דאָס איז שרעק.
נאָר שפּרײַזנדיק מיט אָרעמס פֿאָכעט ער ווי מיט וועסלעס,
פֿאַרטרײַבנדיק עפּעס פֿון זיך — און ס׳וועט שוין מער נישט העלפֿן.

ס׳ווערט גרויסער טאָג. מען רוקט זיך שטיל פֿון הײַזער.
מען שלעפּט שוין עמעצן איבער די טרעפּ. מען ברענגט־אַרײַן
אַ מענטשן מיט אַ קאָפּ אין טיכער און אַן אויפֿגעלאָפֿן פּנים.
און חיה־ריווע כאַפּט זיך אויף, דערזעט ווי זאַוול פּאָרעט זיך
אַרום דעם מענטש — און מיט אַ בליק פֿון האַס און פּײַן
אַנטלויפֿט זי. פֿון דער גאַס ווערט נאָך איינער געבראַכט.
שוין באַלד פֿאַרנומען יעדע בעט — און זאַוול וואַרט.
ס׳איז אַכט — באַלד נײַן אַ זייגער — באַלד וועט אָנקומען דער דאָקטער,
באַלד קומט ער. נעמט זיך זאַוול צוואַבלען און טוט אַליין:
וואַשט ווונדן, באַנדאַזשירט און וויל פֿון זיך באַהאַלטן,
אַז יעדע רגע גנבֿעט ער אַ בליק צום ווײַזער. ס׳איז שוין נײַן,
מיט צען, מיט פֿופֿצן, צוואַנציק — באַלד האַלב צען.
פֿאַרטומלט ער אַ פֿרעמדן ייִדן: — וואַרט אַ ווײַלע דאָ.
כ׳וועל גיין דעם דאָקטער רופֿן. און נאָך איידער מען באַמערקט,
איז ער אויף יענער זײַט און יאָגט זיך פֿון די טרעפּ און לויפֿט.
ער קלינגט אין טיר. מען עפֿנט נישט. ער הערט זיך אײַן.
ס׳איז שטיל. ווי אויסגעשטאָרבן. וואַרט ער, טוט אַ שפּאַר די טיר,
זי עפֿנט זיך. מ׳איז אַלע דאָ. ר׳ חיים־לייב און פֿריידע און
דער דאָקטער.
מ׳איז אַלע דאָ. מען גיט אַ קוק אויף אים, די קעפּ אַראָפּ —
און ווידער שטיל. ער שטאַמלט: — מ׳האָט געבראַכט ראַנירטע דאָרט.
און הערט זײַן אייגן קול נישט. וואַרט נישט אויף קיין ענטפֿער
און מער נישט קוקנדיק אַ שפּרײַז געטאָן צו ליזעס טיר,
געעפֿנט און אַרײַן.

אַן אָנגעטאָנענע אויף דער קושעטקע ליגט זי,
דאָס פּנים צו דער וואַנט און אָטעמט מיד און לאַנג. זי הערט,
אַז עמעצער איז שטיין געבליבן נעבן איר און רירט זיך נישט.
און זאַוולען ווילט זיך אָנכאַפּן בײַ דער וואַנט — נישט אומצופֿאַלן.
ער ראַנגלט זיך, אַרויסצוראַנגלען זיך פֿון חלשות,
און קומט עס בײַ, און רירט איר אָן אַ פֿינגער: — ליזע!

פֿון קול צעעפֿנט זי די אויגן, קערט זיך אום, דערזעט אים
און לאָזט־אַרויס אַ קוויטש, אַ שאַרפֿן, אַ צעצויגענעם,
און מיט אַ וואָרף דעם קאָפּ פֿאַרגראָבן אין קושעטקע,
און ס׳ציטערט־אויף דאָס גאַנצע לײַב אין יאָמערלעכן אויסבראָך.
מער קאָן ער נישט. ער טוט אַ פֿאַל און ס׳פּלאַצט דער קוואַל.
וואָס האָט זיך אָנגעקליבן דורך דער נאַכט, און אפֿשר דורך די נעכט
פֿון אַלע וואָכן און חדשים אין דער פֿרעמד, פֿון אַלע טעג.
אַראָפּגעפֿאַלן איז די לאַסט פֿון זײַנע דרײַ און דרײַסיק יאָר,
די האַרטקייט פֿון דעם שווײַגער, די עקשנות פֿון דעם מאַן —
ער יאָמערט אויפֿן קול און ווייס קיין אָפּהאַלט נישט,
ווי ער זאָל זײַן אַליין מיט זיך און מיט זײַן שעפֿער,
און וויינט, ווײַל ס׳איז די צײַט געקומען פֿאַר געוויין.
דאַן הערט ער איבער זיך דאָס שליוכצן אירס און הייבט דעם קאָפּ
און לאָזט אים פֿאַלן אויף די פֿיס אירע. אויף זיך אַליין,
אויף זײַן באַהאַלטענער און נישט באַרירטער בענקשאַפֿט,
אויף דער נשמה זײַנער, וואָס האָט לײַב און בלוט געקראָגן
און ליגט פֿאַר אים צעפּײַניקט דאָ. אויף דער נשמה וויינט ער
און טוליעט זיך צו אירע פֿיס און קושט די לעדער פֿון די שיך.
און פֿון רחמנות איבער זיך באַרירט מיט די הענט די שיך
און קלייד, און גלעט זיי, לאַשטשעט זיי, ביז ער ווערט שטיל
און בלײַבט אויף דר׳ערד, מיט איין האַנט הענגענדיק און מיט
דער צווייטער
די פֿיס אירע אַרומגענומען. פֿילט ער, ווי זי קערט זיך אום,
הייבט־אויף דעם קאָפּ. ס׳באַגעגענען זיך אויסגעוויינטע אויגן.
און אָפֿן, נאַקעט וויטיק שטעלט זיך צווישן ביידן
און נעמט זיי מיט די הוילע הענט אַרום. זי רוקט זיך שטיל צו אים
און גליטשט זיך אין זײַן שויס אַרונטער, וואַרפֿט דעם קאָפּ צו אים
און ביידע בלײַבן זיצן. וויינענדיקע, אָבער שטילערע.
אַ נאָכציטער — און שטיל. און ס׳גייט דער ווײַזער . . . שטיל — — —
ווערט קוים די טיר געעפֿנט און די מוטער קומט־אַרײַן.

זיצט זאַוול אויפֿן דיל בײַ דער קושעטקע אָנגעשפּאַרט
און ליזע אין זײַן שויס, און בײדע קעפּ צוזאַמען,
און בײדע שלאָפֿן. זײערע אָטעמס ציטערן פֿון נאָכגעוויין
און מ׳האַלט זיך בײַ די הענט ווי קלײנע קינדער. שטײט זי
און ציט איר אָטעם גלײַך מיטן פֿאַרטרערטן זײערן
און מאַכט פּאַמעלעך צו די טיר.
אין שפּעטער הערט זי טריט
פֿון שפּרײַזן שווער איבערן צימער. ווײסט זי — זאַוול שפּרײַזט,
נאָר ליזען הערט מען נישט. צעעפֿנט זי די טיר פּאַמעלעך
און זעט, ווי זאַוול גײט־אַרום מיט ליזען אויף די הענט.
איר קאָפּ פֿאַרגראָבן אין זײַן אַקסל, אירע הענט אַרום זײַן האַלדז
און ס׳הענגען־נאָך די פֿיס. אַ קורצער איז ער — הענגען־נאָך
די דינע פֿיס אירע און ס׳כאַפּט אַ שמײכל אָן אויף אים.
זוכט פֿרײדע זײַנס אַ בליק און פֿרעגט אים מיט אַ צײכן:
צי קאָן ער פּועלן בײַ ליזען, זי זאָל עסן? ענטפֿערט ער.
און שפּעטער, זיצנדיק — און זי נאָך אַלץ אויף זײַנע הענט —
זאָגט זאַוול: — איצט וועט ליזע עפּעס עסן, יאָ? — זי וויל נישט.
ער טענהט: — ס׳איז נישט גוט. די מאַמע ט׳האָבן קרענקונג.
און ליזע דאַרף דאָך עפּעס עסן. הײבט זי אויף דעם קאָפּ:
— דו אויך? צעגײט זיך אים אַ וואַרעמקײט: — איך אויך.
באַלד זיצט זי אויפֿן בעט און פֿרײדע קומט־אַרײַן,
גײט־צו און וויל זי צודריקן, און קוקט אויף זאַוולען,
און האַלט זיך אײַן: — איצט וועסטו עפּעס עסן, טאָכטער?
און ליזע ענטפֿערט: — זאַוול אויך. — אַוודאי. קום!
זי וויל זי נעמען בײַ דער האַנט און פֿירן אין דער שטוב,
נאָר ליזעס אויגן ווערן גרויס — אַהין וועט זי נישט גײן.
ווערט דאָ דער טיש געדעקט — און פֿרײדע שטײט און קוקט
ווי ליזע עסט און זאַוול מאַכט זיך עסנדיק.

# 13

**גערקומען** אָוונט, האָט זיך זאַוול אָפּגערופֿן:
— די מאַמע וועט דיך אויסטאָן, וועסטו שלאָפֿן גיין, אַיאָ?
— וועסטו אַוועקגיין? — ניין! — וועסט בלײַבן דאָ? — אַוודאי.
— קאָנסטו שלאָפֿן דאָ. די מאַמע וועט דיר אויסבעטן אויף דער
קושעטקע
און קאָנסט דאָ שלאָפֿן. וועסט איר זאָגן? — כ׳וועל איר זאָגן.
ער גייט נאָך פֿריידען און פֿאַרבלײַבט שוין מיט די מאַנסבילן.
ערשט איצט, פֿון קליינעם לעמפּל אויפֿן טיש, באַמערקט ער,
אַז ס׳איז נישטאָ דער בליצלאָמפּ, אַז דער שפּיגל איז צעבראָכן,
און פֿענצטערס זײַנען הויל. דער דאָקטער ליגט,
דעם קאָפּ פֿאַרריסן, אויף דער גרויסער אָטאָמאַנע.
ר׳ חיים-לייב שפּרײַזט-אום. זעצט ער זיך אויך און שווײַגט.
זײַן קומען אָבער וועקט דאָס שווײַגן פֿון די אַנדערע.
עס ווילט זיך ריידן — רעדט מען. יעדערער פֿאַר זיך.
און יעדן צווייטן דאַכט זיך, אַז דאָס הערט ער זיך.
זאָגט מישאַ: — זעכצן מאַן צעשלאָגענע האָט מען געבראַכט
און אין די הײַזער ליגן מער. פֿון ביקור חולים וועט מען נעכטיקן.
ר׳ חיים-לייב דערציילט: — געווען בײַ זייער קאָמאַנדיר.
אַ יונגער שייגעץ. אָנגעטראָגן אַל דאָס גוטס. האָט ער געזאָגט:
עס וועט שוין שטיל זײַן. און געהייסן אויפֿן אָוונט
קלעזמאָרים שיקן. קוים זיך אײַנגעבעטן, מען זאָל גיין.
זאָגט זאַוול: — כ׳ווייס גאָר נישט, וואָס בײַ דער מאַמען טוט זיך.
— געזען דעם טאַטן. גאָר נישט — זאָגט ר׳ חיים-לייב —
מען וווינט דאָך דאָרטן בײַ אַ גוי. — אַ גוי? — פֿרעגט זאַוול.
יאָ, דאַכט זיך, אַז אַ גוי. ווערט ווידער שטיל, ביז פֿריידע קומט

און מיט אַ ווונק שיקט זי די מאַנסבילן אַרײַן אַהין
און בלײַבט מיט זאַוולען. שטעלט זיך בײַ דער זײַט פֿון שטול,
רירט־אָן מיט שפּיצן פֿינגער זײַנע האָר און ער דערפֿילט,
אַז אירע פֿינגער ווײנען. בייגט ער נידעריקער דעם קאָפּ
און לאָזט איר גיין אַזוי: אים קומט עס אויך, אַז עמעצער
זאָל ווען עס איז פֿאַר אים זײַן האַרץ אַרויסריידן —
אים קומט עס אויך. נאָר אַז די פֿינגער נעמען ציטערן
און שעמען זיך דערפֿאַר, און ס׳פֿאַלט די גאַנצע האַנט,
אַ מאַמעס האַנט, אויף זײַנע האָר, דערפֿילט ער זיך
ווי אײַנגעשרומפּן, קליין און קינדיש, און ס׳ווערט לײַכטער,
ווען ס׳ווײַזן זיך די מאַנסבילן און זאָגן: — זאַוולען וויל זי.

עס ברענט אַ לעמפּל אויף דער וואַנט. די מאַמע האָט אַ צאָפּ
פֿאַרפֿלאָכטן, נאָר די לאָקן האַלטן זיך נישט און צעפּליסן
אַרום דעם בלייכן פּנים. שטרעקט זיך אויס אַנטקעגן
אַ גאָלדיקע און דינע האַנט. ער נעמט זי אָן און אונטער בליקן
פֿון פֿײַכטע אויגן ווערן זײַנע האַלב פֿאַרמאַכט.
זי רופֿט אים: —זאַוול! —וואָס? —קיין ענטפֿער קומט נישט. קוקט ער,
דערזעט אויף איר אַזוי פֿיל נישט־אַרויסגערעדטע רייד
און זעצט זיך, האַלטנדיק איר האַנט אין זײַנער. ווידער: — זאַוול!
— וואָס ווילסטו זאָגן? — קוק אויף מיר. — איך קוק.
— דו וועסט מיך ליב האָבן? זײַן אָטעם שטעלט זיך: — יאָ.
— די מאַמע אויך? — וואָס דען? — און מישאַן און דעם טאַטן?
— דעם טאַטן, מישאַן, אַלע. — פֿליסן איר די טרערן, בעט זי:
— וועסט מיך אַ קוש טאָן? — קושט ער איר די האַנט.
צעוויינט זי זיך: — אין פּנים ווילסטו נישט... ער הייבט זיך אויף
און מיט די ליפּן קוים באַרירט ער איר דאָס פּנים.
פֿאַרגראָבט זי זיך אין קישן און פֿון קישן כליפּעט זי:
— וועסט מיך נישט ליב האָבן. דו ווילסט מיך נישט אַ קוש טאָן.
ער וויס נישט וואָס צו טאָן. ער בייגט זיך איבער

צום דינעם האַלדז און קושט אים. גלייבט זי אַלץ נאָך נישט,
קערט־אום דעם קאָפּ און וואַרט מיט פֿרעגנדיקע אויגן.
ער האַלט נישט אויס, נעמט־אָן דעם קאָפּ איןביידע הענט
און ווי בײַ טאָג די שיך אירע אַזוי דאָס פּנים איצט.
אין זײַנע פֿינגער — אירע ווייכע קרויזעדיקע האָר.
אין זײַנע הענט — איר קאָפּ. און אין די ליפּן זײַנע —
דאָס גאַנצע חיות, וואָס אין אים, צונויפֿגעזאַמלט. און ער פֿילט,
ווי יעדעס אָדערל אונטער דער דינער הויט פֿון זײַנע ליפּן
ווערט אָנגעשוואָלן. ציטערט ער אין גאַנצן — פֿאַרזיכטיקער, שטילער,
דאָס צאַרטע פּנים צו באַרירן מיטן דראַנג, וואָס אין זײַן הויט,
נישט צו באַליידיקן, נישט ווײ צו טאָן. דאָס ערשטע מאָל,
דאָס ערשטע אמתדיקע מאָל אין גאַנצן לעבן קושט ער.
און ס׳האָט אַזוי פֿיל בענקעניש פֿאַרשטיקט זיך אָנגעזאַמלט.
און ס׳ווערט דער קאָפּ אַזוי פֿאַרשווינדלט פֿון דעם שטורעמדיקן
שליוז[58],
וואָס האָט זיך לויז געמאַכט, אַז ס׳איז אַ מורא... שטילער, שאַ!
ער וואַרפֿט זײַן קאָפּ אַנידער אויפֿן ראַנד פֿון בעט
און האַלט דעם אָטעם — טאָמער הערט מען נאָך,
ווי שטורעמדיק עס פּויקט דאָס האַרץ, דאָס לויז געוואָרענע.
דאַן פֿילט ער ליגנדיק די הענט אירע. זי רופֿט
דעם קאָפּ מיט אירע הענט און לייגט אים אויף איר ברוסט.
זי האַלט אים צו, אָבער זײַן קאַרק איז אָנגעשטרענגט,
דער קאָפּ זאָל איר נישט פֿאַלן שווער און בלײַבן אין דער לופֿט.
ס׳טוט ווײ דער קאַרק, אָבער ער הערט זיך אײַן, ווי רויקער
און מעסיקער עס ווערט איר אָטעם, ביז ער פֿילט פֿון ווייטיק,
ווי ס׳פֿאַלן־אָפּ די הענט און, דאַכט זיך, אײַנגעשלאָפֿן.
ער גלײַכט זיך אויס. נאָר פֿון די קני זיך אויפֿצוהייבן

[58] טויערן־אײַנריכטונג אין אַ קאַנאַל פֿאַרן דורכפֿאָר פֿון שיפֿן צו אויס־גלײַכן די הויך פֿון וואַסער.

איז דאָך אַ מורא — בלײַבט ער אַזוי שטיין. איר פּנים שטיל.
נאָר ניין, זי שלאָפֿט נאָך נישט. פֿון האַלבן דרימל זאָגט זי:
— דו דאַרפֿסט זיך זעצן... — יאָ, איך זיץ. — ניין, אויף אַ שטול.
ער הייבט זיך אויף און טוט עס. — איצטער זאָג מיר עפּעס.
— וואָס ווילסטו זאָל איך זאָגן? — זאָג עפּעס, דערצייל.
— מען דאַרף נישט. שלאָף! — און דו וועסט זיצן דאָ? — כ׳וועל זיצן.
זי קושט אים נאָך, מאַכט־צו די אויגן און שלאָפֿט־אײַן.

ער זיצט אַזוי אין שרעק, נישט בלויז אַליין פֿון אָרט צו רירן זיך,
נאָר אָפּלאָזן אַפֿילו די געדאַנקען, ווי פֿון זייער גאַנג אין מוח
זאָל ער אַ גערויש אין צימער הערן. לאָזט ער זיך נישט טראַכטן
און הערט זיך אײַן צום נאָכציטער פֿון דורכגעלעבטן,
וואָס גיסט זיך דורכן לײַב. פֿאַרגנבֿעט אָבער וואַרפֿט ער בליקן
אויף איר, דער שלאָפֿנדיקער, זעט ער די ליפּן האַלב צעעפֿנט
און הערט דעם הינטערזיפֿץ אין אָטעם — און דער טשאַד
פֿון זיסער שיכּרות הייבט־אָן ברענען ווי אַ זינד.
האָט ער דערויף די צאַרטקייט פֿון איר הויט געפֿילט
אויף זײַנע ליפּן, ער זאָל נאָך דעם קאָנען זינקען אין באַרוישונג
פֿון אייגן בלוט? איז נישט פֿון אירעט וועגן אַלץ געווען,
נישט אײַנצושלעפֿן זי אויף רו נאָך וויטיקן,
נאָר פֿון זײַן אייגן בענקשאַפֿט וועגן? זאַוול איינער — דו!
מען דאַרף דאָך עס דערוואַרגן, אײַנשטיקן דאָס זאַוולשע,
וואָס קויפּט זיך ציטערניש פֿון ערשטע קושן מיט דעם פּײַן
פֿון קינדער קראַנקע און פֿאַרשיכּורונג פֿאַר אייגן בלוט,
מיט זייער לעכצעניש נאָך רו. דערוואַרגן דאַרף מען עס!

נאָר וואַרגן לאָזט זיך עס נישט. זוכט ער מיטלען קעגן זיך
און נעמט זיך אומקוקן — כאָטש דאָ אין צימער צו געפֿינען
בײַ וואָס זיך אָנצוכאַפּן. זעט ער: אויף דער וואַנט אַ לעמפּל;
פֿון איין זײַט אַ קושעטקע; פֿון דער צווייטער זײַט — אַ בעט;

אַ טיש אין מיטן; און אַ קישן גרייט אויף דער קושעטקע.
און ס'טויכט אים אויף: ס'איז פונקט ווי דאָרט געווען, בײַ איר...
און אויך ווי דאָרט אַליין צום ערשטן מאָל אַ גאַנצע נאַכט...
עס בריט פֿון דעם פֿאַרגלײַך מיט כּעס אויף זיך.
ער דרייט זיך אום, געפֿינט דעם קליידער־אַלמער,
דאָס ביכער־שענקל און דאָס שפּיגעלע פֿון אויבן,
און שרײַט אויף זיך, אַז ס'איז נישט דאָס, וואָס דאָרט — נישט'אמת!
גלײַך קומט דאָס נעכטיקע געשריי, זײַן וואַרטן אין דער פֿינצטער,
איר קריכן אויף די טרעפּ און דאָס געלעכטערל דערנאָך...
ער דריקט־צונויף די ציין פֿון דעם געדיכטעניש
פֿון שוואַרצן אומרו, וואָס נעמט אויפֿקנוילן אין אים,
און זוכט אַ שוץ אין בליקן אויף דער שלאָפֿעדיקער.
און עס דערמאָנט זיך: דאָרט, בײַ זייער קאָמאַנדיר, דעם שייגעץ...
די קלעזמערס שפּילן ערשט און ס'טאַנצט פֿאַר אים, אַ שיכּורן,
אַ טענצערקע... ס'איז יענע טענצערקע, די שיקסע פֿונעם שענק,
(דאָס בייזע בלוט אין זאַוולען זעט זיך שוין אַן אויסוועג)
און ער, דער קאָמאַנדיר, דאָס איז דאָך יענער אָפֿיציר,
וואָס האָט אים דאַן געקלאַפּט מיט דעם פּיסטויל איבערן קאָפּ,
דער זעלבער מיט די שוואַרצע אייגלעך און פֿאַרשפּיצטע וואָנצעס —
דאָרט זיצט ער ערשט און לאָזט זיך אויסשפּילן אַ פֿריילעכס,
און יענע טאַנצט און לאַשטשעט זיך צו אים. ווערט זאַוול אויך
אַ קלעזמער צווישן אַנדערע. די פֿינגער שפּרינגען אויף די סטרונעס.
דער בויגן גייט. נאָר זײַנע אויגן נעמט ער נישט אַראָפּ
פֿון יענעם, טשאַטעוועט זיך... און ווען יענער גיט זיך שוין אַ צי
דער טענצערקע אַנטקעגן, רײַסט זיך זאַוול אָפּ פֿון אָרט
און כאַפּט אים אָן בײַם האַלדז מיט בײדע הענט און וואַרגט,
ווי דעמאָלט מירקינען. סאָלדאַטן שפּרינגען־צו.
מען האַמערט אים מיט פֿויסטן, רעוואָלווערן. ס'רינט דאָס בלוט.
נאָר דאָס מאָל וועט עס שוין נישט גיין. ער האַלט דעם האַלדז
און וואַרגט, ביז ער דערפֿילט אַ טויטן פּגר אין די הענט,

און לאָזט אים אָפּ אַליין. איצט קאָנען זיי שוין שלאָגן. כאַפּן זיי
און שלעפּן אים, אַ בלוט פֿאַרלאָפֿענעם, און ממיתן,
ביז מען דערשלעפּט אים צו דער וואַנט אין דרויסן,
אַ שאָס — און אויס. ער פֿאַלט־אַוועק, אין בלוט פֿאַרבאַקן,
און קראָען פֿלִיִען־אָן די טויטע אויגן אויסצופּיקן,
און הינט צערײַסן אים...
ניין, זאַוול וויל נישט אומקומען אַזוי.

עס איז אָן אומרעכט: אים אַזוי פֿיל בלוטיקע יסורים
און יענעם בלויז דערוואַרגן. ס׳טאָר אים אַזוי לײַכט נישט אָנקומען.
ער וועט נישט אָנפֿאַלן אויף אים, ווען אַלע זײַנען דאָ,
נאָר וואַרטן ביז ער וועט אַוועקפֿאַלן אַ שיכּורער, וועט זאַוול דאַן
באַהאַלטן זיך אונטערן בעט און ליגן. ליגן. אָנטאַפּן
דאָס שאַרפֿע מעסער — שטעכן וועט ער אים נישט, ניין.
ער ווייס וואָס ער וועט טאָן. עס ווערט נישט גוט פֿון דעם,
נאָר טאָן דאַרף מען עס טאָן. ס׳איז גוט, ס׳איז רעכט אַזוי.
דאַן הערט ער ווי דער שיכּור כראָפּעט. קריכט ער
פֿון זײַן באַהעלטעניש אַרויס, פֿאַרשטאָפּט די געמבע, בינדט די הענט,
און רוִיק, שטיל טוט ער זײַן אַרבעט אָפּ, און גייט־פֿאַרבײַ
די וואַך בײַם טיר ווי קיין מאָל גאָר נישט. מאָרגן קומט
און ענדלעך הערט מען חיהש ריטשען פֿון דעם שלאָפֿצימער.
מען לויפֿט־אַרײַן — און ער, אין טײַך פֿון בלוט, איז אַלץ נאָך לעבעדיק,
נאָך לעבעדיק — אַזאַ. מען נעמט זיך יאָגן, נאָכלויפֿן,
נאָר זאַוול איז שוין העט אַוועק. אין וואַלד ערגעץ ליגט זאַוול
און וואַרט ביז ס׳וועט אַריבער די געפֿאַר. דאַן גייט ער ווײַטער...
און שוין? און אַז דאָס בלוט אין זיי וועט זיך צעיושען פֿון רציחה
און ווידער וועט מען נעמען ממיתן און מערדערן,
און ווידער — — —
ס׳טויג נישט. צוליב אים און זײַן נקמה

זאָל די רציחה זייערע זיך ווידער אויסלאָזן אויף אַלע דאָ,
און ער זאָל זיצן ערגעץ רוִיק אין אַ וואַלד אונטער אַ בוים —

דאָס טויג נישט. עפּעס דאַרף מען צוטראַכטן אַזוינס,
אַז קיינעם זאָל נישט אײַנפֿאַלן, פֿון וואַנען ס׳איז געקומען
און וואָס דאָס איז. אַ מין באַצאָלונג פֿונעם הימל.
ווי מאַכט מען עס? ער מאַטערט זיך אַ מיטל צו געפֿינען.
פֿאַרוואַרפֿט און פּרוווט צוריק, ביז ענדלעך דאַכט זיך אים —
דאָס איז דאָס.

פּלוצלינג פֿילט ער עמעצן און הערט:

— עס איז שוין צוויי אַ זייגער. ווילט איר זיך נישט צולייגן?
די מוטער רעדט עס. כאַפּט אַ קוק אויף ליזען און פֿאַרריכט
אויף איר די קאָלדרע, וואָס זי האָט אין שלאָף אַראָפּגעוואָרפֿן
און זאַוול האָט עס נישט באַמערקט. — ניין, כ׳וויל נישט — זאָגט ער.
שטייט פֿריידע, שטייט און זעצט זיך אויפֿן ראַנד פֿון בעט,
נאָר גלײַך איז ליזע אויף. קוקט־אָן די מוטער, קוקט אויף זאַוולען,
און ווייס נישט, וואָס דאָ איז. — וואָס טוסטו, מאַמע?
— אַזוי... שלאָף, קינדעלע... — גיי, מאַמע, זאַוול וועט שוין זיצן...
— באַלד גיי איך — וויל די מוטער זי באַרויִקן. נאָר ליזע
איז שלעפֿעריק און אײַנגעשפּאַרט: — איך וועל נישט קאָנען שלאָפֿן,
אַז דו וועסט זיצן דאָ. שטייט פֿריידע אויף און גייט.
מאַכט ליזע צו די אויגן, עפֿנט זיי, ווי זיך דערמאָנט אין עפּעס,
און פֿרעגט: — און דו ביסט נישט פֿאַרמאַטערט?
זאָגט זאַוול: — ניין, שלאָף־אײַן.

איצט קערט ער זיך צוריק

צו דעם, וואָס ער האָט פֿאַרטיק. ס׳איז דאָס פֿעלד בײַם שטאָט,
דאָס גרויסע מיליטער־פֿעלד, ווו מ׳האָט אַלע מאָל
מושטירט סאָלדאַטן. שטייט דער באַטאַליאָן — און יענער
מושטירט זיי רײַטנדיק. אין מיטן הערט זיך אַ גערויש פֿון הימל.
עס קומט אַן עראָפּלאַן. עס לאָזט זיך אויף אַ שטריק אַראָפּ
אַזאַ מין אַנקער, כאַפּט אים אויף, און ס׳קוקט דער באַטאַליאָן
ווי אויפֿן שטריק אַ הענגענדיקער וואַרפֿט זיך אין דער לופֿטן
דער קאָמאַנדיר און פֿליט־אַוועק. מען שרײַט, מען שיסט־אַרויף —

דער עראָפּלאַן אָבער שטײַגט העכער און עס זעט זיך בלויז,
ווי עפּעס וואַרפּט מיט הענט און פיס. פאַרשטייט זיך, זאָוול זיצט
דאָרט אויבן, האָט אַ ראָד אַזאַ די שטריק אַרויפצודרייען,
און אַז ער שלעפּט־אַרויף זײַן קרבן — בינדט ער אים אַרום.
ער לאָזט אים ווידער אויף דעם שטריק אַראָפּ. און ס'הייבט זיך אָן.
דאָרט, אונטן, איז אַ טײַך. ער לאָזט זיך נידעריק אַראָפּ
און טונקט אים אונטער, הייבט זיך אויף און טוט עס נאָך אַ מאָל,
און ווידער אין דער לופטן... שמייכלט ער פון דעם געדאַנק,
ווי ס'פאַלן טראָפּנס איינצלנע אַראָפּ אַזש פון די וואָלקנס.
דאַן זעט ער — אונטן גרינט אַ וואַלד. און ס'פאַלט אים אײַן:
מען דאַרף אים אָפּווישן אין ביימער־בלעטער. לאָזט ער זיך אַרונטער
און פילט, ווי יענער טשעפּעט זיך אין צווײַגן, ביימער,
נאָר ס'רײַסט אים אָפּ. און מיט צעראַצטע הענט און פּנים הענגט ער.
און פון זײַן אַנטאָן הענגען פראַנדזן. פונעם אָפּגעדעקטן לײַב
הענגט פּאַסנווײַז די הויט און ס'טריפט דאָס בלוט אין טראָפּנס
פון הימל צו דער ערד, ווי פריִער שוין דאָס וואַסער.
טראַכט זאָוול: ס'איז אַ יושר אָפּצווישן אים דאָס בלוט.
און לאָזט זיך העכער פליִען, זוכנדיק אַ גרינע לאָנקע ווו.
דערזען, אַראָפּגעלאָזט זיך, און גענומען שלעפּן אים
און קײַקלען אויפן גראָז. געפּילט, ווי יענער כאַפּט זיך אָן
בײַ יעדן גרעזל, גראָבט זיך מיט די נעגל אײַן אין דר'ערד,
ווערט אַראָפּגעריסן, שלעפּט זיך נאָך און לאָזט זיך נאָכשלעפּן
גלײַכגילטיק, ווי אַ פּאַדלע אויף דער שטריק.
און ווײַטער וואָס?

וואָס טוט מען מיט אים ווײַטער? שטייט ער אויפן פעלד
און זעט ווי יענער, אַ האַלב נאַקעטער, אין נאַסע שמאַטעס
און מיטן הוילן לײַב צעבלוטיקט, ליגט און זשיפּעט קוים.
די אויגן זײַנען צוגעמאַכט. און ווען ער עפנט זיי מיט מאַטערניש,
איז אין דעם אָפּגעהאַקטן בליק אַזוי פיל פּײַן און שטיל געבעט.
פאַלט־אײַן דאָס האַרץ בײַ זאָוולען. אויס דער עראָפּלאַן,

דאָס רעדל און די שטריק — אַ מענטש ליגט אויפֿן גראָז.
און כאָטש די שׂנאה לאָזט נישט צו אים צוגיין און עס עקלט
פֿון זײַן צעבלוטיקט לײַב, איז אַ רחמנות, מער ווי אַ רחמנות;
ס׳טוט ווי אויף דעם, וואָס האָט אַזוי געדאַרפֿט צו זײַן,
וואָס יענער האָט געטאָן און ער האָט אים צוריקגעטאָן.
אַ ווייטיק און אַן אומזין. ווער האָט עס געדאַרפֿט? נאָך וואָס?
און איז דען ווייניקער רחמנות אויף די שלעגערס
ווי ס׳איז אויף די געשלאָגענע? מען לויפֿט, מען רעוועט,
מען ברעכט, מען שלאָגט — און וואָס? נו, אָפּגעטאָן — און וואָס?
אַן עלנט, אַזאַ וויסטער מוראדיקער עלנט. דאָ, אין הײַזער
צעשלאָגענע, צעפּײַניקטע, מיט מורא זיך אַ ריר צו טאָן,
און דאָרטן כראַפּעט מען פֿאַרשיכּורט ווי חזירים,
און קיינער ווייס נישט וואָס און ווען. וואָס איז דער חילוק
פֿון שלעגער ביז געשלאָגענעם, אַז איבערביידן הענגט
דער קלאַפּ, די פֿויסט? און וואָס איז דען דער חילוק
פֿון שטעכער ביז געשטאָכענעם, אַז דאָס וואָס רינט פֿון איינעם,
און דאָס, וואָס יושעט אין די אָדערן בײַם אַנדערן,
איז אַלץ דאָס זעלביקע? דאָס רויטע, קלעפּיקע, געמיינע,
וואָס ציט־אַרונטער אין די אַווירדיקע אָפּגרונטן פֿון דער ערד
און טונקט אין מיאוסע באַגערן און יסורים. איז דערויף
אַ מענטש באַשאַפֿן — אויף צו שלאָגן און אויף קריגן קלעפּ?
און איז נישטאָ קיין אַנדער ווייטיק ווי דער ווייטיק
פֿון לײַב געשלאָגענעם, און נישט קיין אַנדער פֿרייד און דאָרשט,
ווי נאָר די פֿרייד און דאָרשט פֿון פֿויסט און מעסער?
פֿאַר וואָס אַזוי אַראָפּגעלאָזט דעם מענטשן אין דער נידער?
דערמאָנט זיך זאַוול פֿון אַ נאַכט, ווען ער האָט חיה־ריוועןן
צום טויט געשלאָגן און אויף מאָרגן איז בײַ אים אַליין
דאָס בלוט געראָנען פֿון דעם טאַטנס קלעפּ. דערמאָנט ער זיך
די נעכט, ווען ער איז איר אַ מאַן געווען, דעם טויטן האָס,
מיט וועלכן ער האָט נעכטן ערשט געלאָזן אַנדערע זי פּײַניקן...

נאָר איצטער ווילט זיך שוין נישט קריצן מיט די ציין אויף זיך,
ווײַל ער איז איינער בלויז פֿון אַלע. איינער צווישן אַלע זיי,
די כראַפּענדיקע פֿון פֿאַרשיכּורונג און שטומע פֿון יסורים.
און גלײַך ווי זיי אַן אויסגעטונקטער אין דעם אומצוכט.
און ס׳הענגט איבער זיי אַלעמען דער זעלבער גורל:
צו טראָגן אין זיך אייביק דאָס גערדיכטע בלוט,
צו טראָגן אָט די שווערע הענט און פֿיס, דאָס פֿליישיק לײַב,
און קיין מאָל זיך נישט אויסטאָן, נישט באַפֿרײַען זיך דערפֿון,
נישט אויפֿשוועבן אין ריינער לויטערקייט... אַ חומר, אייביק חומר.

ער מאַכט די אויגן צו און רײַבט דאָס פּנים מיט די הענט
און טרייסלט מיטן קאָפּ, זיך אָפּצוטרייסלען ווייניקסטנס
פֿון דעם געדאַנק. נו, אַזוי, פֿאַרפֿאַלן, איז אַזוי!
ער וויל דעם אָטעם אָפּכאַפּן און קוקט זיך אום,
און ער דערזעט:
די דעק פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן.

פֿון העמד זיך אויסגעטאָן. כּמעט אַ נאַקעטע ליגט ליזע
מיט ביידע הענט איבערן קאָפּ. איין פֿוס אַוועק פֿון זיך,
דעם צווייטן אויסגעבויגן אין דער קני, ווי צו אַ שפּרונג.
און אויב דאָס העמד איז אויפֿגעקנוילט איבערן רוקן,
איז בלויז צו מאַכן העלער נאָך די פֿרײַע נאַקעטקייט.
פֿון ערשטן בליק דערשרעקט ער זיך און מאַכט די אויגן צו.
נאָר אונטער אויגן־דעקלעך בלײַבט דאָס שוין געזעענע
און רופֿט־צוריק ווי מיט אַ נאָך באַהאַלטענעם,
נאָר שוין באַשטימטן זין, וואָס דאַרף זיך אויפֿדעקן.
פּאַמעלעך, שטילערהייט צעעפֿנט ער די אויגן, שיקט דעם בליק
פֿון אירע שפּיצן פֿינגער אויפֿן קישן ביז אַראָפּ צום טראָט,
גייט־נאָך דעם דינעם שניט פֿון פֿוס, דעם בויג פֿון קני,
די צאַרטע קינדישקייט פֿון רוקן און דאָס שטיל געבעט
פֿון אָט די שמאָלע, דינע אָרעמס אויפֿן ווײַסן קישן —

ער זעט די גאָלדיקייט פֿון הויט, ווי אַ באַהויכונג
פֿון זונעדיקן אומעט איבער צאַרטן לײַב. ער קוקט
און ס׳הייבט־אָן אָנקוועלן פֿון יעדן בויג און ריר,
וואָס רײדן אַזוי קלאָר גשמהדיק. איז ערד אַזוי?
איז דאָס דער הויך פֿון קויטיקן און אומציכטיקן לײַב?
עס זינגט דאָך ווי אַ קלאָר געזאַנג אין גאָלדיקן פֿאַרנאַכט,
ווען די נשמה לײַטערט זיך און ס׳ווילט זיך אויסציִען אויף דער ערד
און אויסהויכן פֿון זעליקייט דעם לעצטן אָטעם מיטן שײַן.
אַ בענקעניש נעמט־אָן, דאָס גרויסע בענקעניש, וואָס קומט,
ווען נאָר דאָס וווּנדערלעכע, אומבאַגרײַפֿלעכע איז נאָענט
און בלענדט, און קאָן נישט אויפֿגעפּאַסט און נישט באַגריפֿן ווערן.
און אויב נישט בעטן, כאָטש זיך אויפֿהייבן, זיך אויפֿשטעלן —
וועט אפֿשר פֿאַר דעם אויפֿגעשטאַנענעם זיך גנעדיקער אַנטפּלעקן
דער וווּנדער, נישט באַגריפֿענער... בײַם טיש אַן אָנגעשפּאַרטער
און גליִענדיק פֿון דער פֿאַרבלענדונג, שטייט ער.
און מיט אַ מאָל, ווי ס׳וואָלט אים עפּעס אונטערזאָגן, אַז ער מוז
דעם נס דערוויטערן, צו קריגן דעם באַשייד פֿון אים,
פֿאַרגנבֿעט ער זיך שנעל. אַ הייב געטאָן די קאָלדרע
און לאָזט זי פֿאַלן אויף דער שלאָפֿנדיקער ביז צום האַלדז.
נאָר אײדער ער באַווײַזט נאָך אָפּצוטרעטן, גיט זי זיך אַ ריס,
אַ שרײַ־אויס און טויט צעשראָקן שפּרינגט זי אויף.
דערזען זאַוולען, אָנגעכאַפּט אים בײַ די הענט, און מיטן קאָפּ
זיך אײַנגעגנורעט אין זײַן בוזעם. גלעט ער זי און רעדט:
— נו, לייג זיך. קיינער וועט דיר גאָר נישט טאָן. דו זעסט —
איך שלאָף נישט. רוִקט זי זיך אײַן און בעט זיך:
— איך וויל ניט שלאָפֿן מער. כ׳וועל זיצן דאָ מיט דיר.
— מען דאַרף נישט. אַז ס׳וועט ווערן טאָג און דו וועסט אויפֿשטיין,
וועסטו שוין זיצן. איצטער דאַרף מען נישט. נו, שלאָף.
זי שטעלט די אויגן אָן, ווי אויסצופּועלן בײַ אים,
נאָר זײַנע זײַנען אַזוי שווער באַלאָדן מיט אַ מאָדנעם שײַן,

און אונטער זייער בליק פֿאַרמאַכט זי אירע, לייגט זיך
און ווערט אַנטשלאָפֿן.
שטייט ער לאַנג אַזוי
און הערט אין זיך, ווי ס׳כוואַליעט זיך די לויטערקייט
און ברויזט מיט שפּרינקלדיקן שוים. און פֿון דעם שוים
ווערט פֿול דאָס האַרץ מיט רייד, מיט נישט־באַגריפֿענע,
און רעדט. ער ווייס — עס וועט זיך איבערברויזן
און דאַן וועט קלאָר און שפּיגלדיק אַוועקפֿליסן די לויטערקייט,
וואָס איז געבוירן דורך דעם נס, און ס׳וועט אַ נײַער זין,
אַ ליכטיקער, אים אויפֿשײַנען. זאָל שוימען, זאָל עס ריידן,
דאָס פֿולע האַרץ, און בענטשן פֿאַר דעם חסד,
וואָס מוז באַלד אָנקומען, ווי די פֿרימאָרגנדיקע זון,
וואָס גייט שוין אויף! און ווען דורך לאָדן־שפּאַלטן
דערזעט זיך שײַן אין העלן דרויסן, ווערט עס קלאָר און ס׳רעדט זיך:

מײַן גאָט, איצט ווייס איך און פֿאַרשטיי.
ווי וואָלט איך דען געקומען צו דער ריינקייט,
ווען ס׳וואָלט אויף איר קיין אומצוכט נישט געפֿאַלן?
און ווי וואָלט איך זיך אויפֿגעהויבן אין דער הויך,
ווען כ׳וואָלט זיך אויף דער ערד נישט אויסגעוואַלגערט?

אָט ליגט דאָס ווײַסע קינד אין ריינער נאַקעטקייט.
צי האָט די גראָבע האַנט איר ווײַסקייט אָנגערירט?
צי האָט די אומצוכט אָפּגעווישט דאָס ריינע?
דער ווייטיק האָט נאָך מער די שײַן געלײַטערט
און פֿון דער שוואַרצער ערד דעם ווונדער אָפּגעטיילט.

איז דאָס דער זין פֿון אומצוכט און פֿון זינד?
איז דאָס דער זין פֿון פֿאַלן אין דער נידער?
אַז דורך די ווייטיקן און שאַנד זאָלן אַרויסקומען
די גרענעצן, וואָס צווישן ערד און הימל,
און פֿײַנלעכער זאָל זײַן די בענקשאַפֿט צו דער הויך?

געלויבט ביסטו דערפֿאַר. נאָך שוואַרצער נאַכט
פֿאַרנעמט זיך שוין דער העלער טאָג אין דרויסן.
און אויך אין מיר האָט נאָך אַ שוואַרצער נאַכט
פֿאַרנומען זיך מײַן העלער טאָג
און ליכטיק איז געוואָרן פֿאַר די אויגן.

נישטאָ קיין שרעק. נישטאָ קיין מיאוסקייט און ווייטיק.
כ׳קאָן גיין וווּהין די פֿיס וועלן מיך טראָגן.
פֿון ערגסטן קויט און פֿון דעם שוואַרצסטן אָפּגרונט
וועט מיך דאָס ריינע האַרץ אַרויספֿירן
און לויטערער ווי פֿריִער וועט עס ווערן.

דער טאָג איז דאָ — געלויבט ביסטו דערפֿאַר.
פֿאַר גאָר דער פּײַן, וואָס דו האָסט מיר געשיקט.
פֿאַר אַלע טרערן אין דעם האַס צו זיך אַליין
און פֿאַר דער שרעק און פֿאַר דער לויטערקייט אַצינד —
געלויבט ביסטו אין אויפֿקומענדיקן טאָג.

**עס איז געווען אַ זייגער זעקס, און פֿריידע איז אַרײַנגעקומען**
**און האָט געזאָגט: — נו, גייט שוין, שפּאַרט זיך צו אַ ווײַלע.**
**האָט ער געפֿאָלגט, זיך צוגעלייגט און אײַנגעשלאָפֿן.**
**זיך אויפֿגעכאַפּט אין גרויסן טאָג. איז ליזע איבער אים געשטאַנען**
**און אויפֿגענומען מיט אַ ליכטיקן „גוט מאָרגן״.**
**האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און געזאָגט: אַ גוטער מאָרגן דיר!**

# 14

**נאָך** קיין מאָל נישט ביז יענע טעג און אפֿשר קיין מאָל נישט דערנאָך האָט זאַוול דורכגעלעבט אַזאַ פֿאַרפֿלייצונג פֿון באַגער זיך אויסצורײדן און זיך אויסצוזינגען. אין די נעכט, אין קלײנעם קאַמער פֿון שפּיטאָל, אין שכנות פֿון די קראַנקע, האָט זיך פֿאַרגעסן פֿון דער פֿידל. און ווען ס'זאָל אַפֿילו מעגלעך זײַן אין פֿעלד מיט דעם אַנטלויפֿן און זיך דאָרטן אויסשפּילן, אַלץ אײנס האָט זיך געדרענגט דאָס וואָרט, דאָס קלאָרע און לעבעדיקע, קלינגענדיקע וואָרט. האָט זיך נאָך יאָרן פּאַפּיר און טינט באַוויזן אויפֿן טישל, און נאָך מער ווי דער, וואָס שפּיגלט זיך אין זײַנע רייד, צוליב דער שײנקייט פֿון די רייד, האָט זאַוול זיך געשפּילט און אָנגעשפּיגלט אין די ווערטער פֿון וועגן דעם, וואָס האָט די ווערטער אים געבראַכט. אַזוי האָט ער אין לידער אין די נעכט אַרויסגערעדט פֿאַר זיך דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אין די טעג און אָוונטן געמוזט פֿאַרשווײַגן, און אַזוי גערעדט:

בײַ מיר אין האַרצן ווײַט פֿאַרבאָרגן
וועט דיך קיין פֿרעמדער נישט דערזען,
און פֿון דעם אָוונט ביז פֿרימאָרגן
פֿאַרבלײַבסטו נאָר מיט מיר אַליין.

אַ קרוין פֿון גינגאָלדענע רינגען
איז אויפֿן קאָפּ דיר אָנגעטאָן,
און פֿון די ריינע אויגן זינגען
די שטראַלן פֿון דער העלער זון.

אַ שײַן פֿון גאָלד איז אויסגעגאָסן
אויף יעדן גליד און יעדן ריר.
און ס'האָט די שײַן אַרײַנגעפֿלאָסן
און זיך באַזעצט אין האַרץ בײַ מיר.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך גאָר מורא
אַרײַנצוקוקן אין מײַן האַרץ.
און עפֿן נאָר מײַן האַרצנס טויערן,
ווען ס'קומט די נאַכט אין פֿינצטערשוואַרץ.

דאַן רוף איך דיך, זאָלסט קומען ווײנען
אין מײַן באַהעלטעניש אַרײַן,
און ס'לײַכטן־אויף די טויזנט קרוינען
מיט דײַער גינגאָלדענער שײַן.

אַ גאַנצע נאַכט בײַ מיר פֿאַרבאָרגן,
אַ גאַנצע נאַכט מיט מיר אַליין.
און ווען ס'גייט־אויף דער העלער מאָרגן,
דאַן קאָנסטו צו דעם מאָרגן גיין.

ווײַל דו ביסט דאָך אַליין דער מאָרגן
אין שײַן און שטראַלן אָנגעטאָן.
ווי קאָן איך האַלטן דיך פֿאַרבאָרגן,
ווען ס'גייט אַנטקעגן דיר די זון?

*

ערשט ווייס איך שוין, אויף וואָס איך האָב געוואַרט
די גאַנצע דרײַ און דרײַסיק יאָר.
מײַן אָרעמע נשמה האָט געגאַרט
איר חלום צו דערקענען אויף דער וואָר.

מײַן אָרעמע נשמה האָט געוווּסט,
אַז ערגעץ לעבט איר חלום אויף דער וואָר.

ערשט ווייס איך שוין צו וואָס איך האָב געגאַרט
די גאַנצע דרײַ און דרײַסיק יאָר.

*

ליגן די קראַנקע און שלאָפֿן,
קרעכצן פֿון שלאָף,
קרעכצן, אַזוי ווי ס׳וואָלט קומען
אומזיסט זייער שטראָף.

ווילט זיך אין מיטן דער נאַכט
אַרײַנגיין צו זיי,
אויפֿוועקן יעדן פֿון קרעכצן
און זאָגן צו זיי:

אָט איז אַ האַרץ, וואָס האָט אויך
פֿינצטער און וויסט
לאַנג זיך געמאַטערט אין טראַכטן,
אַז אַלץ איז אומזיסט.

איצט אָבער האָט עס באַגריפֿן,
אַז ליידן און פּײַן
זײַנען בלויז וועגן, וואָס פֿירן
צו גאָלדענער שײַן.

קרעכצן דערשראָקענע קראַנקע
פֿון ווייטיק און לייד.
חלומט כאָטש איינער, אַז ערגעץ
וואַרט שוין זײַן פֿרייד?

*

מײַן האַרץ האָט אַלע מאָל פֿון ערגעץ
די העלע פֿרייד פֿאַרנומען,
ס׳האָט אָבער קיין מאָל נישט געוווּסט,
פֿון וואַנען וועט עס קומען.

נאָר איצטער, אַז איך ווייס פֿון ווו
מײַן פֿרייד איז אַנגעפֿלויגן,
מיר דאַכט — כ׳האָב אַלע מאָל אַהין
געווענדט מײַנע אויגן.

*

שעם זיך נישט, מײַן האַרץ, און זאָג אַזוי:
דורך דער נאַכט אין גאַסן גייט אַ מלאך אום,
שטעלט זיך אָפּ בײַ יעדן צוגעמאַכטן הויז
און מיט ווײַסע פֿליגלען נעמט ער עס אַרום.

מענטשן שלאָפֿן אין דעם פֿינצטערניש, אין שרעק,
און זיי ציטערן און חלומען פֿון פּײַן.
און פֿון אַלע זײַטן קומט די רו צו זיי
דורך די לאָדן־שפּאַלטן אינעם הויז אַרײַן.

מענטשן שלאָפֿן אָנגעשראָקענע פֿון נאַכט
און זיי ווייסן נישט, אַז ערגעץ ווערט שוין גרוי,
אַז אַ מלאך גייט־אַרום און טרײַבט די שרעק
און עס קומט דער מאָרגן אין אַ גוטער שעה.

*

דו ביסט מיט מיר געגאַנגען זוכן יענעם פּלאַץ,
וווּ ס'איז אַמאָל געשטאַנען אונדזער הויז,
און ס'האָט דײַן קליינע פֿוס געטראָטן אויפֿן גראָז,
וואָס וואַקסט פֿון צווישן שוואַרצן שטיין אַרויס.

און וווּ עס האָט אַ טראָט געטאָן דײַן קליינע פֿוס,
איז ווידער דאָרט פֿאַר מיר אַ הויז געוואָרן.
און וווּ עס האָט אַ טראָט געטאָן דײַן קליינע פֿוס,
האָב איך צוריק געפֿונען, וואָס איך האָב פֿאַרלאָרן.

עס ווערט מיר היימיש יעדע וויסטעניש אין פֿעלד
און יעדער שטיין, אויף וועלכן ביסט געשטאַנען.
און ס'ווערט מײַן היים די גאַנצע גרויסע וועלט,
ווײַל דו ביסט אין דער וועלט פֿאַראַנען.

*

וואָס פֿאַר אַ מעשׂה זאָל איך דיר דערציילן?
פֿון בער, וואָס כ׳האָב מיט אים אַ הייל געבויט?
מען האָט אים איין מאָל שיִער שוין נישט דערהרגעט
און איך וואָלט בלײַבן שולדיק אין זײַן טויט.

עס זײַנען יעגערס אין דעם וואַלד אַרײַנגעקומען
און האָבן אים אין גרוב אַרײַן פֿאַרנאַרט.
איך האָב געהערט זײַן רעווען און זײַן שרײַען
און בין געשטאַנען פֿון דער ווײַטן און געוואַרט.

פֿאַר וואָס בין איך צו הילף אים נישט געקומען?
קאָן זײַן, איך האָב געוואַרט שוין אויף זײַן סוף.
און פֿאַר מײַן וואַרטן בין איך נאָך נישט אָפּגעקומען,
און פֿאַר מײַן וואַרטן וואַרט אויף מיר די שטראָף.

דעריבער וועט עס מיך קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן
און וועט מיט שטומע אויגן נאָכגיין מײַנע טריט.
ביז וואַנען כ׳וועל אַ מידער ערגעץ פֿאַלן
אויף אייביק צו דער ערד שוין צוגעשמידט.

און אפֿשר וועל איך אים אַליין אַ מאָל אַ וואָרף טאָן
דאָס לעבן מײַנס און זאָגן: — נאַ, פֿאַרצער!
דאַן וועט ער שוין נישט האָבן וואָס צו זוכן
און ס׳וועט זיך ענדיקן די מעשׂה מיטן בער.

*

וואָלטסטו זײַן אַ פֿויגל אין אַ שטײַג,
קאָן נאָך איינער עפֿענען די שטײַג
און דו וואָלטסט אַוועקפֿליִען פֿון מיר.

וואָלטסטו זײַן אַ פֿרוי, וואָס איך האָב ליב,
קאָנסטו נאָך אַ צווייטן קריגן ליב
און דו וואָלטסט אַוועקפֿליִען פֿון מיר.

ביסט אָבער נישט מער ווי מײַן נשמה,
מער נישט ווי מײַן אײגענע נשמה —
ווי קאָנסטו אַוועקפֿליִען פֿון מיר?

סײַדן עס וועט אָנקומען מײַן שעה,
און אַן אויסגעלייזטע אין מײַן לעצטער שעה —
וועסטו דאַן אַוועקפֿליִען פֿון מיר.

*

דער בלויער הימל האָט געזען,
ווי דו האָסט מיט די דינע הענט
מײַן האַלדז אַרומגענומען —
געזען און האָט געשוויגן.

דער שטילער טײַך האָט צוגעזען,
ווי דו האָסט זיך צו מיר געדריקט,
ווי שטילער וואַסער צו אַ ברעג —
געזען און האָט געשוויגן.

דער בוים בײַם ברעג האָט צוגעזען,
ווי ס'איז דײַן גאָלד'נער קאָפּ בײַ מיר
אין שויס געבליבן ליגן —
געזען און האָט געשוויגן.

נאָר מער פֿון אַלע האָט געזען,
געפֿילט, געציטערט און געקלאַפּט
מײַן אומרויִק און שרעקיק האַרץ —
און קאָן נישט, קאָן ניט שווײַגן.

*

איך האָב מורא פֿאַר די ליפּן דײַנע:
ווי אַ פֿולער בעכער גיסן זיי זיך איבער

מיטן שטאַרקן ווײַן אין מײַנע אָדערן אַרײַן
און עס ציטערט מיר דאָס האַרץ ווי אין אַ פֿיבער.

איך האָב מורא פֿאַר די פֿינגער דײַנע:
זייער אָנריר גיסט מיר שוואַכקייט אין די גלידער
און איך ווייס נישט וואָס מיט זיך צו טאָן,
סײַדן צו אַנטלויפֿן, אַ פֿאַרלוירענער און מידער.

און די אויגן גליִען אַזוי העל,
אַז עס ווערט דאָס האַרץ אין מיר צעגאַנגען.
און עס ווילט זיך מיר אַוועקלויפֿן פֿון דיר
און פֿון מיר און פֿון די גליִענדע פֿאַרלאַנגען.

*

ניין, איך וויל נישט, דו זאָלסט ווערן קראַנק.
דאָך אין קראַנקנבעט ביסטו געווען ווי אַ קינד,
האָב איך דיך געזען נאַקעט ווי אַ קינד
און זיך נישט געשראָקן פֿאַר קיין זינד.

איצט ביסטו קיין קינד נישט — און אין ווײַסן קלייד
ווײַסע נעמען מיך אַרום די הענט.
פֿיל איך נאַקעטע אין ווײַסן קלייד די הענט
און די נאַקעטקייט אויף מײַנע אַקסל ברענט.

*

דײַן מאַמע האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן
און כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן.
ווען זי זאָל עפּעס וויסן נאָר דערפֿון,
פֿאַר וואָס איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

*

פאַר וואָס איז דאָס אַזוי?
עס פילט מיך אָן מיט ליכט דאָס בענקעניש צו דיר.
עס זינגט דאָס האַרץ, ווען כ׳קום נאָר צו דײַן טיר.
און ווען איך זע די אויגן דײַנע, זינגט אין מיר
איעדער טראָפּן בלוט, ווי כ׳וואָלט אַוועק
פון שוואַרצער ערד אין הויכע בלויע הימלען —
פאַר וואָס זשע ציטער איך אַזוי פון שרעק?

פאַר וואָס איז דאָס אַזוי?
די ליפּן דײַנע זײַנען ווי אַ רויטע בלום
און נעבן דיר אין שמעקנדיקן גאָרטן גיי איך אום
און פידלען שפּילן, און זיי רופן — קום!
עס דאַכט — איך הייב זיך אויף אַ לינדן ווינט
אַהין, וווּ שטראַלן זינגען און מלאָכים שפּילן —
פאַר וואָס זשע ציטער איך אַזוי פאַר זינד?

*

ס׳האָט מײַן פינצטער מזל מיך געטראָפן אויפן וועג
און געזאָגט צו מיר: דו וועסט דאָך נישט אַנטרינען
כ׳וועל דיך אָפּלאָזן אַ טאָג און נאָך אַ טאָג,
ווען כ׳וועל דאַרפן, וועל איך דיך געפינען.

ס׳האָט מײַן פינצטער מזל מיך געשטאָכן מיט אַ שפּיז
און געעפנט מײַנע שלאָפנדיקע ווונדן.
האָט אַ שטראָם געטאָן דאָס וואַרעמע בלוט אין מיר,
איז מײַן ציטערניש אין אייגן בלוט פאַרשוווּנדן.

האָב איך זיך געלאָזן צו דעם ליבן הויז,
לײַכט און לופטיק, ווי אויף ווײַסע פליגל.
און געזונגען האָט אין מיר דאָס טריפנדיקע בלוט,
ווי אַ מאַמע זינגט צום קינד אין וויגל.

*

די ביימער אין דער נאַכט האָבן דערקענט
דאָס גליק, וואָס האָט פֿון פּנים מיר געברענט,
און ס׳האָבן נאַכט און שטערן און די וועלט
דערזען, וואָס אין מײַן האַרצן קוועלט.

איך האָב די זינד מיט מײַנע ליפּן אויסגעברענט.
כ׳האָב דורך דער צאַרטער הייליקייט אין מײַנע הענט
מײַן בלוט געהייליקט — איז עס פֿון דער ערד אַוועק
און ס׳איז נישטאָ שוין מער קיין זינד און שרעק.

דאָס אויג איז קליין און אָרעם איז דער בליק.
נאָר וויפֿל ס׳קאָן — זאָל עס אַרויסלײַכטן דאָס גליק.
ווײַל ריין און אָפֿן איז מײַן האַרץ אַנטקעגן גאָט
און אָפֿן פֿאַר דער גאַנצער וועלט מײַן סוד.

*

— ווּ וועסטו מיך מאָרגן טרעפֿן?
— ווּ זאָל איך דיך מאָרגן טרעפֿן?
אויפֿן ראַנד פֿון ווײַסן וואָלקן
וועל איך דיך באַגעגענען.

— ווּ וועלן מיר גיין שפּאַצירן?
— ווּ זאָלן מיר גיין שפּאַצירן?
אויפֿן וואָלקן, ווּ די זון וועט
אונדז מיט גאָלד באַרעגענען.

— ווּ וועלן מיר אָפּשייד נעמען?
— ווּ זאָלן מיר אָפּשייד נעמען?
אויפֿן פּורפּורבערג פֿון וואָלקן
וועט מען זיך געזעגענען.

*

פֿון די הימלען קום איך, פֿון דער ווײַטער הייך,
ווו ס'איז קלאָר און ריין.
אָנגעזאַפּט מיט בלויער העלקייט פֿון דער הייך
בין איך ליכט אַליין.

מײַנע הענט פֿון ווײַסע שטראַלן אויסגעוועבט —
שײַנען זיי.
מײַנע פֿיס טראָגן מיך לײַכט, ווי אויפֿן ווינט
ווײַסע וואָלקנס צוויי.

און אין האַרצן, אין מײַן הימל, ברענט אַ זון
אָן אַן אונטערגאַנג;
אירע שטראַלן גיסן גאָלד אין מײַנע אָדערן
מיט געזאַנג.

העלע לויטערקייט צעשפּרייט זיך אַרום מיר,
טריט נאָך טריט.
וואָס עס קומט אונטער מײַן בליק און מײַן באַריר
פֿון מײַן אָפּשײַן גליט.

*

ווען דו זאָלסט זײַן באמת, וואָס דו ביסט,
אַ נס, וואָס איז צו מיר געשיקט געוואָרן,
און נישט אַ קינד, ווי דו זעסט־אויס,
וואָלט איך געקאָנט פֿון דיר אַוועקגיין אויף אַ ווײַל
זיך אָפּרוען און צו זיך קומען,
ווײַל ס'איז מיר צו פֿיל, צו פֿיל ווונדער,
און כ'קאָן אַזוי פֿיל נישט דערטראָגן.

ווען דאָרט אין מיר זאָל זײַן באמת, דאָס וואָס איז,
אַ לעבעדיקער קוואַל, וואָס שטראָמט־אַריבער,
און נישט אַ האַרץ וואָס קלאַפּט —

וואָלט איך געקאָנט אַרומגיין צווישן מענטשן
מיט עמערס אָנשעפּן און אויסטײלן
און ס'וואָלט מיר לײַכטער ווערן.

און אַז דו ביסט דאָך פֿאָרט אַ קינד,
און כ'קאָן נישט בײַקומען דײַן רופֿן,
און אַז אין מיר איז פֿאָרט אַ האַרץ
אַרומגעצאַמט און אײַנגעבונדן אין מײַן לײַב,
ווערט פֿון דײַן נאָענטקייט אַלץ שטורמיקער דער קוואַל,
און כ'האָב זיך נישט ווו הינצוטאָן
מיט אָט דעם בלענדנדיקן, שטורעמדיקן שטראָם.

*

בײַ נאַכט איבער די גאַסן גיי איך
און קוק אין די פֿאַרמאַכטע לאָדן.
איך וויים, אַז דאָרטן, אין דער פֿינצטער,
איז יעדער הויז מיט ווײ באַלאָדן.

און כ'בעט זיי: — עפֿנט־אויף די טירן
און לאָזט מיר אײַער ווייטיק נעמען!
מײַן האַרץ האָט זיך פֿאַרבענקט נאָך לײדן
און וויל אין צוואַנג פֿון פּײַן זיך קלעמען.

די טיר און פֿענצטערס צוגעשלאָסן —
מען וויל זיך מיט דער לייד ניט שיידן.
און איך, וואָס בענק נאָך דעם, האָב גאָר נישט,
נאָר ליכט און העלע פֿריידן.

*

ווי לאַנג וועט עס נאָך דויערן?
ס'איז צו פֿיל, צו פֿיל גליק.

און ס׳קלינגט מיר אין די אויערן:
שוין צײַט אַהיים צוריק.

איך וועל אַזוי אַ שטראַלנדיק
פֿאַרברענט ווערן אין שײַן
און ווי אַ קול צעפֿאַלנדיק
אין שוואַרצער נאַכט אַרײַן.

# 15

**צו** ערשט איז חיה־ריווען נישט געלונגען. יענעם אויפֿדערנאַכט,
ווען זי האָט פֿריידען סודותדיק פֿון שטוב אַרויסגעפֿירט
צום ברעג פֿון טײַך, האָט פֿריידע בלויז געזען,
ווי זאַוול זיצט אונטער אַ בוים, און ליזע אויפֿן גראָז,
דעם קאָפּ אויף בײדע עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט,
פֿאַרקוקט אים אין די אויגן. פֿינף און צען מינוט אַזוי.
האָט פֿריידע זיך אַהיים געלאָזט און אויפֿן וועג פֿאַרזאָגט
איר דינסטמויד פֿון אַמאָל, אַז זי זאָל מוחל זײַן
און מער צו איר נישט קומען מיט קיין מעשׂיות.
זי האָט זיך אָבער אָנגעהויבן צוקוקן, און איין מאָל,
ווען זאַוול האָט זיך אויסגעקליבן גיין און ליזע איז אַרויס
באַגלייטן אים אין פֿאָדערהויז, האָט פֿריידע
פֿאַרגנבֿעט צוגעקוקט זיך צום געזעגענען, און מאָרגן
אַוועקגערופֿן זאַוולען אין אַ זײַט און שטיל געזאָגט:
— איר זעט דאָך, זאַוול, זי איז בלויז אַ קינד.
און וואָס איר האָט געטאָן פֿון אײַער גאָלדן האַרץ
פֿאַרשטייט זי נישט. און יענע איז דאָך פֿאָרט אַ ווײַב.

וואָלט אפשר גלײַכער זײַן פֿאַר אַלעמען איר זאָלט אַצינד
צו אונדז נישט קומען אַזוי אָפֿט. נאָר אויף אַ שטיקל צײַט.
עס האָט אים הענט און פֿיס אַנטנומען. האָט זי שנעל
געפּלאָנטערט זיך אין רייד: — וואָס קאָן מען טאָן, מײַן זון?
און נאָכגעגאַנגען ביז דער טיר מיט אים, און ביז אין דרויסן,
און אַלץ גערעדט: — וואָס קאָן מען טאָן, מײַן זון?

**געקומען** אין שפּיטאָל, אַרײַן אין קעמערל צו זיך,
צונויפֿגענומען די פּאַפּירלעך, אײַנגעלייגט, אַרײַנגעלייגט
אין בוזעם־קעשענע, פֿאַרפּאַקט די צוויי־דרײַ העמדער,
אַרויסגעקוקט אין דרויסן אין דער נאַכט און מיטן קלומיקל אין האַנט
געבליבן שטיין. זאָל נאָר די ערשטע גרויקייט זיך באַווײַזן,
וועט ער שוין גיין. דערווײַל דאָס לעמפּל אויסגעלאָשן,
אַוועקגעזעצט זיך, אַלץ נאָך מיטן קלומיקל אין האַנט
און בלויז געוואַרט. אין אַ פֿאַרקלעמטן ווינקל
האָט זיך דאָס האַרץ פֿאַרגראָבן און פֿון ערגעץ האָבן
געטראָגן זיך דערמאָנונגען, צעריסענע געדאַנקען, דאַכטונגען,
ווי שטיקלעך וואָלקן נאָך אַ רעגן, זיך צעריסן פֿאַרן אויג
און ס׳האָט זיך נישט געוואָלט זיי אָנכאַפּן, זיך צוקוקן אַפֿילו:
עס פֿליט — זאָל עס פֿאַרבײַפֿליִען, פֿאַרבײַפֿליִען —
און גאָר נישט. ס׳האָט געדאַרפֿט אַזוי צו זײַן און ס׳איז!
די אויגן האָבן זיך געקלעפּט — האָט זיך געדרימלט אַ מינוט.
אין דרימל נאָכגעשפּירט דעם גאַנג פֿון נאַכט הינטער די שויבן,
ביז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן בלייכן און פֿון גרויען נעפּל
די הײַזער זיך אַרויסשיילן — האָט ער זיך אויפֿגעהויבן,
אויף שפּיצן פֿינגער דורכגעגנבֿעט און אַרויס אין דרויסן.
קיין מענטשן, קיין לעבעדיקער נפֿש אין דער גרויער קילקייט.
און ס׳אויפֿגעקלעמטע האַרץ ווערט אײַנגעשרומפּענער
פֿון שרעק, וואָס גייט־אַרום אין פּוסטקייט פֿון באַגינען.
ווּ גיין? דערמאָנט זיך אין שאָסיי, וואָס פֿירט־אַוועק,

צו דערפֿלעך ווײַטער און פֿון דאָרט, מסתּמא ווו,
איז אויך אַ שטעטל דאָ. געשפּרײַזט קוים צו דערהערן.
און פֿאָרויס איז דאָס אויג אַוועק, ווי אַ שליח אויסצופֿאָרשן,
אויב ס׳לויערט קיין געפֿאַר נישט אויפֿן וועג. פֿון ווײַטן
דערזען אַ פּאָליציאַנט און זיך, נישט טראַכטנדיק, פֿאַרקערעוועט
אין גאָר אַן אַנדער זײַט. גענומען שפּרײַזן שנעל אַזוי,
ווי ער זאָל מיט אַ שליחות גיין און נאָכגעהערט פֿון הינטן,
צי יענער יאָגט אים נישט. באַשלאָסן נישט צו פּרוּוון מער
די גאַסן צום שאָסיי און גלאַט געפּלאָנטערט זיך
פֿון גאַס אין גאַס אַרײַן. ס׳האָט אָנגעהויבן העלער ווערן.
דער וואַסער־פֿירער איז צום טײַך פֿאַרבײַגעפֿאָרן.
אַ בעל־עגלה האָט געקלאַפּט איבער די שטיינער.
ס׳איז איינער מיט אַ טלית־זעקל, אַ פֿאַרשלאָפֿענער, געגאַנגען
צום ערשטן דאַוונען און אַ ייִד פֿון ביקור־חולים
איז אָנגעקומען פֿון אַ וואַכנאַכט און פֿאַרווונדערט זיך:
— גוט־מאָרגן, זאַוול! עפּעס אַזוי פֿרי אין גאַס?
גיין ווײַטער אָן אַ ציל אַזוי האָט נישט געהאַט קיין זין.
ער דאַרף זיך אויסרוען, דאַרף צו זיך קומען און באַרעכענען
וווהין צו גיין. מיט וואָס? נאָר אומקערן זיך דאָרט
אין קאַמער פֿון שפּיטאָל, ווו מישאַ וועט באַלד אָנקומען —
דאָס — ניין. שוין בעסער איבערזײַן אַ טאָג צי צוויי בײַם טאַטן.
דאָס הויז איז נאָך געשלאָפֿן. האָט ער אויפֿגעמאַכט
די פֿורטקע פֿון שטאַכעט, וואָס אַרום הויז. אַרײַן
און צוגעזעצט זיך אויף די טרעפּלעך פֿאַר דער טיר
ביז עמעצער וועט עפֿענען. די ערשטע איז אַרויס
די אַלטע גויע, האָט אים אָנגעקוקט פֿאַרווונדערט,
און ער האָט עפּעס אויסגעמורמלט און זיך דורכגעשלײַכט
אַרויף די טרעפּ ביז פֿאַר דער מאַמעס טיר.
אַ קלאַפּ געטאָן, געענטפֿערט הייזעריק: — איך, זאַוול, בין דאָס.
געהערט ווי ס׳קייטלט זיך דאָס קייטל און געבליבן שטיין

אין וואַרעמקייט און ענגשאַפֿט פֿון דער שלאָפֿנדיקער שטוב.
די מאַמע האָט געכאַפּט אויף זיך אַ יאַקל. ס׳איז אַרויס
דער טאַטע אַ פֿאַרשלאָפֿענער. דער ברודער מיטן שוועסטערל
אין בעטן דאָ האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט. און באַלד
האָט אַלץ געפּאַדעט אַרום אים. ערשט דאָ, ווען אויפֿן טיש
האָט שוין די טיי געפּאַרעט און די אויגן האָבן זיך געקלעפּט
פֿון וואַרעמקייט און מידקייט, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ נאָגעניש.
און ס׳האָט געדאַכט: אָט פֿאַלט ער מיטן קאָפּ אַנידער אויפֿן טיש.
דער טאַטע זעצט זיך צו: — ערשט זאָג מיר, וואָס אַזוי באַגינען?
ער זעט: די מאַמע ציט דעם טאַטן פֿאַרן אַרבל
און ענטפֿערט אײַנגעהאַלטן: — כ׳וויל שוין מער ניט זײַן דאָרט.
— אַזוי? — פֿאַרריכט זיך גלײַך דער טאַטע — דאָס פֿאַרשטיי איך.
גענוג, וואָס דען? דו, איציק, נעם נאָר צו דאָס פּעקל זײַנס!
און דו, פֿאַרשטייסטו מיך, נעם עס און טרינק.
ס׳הייסט, דאַוונען דאַוונסטו דאָך נישט מסתּמא, האַ,
איז נישט! נו, מילא. ביסטו ווידער אין דער היים.
און זאַוול שטיקט דאָס נאָגעניש אין זיך און האַלט זיך.

דעם זעלבן טאָג נאָך האָט דער טאַטע אָנגעהויבן ריידן
פֿון קומען צו אַ תּכלית. האָט די מאַמע זיך געשטעלט:
— וואָס ווילסטו? לאָז אים אָפּ, ס׳וועט נישט אַנטלויפֿן.
נאָר זאַוול פֿון אַ זײַט האָט זיך צום טאַטן אָנגערופֿן:
— איך וועל אַוועקפֿאָרן מסתּמא. — ס׳הייסט אַוועקפֿאָרן?
וואָס דאַרפֿסטו פֿאָרן? פֿאָרסט דאָך נאָך נישט הײַנט —
האָט אים פֿאַרכאַפּט די מאַמע — ס׳ברענט דאָך נישט.
און בײַ קיין פֿרעמדע ביסטו נישט. איז וואָס איז דאָס געאײַל?
דער טאַטע האָט געוואָלט נאָך זאָגן עפּעס און פֿאַרשוויגן.
און נאָכן וואַרעמעס האָט זיך די מאַמע צוגעזעצט
און אײַנגעטענהט, אַז דער טאַטע מיינט קיין בייז נישט,
נאָר גאָר נישט — ס׳איז נאָך צײַט. און דאָ, הינטערן הויז,

איז דאָ אַ סאָד. קאָן זאַוול זיצן דאָרט אין דער אַלטאַנע,
אַ ביכל לייענען, צי וואָס — און ס׳וועט דער תּכלית נישט אַנטלויפֿן
ער האָט געוואַרט, עס זאָל זיך נאָך עפּעס אַראָפּגליטשן
דער מאַמען פֿון דער צונג, נאָר חיה־ריווען האָט זי נישט דערמאָנט.

די הינטערטיר פֿון הויז האָט זיך געעפֿנט אין אַ קליינעם סאָד.
און צווישן הויכע קאַרשן־ביימער מיט די לעצטע קאַרשן,
נאָך הענגענדיק אויף דינע צווײַגלעך, און די עפּלביימער
נאָך פֿול באַזעצט מיט גרינע פּירות, איז געשטאַנען אין אַ זײַט
אַ מין אַלטאַנע, אויפֿגעקלאַפּט פֿון צוגעפֿוילטע ברעטער.
און אינעווייניק, אין שאָטן, איז געווען קיל און דעמפּ.
דאָרט, אָפּגעשיידט פֿון גאָר דער וועלט, האָט זאַוול נאָך אַ מאָל
געקאָנט אין לאַנגע שעהען איבערלעבן דאָס געוועזענע
און קלאָרער קומען צו דעם וויסן, אַז ס׳איז נישט נאָר רעכט,
ס׳איז גוט אַזוי. ער האָט געדאַרפֿט פֿאַרטריבן ווערן!
נאָר פֿון די שפּיצן פֿינגער פֿון די פֿיס און ביזן קאָפּ
האָט אַלץ גענאָגט אין אים. און אויסגעצויגן אויף דער באַנק,
די הענט אַראָפּגעהאָנגען און די פֿיס צוזאַמען אויסגעשטרעקט,
איז ער געלעגן אין אַ מין חלשות, וואַרטנדיק אויף דעם
אַז אין דעם נאָגעניש זאָל גאָר דאָס לעבן דאַרפֿן אויסגיין.
און ער וועט בלײַבן דאָ, נישט טויט, נאָר אויסגעגאַנגען,
און ס׳וועט אים גוט ווערן. אַ סוף! נאָר איבערקומענדיק
דאָס מין חלשות, פֿלעגט ער זיך אין דרײַען אויפֿקנוילן,
אין ליפֿן אײַנבײַסן דעם דראַנג צום כליפּען,
ביז ס׳האָט אין האַלדז גענומען דריגען, ווי זיך שטיקנדיק.
און דעמאָלט, מיט די הענט אַרײַנגערוקט צווישן ברעטער,
איז ער געשטאַנען ווי אַ צוגעבונדענער, וואָס לאָזט אַליין
די פֿײַכטע ריטער ציילן אויפֿן הוילן רוקן,
עס זאָל מיט שמאַרץ און בלוט אַרויסשלאָגן די גלוסטונג,
און בלײַבן זאָל אַליין דאָס שימערן פֿון ווײַטן ליכט.

פֿון ווײַטן ליכט הינטער דער גלוסטונג. נישט קיין שטראָף
איז אַט דאָס שטיין אַזוי מיט הענט צווישן ברעטער —
עס הענגט קיין זינד נישט איבער אים, עס קומט קיין שטראָף נישט.
עס איז אויך אים באַשערט געווען אַ גרויסע פֿרייד,
איז ער געקומען און זיך אָנגעטרונקען מיט דער פֿרייד.
און ווען עס איז געוואָרן צו פֿיל און דאָס שווערע האַרץ
האָט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן מער — איז אים אַ נס געשען:
מען האָט מיט געוואַלט אים אָפּגעריסן, און ס'איז רעכט געווען.
און אויב די זיסקייט ווי אַ כּישוף גייט אים נאָך —
טאָ זאָלן ריטער שלאָגן און אַרויסשלאָגן דעם כּישוף,
ביז בלײַבן וועט דאָס ליכט אַליין, וואָס אין דער פֿרייד.
אַזוי האָט עס געדאַרפֿט צו זײַן. געקומען, אָנגעטרונקען זיך
פֿאַר גאָר דאָס גאַנצע לעבן — און גענוג. איצט דאַרף מען ווײַטער גיין.
איצט דאַרף מען ווײַטער גיין און מיט דעם אײַנגעזאַפּטן ליכט
פֿאַרמעסטן זיך אויף עפּעס, וואָס זאָל אײַנשלינגען
דאָס גלוסטעניש און בענקשאַפֿט. עפּעס טאָן אַזוינס, וואָס זאָל — —
וואָס זאָל עס? מאָרגן, אפֿשר איבער מאָרגן וועט ער קאָנען
אַרויס פֿון זײַן באַהעלטעניש, אַ נײַער, אַ באַפֿרײַטער.
וועט קאָנען קוקן גלײַך אויף אַלעמען און איבער זייערע קעפּ,
אַפֿילו דאָ, אַפֿילו איבער אַלע דאָ, און נישט אַנטרינען,
נישט דאַרפֿן גאָר אַנטלויפֿן — און וועט כּוח האָבן
אַזוינס עפּעס אַ נעם צו טאָן, וואָס זאָל — וואָס זאָל עס?
און נאָך נישט וויסנדיק, ווי דאַרף עס אויסקוקן דאָס גרויסע,
דאָס אומדערקענטע, וואָס איז גרייט פֿאַר אים, צו דעם געגרייט זיך
און שוין מיט דעם געוועלט זיך קעגן יענעם נאַגעניש,
פֿון וועלכן ס'האָט דאָס אומבאַוווּסטע ערשט געדאַרפֿט אַרויסוואַקסן.

**אין** טיר פֿון דער אַלטאַנע איז עס איין מאָל, אַ נאָכמיטאָג,
דער דאָקטער שטיין געבליבן און אַ זאָג געטאָן:
— אָט ענדלעך אײַך געפֿונען! — זאָוול, אַ צעטומלטער,

האָט זיך אַ הייב געטאָן, געשטאַנען ביז דער דאָקטער האָט זיך אומגעקוקט,
אוןביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט. דאָס האַרץ
איז אים געגאַנגען אויף־און־אָפּ. און אויך דער דאָקטער
האָט זיך געשטאַרקט, זעט־אויס, דאָס לשון צו געפינען,
ביז ער האָט אָנגעהויבן: — זעען מיר זיך ווידער.
מיר זיינען דאָך שוין אַלטע, גאָר אַלטע חבֿרים, זאַוול.
און אַז עס קומט צו עפּעס, זיצט מען און מען שווייגט.
פֿאַר וואָס? — איך קאָן נישט ריידן... — ענטפֿערט זאַוול.
— דאָס הייסט, נישט איר, נאָר איך בין עס געקומען
צו אייך, ווי צו אַ גוטן חבֿר, אָפּריידן דאָס האַרץ.
ווי שטיל דאָ איז — קוקט ער זיך ווידער אום — און קיל
און טונקל און די פֿליגן זשומען גוט. פֿאַר וואָס זייט איר אַנטלאָפֿן?
ס'קומט אומגעריכט אַזוי דאָס פֿרעגן. ווייסט נישט יענער,
אַז מ'האָט פֿאַר אים די טיר פֿאַרמאַכט? ער סאַפּעט
און זאָגט: — איך האָב געדאַרפֿט אַוועקגיין.
— כ'פֿאַרשטיי. כ'בין אויך אַמאָל אַוועקגעגאַנגען.
מיט יאָרן לאַנג צוריק. איך ווייס נישט צי געדענקט איר.
איך בין אַהיים געקומען פֿון דעם לעצטן קורס
אַ מידער, אַ צעשלאָגענער... — כ'געדענק... — זאָגט זאַוול.
איז דעמאָלט בין איך אויך אַוועק. אַנטלאָפֿן. אָט ווי איר.
נאָר איר האָט כאָטש באַוויזן איינפֿלאַנצן אין האַרץ
אַ ליבשאַפֿט און אַ בענקעניש נאָך אייך. איך — גאָר נישט.
אַוועק אַזוי — און נישט געלאָזט וואָס צו ליב האָבן.
און דאָך האָב איך די גאַנצע צייט געוואַרט. און איצט,
איצט האָט מיר אָנגעהויבן דאַכטן, זי וואַרט אויך אויף מיר.
זי איז אַליין. דער מאַן געשטאָרבן. וואַרט זי דאָרט
און גלייבט, אַז איך וועל אָנקומען. און ס'ווילט זיך יעדן טאָג
זיך אויפֿהייבן, אַוועקפֿאָרן, אַלץ איבערלאָזן — גיין אַהין.
שטיי־אויף באַגינען, שטעל זיך אַרבעטן און פֿיל כּסדר —

איך האָב נישט וואָס צו טאָן דאָ. און ס׳איז שלעכט.
איר ווייסט — דער טאַטע און די מאַמע... זאַוול, זאָגט מיר —
וואָלט איר צוריקגעגאַנגען? — ניין! — שנײַדט זאַוול אָפּ.
— ניין? פֿאַר וואָס? — מען דאַרף נישט גיין צוריק.
דער דאָקטער קוקט אים אָן: — און אַז מען מוז?
— אַלץ אײנס. מען דאַרף נישט גיין צוריק.
— כ׳פֿאַרשטיי אײַך נישט. געדענקט איר אײַערע רייד:
דאָס לעבן דאַרף אַ זין האָבן. און אַז עס האָט נישט?
און אַז איר פֿילט, ביז וואַנען איר געפֿינט צוריק
דאָס לאַנג פֿאַרלוירענע, האָט אײַער לעבן נישט קיין זין
און אַלץ איז גאָר נישט? — ס׳איז נישט אמת! — טענהט זאַוול.
— וואָס מיינט איר, ס׳איז נישט אמת? — אָט אַזוי! נישט אמת!
ער מאַטערט זיך די ווערטער אָנצוכאַפּן און פּראַלט־אויס:
— מען מאַכט אַליין דעם זין. עס איז אין האַרץ.
אַז איר זײַט אײן מאָל דאָרט געווען און ליב געהאַט
(ווי שווער עס איז דאָס וואָרט אַרויסצורײדן), זײַט איר שוין געווען,
און אויס! מען דאַרף שוין דאָרטן מער ניט זײַן.
— ווען אײַער האַרץ איז דאָרט געבליבן? — פֿרעגט דער דאָקטער.
— עס איז אַ בענקעניש... — זאָגט זאַוול. — ס׳ציט דאָס האַרץ
און אַלצדינג ציט אַהין, אָבער מען טאָר נישט.
וואָס לענגער מען פֿאַרבלײַבט, אַלץ ווײַטער גייט־אַוועק
דער זין פֿון לעבן. צו פֿיל גליק און גוטסקייט.
אַנטלויפֿט מען. בלײַבט דאָס ליכט אין האַרץ
און ס׳איז פֿאַראַן אַ זין. מען קאָן שוין ווײַטער גיין.
דער דאָקטער הערט, ווי נישט אַ לעבעדיקער מענטש
וואָלט עס גערעדט, נאָר בלויז אַ קול פֿון ערגעץ,
און רעדט, דאַכט זיך, צו זיך אַליין: — איז הייסט עס — ניין?...
וואָס טאַטע־מאַמע הייסן, וואָס גוטע, פֿרומע לײַט הייסן...
זיך לאָזן שדכנען אַ טאָכטער פֿון אַן אויפֿגעקומענעם,
און זײַן אַ דאָקטער, היילן קראַנקע, קינדער האָבן, יאָ?

— דאָס ווייס איך נישט! — זאָגט זאַוול. — און אַרומגיין,
זיך קהלן, זײַן מיט ווײַב און קינדער, און דאָס גאַנצע לעבן בענקען,
דאָס מיינט איר דאָך אַוודאי מיטן „ליכט אין האַרץ״.
און דאָס זאָל זײַן דער זין? — ער ווערט אַנטשוויגן
און זאַוול ענטפֿערט אויך נישט. זיצט און טראַכט:
ווי קאָן עס זײַן — אַזאַ געלערנטער און קלוגער זאָל נישט קאָנען
אַ נעם טאָן זיך און טאָן עפּעס אַזוינס, ער זאָל דערפֿילן,
אַז אים איז גוט און דאָס איז, וואָס עס דאַרף צו זײַן.
דער דאָקטער בלײַבט אַ ווײַל נאָך זיצן, הערט זיך אײַן
צום זשומען פֿון די פֿליגן און דעם שטילן ווינט אין בלעטער,
און הייבט זיך אויף: — אַ דאַנק פֿאַר דעם אויך, זאַוול.
און ליזע ווייִנט. מען קאָן זי גאָר נישט אײַנשטילן. נו, זײַט געזונט.
און אפֿשר דאַרף מען נישט אַנטלויפֿן, זאַוול, האַ?
און נישט געוואַרט מער אויף קיין ענטפֿער, גייט ער.

**און** ליזע ווייִנט... נאָך וואָס איז ער געקומען אים דאָס אָנזאָגן?
וואָס ווילן זיי פֿון אים? וואָס יאָגט מען אים
אַפֿילו דאָ אַהער, כּדי מיט אַ וואָרט אַ תּל מאַכן פֿון אַלץ,
וואָס ער, מיט שמאַרצן און יסורים, וויל אַרויפֿציִען אויף זיך?
צי ווייסט ער נישט, דער זעלבער מישאַ דער, אַז ביז מען קאָן
די ווערטער זיך אַרײַנקלאַפּן: מען דאַרף נישט גיין צוריק —
מוז מען דאָס לײַב זיך לאָזן דורכדרעשן מיט ריטער
און דעמאָלט ערשט פֿאַרציט זיך בלויז אַ דינע הײַטל,
וואָס האַלט זיך קוים מיט ניסים אויף די וווּנדן, און דערווײַל
איז נאָך דער ווייטיק בלוטיק שטאַרקער פֿון דער היילונג.
און אויב דו זאָגסט אַזוי — מען דאַרף נישט גיין צוריק —
איז ווײַל דו ווילסט נישט, ווילסט נישט, ווילסט נישט זיך אַרויסגעבן.
וואָס קומען זיי מיט געוואַלט אין פּנים וואַרפֿן אים
דעם ליגן פֿון זײַן אויסלייזונג?
צונויפֿגעקנאָרעט ווי אַ יאָזש,

וואָס פּאַנצערט זיך אין זײַנע נאָדלען, מיטן רוקן צו דער טיר,
אין ווינקל שטופּט ער זיך אַרײַן און וויל צונויפֿנעמען
די רעשטלעך פֿון צעשטערטן. ס׳ווײנט דאָס נאָגעניש
און ער מיט פֿויסטן קלאַפּט אין זיך: מען דאַרף נישט גיין צוריק.
ער חזרט עס ביז עס פֿאַרלירט דעם זין. דערמאָנט זיך.
נעמט אויסצײלן די ווערטער מיט כּוונה. שלאָגט זיי
ווי מיט אַ האַק אַ קלין אין האָלץ אַרײַן. ווערט מיד
און בלײַבט אַ שטומער זיצן מיט אַ צונג אַ טרוקענער.
און אַז די מאַמע קומט אים רופֿן, איז ער מיד
און שלעפּעריק, און זײַנע אויגן קוקן און פֿאַרשטייען גאָר נישט.

שוין באַלד אַ וואָך אַריבער. זאַוול פֿאָרט נישט ערגעץ
און טראַכט נישט וועגן טאָן עפּעס. דער־טאַטע קוקט,
שוין גרייט צו פֿרעגן בײַ דער מאַמען: — וואָס איז ער געקומען
אויף קעסט אַהער? ער פֿרעגט נאָך נישט דערווײַל
און וואַרט. אויב ער זאָל פּועלן בײַם זון, בײַם תּם, צו בלײַבן,
איז כאַפּט דער וואַטנמאַכער[59] נאָך אַ וואָך! און זאַוול
פֿאַרגעסט צו קוקן אויפֿן טאַטן, זיצט אין דער אַלטאַנע
און קאָן שוין מיט אַ בלײַפֿעדער פֿאַרשרײַבן אויף פּאַפּיר
דערווײַל נאָר שטיקלעך אָפּגעריסענע און נישט פֿאַרענדיקטע:

שוין אַוועק. ווּ ווײַטער גיין?
הינטן הערט זיך איר געוויין.
אין איר צימערל אַליין
ווײנט זי טאָג און נאַכט.
ווּ איך זאָל נישט גיין און קומען,
וועט עס מיר אין אויער ברומען.
איך קאָן בלײַבן וואָס געווען,

[59] (אויף נישט ווינטשן קיין שלעכטס) דער נישט־גוטער.

און מײַן האַרץ — ווער דאַרף עס דען?
אָבער זי — — —

*

ווי שטיל זי האָט אַ זאָג געטאָן:
ס׳וועט בעסער זײַן, איר זאָלט נישט קומען.
און איך האָב אירע רייד פֿאַרנומען
און אירע מוטערלעכע אויגן
מיט פֿײַכטקייט האָבן זיך פֿאַרצויגן — — —

**דערווײַל נאָר שטיקלעך אָפּגעריסענע, נאָר ס׳נעמט זיך לויטערן און ביסלעכווײַז דערשלאָגט ער זיך צו רייד:**

אָדם איז אַ מענטש.
און אַז מען האָט אָדמען אַרויסגעטריבן
און ער איז פֿאַרן טויער שטיין געבליבן
און האָט געוווסט, אַז ס׳איז אַ סוף צו אַלע פֿריידן
פֿון זײַנע טעג אין זוניקן גן־עדן,
האָט ער מסתּמא אויך געוויינט —
ווײַל אָדם איז אַ מענטש.

אַ מענטש איז אָדם.
אַז ער איז אין גן־עדן אויפֿגעקומען
און האָט געקענט נאָר זון און בלומען
און מיט אַ מאָל דערזען די בלאַנקע שווערד,
וואָס האָט געטריבן צו דער שוואַרצער ערד —
אַוודאי האָט ער עס באַוויינט.

און איך?
ס׳איז דאָך מײַן היים די שוואַרצע ערד.
און אויב ס׳איז מיר געווען באַשערט
אַ ווײַלע אומצוגיין אין שײַן

און ווידער פֿאַלן אין דער נאַכט אַרײַן,
איז דאָך מײַן היים די נאַכט און ערד.

אַ מענטש איז אָדם.
און אָדם האָט דעם עפּל אײַנגעביסן,
ווײַל ער האָט אויף צום הימל זיך געריסן,
און דאָס איז אויך געווען אַ זינד,
כאָטש הינטער אים האָט נישט געוויינט קיין קינד
און ס'איז אַ זינד געווען דאָס רײַסן זיך אַליין,
ווײַל אָדם איז אַ מענטש.

אַ מענטש איז אָדם.
און ס'איז אין אים שוין אײביק נישט געשטאָרבן
דאָס ליכט, וואָס ער האָט מיט זײַן זינד דערוואָרבן.
און מיט ליכט איז ער געגאַנגען דורך דער ערד,
געאַקערט און געזייט, געשטאַרקט זיך און געמערט
און דעם גן־עדן אין זײַן האַרץ געטראָגן,
ווײַל אָדם איז אַ מענטש,
אַ מענטש איז אָדם.

**ער** מאַטערט זיך דעם אָדם־עלנט אויסצולײַטערן אין זיך און גרייט זיך צו דעם גיין איבער דער ערד, און ווייס נישט, אַז אויבן, דאָרט אין שטוב, די מאַמע זיצט און שיצט אים פֿון דעם, צו וואָס ער גרייט זיך אפֿשר אומבאַוווּסט.
נאָר שפּעטער, אַז זי בלײַבט מיט אים אין שטוב, פֿאַרהאַלט זי זיך אַ ווײַלע און לאָזט פֿאַלן:
— ס'איז אָקערשט חיה־ריווע דאָ געווען. — צו וואָס?
— צו דיר איז זי געקומען. פֿרעגט ער גאָר נישט מער.
און אין אַ ווײַלע שפּעטער הייבט זי ווידער אָן: — זי זאָגט, זי ט'גיין צום רבֿ. ס'איז אפֿשר גאָר נישט אַזוי קרום. מען וועט זיך אויסטענהן. און אפֿשר טאַקע וועט גאָט העלפֿן,

וועסט קאָנען פּטור ווערן. — כ'וועל צום רבֿ נישט גיין.
— וואָס דען? עס מוז דאָך ווען עס איז אַ סוף נעמען.
— איך ווייס נישט. ס'אַרט מיך נישט.
ער ווייסט — עס איז אַ ליגן.

אין טשאַד פֿון שיכּורדיקן גליק האָט יעדעס מאָל,
ווען ער איז בײַ דער טיר פֿון קיך פֿאַרבײַ, זיך אָפּגערופֿן
דער שוואַרצער פֿלעק אין בלוט, וואָס איז פֿאַרבליבן
פֿון דער רציחה יענעם טאָג, און נאָכגעיאָגט
מיט וואָרעניש, אַז יעדעס פּיצל פֿרייד אַצינד
איז בלויז בײַ איר געגנבֿעט, ווי די פֿידל דעמאָלט:

ס'האָט מײַן פֿינצטער מזל מיך געטראָפֿן אויפֿן וועג
און געזאָגט צו מיר: דו וועסט דאָך נישט אַנטרינען.

ער ווייס, ער וועט נישט פּטור ווערן. ווײַל ניט זי האָט אים געבונדן,
נאָר ער אַליין האָט זיך פֿאַרקניפּט צו איר מיטן פֿאַרברעכן
און ס'איז נישטאָ קיין אויסוועג, סײַדן מיט די הענט, מיט אייגענע,
פֿאַרענדיקן וואָס ער האָט שוין מיט פֿרעמדע הענט געטאָן.
אַוועק אַהין בײַ נאַכט, פֿאַרגנבֿענען זיך, אָנכאַפּן דעם האַלדז,
אַ סוף מאַכן — און דעמאָלט וועט ער פֿרײַ זײַן, פֿרײַ,
און קאָנען גיין און אָנהייבן אויף ס'נײַ, און קיינער אין דער וועלט
וועט אים נישט בינדן. פֿרײַ — און מיט דעם העלן בענקעניש
און מיטן מאָרד אויף זײַנע הענט וועט ער אַליין זײַן וועלט זײַן
און בײדע טראָגן: אי זײַן טאָג, דעם ווײַסן, אי זײַן שוואַרצע נאַכט.
און אויב דאָס ליכט מוז אויפֿקומען פֿון פֿינצטער,
וועט ער אַ קוואַל אַן אייביקן פֿון ליכט אין זיך אַרומטראָגן
און דעמאָלט וועט ער זאַוול זײַן, ער — זאַוול — ער!
און אַז די מאַמע רופֿט אים מאָרגן דורכן קיכפֿענצטער
און זאָגט, אַז געסט וואַרטן אויף אים, פֿאַרטײַטשט ער עס,
אַז חיה־ריווע וואַרט און גייט, און גרייט זיך מיט איר ריידן.
זי קאָן אים זאָגן דאָ — ער וועט נישט גיין צום רבֿ.

דערזעט ער אָבער ליזען, רײַסט די אויגן אָפּ פֿון איר
צו פֿריידען נעבן איר און קוים ער זאָגט: — וואָס מאַכט איר?
קוקט פֿריידע מיט אַזוי פֿיל אומעט און זי רעדט אַזוי,
אַז נאָר ביידע, זי און זאַוול, זאָלן עס פֿאַרשטיין:
— ווּ זײַט איר עס אַהינגעקומען? נעכטן ערשט האָט מישאַ
דערציילט, אַז איר זײַט דאָ. נישט אמת, ליזינקע?
און ווייסט איר — רעדט זי צו דער מאַמען שוין —
ס׳איז אומעטיק בײַ אונדז אין הויז, ווען זאַוול איז נישטאָ.
האָט קיין פֿאַראיבל נישט, נאָר אײַער זאַוול איז בײַ אונדז
אַן אייגענער. און אַז ער קומט נישט, פֿעלט אַ מענטש אין הויז.
— איך ווייס נישט —הייבט־אָן ראַשע— אָבער זינט ער איז געקומען,
איז ער עפּעס ווי נישט מיט אַלעמען. נו, טאַקע — שטאַרקט זי זיך
פֿון פֿריידעס זײַן דאָ — זאָג, וואָס גייסטו אום אַזוי?
— איך גיי נישט אום... — זאָגט זאַוול. — מאַלע וואָס... —
באַשיצט אים פֿריידע — זאַוול איז דאָך אַלע מאָל אַזאָ.
פֿון דעסט וועגן — רופֿט זי זיך אָפּ — אָט זײַט אַ באַלעבאָס,
באַווײַזט כאָטש ליזען אײַער גאָרטן דאָ. נאָר נישט אויף לאַנג.
דער פֿאָטער דאַרף שוין באַלד אַהיים קומען.
ער גייט מיט ליזען פֿון די טרעפּ אַראָפּ אין סאָד,
בלײַבט שטיין בײַ דער טיר און זאָגט: — דאָס איז דער סאָד.
זי זעט אַ בענקל בײַ אַ בוים: — קום זיצן דאָרט.
נאָך גוט, וואָס זי האָט די אַלטאַנע נישט באַמערקט.
מען זעצט זיך. הייבט זי אָן, און טרערן אין איר קול:
— געדענקסט, כ׳האָב דיר געזאָגט, וועסט מיך נישט ליב האָבן.
— נישט אמת, כ׳האָב דיך ליב. — דו האָסט נישט ליב.
האָסט אויפֿגעהערט צו קומען. — נישט געדאַרפֿט מער קומען.
— פֿאַר וואָס? — כ׳האָב נישט באַדאַרפֿט מער קומען.
— מען האָט דיר נישט געהייסן! — נישט געדאַרפֿט מער קומען.
איך ווייס פֿאַר וואָס, נאָר איכ׳ל דיר ניט זאָגן.
ער שווײַגט. מיט איין מאָל שיסט זי אויס: — איך וויל אַ קוש.

ער דריוועט־אויף און שאָקלט מיטן קאָפּ.
— און אַז כ׳וועל זײַן דײַן ווײַב, וועסטו מיך קושן?
דאָס פֿאַלט אים ווי אַ האַמער. — קאָנסט ניט זײַן מײַן ווײַב.
— פֿאַר וואָס? און ער מיט מאַטערניש: — איך האָב אַ ווײַב.
— ס׳איז גאָר נישט! — זאָגט זי — איך וויל זײַן דײַן ווײַב.
— איך האָב אַ ווײַב. — זי איז קיין ווײַב נישט! — טענהט ליזע,
און ס׳בריט שוין בייזקייט אין איר קול: — איך ווייס,
דאָס איז דער בער. זי דאַרף ניט זײַן דײַן ווײַב.
ער ענטפֿערט נישט. זי רוקט זיך נענטער צו און רעדט:
— איך וועל דיר זאָגן עפּעס, וואָס כ׳האָב אויסגעטראַכט.
מײַן מאַמע מיט דײַן מאַמען זיצן דאָרט אין שטוב.
מיר קאָנען דאָ אַרויסגיין, קיינער זאָל ניט זען — און שוין.
מיר וועלן מיט דער באַן אַוועקפֿאָרן. געלט האָסטו?
די מאַמע וועט פֿאַרשטיין, אַז כ׳בין מיט דיר אַוועקגעפֿאָרן,
נאָר קיינער וועט נישט וויסן וווּ, און חיה־ריווע
וועט דיך שוין קיין מאָל מער ניט זען. דו הערסט?
איך וויל נישט, אַז זי זאָל דיך זען. — זי קלעפּט זיך צו
מיט הענט און לײַב צו אים און ער ווערט אײַנגעשרומפּן
און רעדט־אַרויס אָן אָטעם: — ס׳קאָן אַזוי ניט זײַן.
— ס׳וועט זײַן! ס׳וועט זײַן! — זי רוימט עס אים אין אויער אײַן
און האַלט אים פֿעסט. — וועסט קומען בײַ דער נאַכט
און איך וועל זיך נישט אויסטאָן. כ׳וועל אַרויס צו דיר,
מיר וועלן זיך באַהאַלטן ערגעץ איבער נאַכט
און אין דער פֿרי אַוועקפֿאָרן. וועסט קומען, יאָ?
ער גלײַכט זיך אויס, באַפֿרײַט זיך שטיל פֿון איר
און זאָגט: — עס וועט אַזוי ניט זײַן. מען טאָר נישט.
דאַרפֿסט גיין אַהיים. אַז דו וועסט אויסוואַקסן,
וועסטו... — ער האַקט זיך אָפּ. — וואָס וועל איך?
— אַז דו וועסט זײַן אַ גרויסע, וועסטו האָבן חתונה.
— מיט וועמען? — כ׳ווייס נישט. — כ׳וויל מיט דיר.

מער וועט ער איר נישט ענטפֿערן. ער הייבט זיך אויף
און זאָגט: — די מאַמע מוז שוין וואַרטן דאָרט אויף דיר.
זי טוט אַ שפּרונג, נעמט אים אַרום און קושט.
אַ פֿלאַטערדיקער רײַסט ער זי אַוועק, באַזעצט זי אויף דער באַנק
און הינטערווײַלעכטס טרעט ער אָפּ. זי רירט זיך נישט.
נישט מער. נאָר אירע אויגן ווערן פֿול,
און פֿון דער ווײַטן שטייט ער, קוקט און שטומט.
ביז ס׳קומען־אָן די מאַמעס פֿון דער טיר, און פֿריידע
דערזעט דער טאָכטערס פּנים, ציטערט־אויף און זאָגט:
— שוין ווידער זיך צעקריגט. אָט גאָר ווי קליינע קינדער.
נו, בעט זיך איבער, ליזינקע, וועלן מיר גיין. און איר —
צו זאַוולען רעדט זי — זײַט בײַ אונדז קיין גאַסט נישט.
און אַז איר קומט, נעמט־מיט די מוטער פֿאַר איין וועג.
זי רעדט אַזוי, נאָר זאַוול זעט אין אירע אויגן:
— איר וועט נישט קומען. האָט רחמנות אויפֿן קינד און קומט נישט!
צו וואָס נאָך ליגן אין באַהעלטעניש, ווען אַלע די,
וואָס האָבן אים געדאַרפֿט געפֿינען, האָבן אים געפֿונען?
און ס׳ווילט זיך צו דער ערד אַרויס, וואָס שפּרייט זיך ברייט.
און ס׳ווילט זיך אונטער הימלען זײַן און ווײַטקייט אָטעמען.
און אָפּגעוואַרט אַ האַלבע שעה נאָך פֿריידעס „גוטן טאָג“,
איז ער אַרויס און נישט אַהיים געקומען ביז אין שפּעטער נאַכט.

# 16

**וואָס** קאָן דען זאַוול טאָן אַזוינס? ווו איז דער וועג
צו יענעם אויפֿטו זײַנעם, וואָס דאַרף אַלץ פֿאַרענטפֿערן
און מיט אַ נײַעם זין באַלײַכטן זײַנע טעג?

ווו קאָן ער גיין? זיך לאָזן אין דער פֿרעמד
און זוכן ווו אַ שטאָט אַ חרובֿע, אַז ער זאָל ווידער
אויף זײַנע הענט און אַקסל שלעפּן אירע שטיינער,
און העבליעווען די קלעצער אירע, טינקעווען די ווענט
און שינדלען אירע דעכער? אָנקומען אַ פֿרעמדער דאָרט,
זיך לייגן שלאָפֿן אין בית־מדרש, און אַז מ׳עט אים פֿרעגן:
— פֿון וואַנען און וווהין? זיי פּשוט ענטפֿערן:
— צו אײַך געקומען. אײַך אַרויסהעלפֿן בײַם בויען.
אַז נישט — געפֿינען אַ שפּיטאָל ווו ערגעץ אין דער פֿרעמד,
אַרײַנקומען און זאָגן: — איך האָב שוין קיין מורא נישט.
און שטעלן זיך דאָרט אַרבעטן אַן אַכצן שעה אַ טאָג,
און אַרבעטן אַזוי, מען זאָל די שײַן פֿון טאָג ניט זען,
נאָר אַלעמען זאָל הימלעך ווערן, גוט און לײַכט מיט אים.
צי אפֿשר גאָר אַזוי: זיך אויפֿבייען אַ זעקל פֿאַר דער פֿידל
(מען דאַרף די פֿידל אָפּקריגן פֿון דאָרט) און נעמען שפּרײַזן
פֿון שטאָט אין שטאָט, און איבער גאַס און הויף
מיט לידער גיין, ווי ס׳גייען בלינדע בעטלערס,
נאָר נישט פֿון אומגליק, ווי די בלינדע בעטלערס, שפּילן —
פֿון טרייסט פֿאַרפֿאַסן לידער און פֿון פֿרייד:

אַז אַ מלאך גייט־אַרום און טרײַבט די שרעק
און עס קומט דער מאָרגן אין אַ גוטער שעה.

און נישט קיין גראָשנס קלײַבן, נאָר מיט ברויט און וואַסער
אַדורכשטופּן דעם טאָג און מאָרגן ווידער גיין.
און זי?
אין זי האַלט וואָרט. מען קומט נאָך אים
און זאַוול מיט דער מאַמען מוזן מיטן שמש גיין
צום רבֿ אין בית־דין־שטוב. פֿאַרלייגט אַ טענה חיה־ריווע.
די מאַמע ענטפֿערט איר און זאַוול הערט. ער הערט,
ווי ס׳ריידן שנור און שוויגער, און ס׳קומט איינציקווײַז אַרויף:

איר חתונה און איר אַלמנהשאַפֿט, איר שאַרן זיך צו אים,
דאָס פֿרעמדע שטעטל, זייערביידנס חתונה,
די קלעפּ אין יענער נאַכט, איר שלעפּן זיך מיט זעלנערס —
ס׳קומט אַלץ אַרויף, און אין די ביידנס רייד גייט־דורך
דאָס לעבן זײַנס, דאָס אָפֿענע, וואָס זיי האָבן געזען,
און דאָס באַהאַלטענע, וואָס האָט פֿאַר אים אַליין געלעבט.
און ווען עס פֿרעגט דער רבֿ: — וואָס זאָגסטו, יונגער מאַן?
איז אַלץ דאָס אמת? — ענטפֿערט ער: — ס׳איז אמת.
— און דו — צו חיה־ריוועך זאָגט ער — ביסט זיך מודה,
דו ביסט געגאַנגען מיט אַ כּיוון זינדיקן? — נישט אמת, רבי!
כ׳האָב נישט געוואָלט. איך האָב געוואָלט אים זײַן אַ גוטע ווײַב,
אַן ערלעכע. איך האָב געוויינט פֿאַר אים. געבעטן זיך.
אָט זאָל ער זאָגן! — איז דאָס אמת? — פֿרעגט דער רבֿ.
— ס׳איז אמת! — ענטפֿערט ער. — אַוודאי אמת! — שרײַט זי —
ער ווייסט אַליין. און יענעם טאָג, נישט הײַנט געדאַכט,
ווען די סאָלדאַטן זײַנען מיך באַפֿאַלן אונטן, אין דער קיך,
איז ער אַפֿילו נישט אַראָפּגעקומען זען, צי כ׳לעב.
צי מ׳האָט מיך שוין דערהרגעט. נישט צו מיר —
אַהין איז ער געלאָפֿן, דאָרט בײַ זיי געבליבן געכטיקן.
האָט נישט פֿאַרגונען די סאָלדאַטן דאָרט... — שווײַג, ווײַבל! —
שרײַט דער רבֿ.
— איך וועל ניט שווײַגן, רבי. כ׳בין נישט ערגער פֿון דער אַנדערער.
מײַן לײַב טוט אויך ווײ. מיך האָט אויך געטראָגן און געהאַט
אַ כּשרע און פֿרומע מאַמע. שווײַגט נישט, מומע, זאָגט!
און אַז כ׳האָב זיך געוואַלגערט אַ יתומה איבער פֿרעמדע קיכן,
בין איך געגאַנגען נישט קיין בתולה צו דער חופּה? מומע, זאָגט!
איך האָב אַ כּשר קינד מײַן מאַן געהאַט. ער איז אויף יענער וועלט—
זאָל ער מיך קומען וואַרגן, אויב איך זאָג אַ ליגן.
און אויב איך האָב געזינדיקט קעגן אים, זאָל ער מיר מוחל זײַן!
איז ווייסט איר, ווי אַזוי? כ׳האָב אים נישט ליב געהאַט.

אַנטקעגן דעם איז יענער אַ פֿאַרשוין געווען. און דער —
אַ מרוק[60] אַזאַ און רעדט נישט — אָבער ס׳איז דאָס האַרץ נאָך אים
מיר אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. פֿאַר וואָס? איך ווייס נישט, רבי.
און אַז ער האָט געשלאָגן מכות רצח, האָב איך פֿאַר די קלעפּ
צו אים געהאַט עפּעס? די שׂנאה אָבער האָב איך נישט געקאָנט
פֿאַרטראָגן — האָב איך צו־להכעיס אים געטאָן.
און ער — ער האָט דאָך מיר נישט אויסגערעדט אַפֿילו.
קיין וואָרט נישט. גאָר נישט. נאָך די הענט געקושט מיר
און אין די אויגן אַזאַ גוטסקייט! אָט כאָטש נעם אַ מעסער
און קוילע זיך אַליין פֿאַר זײַנע אויגן. וואָס זשע זאָל איך טאָן?
וואָס קאָן איך מאַכן, רבי? — וויינט זי זיך פֿונאַנדער.
וואָס וויל איך דען פֿון אים? ער זאָל מיר זײַן אַ מאַן.
נישט טרײַבן אויפֿן שלעכטן וועג. דאָס אַלץ. דאָס אַלץ.
— און אַז מען קאָן נישט אויסקומען, איז אפֿשר פֿאָרט אַ סבֿרא,
מען זאָל זיך אויפֿזוכן דעם זיווג ערגעץ אַנדערש?
— איז דאָס דער יושר אײַערער? — שרײַט חיה־ריווע.
פֿון אים זיך לאָזן מאַכן פֿאַר אַ שלעפּערקע, פֿון אים
די חרפּה און די בושה, און דערנאָך גיין זוכן זיך
אַן אַנדערן, ער זאָל די חרפּה מיר פֿאַרדעקן? איז דאָס יושר?
און ווער וועט עס מיך וועלן? ווער וועט נעמען מיך אַזאַ?
ער ווייס נישט וואָס צו ענטפֿערן, דער רבֿ, און פֿרעגט בײַ זאַוולען:
— וואָס זאָגסטו, יונגער מאַן? — זי איז גערעכט — זאָגט זאַוול.
— און וועסטו זײַן מיט איר? — איך ווייס נישט.

זי איז גערעכט. ס׳איז נישט נאָר יענער טאָג און שוואַרצער פֿלעק
אין בלוט, וואָס האָט פֿאַרקניפּט צו איר, נאָר לאַנגע יאָרן,
וואָס האָבן זיי צונויפֿגעבונדן, און אין אַלע יאָרן

[60] אַן אָנגעכמורעטער, אָנגעבלאָזענער, וואָס רעדט נישט, נאָר מרוקעט (רעדט ווי פֿאַר זיך, שטענדיק ברוגז, אין כּעס, אומצופֿרידן).

האָט זיך דאָס לעבן אירס געפּלאָכטן אַרום אים,
און זײַנס נישט ווילנדיק געקניפּט צו אירן. ווער איז שולדיק,
וואָס אין אַן אָוונט, איין מאָל, האָט זי בײַ אַ פּרעמדן טיש
אים טיי דערלאַנגט און פון דער קיך געהערט אים שפּילן?
און ווער איז שולדיק, וואָס אין זײַנע טעג און נעכט פון אומרו
האָט זיך איר טויטער מאַן אַרײַנגעפּלאָנטערט, נאָך דעם זי,
און וואָס די באַן און פּרעמדקייט האָבן זיי צונויפגעפּאָרט?
ווײַל ווער איז שולדיק אין זײַן אומרו גופא,
אין דעם וואָס ער איז אויף דער וועלט אַזוי געקומען,
אַ שוואַרצער, אַ קורצפּיסיקער, מיט חשק צו אַ פּידל
און מיט אַ צונג, וואָס קאָן נישט רײדן? ווער איז שולדיק,
אין אַלעם דעם, וואָס טוט זיך יעדן טאָג מיט אים?
אַזוי איז עס געוואָרן, ס'ווערט אַזוי און ער אַליין
איז בלויז די זאַך, וואָס איז און ווערט. און ווער איז שולדיק,
וואָס אײנע איז אים ליב און ס'ציטערט אים דאָס האַרץ
פון דעם געדעכעניש נאָך איר און פון דער צווייטער לויפט ער?
ס'האָט ווײ געטאָן דער אײנער ווי דער אַנדערער.
נאָר אין דער אײנערס ווייטיק, וואָס ער האָט אַליין
קיין שולד און חלק נישט געהאַט, האָט זײַן נשמה
זיך אויפגעריכט פון פּײַן צו שײַן, און צו דער צווייטערס ווייטיק,
וואָס ער מיט אײגענע און פּרעמדע הענט האָט עס פאַרשאַפט,
האָט ער זיך צוגעהערט מיט טויטער מערדערישקייט?
ס'איז ניט זײַן שולד. ס'איז קײנעמס נישט. עס איז אַזוי.
צי וויל ער עס, צי וויל ער נישט. האָט ער געמאַכט אַזוי,
אַז ליזע זאָל דאָס קינד זײַן, וואָס זי איז, און ער זאָל מוזן
נאָך גרויסער פרייד זײַן גרויסן עלנט אומטראָגן?
דאָך טראָגט ער עס, ווײַל מ'האָט עס אָן זײַן ווילן
אויף זײַנע אַקסל אָנגעוואָרפן. און די ליבע חיה־ריוועס
און איר באַגער צו אים — צי איז ער ווייניקער אומשולדיק
אין חיה־ריוועס ליבע ווי אין עלנטקייט אַן ליזען?

נישט ווייניקער. אַוודאי נישט. פֿאַר וואָס זשע בייגט ער נישט
דעם רוקן אײַן פֿאַר יענעם, וואָס האָט בײדע אָנגעוואָרפֿן,
און זאָגט נישט: — איך נעם־אָן דאָס זײַן מיט דער,
ווי איך האָב אָננעמען געמוזט דאָס ניט זײַן מיט דער אַנדערער.
ווײַל ר'האָט זי פֿײַנט? און וואָס אַזוינס איז פֿײַנדשאַפֿט?
האָט ער די פֿײַנדשאַפֿט אויסגעקליבן, ווײַל ער האָט געוואָלט?
האָט ער געזאָגט זיך: — זאַוול, זיי וועלן מיר פֿײַנט האָבן,
און ס'איז אַזוי געוואָרן? ניין. — ער האָט זי פֿײַנט געקראָגן,
ווײַל יענעם איינעם, וואָס וואַרפֿט אַלצדינג אָן אויף אים,
האָט זיך פֿאַרגלוסט אַזוי צו מאַכן, אַז דער מענטש,
וואָס רופֿט זיך זאַוול, זאָל אַ שׂנאה פֿילן צו דעם מענטש,
וואָס רופֿט זיך חיה־ריוועַ. ווײַטער גאָר נישט.
דערנאָך איז ער געגאַנגען, יענער איינער, האָט זיי ביידן
צונויפֿגעקניפּט מיט אומגליקן און ווייטיקן און האָט געזאָגט:
אָט לאָמיר צוקוקן, ווי זאַוול וועט זיך אויסדרייען פֿון קנופּ.
איצט שטייט ער, קוקט ווי זאַוול פּלאָנטערט זיך
אין גרויסן, פֿײַנלעכן, דערווידערדיקן פּלאָנטער,
און וואַרט, וואָס דאָ וועט ווערן.
„גרויסן, פֿײַנלעכן, דערווידערדיקן"...
האָט זאַוול באַגינען איין מאָל זיך אַזוינס עפּעס געזאָגט:

נישטאָ קיין שרעק, נישטאָ קיין מיאוסקייט און ווייטיק.
פֿון ערגסטן קויט און פֿון דעם שוואַרצסטן אָפּגרונט
וועט מיך דאָס ריינע האַרץ אַרויספֿירן.

און האָט ער נישט געוואַרט אַמאָל, עס זאָל אים אָנקומען אַנטקעגן
דאָס גרויסע פֿײַנלעכע? און דאַכט זיך, ער האָט דעמאָלט אויך
געהאַט באַהאַלטן ערגעץ אַזאַ ליכט, וואָס האָט באַדאַרפֿט
פֿון אים, פֿון טיפֿעניש, אַרויסקומען און אויפֿלײַכטן אויף דעם,
צו וואָס ער וועט זיך צורירן? איז האָט ער עס נישט מער,
דאָס ליכט? ער האָט עס! אָבער טראָגן עס פֿון דער,

וואָס יעדער גליד און ריר אירער איז לויטערע נשמה,
און אויסברעכנגען אויף יענער — דאָס וועט ער נישט טאָן!
פֿאַר וואָס? איז ער דען נישט געקומען צו דער פֿרײד פֿון איינער
דורך לייד און מאַטערנישן מיט דער אַנדערער? האָט ער דאָך
יאָ געטראָגן
פֿון איינער צו דער אַנדערער — פֿאַר וואָס דען נישט צוריק?
זינט ווען איז ער אַליין פֿאַר זיך דער אויסקלײַבער געוואָרן,
ווו נעמען און ווו אָפּגעבן? און ווייס ער יעדע שעה
און יעדע רגע, וואָס און ווו ער נעמט און ווו ער גיט?
מען פֿרעגט זיך אָן בײַ אים? אָט פונקט ווי וועגן אַלץ,
וואָס טוט זיך יעדע שעה מיט אים. און דאָ, אַן איינציק מאָל,
דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, לאָזט מען אים צו וויסן
ווו נעמען און ווו אָפּגעבן, זאָגט זאַוול — ניין!
פֿאַר וואָס? ווײַל עס געפֿעלט אים נישט. ער קאָן נישט בײַקומען
די פֿײַנדשאַפֿט צו דעם מענטש, וואָס דאַרף באַלויכטן ווערן
מיט אָט דער ליכט, וואָס זאַוול זאָגט, ער האָט באַהאַלטן.
וואָס הייסט, ער קאָן נישט? האָט ער דאָך געזאָגט, אַז ער איז
גרייט — — —
נו, יאָ. דאָס אַלץ האָט זיך געהאַנדלט וועגן שלעפּן קלעצער
פֿאַר מענטשן, וואָס אים אַרן נישט, צי געבן זיי צו שלינגען פּילן,
צי שפּילן אויפֿן פֿידעלע פֿאַר זיי... אַזוינס האָט ער געמיינט.
נאָר אײַנשטיקן דעם ווידערווילן צו אַ מענטש, וואָס איז דורך אים
געפֿאַלן, זיך אין קויט געוואַלגערט, אויפֿן לײַב געטראָגן
די בײַלן פֿון די פּויסטן זײַנע, צו אַ מענטש מיט שטומער ליבשאַפֿט
אין האַרץ פֿאַרגראָבן, אפֿשר טיף אַזוי ווי זאַוולס ליכט —
אויף דעם קאָן אים דאָס ליכט נישט סטײַען, זאַוולס ליכט...
— — — — — — — — — — — — — — — —
נאָך איין מאָל גיין צוריק. נאָך איין מאָל זען אַליין,
פֿון וואָס דו ביסט אַוועקגעגאַנגען. און מען דאַרף
די פֿידל אָפּנעמען. אַוועקגעגנבֿעט זי, דעם משכון,

און דאָרט געלאָזן. איצט דאַרף מען דעם משכּון אָפּנעמען:
נישט דאָרט געהערט ער מער.
עס קלינגט דער אַלטער גלאָק.
עס עפּנט זיך די טיר. די אַלטע פֿריידע שטייט
און לאָזט אים נישט אַרײַן, און זאָגט: — איר, זאַוול? וואַרט!
זי גייט־אַרײַן. ער וואַרט. עס עפּנט זיך די טיר
און ס'קומט־אַרויס — ווער? בעקאַ. בעקאַ קומט־אַרויס
און זאָגט: — מיר וועלן גיין. — זיי גייען. ווי אַמאָל,
צום טײַך, דורך וויסטע פּלעצער, דורכן פֿעלד, ווו ס'איז אַמאָל
געוועזן שטאָט, ווען מ'איז געגאַנגען. גייען זיי
און זאַוול קוקט און גלייבט נישט: בעקאַ אָט אַזאַ?
איר פּנים אויסגעפּולט אַזוי און ברייטלעך איז זי. שיין,
נאָר ס'איז נישט בעקאַ, ניין. זי הייבט־אָן ריידן:
— וואָס קאָן איך אײַך ערשט זאָגן, זאַוול? אונדזער הויז
איז נישט דאָס זעלבע מער און איך בין נישט די זעלבע.
און איר? אָט האָט די מאַמע איצט פֿאַרהאַקט די טיר
פֿאַר אײַך... איך ווייס... איך ווייס. מען טאָר נישט אַנדערש.
— כ'האָב נישט געוואָלט אַרײַנגיין — זאָגט ער — כ'האָב געוואָלט
מײַן פֿידל אָפּנעמען און שוין. — איר וועט זי אָפּנעמען.
קומט איבער מאָרגן, אין אַ וואָך אַרום. איך מיט ליזען —
מיר וועלן מער ניט זײַן דאָ. מאָרגן פֿאָרן מיר.
צו מיר אַהיים. קומט שפּעטער. קומט, פֿאַרלאָזט נישט אונדזער הויז.
דער מאַמען זײַט איר ווי אַ זון. און מישאַן ווי אַ ברודער.
און מיר — — — זי רעדט אַזוי, די בעקאַ, מיט אַ ציטערדיקן קול
און אַלץ באַהאַרצט אַזוי, נאָר ס'דאַכט זיך, אַז זי זאָגט דאָס אַלץ,
ווי זי וואָלט עס באַדאַרפֿט אים זאָגן, און ס'איז פֿרעמד.

— — — — — — — — — — — — — — — —

צום טײַך געקומען. זיך אַוועקגעזעצט. און בעקאַ טוליעט זיך,
און ווידער דאַכט זיך — ס'איז ניט זי, וואָס טוליעט זיך,
נאָר ס'איז אַ פֿרעמדע פֿרוי, וואָס האָט געזען אַמאָל

ווי בעקאַ איז מיט אים געזעסן, און זי וויל עס נאָכמאַכן, די פּרעמדע. ווי זי וואָלט מקנא זײַן דאָס מיידל דעמאָלט און וויל אַליין דאָס מיידל זײַן. זי הייבט־אָן ווידער:

— דערציילט מיר ווי האָט איר געלעבט און וואָס?

און זאַוול פּילט עס שאַרפּער נאָך, אַז כאָטש ס׳איז אמת אַצינד אין דער מינוט, איז אָבער בלויז אין דער מינוט, און אַז דאָס זיצן דאָ מיט אים איז ווי אַ שפּיל, וואָס זי וויל שפּילן מיט דעם, וואָס איז פֿאַרגאַנגען. וואָס איז ער פֿאַר אַ דערציילער?

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס קלעפּט זיך נישט. מען גייט־צוריק און מען געזעגנט זיך גאַנץ ווײַט פֿון הויז, ווי בעקאַ האָט עס שוין געטאָן אַמאָל.

און אָט איז נאָך אַ ליד, וואָס זאַוול האָט געשריבן:

דו זאָלסט נישט גיין אַהין צוריק,
וווּ ס׳איז געווען פֿרייד און גליק,
נאָר אין דעם בענקעניש זיך קער־ן,
וווּ ס׳איז געווען לייד און טרערן.

די פֿרייד גייט ווי אַ ליכטל אויס,
און גליק פֿאַרוויאַנעט ווי אַ רויז,
נאָר וווּ די שאַרפֿע דערנער ברי־ען,
דאָרט וועלן דײַנע רויזן בלי־ען.

און גיין זאָלסטו צוריק אַהין,
וווּ ס׳האָט די פֿײַנדשאַפֿט ווי אַ שפּין
צו ביסלעכווײַז אַרויסגעזויגן
די העלע שײַן פֿון דײַנע אויגן.

די שײַן איז דאָ און וואַרט אויף דיר,
און וועסטו עפֿענען די טיר,
וועט זי דיר אויפֿקומען אַנטקעגן,
ווי העלער מאָרגן אויף די וועגן.

# צו דער כאראקטעריסטיק

## פון מנחם באָרײַשאָס שאָפן

•

בלעטער פֿון געשיכטע, שפּראַכפֿאָרשונג, קריטיק און זכרונות

## אַדאַ באַריישאַ־פּאָגעל

# איך דערמאָן זיך*

איך האָב דאָס לעצטע מאָל געזען דעם טאַטן צוויי טעג פאַר זײַן פּטירה. דאָס איז געווען דאָנערשטיק דעם 10טן פעברואַר 1949. פאַרנדיק פון דער רעדאַקציע אַהיים, פלעגט דער טאַטע, איין מאָל אָדער צוויי מאָל אַ וואָך, זיך אַרײַנכאַפּן אויף אַ האַלבער שעה, פאַרברענגען מיט די קינדער, שמועסן אַ ביסל. דאָס מאָל, ווען ער איז געקומען, איז אין דרויסן געווען זייער קאַלט, דער הימל — אָנגעלאָדן מיט שווערע, גרויע וואָלקנס. דער טאַטע האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די קעלט. ווען ער איז אַרײַן אין שטוב, איז ער געווען זייער בלייך. איך האָב געזען, ער לײַדט יסורים, אָבער מיר האָבן זיך ביידע געפּרוּבירט מאַכן נישט וויסנדיק. איך האָב אים געגעבן טיי און צו ביסלעך איז אים לײַכטער געוואָרן.

מײַן טעכטערל דבורה, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען זעקס יאָר, האָט צוגענומען בײַם „זיידע מעני״ די שאָקאָלאַד, וואָס ער האָט געבראַכט, און אַוועק צו זיך אין צימער מיט אַ חברטע. מײַן יינגעלע, דער צוויי־יאָריקער אַהרן, האָט זיך נישט געקענט שפּילן מיט דער עלטערער שוועסטער, האָט ער זיך געדרייט אַרום אונדז; געבראַכט צו שלעפּן אַ קאַסטן צאַצקעס צו ווײַזן דעם זיידן; זיך געגרויסט מיט די נײַע ווערטער, וואָס ער קען שוין זאָגן, און פריידיק געלאַכט פון זיידנס נחת. צווישן דעם טאַטן און אַהרלען איז געווען אַ גרויסע ליבשאַפט. דאָס קינד איז אַרויף צום זיידן אויפן שויס און זיך אײַנגענורעט. דער זיידע האָט אים געהאַלטן פעסט אַרומגענומען און דער קליינער איז געזעסן רויק, זיך צוגעהערט ווי מיר שמועסן.

עס האָט אָנגעהויבן שנייען. איך האָב געהאַט אַ גוטן תירוץ אײַנצורייִדן דעם טאַטן, אַז איצט קען ער נישט גיין אַהיים. ער איז טאַקע געבליבן מער ווי צוויי שעה. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ געפונען גליק. אין די לעצטע חדשים האָבן מיר זעלטן ווען געהאַט אַ געלעגנהייט צו פאַרברענגען אַ לענגערע צײַט.

---

* פון מנחם באַרײַשאַס בוך עסייען, ב״אַ 1956, זז׳ 9—22.

דער טאַטע האָט געוווּסט, אַז ער איז ערנסט קראַנק, האָט ער יעדע פֿרײַע מינוט אָפּגעגעבן זײַן אַרבעט אויף „משה" און „חשבון אויפֿן אַש", און האָט אַ סך געלערנט.

די צוויי שטילע שעה יענעם נאָך מיטיק האָבן אײַנגעהילט דאָס צימער אין וואַרעמקייט און געמיטלעכקייט. דאָס איז געווען מער ווי די ליבשאַפֿט פֿון אַ טאַטן און זײַן קינד. אַזאַ ליבשאַפֿט ברענגט נישט אַלע מאָל נאָענטקייט. דאָס איז געווען די אינטימקייט און די אָפֿנקייט פֿון גוטע פֿרײַנד, וואָס קענען ריידן און שווײַגן צוזאַמען. די דאָזיקע פֿרײַנדשאַפֿט האָט זיך פֿאַרפֿלאַנצט אין מײַן קינדהייט און איז געוואַקסן צוזאַמען מיט מיר. אָנהייבנדיק פֿון אונדזערע ערשטע לאַנגע שפּאַצירן, ווען איך האָב זיך פֿעסט אָנגעהאַלטן אין טאַטנס האַנט און געפּרובירט צופּאַסן מײַנע קינדערשע טריט צו זײַן לאַנגן, אימפּעטיקן שפּרײַז, ביז צו די סאַמע לעצטע יאָרן, ווען מיר זײַנען עטלעכע זומערן געווען צוזאַמען אויפֿן דאָרף. נאָכן אָפּזיצן עטלעכע שעה בײַם שרײַבטיש פֿלעגט דער טאַטע אַרויסקומען פֿון צימער און זאָגן: „אפשר וואָלט מען זיך אַ ביסל דורכגעפֿאָרן? נעם די מאַשין". איך האָב געלאָזן די מאַשין בלאָנדזשען איבער די רויִקע דאָרפֿישע וועגן. פֿאַרבײַ וועלדער, לאָנקעס, טײַכלעך. דער טאַטע, נעבן מיר, האָט געוויכערט, שווײַגנדיקערהייט אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער, ביז אין דער שטילקייט און דעם אימפּעט פֿון פֿאָרן האָט זײַן מידקייט נאָכגעלאָזט...

דער טאַטע פֿלעגט מיר זאָגן: „לערן זיך אויס צו טראַכטן מיט האַרץ". ער האָט מיך געלערנט, דורך זײַן באַגיין זיך מיט מיר, אַז ליבשאַפֿט דאַרף מען נישט נאָר קענען געבן, נאָר נעמען אויך. ער האָט מיר געגעבן און אַלע מאָל געלאָזט פֿאַר מיר אַן אָפֿענע טיר צוצוקומען צו אים. איך האָב מיט אים געקענט ריידן וועגן אַלץ און ער האָט וועגן אַלץ גערעדט מיט מיר.

אַוודאי האָבן מיר זיך געאַמפּערט, אַ מאָל זיך שטאַרק געקריגט, ווײַל דער טאַטע האָט זיך געקענט לײַכט אָנצינדן און איך אויך. איך האָב געהאַלטן, אַז ער פֿאָדערט פֿון מיר צו פֿיל, און איך האָב זיך געבריקעט. איצט, האָבנדיק אַליין קינדער, פֿאַרשטיי איך דעם טאַטן, פֿאַרשטיי אויך, אַז זײַן פֿאָדערן פֿון מיר איז געווען אַ המשך אין זײַן פֿאָדערן פֿון זיך אַליין. ער האָט זיך געלערנט, אי זיך, אי מיך, צו צאַמען. דאָס אַמפּערן זיך איז געווען אַ טייל פֿון אונדזער אָפֿנקייט. און האָט אונדז נענטער געמאַכט, ווײַל ווען דער טאַטע פֿלעגט זיך אַרומזען, אַז זײַן כעס איז געווען צו שאַרף אָדער אין גאַנצן נישט באַרעכטיקט, האָט ער זיך פֿאַר מיר אַנטשולדיקט. דאָס האָט ער געטאָן אַפֿילו ווען איך בין געווען אַ קינד. (דאָ איז געקומען צום אויסדרוק זײַן זעלטענע ערלעכקייט. בנוגע צו זיך אַליין ווי אַ קינסטלער, אַז ער האָט דערזען זײַנע שוואַכקייטן, האָט ער געזוכט זיי גובר צו זײַן. און אויך ווי אַ פֿאָטער, האָט ער זיך נישט געשעמט מודה זײַן, אַז ער איז געווען נישט גערעכט).

און איצט בין איך געזעסן קעגן איבער דעם טאַטן. מיך האָט געגלעט זײַן שטיל, צערטלעך קול. אין דרויסן איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי. ס׳איז שוין געווען פינצטער. דאָס צימער, וווּ מיר זײַנען געזעסן, איז געווען אַ ליכטיקע וואַרעמע נעסט. מיר האָבן געשמועסט וועגן „דערוואַקסענע״ ענינים און דאָך האָב איך געהאַט דעם אימפּולס זיך אײַנצונורען בײַם טאַטן אויפן שויס.

ענדלעך האָט דער טאַטע באַשלאָסן, אַז ס׳איז שוין צײַט צו פאָרן אַהיים. ער האָט מיר געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט נעמען אַ טאַקסי. ער האָט זיך געזעגנט מיט די קינדער, אָנגעטאָן דעם מאַנטל מיט דער הוט. מיר האָבן זיך צעקושט. איך האָב אים צוגעפירט צו דער טיר און געזאָגט: „אַ ביסל געדולד, פּאַפּאַ; נאָך אַ חודש, צוויי, ס׳וועט ווערן וואַרעם, וועסטו זיך פילן בעסער״. פון קאָרידאָר, אין דרויסן, האָט ער מיר געענטפערט: „אַוודאי, קינד, ס׳וועט זײַן גוט״. ער האָט זיך פאַרדרייט צו די שטיגן און מער האָב איך אים נישט געזען. דאָס זײַנען געווען די לעצטע ווערטער, וואָס איך האָב געהערט פון טאַטן: „ס׳וועט זײַן גוט״...

שבת עלף אין דער פרי, ווען איך האָב אָנגעקלונגען אַהיים, האָט מיר די מאַמע געזאָגט, אַז דער טאַטע האָט געהאַט אַ האַרץ־אַטאַקע, זי פאָרט מיט אים אין שפּיטאָל און זי וועט מיר טעלעפאָנירן פון דאָרט. איר קול האָט זיך איבערגעבראָכן. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין שטוב, פון איין צימער אין אַנדערן, געשפּירט אין מײַן גאַנץ וועזן, אַז דאָס איז דער סוף, און נישט געוואָלט, נישט געקענט גלייבן. אין מוח איז געווען הויל און אין דער הוילקייט האָט נישט אויפגעהערט פּויקן: „זאָל אים גאָר נישט וויי טאָן, זאָל אים נאָר נישט וויי טאָן!״...

*

...אויף דער וואַנט קעגן איבער דעם טאַטנס שרײַבטיש זײַנען געהאָנגען צוויי פאָטאָגראַפיעס: איינע פון זײַן פאָטער, אַהרן נח גאָלדבערג, די אַנדערע — פון י. ל. פּרץ. ווען איך בין אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, האָט דער טאַטע מיר געגעבן אַ מתנה פּרצעס אַלע ווערק: „כדי דו זאָלסט אויך קענען שפּירן דאָס ליכט, אונטער וועלכן איך בין געגאַנגען״.

מײַן זיידע, אַ ייִד אַ הדרת־פּנים, מיט שטרענגע אויגן און אַ ברייטער, קרעפּטיקער באָרד, איז געווען אַ מלמד. ער איז געווען אַ משכיל און אַ חובבי־ציון. אויף דער עלטער האָט ער געשריבן שירים. אין טאַטנס טישקעסטל זײַנען געלעגן עטלעכע העפטן, געדיכט פאַרשריבן מיט דעם זיידנס ציכטיקן כתב, פון אַ לאַנגער פּאָעמע אין לשון־קודש: „אהבת אמת״. דער זיידע אַהרן נח איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פון נחן אין „גייער״.

אין שטוב בײַם זיידן איז געווען אַ גרויסע אָרעמקייט. פון די 13 קינדער, וואָס די באָבע דוואָשע האָט געבוירן, האָט זי אַכט דער ערד אָװעקגעגעבן. זיי

זײַנען, פּשוט, אויסגעגאַנגען פון הונגער, אָדער — ווײַל ווען אַ קינד איז קראַנק געוואָרן, איז נישט געווען מיט וואָס צו צאָלן דעם דאָקטער אָדער קויפן רפואות. דעם טאַטן האָט מען אַ נאָמען געגעבן מנחם, ווײַל פאַר אים זײַנען דרײַ קינדער איינס נאָכן אַנדערן געשטאָרבן. דער טאַטע האָט קינדווײַז אַ סך געקרענקט, זיך שטאַרק געמאַטערט און האָט זײַן גאַנץ לעבן דערנאָך כראָניש געליטן פון פיזישע שוואַכקייטן. בײַם טאַטן איז אַלע מאָל פאַרבליבן דער טעם פון דחקות אין די קינדער־יאָרן. ער האָט זעלטן גערעדט וועגן דעם, אָבער אַפילו ווען ער האָט שוין געהאַט אַלץ, וואָס ער דאַרף, האָט ער מיט אָפּענער קינדערשער הנאה זיך געפרייט מיט יעדער נײַער און שיינער זאַך, האָט אַלץ טיף געשעצט און געהיט.

בלויז איין מאָל האָב איך געהערט פון אים אַ מעשה מיט אַ פּסח־מאַנטל, און כאָטש ס'איז שוין געווען יאָרן און יאָרן נאָך דער פּאַסירונג, האָט דעם טאַטנס קול געציטערט בײַם דערציילן: איין מאָל פּסח, ווען ער איז אַלט געווען 10 יאָר, האָט ער נישט געהאַט קיין מאַנטל אויף יום־טוב. קיין נײַס איז דאָס נישט געווען, אָבער די מאַמע האָט געוואָלט, ער זאָל האָבן וואָס אָנצוטאָן. האָט זי אַהיימגעבראַכט אַ האַלב־אָפּגעטראָגענעם בגד, וואָס איינער פון די רײַכע שטאָט־באַלעבאַטים האָט געשענקט, און געזאָגט צום יינגל: „מעסט עס אָן”. דער בחור האָט אָנגעקוקט דעם מאַנטל, וואָס איז געווען פון אַ משונהדיקן גרין־ברוינעם קאָליר, און דאָס האַרץ איז אים אײַנגעפאַלן. אָבער ער האָט געפאָלגט דער מאַמען. ער האָט זיך אַליין אָנגעקוקט: דער מאַנטל איז געווען צו ברייט, פון די לאַנגע אַרבל האָט מען נישט אַרויסגעזען די הענט, די פּאָלעס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט. דאָס יינגל איז געבליבן שטיין אָן לשון, נישט געקאָנט אויפהייבן די אויגן צו קוקן אויף דער מאַמען, זיך געשעמט, וואָס זי קוקט אויף אים. ער האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין פון בושה און כעס, אַראָפּגעריסן פון זיך דעם מאַנטל, אים אַ וואָרף געטאָן אויפן דיל און אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

*

אַלע מאָל, ווען דער טאַטע האָט זיך אויסגעפּוצט צו גיין ערגעץ, האָט ער אַ גלעט געטאָן דעם ווייכן שטאָף פון אָנצוג, צו רעכט געמאַכט דעם שניפּס, אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגל און אין די אויגן בײַ אים האָט געלויכטן אַ האַלב־פאַרשעמטע, טיפע פרייד.

דער טאַטע פלעגט תמיד באַשטיין, אַז ווען די מאַמע דאַרף עפּעס פאַר זיך, מוז ער מיטגיין און איר העלפן אויסקלײַבן. ער איז געווען זייער שטאָלץ מיט דער מאַמעס שיינקייט און פון פּוצן זי האָט ער געהאַט אַ סך הנאה...

ווען ער איז אַלט געווען אַכצן יאָר, איז זײַן מאַמע קראַנק געוואָרן. דעם טאַטנס עלטערע דרײַ ברידער — ישראל, מאיר און אַברהם (אַברהם גאָלדבערג,

געוועזענער רעדאַקטאָר פון וואַרשעווער „היַינט") זיַינען דעמאָלט שוין נישט געווען אין דער היים. געבליבן זיַינען דער טאַטע און דער ייִנגסטער ברודער, דער 15־יאָריקער לייבל (לייב גאָלדבערג, שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פון מאָס־קווער „עמעס", וואָס איז משמעות אומגעקומען אין איינעם מיט אַנדערע סאָוועטיש־ייִדישע שריַיבערס). די צוויי בחורים האָבן דעם גאַנצן ווינטער, ביז די מאַמע איז געזונט געוואָרן, געפירט די באַלעבאַטישקייט אין שטוב: איינגעקויפט, געקאָכט, געראַמט.

די דאָזיקע אַקטיווע משפחהדיקייט האָט זיך בײַם טאַטן שפּעטער פאַרקניפּט מיט אַ שאַרפן חוש פאַר אָרדענונג: „אַלץ, וואָס איז מיַינס, אַלץ וואָס באַלאַנגט צו מיר, דאַרף זיַין שיין, דאַרף זיַין אין אָרדענונג". ווען די מאַמע און איך זיַינען געקומען קיין אַמעריקע, האָבן מיר געפונען אַ פול־איַינגעאָרדנטע שטוב מיט מעבל, מיט אַלץ וואָס מע דאַרף אין אַווירטשאַפט. דאָס האָט דער טאַטע אַליין אָנגעגרייט. שפּעטער האָט ער געקויפט פּראַכטפולע אָריענטאַלישע טעפּעכער, וואָס ליגן עד־היום אין שטוב. ער האָט ליב געהאַט אַרומצובלאָנקען אין די אַנטיק־קראָמען, פלעגט אַהיימברענגען אויסגעקלאַפּטע טאַצן פון מעש און קופּער, טשיקאַווע אויסגעשניצטע פיגורן פון חיות.

אויך אין זיַין שריַיבערישער ווירטשאַפט האָט דער טאַטע געהאַלטן אויסערגעוויינטלעכע אָרדענונג. אין זיַין טישקעסטל זיַינען די נאָטיצן, מאַנוסקריפּטן, בליַיפעדערס געלעגן יעדער אויף זייער אָרט. איך האָב געוווּסט, אַז איך טאָר נישט צוגיין אַפילו נעמען אַ מאַרקע. דער טאַטע האָט אַליין געגעבן. נאָך זיַין טויט, ווען מיר האָבן דורכגעקוקט זיַינע פּאַפּירן, האָבן מיר אָן שוועריקייטן געפונען אַלץ, וואָס מיר האָבן באַדאַרפט: די בריוו זיַינען געלעגן אין אַ באַזונדערן שאַכטל נאָך מחברים נאָך; אין אַן איַיזערנער שראַנק זיַינען געלעגן, אין באַזונדערע טעקעס, זיַינע אייגענע אַרטיקלען, קריטיק וועגן זיַינע ווערק, די דריַי אָדער פיר כתב־ידן פון „גייער", אאַז"וו.

בכלל איז דער טאַטע געווען זייער פּינקטלעך. ווען ער האָט עפּעס צוגעזאָגט, האָט ער תמיד געהאַלטן וואָרט. איך געדענק נישט, ער זאָל מיך האָבן אַ מאָל אַנטוישט. אויף אַ באַשטעלונג אין שטאָט איז ער געקומען צו דער מינוט. ווען אים איז אָנגעקומען אַ בוך פון אַ קאָלעגע, בפרט נאָך פון אַ יונגן שריַיבער, האָט ער תיכף אָנגעשריבן יענעם אַ בריוול.

ער האָט געאַרבעט און באַאַרבעט יעדעס ליד, אַרטיקל, עסיי, נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט, ביז ער איז נישט געווען זיכער, אַז ער קען עס בעסער נישט מאַכן. (דאָס ליד „כדאי, כדאי" פון קאַפּיטל „וועג אין וואַלד", אין „גייער", האָט ער געשריבן אַ יאָר צײַט). די דאָזיקע גרינטלעכקייט, דעם דרך־ארץ פאַר אַלץ, וואָס מע נעמט זיך אונטער צו טאָן, און וואָס איז, אין תוך, דרך־ארץ פאַר זיך אַליין, האָט דער טאַטע מיט מיר געקנעלט פון קינדוויַיז אָן. גרינט־

לעכקייט איז געווען אַ טייל פון זײַן אינטענסיווקייט. פון אַ פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט אָבער האָט זײַן אינטענסיווקייט צו מאָל אָנגענומען אַ צו־שאַרפע פאָרעם:

אין אַן אָוונט, בײַ וועטשערע, האָב איך מיט מײַן גאַנצער נײַן־יאָריקער גדלות געמאָלדן:

— ווייסט, איך האָב הײַנט איבערגעלייענט אַ גאַנץ בוך אין דרײַ שעה צײַט.

דעם טאַטנס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, און איך האָב גלײַך פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַרײַנגעפאַלן. ער האָט געזאָגט, שוין אַ ביסעלע צו געלאַסן, ווי שטענדיק, ווען די ערשטע פֿײַערלעך פון כעס האָבן זיך אין אים צעגליט:

— אַזוי גאָר? אַ גאַנץ בוך אין דרײַ שעה?

איך האָב זיך געהאַלטן בײַם מײַניקן:

— יאָ, אין דרײַ שעה.

— און זאָג מיר, איך בעט דיך, ווי גרויס איז דאָס בוך?

— אָ, אַרום 200 זײַטלעך.

— אַהאַ, מיינט עס, ווייניקער ווי אַ מינוט אַ זײַטל, ריכטיק?

— מסתמא.

— און דו האָסט פאַרשטאַנען וואָס דו האָסט געלייענט?

— אַוודאי האָב איך פאַרשטאַנען!

— גוט, מיר וועלן זען, וועסט מיר באַלד ברענגען דאָס ביכל.

נאָך וועטשערע האָט זיך דער טאַטע אַוועקגעזעצט מיר קעגן איבער בײַם גרויסן, קײַלעכדיקן טיש אין עסצימער, האָט אַוועקגעלייגט זײַן טאַשן־זייגערל נעבן זיך, און געזאָגט צו מיר:

— לייען־איבער, זײַ מוחל, איין זײַטל — ווו נישט איז. לייען פאַר זיך, דערנאָך וועסטו מיר דערציילן, וואָס דאָרטן שטייט.

מיר האָבן זיך אָנגעקוקט. דעם טאַטנס בליק האָט מיך געהאַלטן ווי אין אַ רייף. איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום בוך, געלייענט, און אין דער אָנגעצויגענער שטילקייט האָט מיך די גאַנצע צײַט פאַרפאָלגט דער טעמפּער טיק־טאַק פון דעם טאַטנס זייגערל.

ווען איך האָב פאַרענדיקט, האָב איך אָפּגערוקט דאָס בוך פון זיך.

— פאַרטיק?

— יאָ.

— עס האָט גענומען דרײַ מינוט.

איך האָב אײַנגעביסן די אונטערשטע ליפּ, זיך געפילט נאַריש, אָבער געווען גרייט צו דערציילן, וואָס איך האָב געלייענט. דער טאַטע האָט מיך

באַטראַכט פון אונטער זײַנע געדיכטע ברעמען און ערנסט, אָבער שוין רויִק געזאָגט:

— ביכער שלינגט מען נישט, אַדע, מע צעקײַט זיי. און נישט נאָר ביכער. אַלץ אַזוי. אַלץ וואָס מע טוט, דאַרף מען טאָן גרינטלעך.

איך האָב אָפּגעצויגן דעם אָטעם:

— יאָ, איך ווייס.

דער טאַטע איז צו מיר צוגעגאַנגען, מיך אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און געזאָגט, ווייך:

— נו, גוט, טאָכטער, ס׳וועט זײַן גענוג אויף הײַנט. גיי טו וואָס דו דאַרפסט.

*

...איך בין געוואַקסן אין דער משפּחה־נעסט פון דעם טאַטנס נאָענטסטע קאָלעגן: אָפּאָטאָשו, לאַפּין, לייוויק, גלאַנץ, אויערבאַך, טרונק. זיי פלעגן כסדר קומען און איך האָב זיי געקענט פון קינדווײַז אויף. און די שרײַבערס, וואָס זײַנען נישט געווען קיין בני־בית אין מײַן טאַטנס שטוב און וואָס איך בין געוואַקסן נאָר אין דער נאָענטקייט פון זייערע נעמען, זײַנען מיר געווען ווײַטע קרובים.

דער טאַטע און זײַן דור, אַ ריזן־דור פון שאַפערס און בויערס, איז דער קוואַל, פון וועלכן איך נעם, וואָס איך דאַרף, און גיי ווײַטער. און דער טאַטע אַליין איז פאַר מיר: מנחם — פּאָעט און עסייִסט, פון וועמען איך לערן זיך. און דאָך ווען איך לייען אים, כאָטש איך לייען אים קריטיש, ווי יעדן שרײַבער, הער איך אין דעם קול פון דער דיכטער־געשטאַלט אויך דאָס קול פון מײַן טאַטן...

*

ווען נאָמבערג האָט באַזוכט ניו־יאָרק, האָבן אונדזערע פרײַנד אים געמאַכט אַן אָוונט בײַ זיך אין שטוב. מען איז געזעסן אויפן דיל אויף קישעלעך. נאָמבערג האָט מיך אײַנגעלאַדן — אַ דאַמע פון אַכט יאָר — צו טאַנצן. ער איז געווען נישט קיין סך העכער פון מיר. אַ דאַרער, אַ זשוואַווער. אין זײַן טונקל־הויטיקן טיף־געקאַרבטן פּנים האָבן העל געגליט צוויי קלוגע, בלויע אויגן. כאָטש ער איז געווען קראַנק, האָט ער זיך זייער לײַכט און פלינק געדרייט מיט מיר אַרום צימער...

ייִדישקייט איז פאַר מיר אויך — יום־טוב. אין שטוב האָבן מיר גע־פײַערט אַלע ימים־טובים. דער טאַטע האָט מיך באַקענט מיט זייער היסטאָריש־טראַדיציאָנעלן שורש. ראש־השנה און יום־כיפּור זײַנען מיר נישט געגאַנגען אין שול, ווי אַ סך פון מײַנע חברטעס, אָבער איין מאָל האָט דער טאַטע מיך

געגומען צו תשליך בײַם טײַך אין פאַרק און מיר דערקלערט דעם מנהג. יום־כיפור פלעגט די מאַמע פאַסטן, דער טאַטע — קיין מאָל נישט. אָבער יענעם טאָג האָט ער נישט געשריבן. אין שטוב איז געווען שטיל, אַן אַנדערע שטילקייט ווי געוויינטלעך, אַן ערנסטקייט, אָבער נישט קיין אומעט. נאָכן דריטן חורבן איז יום־כיפור געוואָרן פאַרן טאַטן אַ שווערער טאָג. אין שול האָט אים געצויגן, אָבער גיין האָט ער נישט געקענט. פלעגט ער זיך אַרומדרייען אין שטוב, געפרובירט אַרײַנקוקן אין אַ ספר און, ווען דאָס איז נישט געגאַנגען, איז ער אַרויס אין גאַס און געשפּאַצירט עטלעכע שעה.

מער ווי אַלע ימים־טובים האָב איך זיך געקוויקט מיט פסח. פאַר מיר איז דאָס געווען דער פײַערלעכסטער און אימפּאָזאַנטסטער פון אַלע פײַערטעג. שוין נאָכן ווינטער — דער פאַרק פריידיק צעגרינט, די לופט יונג און שמעקעוודיק, דורכגענומען מיט אַ ווײַטער, זיסער בענקשאַפט... מיר פלעגן גיין אויף ביידע סדרים צום פעטער מאיר — דעם טאַטנס עלטערער ברודער. דאָרט זײַנען זיך צונויפגעקומען אַרום דרײַסיק מענטשן און מען האָט אָפּגעריכט אַן עכט טראַדיציאָנעלן סדר. אויף דעם לאַנגן, ווײַס־באַדעקטן טיש, זײַנען שטאָלץ געשטאַנען דרײַ פאָר הויכע, געשניצטע זילבערנע לײַכטערס. די ליכט האָבן שטיל, איינגעהאַלטן געציטערט, געוויכערט זיך, און די גאַנצע געשפּאַנטקייט פון יום־טוב איז געווען אין די צאַפּלדיקע פלעמלעך. דער פעטער מאיר האָט געטראָגן אַ ווײַסע זײַדענע יאַרמלקע און זיך אָנגעלענט אין אַ גרויסן, אויסגעהאָפטענעם קישן אויפן היסב־בעט. איך האָב געפרעגט די פיר קשיות, און דער פעטער, צוזאַמען מיטן טאַטן, האָבן אויסגעזונגען די הגדה מיטן ניגון פון זיידן אַהרן־נח. דער פעטער: ווירדיק, געלאַסן, האָט אַ ביסל אַרײַנגעברומט אין דער קורצער, שפּיציקער באָרד. דער טאַטע, אַ פאַרדבקעטער מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, האָט זיך געוויגט, אַזוי ווי בײַם שרײַבטיש אין דער היים. נאָך דער סעודה, ווען מען האָט געעפנט די טיר פאַר אליהו הנביא און מע איז פאַרטיק געוואָרן מיטן חד־גדיא, האָט דער טאַטע אויסגעטרונקען עטלעכע קעלישקעס פון דער מומע פּאַיעס היימיש־געמאַכטן, זאַנפטן ראָזשינקע־ווײַן און זיך צעזונגען. דער טאַטע פלעגט אַ סך זינגען אין דער היים, אָבער קיין מאָל איז ער זיך נישט פאַרגאַנגען מיט אַזאַ התלהבות ווי פסח בײַם סדר: חסידישע ניגונים, ייִדישע לידלעך, און דער גאַנצער עולם אַרום טיש איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן, האָט מיטגעזונגען, צוגעפּאַטשט.

אין שפּעטערדיקע יאָרן האָבן מיר געפּראַוועט דעם סדר אין דער היים. נאָך דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד איז די שטימונג געווען אומעטיק. דער טאַטע האָט געזאָגט די הגדה שטילער, מיט אַ פאַרשטיקטן קול און בײַם פסוק „קנעכט זײַנען מיר געווען" פלעגט ער וויינען. איך האָב פאַרשטאַנען, דאָך בין איך געווען צופרידן, ווען מען האָט פאַרענדיקט דאָס זאָגן און אָנגעהויבן זינגען.

פֿאַר מיר איז פּסח דער סימבאָל פֿון באַפֿרײַונג, פֿון בטחון, און אַזוי מוז מען עס פֿייערן, דער עיקר צוליב די קינדער. דעם פֿאָלקסטרויער דאַרפֿן זיי וויסן, אָבער מע טאָר נישט אַרײַנפֿאַלן אין עצבֿות. נאָך דער הגדה איז דער טאַטע אַליין מונטערער געוואָרן און מיר האָבן, ווי אַלע מאָל, געזונגען. די אַלטע, היימישע לידלעך, דער משפּחה־נוסח האָט אָנגעוואַרעמט און אָנגעפֿולט מיט פֿרייד און ס׳איז גוט געווען, וואָס אַלע זײַנען צוזאַמען.

ש. ניגער

# מיט וואָס איז דער גייער אַנדערש?

... מיט וואָס איז „דער גייער", לויט מנחם באָריישאָס אייגענער אַנדײַטונג, אַנדערש פון יענעם ווערק מענדעלעס, וואָס אין עטלעכע וויכטיקע פּרטים איז עס אַזוי ענלעך צו זײַנס? די פּאָעמע „דער גייער" שיידט זיך דערמיט אָפּ פון „די קליאַטשע", וואָס „דער גייער" באַנוגנט זיך נישט, ווי יענע, מיט ווײַזן אונדז די „נויט און חושך" פון „אַ פאָלק מיט שלעפּער, בעטלער", אאַז"וו; אין איינעם מיט דער נויט און דעם חושך וויל „דער גייער" אויפדעקן פאַר אונדז אויך די עשירות, דאָס ליכט פונעם פאָלק — זײַן „מחשבה", זײַן „תורה, שבת, קדושה". אָבער „דער גייער" וויל נישט בלויז זײַן מער פּילזײַטיק, ווי מענדעלעס „קליאַטשע"; „דער גייער" וויל זײַן איינס פון די „מעשה־ביכער", וואָס שטעלן זיך ניט צופרידן מיט דער „שאָלעכץ בלויז": „זיי ווילן זיך דערגרונטעווען צום תוך פון זאַכן, אויפדעקן אַן אמת פאַרן מענטש אַ ציל — און ווײַזן אים אַ וועג".

„דער גייער" וויל זיך „דערגרונטעווען צום תוך פון זאַכן" ... מיינט עס, אַז מנחם באָריישאָן גייט גאָר אין גאַנצן ניט אָן „די שאָלעכץ"? ניין, „מען דאַרף", זאָגט ער, „די שאָלעכץ אויך זען". און „די שאָלעכץ" מיינט אין אונדזער פאַל נישט בלויז דעם אויבנאויפיקן און דרויסנדיקן טייל פונעם פאָלקסלעבנס אינהאַלט; די שאָלעכץ מיינט דאָ אויך דעם ווערקס קונסט־פאָרעם, — און זי איז אין דער אמתן, ווי איך האָב געזאָגט שוין אין אַן אַנדער אָרט („דער טאָג" פון 31סטן יאַנואַר 1943), מער ווי שאָלעכץ, זי איז די אויפלײַכטונג, די התגלות, דאָס געבורט פונעם עצם תוך.

די „דיכטונג", וואָס לויט פּרצעס אַן אויסדרוק, איז זי אויסן צו דערגרייכן אַ העכערע מדרגה, ווי „די קונסט", ווי אין דער אמתן אויך זײַן קונסט, נאָר — פון אַ העכערן, מער תוכיקן און גאַנצערן מין.

דאָס איז אַזאַ מין קונסט, וואָס דאָס לעבן, ווי עס איז, דאָס לעבן, וואָס זי מיט זיך אונדז צו ווײַזן, איז פאַר איר ניט קיין ציל, נאָר אַ וועג — אַ וועג צום לעבן, ווי עס זאָל זײַן, אַ וועג צו יענעם געווונטשענעם אָדער אידעאַלן ציל, וואָס זי פּלייסט זיך צו אַנטפּלעקן פאַר אונדז. דאָס איז, מיט אַנדערע ווערטער, אַ קונסט, וואָס פאַר איר איז ניט גענוג, אַז אירע געשטאַלטן זאָלן לעבן; זי וויל, אַז די אידייען, וואָס לײַכטן הינטער די געשטאַלטן און לײַכטן זיי דורך, זאָלן ווירקן. זי ווייס אָבער זייער גוט — און אויב זי ווייס עס ניט, פילט זי עס אינטואיטיוו, — אַז וואָס לעבנספולער עס וועלן זײַן אירע געשטאַלטן, אַלץ פולער וועט זײַן די ווירקונג פון אירע אידייען און אידעאַלן. זי ווייס (נישט געקוקט אויף די עסטעטישע טעאָריעס פון בענעדעטאָ קראָטשע),

אַז וואָס מער זי וועט זײַן עסטעטיק, אַלץ מער וועט זי קאָנען אויך זײַן עטיק.

האָט מנחם באָריישאָ שטאַרק אין זינען די קונסט פון אויסדרוק און ער שטרעבט צו מאַכן זײַנע געשטאַלטן וואָס לעבנספולער און זײַנע פאָרמען — וואָס אײַנדרוקספולער.

ער וויל ניט אויסבײַטן קונסט אויף עטיק און פילאָסאָפיע, ער וויל די קונסט גופא אָנפילן מיט עטיק און פילאָסאָפיע. ער וויל אייגנטלעך טאָן, וואָס ניט איין פּאָעט האָט עס שוין געטאָן — פאַרמערן, ניט פאַרמינערן דעם קינסט־לערס פונקציעס.

...פון דער סטיליסטיש־פּאָעטישער פאַרשיידנאַרטיקייט, דעם כסדרדיקן איבערגיין פון איין שטייגער שרײַבן צו אַן אַנדערן, פון איין וואָרט־קלימאַט צו אַ צווייטן — לײַדט אפשר די איבערזיכטלעכקייט פונעם ווערק און אפשר אויך טאַקע די מעגלעכקייט לײַכט צו באַנעמען די אינעווייניקסטע גאַנצקייט פון זײַן סטרוקטור. מען דערשפּירט שנעל די שפע, די רײַכקייט פון זײַנע פאַר־שיידענע טיילן און אָפּטיילן, מען האָט אָבער שוועריקייטן, ווען מען וויל מיט איין בליק אַרומכאַפּן דעם גאַנצן בנין. כדי צו קאָנען אויסמײַדן אָדער בײַקו־מען די מניעות, איז גוט צו האָבן אין זינען, אַז דאָס בוך איז לכתחילה, ווי עס ווײַזט, אַזוי געבויט געוואָרן, אַז מען זאָל דעם גייער, זײַן צענטראַלע פיגור, און די גייערישקייט, זײַן צענטראַלע אידיי, וועגן וועלכער מיר וועלן שפּעטער ריידן, זען בײַ די פאַרשיידנסטע, סאָציאַלע און היסטאָרישע, אומשטענדן, בײַ די פאַרשיידנסטע באַלײַכטונגען. דאָס איז אַ בנין, וואָס האָט, דעריבער, אַ סך הויפּט־אַרײַנגאַנגען, אויך מער ווי איין פאַסאַד, — און מען אָריענטירט זיך אין אים ערשט דאַן, ווען מען איז אינעווייניק.

די צופעליקע באַזוכער אָדער פאַרבײַגייער, ד"ה די לעזער, וואָס וועלן ניט אַרײַנדרינגען אין דער טיפעניש פון נחס עטישן כאַראַקטער און זײַן לעבנספילאָסאָפיע, די לעזער, וואָס וועלן באַטראַכטן דאָס ווערק פון אויבנאויף און פון דרויסן (און אַזעלכע לעזער קאָנען זיך געפינען אויך צווישן רעצענ־זענטן און קריטיקערס) — וועלן בלײַבן בלינד צו זײַן רעכטן עיקר און ממילא אויך צו זײַן אינעווייניקסטער אַרכיטעקטאָניק. מען דערזעט עס ערשט דאַן, ווען מ'גייט אַרײַן לפני ולפנים פונעם גאַנצן ענין ... ערשט דאַן געפינט מען אויס די צענטראַלע פּראָבלעם, וואָס דער דיכטער האָט געהאַט פאַר זיך און דעם אופן, ווי ער האָט זי געזוכט צו לייזן.

די הויפּט־אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט, אויב איך האָב זי ריכטיק פאַרשטאַנען, איז געווען — וואַרפן אויף די גרונט־אידייען און די הויפּט־פאָרשטייערס פון פאַרשיידענע עפּאָכעס און פאַרשיידענע שטרעמונגען אין דער יידישער (און נישט בלויז אין דער יידישער) געשיכטע — דאָס ליכט פון זײַנע אייגענע אידייען. בײַ אונדז זײַנען געווען (און זײַנען אין אַ געוויסער

מאָס פאַראַן) תלמודיסטן, מקובלים, חסידים, משכילים, סאָציאַליסטן, נאַציאָנאַ־ליסטן, חובבי ציון ... וואָס פאַר אַ צוגאַנג האָט דער פּאָעט צו די לעבנס־פילאָסאָפיעס פון אָט די אַלע — מער ווי בלויז היסטאָרישע גרופּעס און גרופּירונגען? און וואָס איז זײַן אייגענע לעבנס־פילאָסאָפיע?

כדי צו קאָנען ענטפערן אויף אָט דער פראַגע, עקספּערימענטירט ער מיט נח מארקאָן, זײַן אַלטער עגאָ. יאָ, ער נוצט אָט דעם לאַבאָראַטאָרישן שאַפונגס־מעטאָד. ער קאָן זיך נישט פאַרלאָזן אויף די געוויינטלעכע, אַזוי אָנ־גערופענע, לעבנס־תנאים, אַז זיי אַליין וועלן שוין געבן נחן, דעם הויפּטהעלד, די מעגלעכקייט צו רעאַגירן אויף אידייען און אידעאַלן, וואָס זײַנען כאַראַק־טעריסטיש ניט פאַר איין עפּאָכע, ניט פאַר איין דור, נאָר פאַר אַ סך פאַרשיי־דענע תקופות און דורות. ער מוז נחס דרויסנדיק און אינעווייניקסט לעבן קאָנסטרויִרן אַזוי, אַז דער העלד זאָל זיך קאָנען טרעפן אָדער זיך צונויפ־שטויסן אויפן וואָר אָדער אין דער פאַנטאַזיע — מיט די דערמאָנטע — און מיט פאַרשיידענע אַנדערע — פאָרשטייערס פון אַלערליי — יידישע און ניט־יידישע — שטרעבונגען און שטרעמונגען. ער מוז שאַפן אַזוי סיטואַציעס, בײַ וועלכע עס זאָלן מעגלעך זײַן נחס באַגעגענישן און צוזאַמענשטויסן מיט אָט די פאַרשיידענע אידייען־פאָרמאַציעס, און כדי צו קאָנען שאַפן אַזוינע תנאים, מוז ער, די ערשטע זאַך, אַריבערטראָגן זײַן הויפּטהעלד, וואָס איז אַ העלד פון אונדזער צײַט, אין אַ ביסל אַ פריִערדיקער תקופה — אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט. דאָן האָבן נאָך (דער הויפּט אין רוסלאַנד) געלעבט און געווירקט פאָרשטייערס פון כמעט אַלע לעבנס־שיטות, וואָס דער דיכטער האָט געוואָלט, אַז נח זאָל רעאַגירן אויף זיי פון דעם שטאַנדפונגט פון זײַן אייגע־נער שיטה; אין די אומשטענדן פון יענער צײַט איז אים ניט שווער געווען צו שאַפן יעדעס מאָל אַזאַ, רעאַלע אָדער אימאַגינערע, סביבה, אין וועלכער נח האָט געקאָנט קומען מיט זיי אין מאַטעריעלער אָדער גײַסטיקער באַרירונג.

אַזוי ווי אָבער הינטער נחן (אויב נישט הינטער זײַן שטייגער לעבן, איז הינטער זײַן דענקען און מעדיטירן) שטייט פאָרט דער דיכטער אַליין, און ער איז דאָך — מעג ער פרײַ זײַן פונעם צײַטגײַסט — אַ מענטש פון דער ער־שטער העלפט 20סטן, ניט פון דער צווייטער העלפט 19טן יאָרהונדערט, איז נח, ווי אַ „קנופּסטאַנציע” אָדער ווי אַ „קלירינג”־הויז פון די פאַרשיידנסטע סאָציאַל־עטישע און רעליגיעזע ריכטונגען, — אַ טאָפּלטער עקספּערימענט. ערשטנס, מוז ער אַזוי שפּעט ווי אין דער צווייטער העלפט 19טן יאָרהונדערט זיך אָפּרופן אויף אידייען און שיטות, וואָס שטאַמען פון פריִערדיקע צײַטן; צווייטנס — רעדט דורך אים, וואָס לעבט און ווירקט אין 19טן יאָרהונדערט, מנחם באָריישאָ, אַ פּאָעט פון אונדזער צײַט.

אַזאַ מין — צווייפאַכן — קינסטלעריש־פּסיכאָלאָגישן עקספּערימענט איז

ניט געווען לײַכט צו פֿאַרווירקלעכן, און אויב מנחם באַריישאַ האָט אים דורכגעפֿירט, ד״ה, אויב נח איז, אַ חוץ אין אויסנאַמספֿאַלן, גענוג לעבעדיק, ווי אַ געשטאַלט, אויב ער איז גענוג רעאַל, גענוג איבערצײַגנדיק, אויב מיר קאָנען זיך בדרך כלל פֿאָרשטעלן זײַן אויפֿפֿירונג, זײַן האַלטונג, אויב זײַנע רייד, זײַנע געזאַנגען קלינגען ניט פֿאַלש אין אונדזערע אויערן, איז דאָס אַליין שוין אַן אויסערגעוויינטלעכע פּאָעטישע דערגרייכונג.

און עס פֿאַרשטייט זיך, אַז ווען איך זאָג וועגן נחס אויפֿפֿירונג, וועגן זײַנע רייד, געדאַנקען, געזאַנגען און חלומות, אַז בדרך כלל זײַנען זיי ניט קינסטלעך, נאָר פֿאַרקערט, נאַטירלעך, רעאַל, האָב איך אין זינען די ספּעציעלע נאַטירלעכקייט פֿון פּאָעזיע, די גאָר באַזונדערע רעאַליטעט פֿון אַ קונסטגעשטאַלט.

דאָס איז ניט און קאָן ניט זײַן און דאַרף ניט זײַן די נאַטירלעכקייט און דער רעאַליזים פֿון דעם גרעסטן טייל פֿאַרשוינען, וואָס נחן אַליין קומט אויס זיך צו טרעפֿן מיט זיי. יענע, ווען זיי זײַנען — און ס׳רוב זײַנען זיי — רעאַליסטיש און לעבנספֿול, זײַנען זיי עס אינעם אייגנפּאַכסטן זינען פֿונעם וואָרט. יענע רעפּרעזענטירן אָדער זיך אַליין אָדער געוויסע גרופּעס. צו די ערשטע געהערן אַזוינע, ווי אַ שטייגער, ר׳ מרדכי דער אָקסנהענדלער, אָט דער זעלטןאייזעלער, טיף־טאָלעראַנטער און העכסט־סימפּאַטישער האַלב־משכיל, האַלבפֿרומער ייִד; ר׳ יחיאל, אַ ייִד אַ צדיק, אַ תמים, וואָס אים איז פֿרעמד די וועלט מיט אירע רשעותן; פּיניע, דער אמת־ און גליק־זוכער, וואָס וויל פֿאַרקירצן דעם וועג — דעם „גאַנג דורך שקר און הכנעה" — „פֿון איין רייִנער רגע צו דער צווייטער" (ז׳ 85); שאַיע, „דער חקרן צווישן גנבים", עפּעס אַ מין גאָרקיטיפּ; דער אַלטער דאָקטאָר וואַלישעווסקי, אַ פּוילישער פּאַטריאָט, אַ מענטשנפֿרײַנט און אַ ייִדנפֿרײַנט; דער אַלטער יאַקאָוו, אַ גוי אַ צדיק; סיטש, אַ קאָזאַק, וואָס איז געמיש פֿון צדקות און רשעות, איינער פֿון די רוסישע דאָסטאָיעווסקיאָקער גאָרקי־טיפּן, און אַנדערע אייגנאַרטיקע פֿאַרשוינען... צו די, וואָס פֿאַרטרעטן גאַנצע גרופּעס און ריכטונגען אינעם ייִדישן און אַלגעמיינעם לעבן, קאָנען צוגערעכנט ווערן אַזוינע ווי אַ שטייגער, די פֿאַרשיידענע סאָרטן חסידישע רביים און חסידים, די פֿאַרשיידענע מינים משכילים (רודניק, מאָטל, גרינשטיין, מגיד, עזריאל, האָרנפֿעלד, פּויזנער, ד״ר אַוורונין, זאַריצקי און אַנדערע), די פֿאַרשיידענע סאָרטן סאָציאַליסטן, די אַלערליי מינים פֿאָרשטייערס פֿון דער אומרויִקער יוגנט... ווער און וואָס זיי זאָלן ניט זײַן, זײַנען זיי געוויינטלעכע לעבנסטיפּן, אויב ניט, מער אָדער ווייניקער, אָנגענומענע ליטעראַטור־טיפּן (ווי אַ שטייגער, דער גרעסטער טייל ניט־ייִדן, וואָס זײַנען דאָ אין דער פּאָעמע), און מיר דאַרפֿן נישט האָבן קיין צו רײַכע פֿאַנטאַזיע צו קאָנען זיך פֿאָרשטעלן זייערע — אָפֿט גאַנץ קאָמפּליצירטע — כאַראַקטערן. עס איז

אונדז ניט גאָר שווער אַפילו צו שאַפן זיך אַ בילד פון זייערע פנימער, פון זייער אויסזען. זיי געהערן דער הויפט צו דעם דערציילערישן און, אַזוי צו זאָגן, פּראָזאַאישן טייל פון דער פּאָעמע — און זיי געבן, אַגב, אַן אָנצוהער־ניש אויף מנחם באָריישאָס — דערווײַל אפשר אויך נישט גענוג אַנטוויקלטן — דערציילער־טאַלאַנט.

אַנדערש איז נח, דער, וואָס קומט אין באַריִרונג אָדער האָט צוזאַמענ־שטויסן מיט די אַלע — דערמאָנטע און נישט דערמאָנטע — פּערזאָנען. ער איז נישט קיין געוויינטלעכער מענטש. ער איז דער הויפטטרעגער פון דער פּאָעזיע, פון דער פילאָסאָפיע און פון דעם מאָראַלישן פּאַטאָס, וואָס איז דאָ אין „דעם גייער". ער האַגירט כמעט אויף אַלץ, וואָס קומט־פאָר אין און מיט די אַלע מענער, פרויען און קינדער, וואָס נעמען אַן אָנטייל אין די צענדליקער עפּיזאָדן, שמועסן, געשעענישן, דראַמאַטישע סצענעס. ער איז אומעטום פאַרמישט, ער מישט זיך אומעטום און אַלע מאָל אַרײַן, ער פּראָטעסטירט, ער טוט זײַן פליכט, דריקט־אויס זײַנע געפילן, זאָגט זײַן מיינונג, נעמט שטעלונג.

ער איז — און דאָס איז אפשר דאָס וויכטיקסטע — דער מויל, די שטים, דאָס האַרץ, דער געדאַנק, די פּאַנטאַזיע, פונעם דיכטער אַליין. די גע־שיכטע פון זײַן אינעווייניקסטן געראַנגל איז די געשיכטע פון מנחם באָריישאָס גײַסטיקן געראַנגל. זײַנע זוכענישן, זײַנע צילן און זײַנע אמתן זײַנען די זוכענישן, די צילן און די אמתן, צוליב וועלכער דער דיכטער האָט אַזוי פיל יאָרן געאַרבעט אויף זײַן ווערק. נח איז, קורץ, דער עמוד התיכון, וואָס טראָגט אויף זיך די גאַנצע לאַסט פונעם שווערן און גרויסן בנין... אַזאַ געשטאַלט מוז אין זיך האָבן עפּעס, וואָס איז מאָנומענטאַל — אויב נישט דרויסנדיק, איז פון אינעווייניק. ממילא, קאָן זי נישט געמאָסטן ווערן מיט דער געוויינטלע־כער מאָס פונעם דורכשניטלעכן רעאַליזם. אירע דימענסיעס מוזן זײַן גאָר פון אַן אַנדער מין, פון אַן אַנדער פאַרנעם. און אַזוי ווי אויסערלעך איז נחס אויסזען, זײַן גאַנצע פיגור און זײַן עצם לעבן גאַנץ אָרדינער און טאָגטעגלעך, איז נישט אַזוי לײַכט געווען צו קאָנקרעטיזירן און צו געבן אונדז צו פילן, נישט נאָר צו פאַרשטיין, די גײַסטיקע עשירות, מיט וועלכער ער, דער גייער, גייט איבער דער וועלט און די גרויסע אינעווייניקסטע העראָישקייט, מיט וועל־כער ער איז געבענטשט. און אויב מיר פילן יאָ די גײַסטיקע שפע, דעם גרויסן מאָראַלישן לעבנס־כוח, וואָס באַהאַלט זיך הינטער דער גרויקייט פון נחס דרויסנדיקער עקסיסטענץ, אויב דורך דער חושכדיקער ענגשאַפט פון זײַן טאָג־טעגלעכן געראַנגל שפּאַרט זיך דורך און שײַנט־אַרויס דאָס ליכט פון זײַן גרויסער נשמה — און איך זע, ווי עס שפּאַרט זיך דורך און שײַנט־אַרויס, איז עס געוויס אַ דאַנק דעם נישט־געוויינטלעכן, כאָטש שטילן, קינסטלערישן פּאָעטישן לעבנס־אָטעם, וואָס מנחמען איז געלונגען אין אים אַרײַנצואָטעמען.

יעפים ישורין

# מנחם באריישא - ביבליאגראפיע

## וועגן מנחם באריישאָ אין ביכער

### איגנאַטאָוו, דוד

1 אָפּגעריסענע בלעטער, בוענאָס־איירעס 1957, זז׳ 89—90.

### איזלאַנד, ראובֿן

2 פון אונדזער פרילינג, ניו־יאָרק 1954, ז׳ 154.

### אַלמי, א.

3 ווו איז דאָס ליכט? אַן אָפענער בריוו (ווו געדרוקט ?).

4 אין געראַנגל פון אידייען, ב״א 1957, ז׳ 110.

5 חשבון און סך־הכל, ב״א 1959, ז׳ 91, 288.

### אָפּאַטאָשו, י.

6 50 יאָר יידישע ליטעראַטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ייוואָ־בלעטער, באַנד 38, נ״י 1954, ז׳ 47, 48, 49.

### באָטאָשאַנסקי, יעקבֿ

7 יידישע ליטעראַטן און זייערע גרופּירונגען אין ניו־יאָרק, פאָרטרעטן פון יידישע שרייבער, וואַרשע 1933, ז׳ 151, 241.

8 מאַמע־יידיש, ב״א 1949, ז׳ 238.

9 פּשט, ב״א 1952, זז׳ 45, 151—186.

### באריישאָ־פאָגעל, אַדאַ

10 זכרונות וועגן מיין פאָטער, מנחם באריישאָ, עסייען, ב״א 1956, זז׳ 9—26.

### ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.

11 לידער און עסייען, ב׳ 2, נ״י 1932, ז׳ 110, 112, 125.

12 חלום און וואָר, עסייען, נ״י 1956, זז׳ 188, 256, 336—348.

### ביאַלין, א. ה.

13 שלום אש, מעקסיקע 1959, ז׳ 13.

### ביק, אַבֿרהם

14 וואָרט און צייט, ב״א 1951, זז׳ 56, 61, 123—130.

15 וועקער און קעמפער, נ״י 1955, ז׳ 212.

16 פון צייט צו דויער, נ״י 1959, ז׳ 36, 37.

### ביקל, שלמה

17 שרייבער פון מיין דור, נ״י 1950, זז׳ 92, 208—215.

### בעל־מחשבֿות

18 פון ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן (מנחם), געקליבענע שריפטן, 2טער

באַנד, ווילנע 1910, זז' 86—87; שריפטן, ב' 2, ווילנע 1929, זז' 81—82.

**בראָנשטיין, יחזקאל**

19 אימפּרעסיעס פון אַ לייענער, שיקאַגאָ 1941, ז' 60, 61, 62.

**גאָלדבערג, אַב.**

20 געזאַמלטע שריפטן, ערשטער באַנד, נ"י 1913, ז' 51.

**גלאַנץ אַ. לעיעלעס**

21 די יידישע ליטעראַטור און די יידישע פּרעסע, 75 יאָר יידישע פּרעסע אין אַמעריקע, נ"י 1945, ז' 69.

**גלאַנץ, יעקבֿ**

22 ה. לייוויק אין סטיל פון דער עפּאָכע, מעקסיקע 1943, ז' 58.

**גראָבאַרד, ב.**

23 אַ פּערטל יאָרהונדערט, נ"י 1935, ז' 188.

**גרינבערג, אליעזר**

24 משה לייב האַלפּערן, אין ראַם פון זײַן לעבן, נ"י 1942, ז' 21, 25, 36, 63, 100.

**האַרן, י.**

25 ווי אַזוי יידישע פּאָעטן זעען אונדזער דור, אונדזער דור, ב"א 1949, זז' 33—34.

**הערץ, י. ש.**

26 די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, נ"י 1954, ז' 266.

**וויטיעס, משה**

27 עסייען וועגן ליטעראַטור, נ"י 1958, ז' 103.

**ווײַנפּער, ז.**

28 יידישע שריפטשטעלער, ב' 1, נ"י 1933, ז' 10.

29 מנחם באָריישאָ, יידישע שריפטשטעלער, ב' 2, נ"י 1936, זז' 42—52, 149.

30 משה לייב האַלפּערן, נ"י 1940, ז' 74.

31 יהואָש, שרײַבער און קינסטלער, נ"י 1958, ז' 73, 137, 188.

**וועוויאָרקע, א.**

32 אין שטורעם, אַרויסג' אוקראַינישער מעלוכע־פאַרלאַג פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, כאַרקאָוו־קיִעוו 1932.

**זרובבֿל, י.**

33 בלעטער פון אַ לעבן, ב' 2, תּל־אָביב 1956, ז' 350, 353.

**זשיטניצקי, ד"ר ל.**

34 דאָס יידישע בריסק, זײַנע שרײַבערס און קולטור־מענטשן, בריסק, יובילײ־אויסגאַבע, ב"א 1953, ז' 74, 75.

**טשאַרני, דניאל**

35 באַרג־אַרויף, וואַרשע 1935, ז' 151.

**ירדני, מ.**

36 אינטערוויוס מיט יידישע שרײַבער, נ"י 1955, ז' 63.

**לוצקי, א.**

37 מנחם באָריישאָ, פּאָרטרעטן, נ"י 1945, זז' 36—38.

**ליבערמאַן, חיים**

38 ביכער און שרײַבער, נ"י 1933, ז' 246.

**לייוויק, ה.**

39 מנחם באָריישאָ, עסייען און רעדעס, נ"י 1964, זז' 215—227.

**לעשטשינסקי, יעקבֿ**

40 דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־ייִדנטום, ב״א **1955**, ז׳ **214**.

**לעשצינסקי, ש.**

41 ליטעראַרישע עסייען, **ב׳ 2**, **נ״י 1955**, ז׳ **233**, **237**.

**מוקדוני, ד״ר א.**

42 ייִדיש געוויסן אין כאַאָטישער צײַט, שלמה ביקל — די ייִדישע עסיי, **נ״י 1946**, **זז׳ 109—112**.

43 אין וואַרשע און אין לאָדזש, **ב׳ 1**, **ב״א 1955**, **ז׳ 158**.

**מײַזיל, נחמן**

44 מנחם (מ. באָריישאָ) — **זאַוול רימער** — ביכער־וועלט, **וואַרשע, סעפּט׳־אָקט׳ 1923**, **זז׳ 361—363**.

45 **מנחם**, נאָענטע און ווײַטע, **ב׳ 2**, **ווילנע 1926**, **זז׳ 190—197**.

46 אויף אונדזער קולטור־פראָנט, **וואַרשע 1936**, **ז׳ 12**, **44**.

47 דורות און תקופות אין דער ייִדישער ליטעראַטור, **נ״י 1942**, **ז׳ 17**.

**נאַדיר, משה**

48 מנחם, **„אַ רינג אין דער קייט״**, מײַנע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט, **נ״י 1919**, **זז׳ 61—64**.

**ניגער, ש.**

49 וועגן דער אַלטער און נײַער ייִדישער ליטעראַטור, **ז׳ 374**.

50 לעזער, דיכטער, קריטיקער, **ב׳ 1**, **נ״י 1928**, **זז׳ 236—237**.

51 די צווייִשפּראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור, **דעטראָיט 1941**, **ז׳ 137**.

52 שלמה גילבערט, דערציילונגען און דראַמעס, **לאָנדאָן 1954**, **ז׳ 9**.

**סעגאַלאָוויטש, ז.**

53 טלאָמאַצקע 13, **ב״א 1946**, **ז׳ 98**, **126**, **134**, **176**, **222**.

**פרילוצקי, נח**

54 גאָלדענע פונקען, **ב׳ 1**, **וואַרשע**, **ז׳ 86**, **87**.

**פֿראַנק, ד״ר הערמאַן**

55 א. ש. זאַקס, קעמפער פאַר פאָלקס־אויסבילדונג, **נ״י 1945**, **ז׳ 239**, **374**.

**פֿריילין, י.**

56 יוסף אָפּאָטאָשוס שאַפונג־וועג, **טאָראָנטאָ 1951**, **ז׳ 60**, **61**.

**שאַליט, משה**

57 לוחות אין אונדזער ליטעראַטור, **ווילנע 1929**, **ז׳ 34**.

**קעניג, לעאָ**

58 פאָלק און ליטעראַטור, **לאָנדאָן 1947**, **זז׳ 58—70**.

**ראָדעס, יעקבֿ**

59 **מנחם**, קונסט און קינסטלער, **נ״י 1955**, **ז׳ 184**, **185**.

**ראָזען, יוסף**

60 פון בריטישן מאַנדאַט ביז דער ייִדישער מדינה, **ב״א 1954**, **ז׳ 223**.

**רינגעלבלום, עמנואל**

61 כתבים פון געטאָ, **ב׳ 1**, **וואַרשע 1961**, **ז׳ 207**.

**שטיינבערג, נח**

62 **נאַדיר וועגן אונדזערע שרייבער — מנחם**, אַ בוך משה נאַדיר, **נ״י 1926**, **זז׳ 152—153**.

**ייִוואָ**

63 ביבליאָגראַפישע יאָרביכער, **ב׳ 1**,

וואַרשע 1926, ז' 176, 184, 201, 207, 209, 218, 221, 232, 258, 260, 262, 266, 268, 269, 270, 271, 274, 275, 279, 311.

## וועגן מנחם באָרײַשאָ אין אַלמאַנאַכן, יאָרביכער, אַנטאָלאָגיעס און זאַמלביכער

**אונגער, מנשה**

64 ר' ישראל בעל־שם־טוב, נ"י 1963, ז' 395.

**אַלמאַנאַך**

65 יידיש, אַרויסג' אַלוו' ייד' וועלט־קאָנגרעס, נ"י 1961, זז' 367—369.

**באָטאָשאַנסקי, יעקבֿ**

66 דער פּאַרגעם פֿון דער יידישער פּרעסע, יאָרבוך פֿון דער קהילה אין בוענאָס־אײַרעס, 1954, ז' 233.

**באַסין, מ.**

67 מנחם, אַנטאָלאָגיע 500 יאָר יידישע פּאָעזיע, ב' 2, נ"י 1917, זז' 265—271.

68 מנחם, אַמעריקאַנער יידישע פּאָעזיע, נ"י 1940, זז' 267—292.

**ביק, אַבֿרהם**

69 דער חסידישער מאָטיוו אין דער מאָדערנער ייד' פּאָעזיע, המשך, ב' 2, נ"י 1904, זז' 47—48.

**זאַמלבוך**

70 קידוש השם, נ"י 1948, ז' 937.

**טשאַרני, דניאל**

71 רעליגיעזע מאָטיוון אין דער מאָדערנער ייד' דיכטונג, אויפֿן שיידוועג, העפֿט 1, פּאַריז 1939, ז' 178, 183.

**לאַנדוי, זישאָ**

72 מנחם, אַנטאָלאָגיע, נ"י 1919, זז' 129—131.

**מײַזיל, נחמן**

73 די ייד' ליטעראַטור אין אַמעריקע פֿאַר די לעצטע דרײַסיק יאָר, אין דינסט פֿון פֿאָלק, אַלמאַנאַך, נ"י 1947, ז' 302.

74 צו די לייענערס, אַמעריקע אין יידישן וואָרט, אַנטאָלאָגיע, נ"י 1955, ז' 20.

**ש. ר.**

75 מנחם באָרײַשאָ, אינאײַנעם, זאַמלבוך, ב' 1, ב"א 1949, זז' 247—248.

**שלום עליכם**

76 צו מנחם, דאָס שלום עליכם־בוך, נ"י 1926, זז' 257—258.

## וועגן באָרײַשאָ אין לעקסיקאָנען און ענציקלאָפּעדיעס

**גוטקאָוויטש, י.**

77 מנחם באָרײַשאָ, אויף אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר, וואַרשע 1966, ז' 43.

**כאַרלאַש, י.**

78 מנחם באָרײַשאָ, לעקסיקאָן פֿון דער נײַער יידישער ליטעראַטור, 1טער באַנד, נ"י 1956, שפּאַלטן 246—259.

**ניגער, ש.**

79 יידישע ליטעראַטור פֿון 1900

ביז 1942, אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן, באַנד ג׳, נ״י 1942, שפּאַלט 169.

**רייזען, זלמן**

80 **מנחם**, לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, ווילנע 1930, זז׳ 438—441.

**BAYON, LEIB**

81. La Literatura Idish, **Tesoros del Judaísmo,** Literatura Idish, México, D. F. 1957, P. 14, 19, 21.

**FRANK, MOSES Z. R.**

82. Menachem, **The Universal Jewish Encyclopedia,** Vol. 7, New York, Pp. 464-465.

**THE STANDARD JEWISH ENCYCLOPEDIA**

83. N. Y. 1959, Col. 342, **Menachem Boraisha.**

## וועגן מנחם באָריישאָ אין העברעיש

**דימאַנדשטיין, ב.**

84 מנחם באָריישאָ, שיר עלים מגני, לוס אנג׳לס 1955, זז׳ 49—50.

**לשצינסקי, שמואל**

85 פּרקים בספרות יידיש באַמריקה, מצודה, ספר שביעי, וולתאם 1954, ז׳ 534.

**מלצר, שמשון**

86 מנחם בורישאָ, על נהרות, ירושלים 1956, זז׳ 195—200.

**סדן, דבֿ**

87 כבשונה של שירה על אַהרן גלאַנץ־לעיעלעס, אַבני מפתן, כרך ראשון, ישראל 1961, ז׳ 119, 123, 258.

**שטאַרקמן, משה**

88 מנחם בורישאָ, על נהרות, ישראל 1956, ז׳ 428.

## וועגן באָריישאָ אין פרעמדע שפּראַכן

**BENEDICT, LIBBY**

89. Journal of Jewish Bibliography, New York, Jan. April 1943, Pp. 45-46.

**EPSTEIN, MELECH**

90. **In War,** New York 1953, P. 60.

**GOLDBERG, ISAAC**

91. **Great Yiddish Poetry,** Kansas 1923, P. 8, 53.

**LEFTWICH, JOSEPH**

92. Menachem Boreisho, **Anthology of Yiddish Poetry,** Cambridge, Mass. 1939, Pp. 327-331.

**MARK, YUDEL**

93. Yiddish Literature, **The Jews, Their History, Culture and Religion,** New York 1949, P. 888.

**NIGER, SAMUEL**

94. Yiddish Literature from

1900 to the first World War, **Jewish Encyclopedic Handbooks,** New York 1952, P. 199, 203, 204, 216, Vol. III.

**OPATOSHU, JOSEPH**

95. Fifty Years of Yiddish Literature in the United States, **Yivo Annual of Jewish Social Science,** Vol. I, New York 1954, P. 80, 92.

**ROBACK, A. A.**

96. **Curiosities of Yiddish Literature,** Cambridge, Mass. MCMXXXIII, P. 186.

97. Crucible of Many Ingredients, **The Story of Yiddish Literature,** Yiddish Scientific Institute, New York 1940, P. 268.

**WAXMAN, MEYER**

98. **A History of Jewish Literature,** Vol. V, New York, P. 100-101.

**YIDDISH LITERATURE**

99. **1933 - 1961,** Institute of Jewish Affairs, N. Y. 1962, P. 242.

# נאָכבאַמערקונגען

◈ דער דאָזיקער באַנד, **מנחם באַריישאָ / דער פרעמדער** און **זאַוול רימער,** דערשײַנט מיטן הסכם פון דער פרוי שרה באַריישאָ.

◈ עס איז אָנגענומען, אַז **הער גייער** איז די גרעסטע דערגרייכונג אין באַריישאָס שאַפן. ס׳קען אָבער זײַן, אַז **דער פרעמדער** און **זאַוול רימער** זײַנען אי מערער **כאַראַקטעריסטיש,** אי מער **אייגנאַרטיק.** מ׳זעט אין זיי בולטער מנחם באַריישאָס **פערזענלעכקייט.**

◈ ווי אַ פּאָעטישער פרווו פון אַ הערצל־ביאָגראַפיע קען **דער פרעמדער** ווערן דער פּאָפּולערסטער לייענשטאָף פאַר יידישע מיטלשולן און לערער־סעמינאַרן. דאָ ווערט יידישע **ליטעראַטור,** יידישע **געשיכטע** און יידישע **מחשבה** — **איינס.**

◈ דער פרעמדער, וואָס איז אין תוך אַן אייגענער, און דער אייגענער, וואָס איז אין תוך אַ פרעמדער — דאָס איז מנחם באַריישאָס אַ גרונטמאָטיוו און דאָס קומט שאַרפער ווי אומעטום צום אויסדרוק אין דער פּאָעמע **דער פרעמדער** און אין **זאַוול רימער.**

◈ דאָס דאָזיקע בוך, וואָס איז דער 34סטער באַנד **מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור,** אַרויסגעגעבן דורכן **יוסף ליפשיץ־פאָנד** פון דער **ליטעראַטור־געזעלשאַפט בײַם ייוואָ,** איז באַשטימט געוואָרן אַרויסצוגעבן נאָך דעם 27סטן פעברואַר 1963.

ש. ר.

Joseph Lifshitz Fund

ביז איצט דערשינען פֿאַר דער ביבליאָטעק

## מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור

אונטער דער רעדאַקציע פֿון שמואל ראָזשאַנסקי

1) שלמה עטינגער — **אויסגעקליבענע שריפֿטן**
2טע אויפֿלאַגע (312 זייטן)

2) מאַרק וואַרשאַווסקי — **ייִדישע פֿאָלקסלידער**, 2טע אויפֿלאַגע (216 זייטן)

3) ה. ד. נאָמבערג — **אויסגעקליבענע שריפֿטן**
2טע אויפֿלאַגע (256 זייטן)

4) מענדעלע מוכר ספֿרים — **מסעות בנימין השלישי**
2טע אויפֿלאַגע (256 זייטן)

5) לייב נײַדוס — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (208 זייטן)

6) יעקבֿ דינעזאָן — **יאָסעלע**, קריזיס, צווייטע אויפֿלאַגע (256 זייטן)

7) משה בראָדערזאָן — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (272 זייטן)

8) אליהו בחור — **בבֿא־בוך** (256 זייטן)

9) דוד פינסקי — **אויסגעקליבענע שריפֿטן**, 2טע אויפֿלאַגע (352 זייטן)

10) שמעון פֿרוג — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (216 זייטן)

11) י. ל. פרץ — **אין 19טן יאָרהונדערט**, צווייטע אויפֿלאַגע (272 זייטן)

12) י. ל. פרץ — **אין 20סטן יאָרהונדערט**, צווייטע אויפֿלאַגע (272 זייטן)

13) מאָריס ראָזענפֿעלד — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (240 זייטן)

14 **דוד האָפשטיין, איזי כאַריק, איציק פֿעפֿער — שריפֿטן** (272 זייטן)

15) מרדכי ספעקטאָר — **דער ייִדישער מוזשיק**, ראָמאַן (272 זייטן)

16) ה. לייוויק — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (352 זייטן)

17) **שלום עליכם — מנחם־מענדל**, 2טע אויפֿלאַגע (272 זייטן)

18) אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (256 זייטן)

19) י. י. שוואַרץ — **קענטאָקי**, א. ראַבאָי — **הער גאָלדענבאַרג**
(פּיאָנערן אין אַמעריקע) (312 זייטן)

20) חיים־נחמן ביאַליק — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (384 זייטן)

21) ש. אַנ־סקי — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (296 זייטן)

22) מענדעלע מוכר ספֿרים — **פֿישקע דער קרומער** (256 זייטן)

23) יוסף אָפּאַטאָשו — **אין פּוילישע וועלדער** (416 זײַטן)

24) זלמן רייזען — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (304 זײַטן)

25) יהואָש — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (320 זײַטן)

26) גליקל האַמיל — **זכרונות** (352 זײַטן)

27) שלום עליכם — **טבֿיה דער מילכיקער** (288 זײַטן)

28) אַבֿרהם רייזען — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (320 זײַטן)

29) אַנטאָלאָגיע — **די פֿרוי אין דער ייִדישער פּאָעזיע** (416 זײַטן)

30) ר׳ נחמן בראַצלעווער — **סיפּורי־מעשׂיות** (224 זײַטן)

31) מרדכי אַלפּערסאָן — **אין אַרגענטינע** (320 זײַטן)

32) פּרץ הירשביין — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (336 זײַטן)

33) אַנטאָלאָגיע — **ייִדיש אין ליד** (264 זײַטן)

34) מנחם באָרײשאָ — **דער פֿרעמדער, זאַוול רימער**

MENACHEM BOREISHO

# THE FOREIN AND ZAVL THE SADDLER

AND STUDIES ON THE JEWISH LITERATURE

★

1968

ATENEO LITERARIO EN EL INSTITUTO CIENTIFICO JUDIO

Pasteur 633 - 3º Buenos Aires

MENAJEM BOREISHO

# EL AJENO y ZAVL EL TALABARTERO

## Y ESTUDIOS LITERARIOS SOBRE SU APORTE A LA LITERATURA IDISH

Director: SAMUEL ROLLANSKY

•

1968

ATENEO LITERARIO EN EL INSTITUTO CIENTIFICO JUDIO

Pasteur 633 - 3º Buenos Aires

PARA USO PERSONAL